STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03111

DI GROYSE IDISHE GESHIKHTE

Hayim Shoys

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די גרויסע
אידישע געשיכטע

פון די עלטסטע צייטען ביז אויף היינט

באַנד IV

פון נאך דער אויפבויאונג פון צווייטען בית־המקדש
ביז דער גרינדונג פון דער חשמונאים־מלוכה

פון
חיים שויס

ליטעראַרישער פאַרלאַג
ניו יאָרק
1925

פאָרוואָרט.

דער פערטער באנד פון דער גרויסער אידישער געשיכטע, וואס ליגט דא פאר די לעזער, דערשיינט נאך א הפסקה פון עטליכע יאהר. מיט פיר יאהר צוריק איז דערשינען דער דריטער באנד, און מיט איהם האב איך געמוזט אפשטעלען די ארבייט, וואס איך האב זיך לכתחילה אונטערגענומען: צונויפצושטעלען א אידישע געשיכטע אין דער צייט פון דעם אידישען מלוכה־לעבען אין ארץ ישראל לויט די בעסטע ווערק פון פארשידענע גרויסע אויטאריטעטען איבער דעם געביט.

איך האב געמוזט אפשטעלען די ארבייט, ווייל שוין אין דעם דריטען באנד האב איך אין מאנכע אפטיילונגען ניט געקאנט מעהר זיך באנוצען מיט פארטיגע ארבייטען פון פארשער און שרייבער פון אידישער געשיכטע. צוקומענדיג אבער ביים סוף פון דריטען באנד צו דער צייט פון דער פערסישער הערשאפט, בין איך געקומען צו אן עפאכע, וואס מ'האט ערשט אין די נײנציגער יאהרען פון פאריגען יאהרהונדערט אנגעהויבען זי אויספארשען און וואס די רעזולטאטען פון אלע ביזאיצטיגע אויספארשונגען, הן אויפ'ן געביט פון טעקסטקריטיק און הן אויפ'ן געביט פון ניי־אויסגעגראבענע אויפשריפטען, זיינען נאך צעזייט און צעשפרייט איבער אלע שבעה־ימים פון מאנאגראפיעס, אפהאנדלונגען און ארטיקלען אין פארשידענע ביכער, זשורנאלען און פאר־ענציקלאפעדיעס. נאך ניט געווען ביז איצט קיין בוך, וואס זאל געבען די רעזולטאטען פון אט די אלע נייע פארשונגען איבערגעארבייט אין אן איינהייטליכען צוזאמענהאנג. די געשיכטע פון די אידען אין דער צייט פון דער זעלבשטענדיגער מלוכה איז שוין געשריבען געווארען פון מאנכע גרויסע געלעהרטע אין איהר פולען פארנעם, אריינגעמענדיג אלע נייע וויסענשאפטליכע פארשונגען און אנטדעקונגען. אויך איבער דער שפעטערדיגער צייט פון צווייטען בית־המקדש, דאס וואס די קריסטליכע געלעהרטע רופען „די ניי־טעסטאמענטליכע צייט“, איז שוין צונויפגעזאמעלט געווארען דער מאטעריאל; און עס פעהלט נאר, אז עמיצער זאל שרייבען די אידישע געשיכטע פון אט דער עפאכע אין איהר גאנצען ארומנעם אהן די טענדענצען, פניות און פאראורטיילען פון די קריסטליכע געלעהרטע. די אידישע געשיכטע אבער אין דער פערסיש־גריכישער צייט, פון דער אויפבויאונג פון

צווייטען בית־המקדש ביז דעם אויפשטאנד פון די חשמונאים — מיר מיינען דא באזונדערס דאס אינערליכע אידישע לעבען אין יענער עפאכע — איז באמת נאך ניט געווען ביז אהער געשריבען אין איהר גאנצען פארנעם אוןביים ליכט פון די נייע פארשונגען. און מערקווירדיג! דוקא אט די טונקעלע, פון אלעמען כמעט פארבייגעקוקטע צייט אין דער אלטער אידישער געשיכטע איז פאקטיש דער שליסעל צו דער גאנצער ווייטערדיגער געשיכטע פון דעם אידישען פאלק.

צוקומענדיג צו נחמיה'ס צייט, האב איך בכן נאר אין מאנכע שטעלען געקאנט נעמען פארטיגע קאפיטלען און שטיקער פון קאפיטלען פון פארשי־דענע געשיכטסביכער און זיי ארומפוצען און צוזאמענפאסען און אזוי צו־נויפשטעלען א גאנצען בנין, ווי איך האב געטאן אין די ערשטע דריי בענדער. אין א גרויסען טייל אבער פון אט דעם פערטען באנד האב איך געמוזט אליין צונויפטראגען די איינצעלנע ציגעל, כדי אויפצובויען דעם בנין פון דעם אי־דישען לעבען אין יענער באדייטונגספולער עפאכע פון דער אידישער גע־שיכטע.

אין די שווערע צושטענדען, אין וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו אר־בייטען, האב איך געקאנט פארענדיגען דאס בוך ערשט נאך אן ארבייט פון מעהרערע יאהרען. איך האב געזאמעלט פארשונגען, מיינונגען און באלייכ־טונגען וויפיעל נאר עס איז פאר מיר מעגליך געווען. איך האב זיך אויך ניט געשראקען אין פיעל ערטער צו פארווארפען אינגאנצען דעם סקארבאווען נוסח פון די געשיכטסשרייבער און אנצושרייבען מאנכע קאפיטלען פון דער אי־דישער געשיכטע אין א נייעם נוסח, אין הסכם מיט די נייע פארשונגען. אזוי, למשל, דעם קאפיטעל וועגען די שומרונים אדער די פארגעשיכטע פון דעם חשמונאים־אויפשטאנד.

איך ווייס, אז אזא ארבייט קאן ניט ארויסקומען פולקום, אז זי איז אפשר גאר געווען אביסעל צו שווער פאר מיינע כוחות. איך וועל דעריבער גערן זיך צוהערען צו ערנסטע באמערקונגען און קריטיקען פון געלערענטע אויף דעם געביט און וועל זיי אויסנוצען אין ווייטערדיגע אויפלאגעס.

עס איז אויך כדאי צו באמערקען, אז אין דער ביבליאגראפיע ביים סוף פון בוך געהען אריין נאר די ביכער און מאנאגראפיעס, מיט וועלכע איך האב אויף איין אדער אן אנדער אופן זיך באנוצט אין אנשרייבען דאס בוך. עס איז אבער זעלבסטפארשטענדליך, אז עס זיינען נאך פאראן אסך גוטע ביכער און אפהאנדלונגען, וואס איך בין ניט געווען ביכולת זיך צו באנוצען מיט זיי, און זיי ווערען דערפאר ניט דערמאנט אין דער ביבליאגראפיע.

איך וויל דאָ אויך אויסנוצען די געלעגענהייט אויסצודריקען מיין דאַנק צו חברים, פריינד און תלמידים, וואָס האָבען מיר געהאָלפען אין דער קאָרעקטור, און אויך צו די וואָס האָבען געהאָלפען קריגען אבאָנענטען אין פאָראויס און האָבען דערמיט מעגליך געמאכט, אין דעם איצטיגען גערדיקטען צושטאַנד אויף דעם אידישען ביכער־מארק, די דערשיינונג פון דעם בוך.

ניו יארק, אָקטאָבער, 1924.

ד ע ר מ ח ב ר.

אינהאַלט:

פאָרוואָרט

זייט

I

די אידען אונטער דער פּערסישער הערשאַפט — — 9—165

ציים־טאַבעלע פון די פּערסישע מלכים — — — — — — — — — — — — 10

ערשטע אָפּטיילונג.

די געשיכטע פון דער אידישער געמיינדע אין יהודה — 11—86

1. די זיבעציג שטילע יאָהרען נאָך דער אויפבויאונג פון צווייטען בית־המקדש — — — — — — — — — — — — — — — 11
2. די ווידעראויפבויאונג פון דעם מויער ארום ירושלים — — — — — 23
3. די ערשטע טריט צו אַ רעפאָרם — — — — — — — — — — — — 38
4. דאַטום און כאַראַקטער פון עזרא׳ם עקספּעדיציע — — — — — — 49
5. דער איינפיר פון „תורת כהנים“ — — — — — — — — — — 57
6. די באַדייטונג פון עזרא׳ם רעפאָרם — — — — — — — — — — 64
7. די לעצטע הונדערט יאָהר פון דער פּערסישער הערשאַפט — — — 68
8. די גרינדונג פון דער שומרוני׳שער געמיינדע אין שכם — — — 79

צווייטע אָפּטיילונג.

די אידען אין די לענדער פון דער צעשפּרייטונג — 87—103

1. די אידען אין עלעפאַנטין — — — — — — — — — — — — — — 87
   די אָרגאַניזאַציע. — די שפּראַך. — די נעמען. — רעכטליכע פאַרהעלטעניסען. — עקאָנאָמישע פאַרהעלטעניסען. — דער בית־המקדש פון עלעפאַנטין. — די רעליגיאָן פון די אידען אין עלעפאַנטין. — דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין.
2. די אידען אין באַבילאָניען — — — — — — — — — — — — — 97
   די מוראַשו־טאָוולען. — דער אידישער ישוב אין באַבילאָניען. — די אידישע נעמען אין די מוראשו־טאָוולען. —

דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער מצב פון די אידען אין באבילאָ־
ניען אין דער צייט פון נחמיה און עזרא. — דאָס רעליגיעזע
לעבען פון די אידען אין באבילאָניען אין יענער צייט.

דריטע אַפּטיילונג.

דאָס אידישע לעבען אין יהודה — — — — 104—165

1. עקאָנאָמישע צושטענדען — — — — — — — — — — — — 104
2. די אָרגאַניזאַציע פון דער געמיינדע — — — — — — — — — — 206
קאָנסטיטוציע און אַדמיניסטראַציע. — דער כהן גדול. — די
כהנים און די פאַרשידענע קלאַסען פון די לויים. — כהונה
און תורה. — די סופרים. — „תורה שבעל פה“. — די סינאַ־
גאגע (שול, „בית־הכנסת“).
3. דער בית־המקדש — — — — — — — — — — — — — — — 117
די קרבנות. — „איין טאָג אין דיינע הויפען“.
4. די הייליגע צייטען — — — — — — — — — — — — — — 123
שבת און ראש־חודש. — די דריי גרויסע ימים־טובים. — ראש
השנה און יום־כיפור. — תעניתים. — שמיטה און יובל.
5. גייסטיגע שטרעמונגען. גלויבונגען — — — — — — — — — 131
דאָס לעבען מיט דער תורה. — די תורה און דער תהלים. — דער
יחיד. — ריטואַליזם און אמת'ע פרומקייט. — די שטעלונג
צו גרים. אוניווערסאַליזם. — פרעמדע השפעות. — עולם־
הבא און תחית־המתים. — מלאכים, שדים. דער שטן.
6. ליטעראַטור — — — — — — — — — — — — — — — — 147
די פּריסטער־שריפט. — דער אָפּשלוס פון חומש. — די כראָ־
ניק. — די זאמלונג פון נביאים־ביכער. — נייע שריפטען פון
נביאים. — יונה און רות. — עובדיה. — תהלים. — איוב.
7. צוקונפט־דערוואַרטונג — — — — — — — — — — — — — 163

II

די אידען אונטער דער גריכישער הערשאפט — 167—280

צייט־טאַבעלע פון די גריכישע מלכים אין עגיפּטען און אין סיריען — 168

זייט

ערשטע אפטיילונג.

די ערשטע הונדערט יאָהר פון דער גריכישער הערשאפט 169—199

1. די ערָאבערונגען פון אלעקסאנדער — — — — — — — — — — — — 169
2. די הערשאפט פון די פטאלעמעער (תלמי'ס) — — — — — — — — 174
3. די אידען אין די לענדער פון דער צעשפרייטונג — — — — — — 178

די נייע צעשפרייטונג. — יודענטום און העלעניזם אין עגיפּ־טען. — די סעפּטואגינטא. — אידען־האַס און אידישע אפאָ־לאָגעטיק. — פארשידענע קלאסען צווישען די אידען אין די פרעמדע לענדער.

4. דאָס אידישע לעבען אין יהודה — — — — — — — — — — — — 184

די מאָכט פון דעם כהן גדול. — די גערוזיא און די פאָלקס־פארזאַמלונג. — די כהנים גדולים פון אלעקסאנדער ביז אנטיו־כוס עפּיפאנעס. שמעון הצדיק. — העלעניסטישע השפעות.

5. חכמה־ליטעראטור — — — — — — — — — — — — — — — 187

משלי. — בן־סירא. — דאָס אידישע לעבען לויט דעם ספר בן־סירא. — קהלת. — דער ספר אחיקר.

6. אפּאָקאליפּטישע ליטעראטור — — — — — — — — — — — — 197

צווייטע אפטיילונג.

די פארגעשיכטע פון דעם חשמונאים־אויפשטאַנד — 200—231

(פּאַלעסטינע אונטער דער הערשאַפט פון די סעלעווקידען).

1. אנטיוכוס דער גרויסער און זיינע נאָכפאָלגער — — — — — — — — 200
2. יוסף בן־טוביה און זיינע זיהן — — — — — — — — — — — — 203

די געשיכטע פון יוסף בן־טוביה. — אנטיוכוס דער גרויסער און די אידען. — הורקנוס, זיין ברודער שמעון און דער כהן גדול חוניו. העליאָדאָר אין ירושלים.

3. דער גרויסער קריזיס אונטער אנטיוכוס עפּיפאנעס — — — — — 211

דער כאַראַקטער פון דער סעלעווקידישער מלוכה. — דער סירי־שער העלעניזם. — די פארטייען אין יהודה. — דער כאַראַק־טער פון אנטיוכוס עפּיפאנעס. — יאזאן, דער ברודער פון חוניו. — מענעלאוס, דער זוהן פון יוסף בן־טוביה. — דער ערשטער פעלדצוג פון אנטיוכוס'ן געגען עגיפּטען. — דער

זייט

צוויימער פעלדצוג פון אנטיוכוס'ן געגען עגיפטען. — גע־צוואונגענע העלעניזירונג. — די אָפּשטעלונג פון דער עבודה אין בית־המקדש. אנטיוכוס'עס דעקרעט אָפּצושאַפען דאָס יו־דענטום. — די אידישע מאַרטירער.

4. דער ספר דניאל און זיין באדייטונג — — — — — — — — — — — 224

די מעשיות. — די אַפּאָקאַליפּסעס. — דער גלויבען אין תחית־המתים. פרעמדע השפעות. — דער געטליכער משיח. — אָריענטאַליזם געגען העלעניזם.

דריטע אָפּטיילונג.

די חשמונאים און זייער קאמף — — — 279—232

1. דער אויסברוך פון דעם אויפשטאנד. מתתיהו און זיינע זיהן — 232

2. די חסידים — — — — — — — — — — — — — — — — — 234

3. דער ערפאָלגרייכער קאמף פון יהודה המכבי פאר רעליגיעזער פרייהייט — — — — — — — — — — — — — — — — — — 237

יהודה'ס ערשטע נצחונות. — חנוכת הבית. — קריגסעקספע־דיציעס אין די געגענדען אַרום. — דער טויט פון אנטיוכוס עפּיפאנעס. — אנטיוכוס יעוופּאַטאָר און ליזיאַס. — די ווי־דעראויפשטעלונג פון דער רעליגיעזער פריהייט דורך ליזיאס'ן.

4. דער לאַנגער קאמף פאר פּאָליטישער פרייהייט — — — — — — 249

דער נייער רעגענט אלקימוס. — די סופרים און די חסידים און זייער שטעלונג צו אלקימוס'ן. — יהודה'ס נצחון איבער ניקאנאר. — די פאַרבינדונג מיט רוים. — יהודה'ס טויט. — יונתן און באקכידעס. — יונתן אין מכמש.

5. די דערגרייכונג פון אומאפהענגיגקייט — — — — — — — — — 262

יונתן ווערט באַשטימט פאר א כהן גדול און א רעגענט. — יונתן אונטער דעמעטריוס'ן. — דעמעטריוס און דער יונגער אנטיוכוס. — יונתן באניוט פריינדשאַפט מיט רוים.— יונתן'ס טויט. — יונתן'ס באַדייטונג. — שמעון אַלס פיהרער. — דער אָנהויב פון שמעון'ס אַדמיניסטראציע. — דעמעטריוס אנערקענט די פּאָליטישע אומאפהענגיגקייט פון יהודה. — די עראָבערונג פון גזר און פון דער פעסטונג אין ירושלים. — די גרינדונג פון דער חשמונאים־מלוכה.

ביבליאָגראפיע

די אידען
אונטער דער פערסישער הערשאפט

(פון נאך דער אויפבויאונג פון צווייטען בית-המקדש)

צייט-טאַבעלע פון די פּערסישע מלכים.

פאר דער קריסטליכער ערא

כורש	558—529
קאַמביסעס	529—522
גוימאַטאַ	522—521
דריוש דער ערשטער, היסטאַספּיס	521—485
קסערקסעס (אחשורוש) דער ערשטער	485—465
ארטאַקסערקסעס (ארתחששתא) דער ערשטער, לאַנגימאַנוס	465—424
קסערקסעס דער צווייטער (האָט רעגירט אנדערהאַלבען חדשים און איז געטויט געוואָרען פון זיין ברודער סאָגדיאַנוס).	
סאָגדיאַנוס (געגען איהם האָט זיך דערהויבען זיין ברודער אָכוס וואָס האָט אָנגענומען דעם נאָמען דריוש).	
דריוש דער צווייטער, נאָטוס	425—405
ארטאַקסערקסעס דער צווייטער, מנעמאָן	405—358
ארטאַקסערקסעס דער דריטער, אָכוס	358—337
אַרסעס	337—336
דריוש דער דריטער, קאָדאָמאַנוס	336—331

ערשטע אפטיילונג.

די געשיכטע פון דער אידישער געמיינדע אין יהודה

1.

די זיבעציג שטילע יאהרען נאָך דער אויפבויאונג פון צווייטען בית-המקדש.

וועגען דעם לעבען פון דער אידישער געמיינדע זינט דער בית-המקדש איז פארטיג געוואָרען (אין יאהר 515) ביז נחמיה איז געקומען אין ירושלים (אין יאהר 445 פאר דער קריסטליכער ערא) ווערט אין דער כראָניק*) קיין וואָרט ניט געזאָגט. דאָס שווייגען פון דעם ביבלישען היסטאָריקער איז דאָ באדייטונגספול, פונקט ווי זיין אריבערגעהן שטיל איבער דער לאנגער, רע-אקציאָנערער רעגירונג פון מנשה'ן. ביידע עפּאָכעס האָבען ניט ווייניג בשותפות. פאר יעדערער פון זיי איז פאראויסגעגאנגען א קורצע פעריאָדע פון א שטאַרקער טעטיגקייט ביים פאָלק און ביי די נביאים; א פעריאָדע, אין וועלכער דערוואַרטונגען אויף א באלדיגער און גלענצענדיגער דערהייבונג פון זייער פאָלק האָבען באוועגט אלע הערצער; און ווען אין די קומענדיגע יאהרען זיינען די האָפנונגען ניט מקוים געוואָרען, האָט מען געפיהלט א ביטערע אנטוישונג. די משיח-נבואות פון די נביאים האָבען אויסגעזעהן ווי פוסטע חלומות פאר מענשען, וואָס האָבען געמוזט זיך בייגען אונטער א

---

*) מיט'ן נאָמען כראָניק באַצייכענט מען דברי הימים און עזרא-נחמיה. דאָס איז באמת איין ווערק מיט איין המשך-הענין, וואָס איז אין אונזער תנ"ך צעטיילט און געשטעלט געוואָרען אין אן אומגעקערטען סדר: די אנדערע העלפט (עזרא-נחמיה) פאר דער ערשטער (דברי הימים). דעם מחבר רופט מען „כראָניקער". פארפאסט געוואָרען איז דאָס ווערק אין אָנהויב פון דער גריכישער צייט. מעהר באריכות וועגען דעם ווייטער אויף ז. 151—153.

פרעמדען יאך. זיי האבען פארלארען דעם גלויבען ניט נאר אין די נבואות, נאר אויך אין דעם גאט פון זייערע נביאים. אז זייערע געפיהלען האבען געפונען א ביטערען אויסדרוק, איז צו זעהן קלאר פון ישעיה נ"ד—ס"ב. ווי אויך פון דעם בוך מלאכי, וואס שטאמען פון יענער צייט.

דער פאליטישער צושטאנד פון דער געמיינדע אין יהודה איז געווען ניט קיין געפעהרליכער, אבער ער האט אפגענומען יעדען מוט און יעדע האפנונג ביי מענשען, וואס האבען געגארט נאך אומאפהענגיגקייט. נאכדעם ווי עס האט זיך איינגעגעבען דריוש'ן צו אונטערדריקען די פיעל אויפשטאנדען, וואס זיינען אויסגעבראכען אין די ערשטע יאהרען פון זיין רעגירונג, האט ער זיך גענומען רעארגאניזירען זיין ברייטע אימפעריע. ער האט זי איינגעטיילט אין פראווינצען, און איבער יעדער פראווינץ האט ער איינגעזעצט א סאטראפ אדער גוברנאטאר, א מיליטערישען קאמאנדיר און א סעקרעטאר, וואס אלע דריי זיינען זיי געווען פאראנטווארטליך צום קעניג. דערצו פלעגען ארומפאהרען ריכטערס און אינספעקטארס אויסצוהערען געוויכטע קלאגעס פון דער באפעלקערונג און צו פארהיטען א מעגליכען אויפשטאנד. געוועהנליך פלעגען מיטגלידער פון דער קעניגליכער פאמיליע באשטימט ווערען פאר די וויכטיגערע סאטראפיעס. דורך די דאזיגע רעגולאציעס איז דער קעניג געווען ביכולת צו האלטען די גאנצע אימפעריע אונטער זיין שטרענגען קאנטראל. דער סיסטעם איז געווען אזוי פולקום ארגאניזירט, אז די פערסישע מלוכה איז געווען בכוח צו עקסיסטירען לאנג נאכדעם ווי די הערשענדיגע דינאסטיע איז געווארען שוואך און דעגענערירט. פאר די קליינע נאציאנען איז אט די ארדענונג, וואס דריוש האט איינגעפיהרט, געווען א גרויסער גליק, פארגליכען מיט דער הערשאפט פון די באבילאניער, וועמעס פלאץ זי האט פארנומען.

טעארעטיש, לכל הפחות, האבען די פערסער געגעבען גלייכע רעכטען צו אלע אונטערגעווארפענע פעלקער. כל־זמן זיי האבען געצאהלט זייערע אפגאבען, האט מען זיי געלאזט צו־רוה, און זיי האבען געהאט אלע פרייהייט און רעכט צו דינען אומגעשטערט זייערע געטער. נאר אונטער דעם מעכטיגען ארעם פון פערסיען איז מעגליך געווען פאר דעם שוואכען אידישען ישוב אנצוהאלטען זיין קיום צווישען שטארקע און בייזע שונאים, וואס האבען געזוכט איהם צו פארניכטען. פאקטיש האט זיין אומבאדייטענדקייט איהם באשיצט. מלחמות האבען אויפגערודערט פארשידענע טיילען פון דער גרויסער אימפעריע, אבער אויף דער אידישער געמיינדע אין יהודה האבען זיי געמאכט א קנאפען רושם. אונטער דריוש דעם ערשטען זיינען פער־

סישע ארמייען איבער א בריק פון שיפען אריבער די דארדאנעלען און האָ־
בען זיך אריינגעריסען אין איירָאפּא. אויב די נייעס פון דער שלאַכט ביי
מאראטאָן האט זיך דערטראָגען צו די אידען אין פּאַלעסטינע, האט עס נאָר
שטארקער געמאַכט זייער הילפלאָזע אומצופרידענקייט. דער אויפשטאַנד
פון עגיפּטען אין יאָהר 486 (פאָר קר.) האט בלי ספק אויפגעוועקט זייער
אינטערעס, וואָרים ניט נאָר איז עס געווען ביי זייער טיר, נאָר עגיפּטען איז
אויך געווען איינס פון די לענדער פון דער אידישער צעשפּרייטונג. באַלד
דערנאָך האבען זיי געזעהן פון די בערג פון יהודה ווי די חיילות פון קסערק־
סעס (אחשורוש), וואס האט גע'ירש'ענט דעם טראָן פון זיין פאָטער דריוש,
מאַרשירען צו אונטערדריקען דעם גרויסען אויפשטאַנד. אייניגע יאָהר שפּע־
טער איז געקומען דער אויפשטאַנד אין בבל, וואס האט געפיהרט צו דער
ווירקליכער צעשטערונג פון אָט דער מעכטיגער, אלטער וועלטשטאָט. צי
דער דאָזיגער חורבן פון בבל האט באאיינפלוסט מאַנכע אידען, וואס האבען
דאָרטען זייער היים געהאַט, זיך צוריקצוקערען קיין יהודה — איז אַן אינ־
טערעסאַנטע פראַגע, וואס מ'ווייסט ניט אויף איהר צו ענטפערען. אין דער
גרויסער אַרמיי, וואס קסערקסעס האט צוזאַמענגערופען פון אַלע טיילען פון
זיין אימפּעריע, כדי צו צעשלאָגען די גריכען, ווערען אויך אריינגערעכענט
די רעקרוטען וואס די פּראָווינץ פון סיריען האט געמוזט צושטעלען. אבער,
אפילו אויב אידען האבען זיך געפונען צווישען זיי, זיינען זיי געווען צו
ווייניג און אומבאדייטענד, אַז מ'זאָל זיי דערמאָנען אין די ליסטען. דער
פּערסישער פּרעסטיזש אין איירָאפּא איז געפאַלען ביי טערמאָפּילע און סאַ־
לאַמיס פאַר דער קלוגקייט און גבורה פון די גריכען, אבער אין דרום־מערב
פון אזיען איז דער גרויסער קעניג אויך ווייטער געבליבען די איינציגע אנער־
קענטע אויטאָריטעט.

אין יאָהר 464 (פאר קר.) איז דער שוואַכער, דעגענערירטער קסערקסעס
דערמאָרדעט געוואָרען, און זיין דריטער זוהן, ארטאַקסערקסעס דער ערש־
טער, וועלכער איז געווען באַקאַנט אונטער דעם טיטעל לאָנגימאַנוס, איז
געוואָרען זיין יורש. דער נייער הערשער האט געקראָגען דעם טראָן דורך
פּאַלאַץ־אינטריגעס. אין דער שפּעטערער טראַדיציע האט ער געהאַט א שם
אלס א גוטהאַרציגער אבער א שוואַכער אין כאַראַקטער, און געהערשט האט
ער דורך די פאַוואָריטען פון זיין הויף און זיין האַרעם. די שוואַכקייט פון
דער צענטראַלער מאַכט איז געווען די סיבה פון א סך אויפשטאַנדען. דער
ווירקטיגסטער פון זיי איז געווען דער אויפשטאַנד אין עגיפּטען אַרום יאָהר
460, אָנגעפיהרט פון א געוויסען אינאַרוס. דער אויפשטאַנד איז אונטער־

דריקט געווארען דורך מעגאביסוס, דעם סאטראפ פון סיריען, וועלכער האט דעמאלט יאהרען נאכאנאנד זיך געפיהלט גענוג שטארק אליין ווידערצושפעניגען געגען דעם קעניג. ארטאקסערקסעס איז סוף־כל־סוף געווען געצוואונגען צו מאכען שלום מיט דעם רעבעל. צי די אידען זיינען געווען פארוויקעלט אין דעם דאזיגען אויפשטאנד, שטעהט ניט. ווארשיינליך האט זייער שוואכקייט זיי געראטעוועט פון ארויסרופען געגען זיך אן ערנסטען חשד.

אין דער צייט ווען עס איז אנגעגאנגען דער מעכטיגער צוזאמענשטויס צווישען דעם מזרח און דעם מערב, צווישען די פערסער און די גריכען, איז די אויפמערקזאמקייט פון די אידען קאנצענטרירט אויף זייערע אייגענע קליינע שטרייטיגקייטען און פראבלעמען. זייער לעבען איז געווען טרוקען און אומבאדייטענד, און דאס האט אפגענומען ביי זיי דעם גאנצען מוט. די פערסישע הערשאפט האט זיי פאראורטיילט צו א מאנאטאנעם קיום. זייער פאליטישע אחריות האט זיך געענדיגט, ווען זיי האבען באצאהלט צו די שטייער־מאנער די דרייערליי שטייערן, וואס עס האט געקומט דעם פערסישען קעניג*), און האבען באפרידיגט מיט שוחד דעם ארטיגען פחה און זיין סוויטע משרתים. פון נחמיה'ס באהויפטונג (נחמיה ה 15) איז צו זעהן, אז אט די לעצטע האבען געלעבט אויפ'ן חשבון פון דער געמיינדע, וואס האט געמוזט זיי אויסהאלטען מיט שפייז און זיי אויך געבען געלט. באזונדערס ביטער איז געווען פאר די אידען די העזה, מיט וועלכער אפילו אט די קנעכט, וואס זיינען געווען פארבונדען מיט דעם הויף פונ'ם פחה, האבען איבער זיי געהערשעוועט. זיי, וואס אין זייערע אויערן האבען נאך געקלונגען די דערהויבענע רייד פון די נביאים, זיינען געווען אונטערדריקט און תמיד אונטערגעווארפען אונטער כל'ערליי נגישות.

פון אלע איבערגעבליבענע פעלקער פון פאלעסטינע זיינען די אידען געווען די שוואכסטע און די צום מעהרסטען געהאסטע. ברידערליכע ליבע איז קיינמאל ניט געווען קיין גאנגבארער ארטיקעל ביי די פעלקער פון יענער פאלעסטינישער וועלט. וואלטען די שונאים און דריקער פון די אידען ניט געווען אזעלכע נאהנטע שכנים מיט זיי, וואלט נאך געווען צו דערליידען. אבער אזוי ווי די אידען זיינען געווען ארומגערינגעלט מיט א רינג פון פארדעטערישע און אכזריות'דיגע פריינד, איז זייער לאגע גע־

---

*) „מנדה בלו והלך" (עזרא ד 13; ז. 24). לויט עדוארד מייער האט „מנדה" באדייט געלט־שטייער, „בלו" נאטוראל־שטייער און „הלך" וועג־געלט. (ענטשטעהונג דעם יודענטומס, האללע, 1896, ז. 24).

יוען אומדערטערעגליך. אין מערב־זייט זיינען געווען די קינדס־קינדער פון זייערע פיינד פון דער אורצייט, די פלשתים. אין צפון־זייט זיינען געווען די האלב־היידנישע איינוואוינער פון שומרון. דער ענדגילטיגער ריס מיט זיי איז אבער ערשט געקומען נאכדעם ווי עס איז אויסגעבויט געווארען דער מויער ארום ירושלים און עס איז איינגע־פיהרט געווארען די שטרענגע תורת כהנים. עס זיינען דא קלארע ראיות, אז די יעניגע צווישען די איינוואוינער פון דער פראווינץ שומרון וואס האבען געוואלט, האבען אויך ווייטער געדינט גאט אין דעם היילינטום פון ירושלים, ווי זיי האבען דאס געטאן זינט יאשיה'ס צייט; אבער די אלטע פיינדשאפט צווישען די צפון־ און דרום־אידען איז ניט אינגאנצען פארלא־שען געווארען דורך דעם חורבן, וואס איז געקומען אויףביידע פעלקער. דערצו נאך האבען דאס פרעמדע, צוגעקומענע בלוט און די היידנישע מנהגים פון די איינוואוינער פון שומרון געמאכט אוממעגליך אז אינערליכע פאר־בינדונג צווישען זיי און די שטרענגערע אידען. ישעיה נ"ז 3—12 דריקט העכסט ווארשיינליך אויס די קאנסערוואטיווע אידישע אפשאצונג פון די איינוואוינער פון שומרון אין דער פעריאדע, ביי וועלכער מיר האלטען איצט. מיט שפאטענדיגע אויסדרוקען ווארפט דער נביא זיי פאר זייער האלב־היידנישע אפשטאמונג. זיי ווערען פארדאמט פאר די אויסגעלאסענע, היידנישע צערעמאניעס, וואס זיי פראקטיצירען, ווי אין די אלטע צייטען. אונטער די גרינע בוימער; פאר'ן אפפערען זייערע קינדער אין די טיפע, פעלזיגע טאלען און פאר'ן דינען פרעמדע געטער אויף א הויכען און דער־הויבענעם בארג. באזונדערס רעגען דעם נביא אויף די חוזק־ווערטער און דער טאן פון פאראכטונג, מיט וועלכע זיי ריידען פון דער געדריקטער געמיינדע אין יהודה. דאס זיינען די אייגענע רייד, מיט וועלכע סנבלט החורוני, זייער פארשטעהער, האט באגעגענט די אידען, ווען זיי האבען זיך אנגעשטרענגט צו בויען דעם מויער ארום ירושלים אונטער נחמיה'ס אנפיהרונג: „וואס טוען דא אט די שוואכע אידען?“ (נחמיה ג 34). ישעיה נ"ז 9 באציהט זיך קענטיג אויף א דעפוטאציע, וואס די דאזיגע קאלטע פריינד פון דער אי־דישער געמיינדע האבען געשיקט צום גרויסען קעניג, און עס ווייזט דערפון אויס, אז מיט אסך מתנות און ליגענס האבען זיי געזוכט טובות פאר זיך, אויפ'ן חשבון פון זייערע ברידער אין דרום.

אין מזרח־זייט זיינען געווען די עמונים, פארטראטען אין נחמיה'ס צייט דורך א פירשט מיט'ן נאמען טוביה. עס זיינען דא קלארע ראיות, אז די עמונים, פונקט ווי די אדומים, זיינען צום טייל ארויסגעשטופט געווארען

פון זייער אלטער היים דורך די אראבער, און זיי האבען אויסגענוצט דעם חורבן פון דער צפון־מלוכה זיך אויסצושפרייטען ווייטער אין מערב און צו פארנעמען די פרוכטבארע אידישע טעריטאריע אין מזרח־זייט פון ירדן (ירמיה מ 14; מ״א 10). אזוי אז זיי זיינען איצט געווארען נאהנטע שכנים מיט די אידען. אין דרום־זייט האבען זיך געפונען די ביטערסטע אידישע שונאים, די אדומים, וואס האבען באלד נאכ׳ן חורבן פון ירושלים פאר־כאפט חברון און אסך אנדערע אלטע שטעדט פון יהודה*). דער מחבר פון דעם בוך מ ל א כ י באציהט זיך אויף זייער פארטרייבונג פון זייער איי־גענער טעריטאריע דורך די אראבער (נאבאטעער), וואס האבען זיך אריינגע־ריסען אין אדום פון דרום, און אויף זייערע אומזיסטיגע האפענונגען צוריק־צוקריגען אמאל זייער פארוויסט לאנד (מלאכי א 2—4). אין חבר׳שאפט מיט די אדומים האבען נאכאנאנד געדריקט און געפלאגט די „שוואכע אי־דען״ דיזעלביגע אראבישע שבטים, וואס האבען פון די אורעלטסטע צייטען אן ביז אויף היינט תמיד געזוכט, ווען זיי האבען קיין ווידערשטאנד נים באַ־געגענט מצד א שטארקער ארטיגער רעגירונג, אריינצושטעלען א פעסטען פוס אין פאלעסטינע. מאנכע פון זיי, קאן געמאלט זיין, האבען געשטאמט פון דער אראבשיער קאלאניע, וואס ס ר ג ו ן האט אין אכטען יאהר־הונדערט באזעצט אין שומרון. די אידען זיינען דערפאר געצוואונגען גע־ווען אין די דאזיגע געדריקטע יאהרען צו קעמפען פאר זייער היימישען באַ־דען אהן אן אויפהער און אונטער אומגינסטיגע אומשטענדען געגען די פאר־כאפונגען, די באהאלטענע אטאקעס און די אינטריגעס פון רמאות׳דיגע, פאררעטערישע פיינד; ווארים בעת די פערסישע הערשאפט האט געזיכערט די גאנצקייט פון די פארשידענע פעלקער אונטער איהר, האט זי אבער צו־געלאזען צו אפטע מלחמות צווישען זיי, באזונדערס אין צייטען ווען די צענטראלע רעגירונג איז געווארען אפגעשוואכט.

די טעריטאריע, וואס די אידען האבען געהאלטען און וואס איז געווען באקאנט אלס די פערסישע אונטער־פראווינץ פון יהודה, האט פארגעשטעלט מיט זיך נאר א חלק פון דער אמאליגער דרום־מלוכה יהודה. איהר שטח ווערט אנגעצייכענט אין געוויסע שטעלען פון דריטען קאפיטעל אין נחמיה, וואו עס ווערט באשריבען דאס בויען פון דעם מויער ארום ירושלים. העכס־טענס האט זי זיך אויסגעשפרייט ארום פינף מייל אין צפון־זייט פון ירושלים. אויב מ׳נעמט אן די ווארשיינליכסטע אויסטייטשונג פון פסוק 7,

---

*) זעה אין באנד 3, ז. 178, 199.

האט די שטאט מ צ פ ה (בערך דריי און א האלב מייל אין צפון־מערב־זייט פון ירושלים) געהערט ניט צו יהודה, נאר צו דער פראווינץ פון סיריען*), הגם עס האבען געוואוינט אין איהר מאנכע געטרייע אידען. י ר י ח ו איז געווען דער וויטסטער פונקט אין מזרח, און ב י ת ־ צ ו ר, ארום דריי־צעהן מייל אין דרום־מערב־זייט פון ירושלים, איז געווען די וויטסטע שטאט אין דרום. אין מערב האט די פראווינץ אריינגענומען די בערג־דערפער ז נ ו ח און ק ע י ל ה. ארום און ארום איז זי געווען ווייניגער ווי צוואנ־ציג מייל אין דער לענג פון צפון צו דרום, און בערך דאס אייגענע אין דער ברייט. זי האט אריינגענומען די מאגערסטע טעריטאריע פון פאלעסטינע. די מזרח'דיגע העלפט איז, מיט דער אויסנאם פון דעם באדען אין דער שכנות פון יריחו, געווען טרוקען און ניט מסוגל פאר קיין ישוב. ווייניג קוואלען און כמעט קיינע וואסערשטראמען זיינען ניט געווען בנמצא אין דער גאנצער פראווינץ; עס הייסט, אז אין בעסטען פאל איז זי געווען ביכולת אויסצוהאלטען נאר א שיטערע און ארימע באפעלקערונג.

די לאגע פון די אידען איז נאך געווען פיינליכער, ווייל ירושלים, דער פלאץ פון זייער הייליגטום און דער נאטירליכער ארט פאר זיי זיך צו באַ־שיצען און פארטיידיגען, האט פארמאגט זעהר א קליינע באפעלקערונג, און איז געווען אפען פאר די פלוצליכע אטאקעס פון זייערע פיינד. זייער ערש־טער געדאנק נאכ'ן לעגען דעם פונדאמענט פאר דעם בית־המקדש איז דע־ריבער געווען ווידער אויפצובויען דעם מויער ארום ירושלים (זכריה ב 5, 6); אבער צוליב אסך פארשידענע טעמים האבען זיי ניט געקאנט אונטערנעמען די גרויסע ארבייט. מאנכע פארשער האבען לעצטענס געמאכט די באהויפ־טונג, אז עזרא ד 8—23 באציהט זיך אויף דער דאזיגער צייט און אז די אידען האבען דעמאלט אנגעהויבען בויען דעם מויער ארום ירושלים, נאר זייערע שונאים ארום האבען זיי פאר'מסר'ט ביים קעניג און זיי זיינען געווען גע־צוואונגען אפצושטעלען די ארבייט. די דאזיגע באהויפטונג האט אבער קיין יסוד ניט, ווארים מיר האבען ניט קיין פעסטען באווייז, אז די אידען האבען געוואגט צו לעגען א שטיין אויף א שטיין פריהער ווי אין יאהר 445 (פאר קר.), ווען נחמיה איז געקומען אין ירושלים. פון נחמיה'ס תפילה,

*) „אנשי גבעון והמצפה לכסא עבר הנהר" טייטשט מען היינט אויס, אז „גבעון" און „מצפה" האבען ניט געהערט צו דער מדינה פון יהודה, איבער וועל־כער נחמיה איז באשטימט געווארען אלס פחה, נאר זיי האבען געהערט צו דעם אמט־שטול פון דעם סאטראפ פון עבר־הנהר, די טראנסיופראטישע פראווינץ אין דער פערסישער אימפעריע.

— בעת ער האט זיך דערוואוסט פון זיינע קרובים, אז „די איבערגעבליבענע וואס זיינען געבליבען פון דער געפאנגענשאפט זיינען דארטען אין דער פראווינץ אין גרויס פיין און שאנד" און אז „דער מויער פון ירושלים איז ארונטערגעבראכען און זיינע טויערן פארברענט אין פייער" — ווייזט אויס, אז די ידיעה וואס מ'האט איהם געבראכט האט זיך ניט באצויגען אויף אן אומגליק פון דער לעצטער צייט, נאר אויף דעם חורבן וואס נבוכדראצר האט געבראכט אויף דעם אידישען פאלק (נחמיה א 2—11). נחמיה איז איבער־ראשט געווארען און האט געטרויערט און געוויינט, מחמת ער האט זיך דער־וואוסט אין וואס פאר א טרויעריגען מצב אינערליך און אויסערליך די אי־דישע געמיינדע האט זיך געפונען. מ'קאן זיך דערפון אויך אנשטויסען, ווי ווענינ פארבינדונג עס איז אין דער דאזיגער צייט געווען צווישען די אידען פון דעם מזרח און דעם מערב. דער זין פון נחמיה'ס רעדע, וואס ער האלט פאר דעם פאלק, בשעת ער קומט אן אין ירושלים, איז אומגעפער: „קומט, לאמיר ענדליך אויפבויען דעם איינגעפאלענעם מויער פון ירושלים און לאמיר מעהר ניט זיין אזוי דערנידעריגט ווי מיר זיינען געווען אין משך פון אט די לאנגע יאהרען" (נחמיה ב 17). די פרטים ווי אזוי דער בית־המקדש איז געבויט געווארען דעקען פאר אונז אויף דעם פאקט, אז די געמיינדע האט ניט געהאט ניט די נייטיגע מיטלען און ניט די ענערגיע פאר דער נאך שווע־רערער ארבייט פון בויען דעם מויער. דאס ווערט נאך שטארק באשטע־טיגט דורך סנבלט'ס שפאט־רייד (נחמיה ג 34). אפילו נחמיה, מיט דער פולער מאכט וואס איז איהם געגעבען געווארען, וואלט ניט געהאט קיין הצלחה, ווען ער וואלט ניט געווען קיין מאן מיט אויסערגעוועהנליכע פעד־היגקייטען. ווי עס איז שוין פריהער באמערקט געווארען, האבען די פער־סישע מאכטהאבער ניט נאר דערלויבט ווידער אויפצובויען דעם בית־המקדש. זיי האבען אויך סימפאטיזירט מיט דעם, ווייל דאס האט געהאלפען צו פארשטארקען דעם גייסט פון צופרידענקייט און געטריישאפט. אבער די באפעסטיגונג פון אזא נאטירליך שטארקער שטאט ווי ירושלים וואלט אויפ'ן שטעל באטראכט געווארען אלס א רעוואלוציאנערער אקט געגען דעם קעניג. די פירשטען פון פאלעסטינע טייטשען טאקע געגוי אזוי אוים נחמיה'ס טעד־טיגקייט (נחמיה ב 19). נחמיה'ס איבערלעבונגען ווייזען אויך באשיינ־פערליך, ווי ביטער און כמעט ניט בייצוקומען עס וואלט געווען די געגנער־שאפט פון די פיינדליכע שכנים פון די אידען, אפילו ווען זיי וואלטען פרו־בירט דאס טאן מיט דער פולער צושטימונג פון דעם פערסישען קעניג.

די דאזיגע פאקטען גיבען אונז די מעגליכקייט צו פארשטעהן און מיט־

צופיהלען מיט דער געמיינדע אין יהודה אין משך פון אט די זיבעציג יאהר פון אנטווישונג און אפהענטיגקייט. מיר דארפען נאך האלטען אין זינען, אז דער ישוב איז מעהרסטענס באשטאנען פון די שוואכע איבערבלייבעכצען פון אידישען פאלק. דערצו איז די קריגערישע, זעלבסטזיכטיגע אטמאס־פערע פון פאלעסטינע ניט געווען מסוגל צו אנטוויקלען ברייטהארציגע, אייד־לע כאראקטערען. קיין גרויסער נאציאנאלער אויפטו און קיין גרויסער קריזיס האט ניט אויפגעוועקט זייער פאטריאטיזם אדער באגייסטערט זייער גלויבען. דער פועל־יוצא דערפון איז געווען, אז די אידישע געמיינדע האט געליטען פון יענע סאציאלע איבלען, וואס זיינען תמיד געווען די קללה פון דעם אריענט. איהרע הערשער, וואס האבען זי געזאלט באהיטען פון די פיינד „וואס זיינען געקומען פארשלינגען ווי די חיות פון וואלד“, ווערען געשילדערט אלס „בלינד און אהן וויסען, שטומע הינט וואס קאנען ניט בילען, וואס חלומ׳ען, ליגען, האבען ליב צו דרעמלען; העזה׳דיגע הינט, וואס וויסען ניט פון קיין זאטקייט, וואס זאגען: קומט, איך וועל ברייגנען ווייז און מיר וועלען זויפען פאר׳שיכור׳ענדיגע געטראנקען; און זאל מארגען זיין אזוי ווי היינט, גרוים איבער יעדער מאס“ (ישעיה נ״ו 9—12). נחמיה האט זיי אין די אויגען פארדאמט פאר׳ן דריקען זייערע ברידער מיט וואוכריי און פאר׳ן פארקויפען זיי פאר קנעכט (נחמיה ה 1—12). דער פארפאסער פון מלאכי באשולדיגט מאנכע פון זיי אין „דריקען דעם געדונגענעם ארבייטער אין זיין לוין, די אלמנה און דעם יתום, און אין בארויבען דעם פרעמדען פון זיין רעכט“ (ג 5). אפילו די כהנים גדולים פלעגען באגעהן גרויסע זינד. דאס בירגערליכע לעבען פון די אידען איז ניט געווען פיעל בעסער ווי פון זייערע פיינדליכע שכנים. עולות, אפנארעריי, פארראט און פאלשע שבועות האבען כאראקטעריזירט זייערע באציהונגען צווישען זיך פונקט ווי זייערע באציהונגען מיט זייערע שכנים (מלאכי ב 10; ג 5; ישעיה נ״ט 3—15).

ווי עס איז געווען צו דערווארטען, איז זייער רעליגיעזעס לעבען געווען פונקט אזוי נידעריג און פארדארבען. די עבודה אין בית־המקדש איז אנגע־האלטען געווארען, אבער דאס פאלק האט זיך ניט געקווינקעלט אפצונארען גאט און צו ברייגנען פאר קרבנות פארקריפעלטע און קראנקע בהמות (מלאכי א 12). ערגער ווי אלץ איז געווען דאס וואס די כהנים האבען נאך דער־מוטיגט דאס פאלק אין זיין ניט־פרומקייט, און האבען מקריב געווען צו זייער געטליכען קעניג דאס וואס זיי וואלטען קיינמאל זיך ניט דערוועגט אנצו־באטען זייער פערסישען גובערנאטאר (מלאכי א 8). אלס פועל־יוצא פון

זייער אפגעלאזענקייט און גלייכגילטיגקייט האבען די כהנים פארנאכלעסיגט צו לערנען דעם פאלק גאט'ס געבאטען, און די עבודה איז דעריבער געוואר־קארופטירט און פארבכט אין גאט'ס אויגען (מלאכי ב 8, 9). מ'האט אויך פארפעהלט אריינצוברייננגען די מעשר און די תרומה, און די עבודה פון בית־המקדש איז געשטאנען אין סכנה אינגאנצען אפגעשטעלט צו ווערען צו־ליב מאנגעל אין פינאנציעלער שטיצע (מלאכי ג 8).

נאך גרעסערע סכנות פאר דעם קיום פון דער אידישער מדינה זיינען געלעגען דעריין, וואס דאס ערשטע מאל אין דער געשיכטע פון דעם אידישען פאלק האט א שארפער סקעפטיציזם געפונען אן אפענעם אויסדרוק. די כהנים פון בית־המקדש האבען זיך באקלאגט: „ווי לאנגווייליג דאס איז!" (מלאכי א 13). דער ביטערער געשריי: „וואס איז דער באווייז פון יהוה'ס ליבשאפט צו אונז?" האט ניט געקאנט איגנארירט ווערען פון דעם נביא (מלאכי א 2—5). מאנכע האבען פארלארען יעדען גלויבען אין יהוה און האבען אויפגעהויבען די פראגע, וואס איז אזוי גראנדיעז באהאנדעלט גע־ווארען פון דעם מחבר פון איוב: „וואס לוינט עס צו דינען גאט? און וועל־כע נוצען האבען מיר פון אלע אונזערע תעניתים און תפילות, פון אונזער גאנצער פרומקייט און הכנעה'דיגקייט? דער וואס איז מוטוויליג נעגען גאט און טוט אלע רשעות נאר צו באפרידיגען זיינע אייגענע זעלבסטזיכטיגע אינטערעסען, לעבט אין גליק און נענוס. מ'ווערט גאר ניט באשטראפט ווען מ'פאלגט ניט גאט'ס געבאטען. וואס איז דער נוצען פון פארכטען איהם, ווי די נביאים און חכמים האבען געלערענט?" (מלאכי ג 14, 15). מ'האט אויך עפענטליך דערקלערט, אז עס איז אלץ איינס, צי א מענש איז א צדיק אדער א רשע, לכל הפחות ווייזט גאט קיין צייכען ניט, אז ער איז צופרידען אדער אומצופרידען מיט א גוטער אדער שלעכטער הנהגה (מלאכי ג 18).

עס ווייזט אויס, אז די ניט־פרומע, וועלכע האבען געמאכט אזעלכע סקעפטישע באהויפטונגען, זיינען געווען אין זעהר א גרויסער צאהל און זיי האבען געצעהלט צווישען זייערע רייהען אויך אסך פון די בעסערע קרייזען פון די כהנים. אלס פועל־יוצא פון אט דער סקעפטישער באציהונג האט מען ניט געמאכט קיין חילוק צווישען די וואס דינען יהוה און די וואס דינען היידנישע געטער. די אינטערעסען פון פרידען, פונקט אזוי ווי פון האנדעל, האבען געטריבען די פיהרער פון דער שוואכער, אומפאפולערער אידישער געמיינדע צו מאכען שוץ־פארבינדונגען מיט די פעלקער ארום. אזא פאר־בינדונג האט מען אין דער אלט־אריענטאלישער וועלט פאר'חתמ'עט דורך

היידאם. דער נסיון איז געווען א שטארקער, און דער רעליגיעזער סענטי־מענט, וואס האט זיי געזאלט צוריקהאלטען פון דעם, איז געווען שוואך. ווען נחמיה איז געקומען, האט ער געפונען, אז אסך, אריינרעכענענדיג אויך די פאמיליע פון די כהנים, האבען נאכגעגעבען אט דעם נסיון. אלישיב, דער כהן גדול, און זיינע קינדער האבען זיך מתחתן געווען אי מיט טוביה העמוני און אי מיט סנבלט ההורוני (נחמיה י"ג 4, 28). עס זיינען אויך געווען נביאים אין ירושלים, וואס האבען אונטערגעשטיצט די ניט־פרומע פיהרער געגען נחמיה'ן און וואס נחמיה האט זיי חושד געווען, אז זיי זיינען געדונגען געווארען פון זיינע געגנער (נחמיה ו 10—14). דער מצב פון דער אידישער מדינה איז באמת געווען עלענד און כמעט אהן האפענונג. זי איז געווען שוואך און גע'רודפ'ט; זי האט פארלארען די האפענונג און דעם מוט; און דער עיקר: זי האט פארלארען כמעט איהר גאנצען גלויבען אין יהוה און איז געווען אין דער סכנה פארשלונגען צו ווערען פון די פעלקער, וואס האבען זי ארומגערינגעלט.

דער איינציגער עלעמענט, וואס אין איהם איז געלעגען די רעטונג — אחוץ די פרומע אידען וואס זיינען געבליבען אין גלות — איז געווען די קליינע אבער ערנסטע פארטיי פון די פרומע, וואס האבען אויפגעהאלטען אלץ וואס די געמיינדע אלס א גאנצע האט פארלארען. דער מחבר פון מלאכי רופט זיי „צדיקים" און „גאטספארכטיגע" (ג 16, 18). אין תהלים ווערען זיי אנגערופען „צדיקים", „ענוים", אדער „עניים און אביונים". ווי מ'קאן זיך אנשטויסען פון די אויסדרוקען, האבען זיי ניט געהערט צו די רייכע און די מנהיגים; זיי זיינען קענטיג אויך ניט געווען פאפולער אין דער גע־מיינדע אלס א גאנצע, ווארים זייער פרומקייט איז געווען א באשטענדיגער פראטעסט געגען איהרע זינד. גע'רודפ'ט צו ווערען דורך זייערע ברידער איז געווען פאר זיי אן אלטעגליכע איבערלעבונג. אסך שטעלען אין די תהלים־לידער וואס שטאמען פון יענער צייט דריקען אויס זייערע וועהטאגען:

„מיינע אומזיסטיגע שונאים
זיינען מעהר ווי די האר פון מיין קאפ.
עס זיינען מעכטיג
די וואס זוכען מיך צו פארניכטען,
וואס זיינען מיט אומרעכט מיינע פיינד.
זאל איך זיי אוועקגעבען דאס וואס איך האב ניט גענומען?
איך בין געווארען פארפרעמדט צו מיינע ברידער,
א פרעמדער צו מיין מוטער'ס קינדער.

עס ריידען פון מיר די וואָס זיצען אין טויער,
און עס זינגען פון מיר די שכורים."

(תהלים ס"ט 5, 9, 13).

מ'זעהט באַשיינפּערלעך, אַז זיי זיינען געווען די אָפּפער פון דער אונ־טערדריקונג, די עולות און דעם פּאַרראַט פון די רייכע און הערשענדיגע קלאַסען, וועמען די נביאים פון דער פעריאָדע, ווי אויך נחמיה, האָבען אַזוי שאַרף פאַרדאַמט. די תהלים־לידער אַנטפּלעקען פאַר אונז די שטאַרקע פיינדשאַפט צווישען די צוויי פּאַרטייען (זעה באַזונדערס קאַפּ. ס"ט 22—28 און ל"ה). די הכנעה'דיגע און ליידענדיגע פלעגען געטאָדעלט ווערען פון זייערע געגנער, וויל לויט זייער דאַמאָלסדיגען גלויבען זיינען זייערע ליידען געווען אַ ראיה, אַז זיי זיינען באַגאַנגען גרויסע זינד. דער געפיהל פון זינ־דיגקייט האָט שיער זיי ניט דערדריקט (קאַפּ. נ"א). ליידענשאַפטליך און אָפט האָבען זיי מתפלל געווען:

„לאָז מיך ניט פאַרשעמט ווערען,
וואָרים איך האָב זיך פאַרלאָזען אויף דיר;
זאָלען גאַנצקייט און יושר מיך באַהיטען,
וואָרים איך וואַרט אויף דיר."

(תהלים כ"ה 20, 21).

די איבערלעבונגען פון דעם העלד פון דער איוב־געשיכטע זיינען געווען די איבערלעבונגען פון דער פּאַרטיי פון די פרומע. הגם עס האָט זיך אויס־געדרוקט, אַז זיי זיינען פאַרדאַמט פון גאָט און פון מענשען, האָט אָבער זייער בטחון אין דער געטריישאַפט און ליבשאַפט פון זייער גאָט טריאומפירט אי־בער זייערע ספקות און זייער פאַרצווייפלונג. אַזוי אָרום איז געווען אין דער געמיינדע, וואָס איז אַלס גאַנצע געווען דעגענערירט, אַ גרופּע פון גאָטספאַרכטיגע, וואָס האָבען זיך געהאַלטען ענג צוזאַמען דורך שותפות'ע האָפענונגען און ליידען (מלאכי ג 16). זיי זיינען עס געווען, וואָס האָבען תפילה געטאָן מיט'ן גאַנצען הארצען, אַז דער מויער אָרום ירושלים זאָל מיט גאָט'ס ווילען ווידער אויפגעבויט ווערען, און וואָס האָבען טיף באַדויערט די אָפּגעלאָזענקייט אין דער עבודה פון בית־המקדש (תהלים נ"א, 20, 21). מיט זייער געטריישאַפט און זייערע ליידען האָבען זיי אויפגעהאַלטען דעם גלויבען אין יהוה, די ירושה פון זייער פאָלק, אין די קריטישע יאָהרען פאַר נחמיה'ס קומען, און זיינען געשטאַנען גרייט אויפצוהייבען די פאָהן פון רע־

פארם, ווען די אומשטענדען וועלען זיין גינסטיג און ווען גאט „וועט שיקען זיין שליח וואס וועט צוגרייטען דעם וועג פאר איהם“ (מלאכי ג 1).

2.

די ווידעראויפבויאונג פון דעם מויער ארום ירושלים.

אין אט דער קריטישער צייט האט זיך באוויזען א שליח פון גאט, וואס מיט זיין איבערגעבענקייט צו זיין פאלק און מיט זיינע אומאייגענוציגע מעשים האט ער אריינגעבראכט א נייע און העכער לעבען אין דער אידישער געמיינדע פון ארץ ישראל; דאס איז געווען נחמיה בן־חכליה, וואס האט פארנומען די שטעלע פון א בעכער־דערלאנגער („משקה“) אין דעם הויף פון ארטאקסערקסעס (ארתחששתא) דעם ערשטען.

נחמיה איז ווארשיינליך געבארען געווארען און האט, כמעט זיכער, פארבראכט זיין יוגענד אין שושן, די גרויסע הויפטשטאט פון פערסיען, אדער געגויער פון עילם. שושן איז געווען איינע פון די עלטסטע שטעט, און אין א משך פון פיעל יאהרהונדערטען איז זי געווען די הויפטשטאט פון א באדייטענדער מלוכה און איז געשטאנען ניט פיעל צוריק הינטער נינוה אדער בבל. די געגענד ארום דער שטאט איז געווען רייך באוואסערט און אויסערגעוועהנליך פרוכטבאר און האט געהאט א געזונטען און אנגענעמען קלימאט. ליגענדיג צווישען די סעמיטישע און איראנישע לענדער פון דער פערסישער אימפעריע, איז שושן געווען זעהר מסוגל פאר אדמיניסטראטיווע צוועקען, און איז דעריבער געווארען א גרויסע הויפטשטאט. לויט ווי די גריכישע היסטאריקער דערצעהלען און לויט ווי מיר ווייסען היינט פון איהרע אויסגעגראבענע חורבות, האט שושן געהאט אן ארומנעם פון 15—20 מייל און איז געווען צעטיילט אין צוויי טייל: אן אויבערסטע שטאט, וואו דער קעניגליכער הויף האט זיך געפונען און וואס איז באקאנט געווען אלס „שושן הבירה“, „שושן די ציטאדעל“ אדער „שושן דער פאלאץ“, און אן אונטערסטע שטאט, וואס איז קענטיג באוואוינט געווען פון די ארימערע קלאסען פון דער באפעלקערונג און איז, מעגליך, באצייכענט געווארען אלס „העיר שושן“, „די שטאט שושן“.

פונקט ווי אין בבל און ניפור און אין פיעל אנדערע מעסאפאטאמישע און פערסישע שטעט, איז אויך אין שושן געווען א אידישע געמיינדע. פון

די אויסגעגראבענע טאוולען פון ניפור ווייסען מיר, אז די אידען אין מזרח האבען דעמאלט געלעבט אין זעהר גוטע פאליטישע און סאציאלע צושטענדען און אז נחמיה איז ניט געווען דער איינציגער איד, וואס האט פארנומען א שטעלע אלס קעניגליכער באאמטער.*) אונטער וועלכע אומשטענדען נחמיה איז געבארען און דערצויגען געווארען ווייסען מיר ניט. אבער פון זיין הויכער שטעלע אין קעניגליכען הויף און פון די פעהיגקייטען וואס ער האט געמוזט פאר דעם באזיצען, ווייזט אויס, אז ער האט געהערט צו דעם העכערען קלאס פון דער אידישער געמיינדע; און פון זיינע מעמוארען וואס זיינען אונז געבליבען אין ספר נחמיה איז צו זעהן, אז ער איז דערצויגען געווארען אין א אידישער סביבה, מיט דער שפראך, דער ליטעראטור און די פרומע טראדיציעס פון זיין פאלק.

כדי צו פארשטעהן בעסער נחמיה'ס פאזיציע, איז נייטיג צו האבען א שטיקעל פארשטעלונג פון דעם פערסישען הויף אין יענער צייט. די שפעטערע מאנארכען פון דער פערסישער אימפעריע האבען געפיהרט זייער הויף אין שושן, וואס איז געווען זייער רעזידענץ אין פריהלינג, מיט אן אומגעוועהנליכער פראכט און רייכקייט. כורש און זיין זוהן קאמבים האבען פאראהעלטענישמעסיג נאך געלעבט איינפאך. אפילו דריוש דער ערשטער האט נאך אין דעם פרט ניט אריבערגעכאפט די מאס. אבער פון דער צייט פון דריוש'עס זוהן קסערקסעס (אחשורוש) ביז'ן סוף פון דער אימפעריע האט געהערשט א רייכקייט און אויסברייגגעריי וואס האט ניט איהר גלייכען ניט פריהער און ניט נאכדעם אין קיין אנדער אריענטאלישער מאנארכי. דער צענטראלער פונקט איז נאטירליך געווען די פערזאן פון דעם קעניג. ער איז געווען דאס הויפט-ליכט, ארום וועלכען עס האבען זיך געדרעהט אלע קלענערע ליכט פון דעם הויף. זיין ערשטער באגלייטער איז געווען דער פאראסאל-טרעגער, נאך איהם איז געווען דער טרעגער פון דעם פאכער אדער פליגען-פארטרייבער, וואס פלעגט שטעהן הינטער'ן טראן און היטען דעם קעניג פון פליגען און מוקען. אנדערע הויכע באאמטע אין הויף זיינען געווען דער פארוואלטער פון דער הויזהאלטונג; דער אויפזעהער איבער דעם פערד; דער הויפט-יעוונוך אדער „דער שומר פון די ווייבער"; דעם קעניג'ס „אויגען" און „אויערן", מענשען וואס זייער עובדא איז געווען איהם צו אינפארמירען וועגען אלע וויכטיגע ענינים; זיינע שרייבער; זיינע

*) פארגלייך אין באנד 3, ז. 281, 282. באריכות וועגען דעם וויטער ז. 97—103.

שלוחים; זיינע פארשטעלער, וואס פלעגען אריינפיהרען געסט צו איהם; זיינע „פארזוכער", וואס פלעגען מוזען פארזוכען פון אלע מאכלים וואס מ'פלעגט איהם דערלאנגען, כדי צו זעהן, צי עס איז ניטא אין זיי קיין גיפט; זיינע בעכער־טרעגער, וואס פלעגען איהם דערלאנגען דעם בעכער וויין און פריהער פארזוכען דערפון; זיינע לייב־דינער און זיינע מוזיקאנטען. אחוץ דעם איז געווען אין הויף א גרויסע צאהל דינער פון א קלענערען ראנג, ווי: שוועל־היטער, יעגער, קוכער און אנדערע הויז־משרתים, צוזאמען מיט א גאנצער מאסע פון באזוכער און געסט, פרינצען, פריצים, חשוב'ע געפאנגענע, אנטלאפענע פון פרעמדע הויפען, שלוחים פון אנדערע רעגירונגען. ארום און ארום, דערצעהלען די היסטאריקער, האט דער פערסישער הויף געשפייזט טעגליך אזויפיעל ווי פופצעהן טויזענט פערזאן און מ'האט יעדען טאג געשאכטען טויזענט בהמות און חיות, אחוץ געשאסענע פויגלען.

ווי אזוי האט נחמיה געקראגען זיין שטעלע אין הויף אלס בעכער־דערלאנגער?

עס איז ניט זיכער ווי אזוי א לעדיג געווארענער פלאץ צווישען די הויף־באאמטע פלעגט אויסגעפילט ווערען. עס איז ווארשיינליך, אז די סאמע העכסטע באאמטע פלעגט דער קעניג גופא איינזעצען, ווי דאס האבען אויך געטאן אין זייערע הויפען דער טערקישער סולטאן און דער פערסישער שאך. אט די הויכע באאמטע פלעגען קענטיג איינזעצען די קלענערע באאמטע. ווען אזא פערזאן ווי א בעכער־דערלאנגער איז געשטארבען אדער האט פארלארען זיין שטעלע איז געווען די עובדא פון דעם פארוואלטער פון דער הויזהאלטונג אויסצוזוכען א נאכפאלגער. קאנדידאטען האבען זיך געמאלדען אסך, און דער הויכער באאמטער פלעגט מסתמא אויסקלייבען איינעם נאך א לאנגען ישוב־הדעת און אפשר נאך אן עקזאמען. עס קאן גרייליך זיין, אז פאר אזא אמט ווי א בעכער־דערלאנגער, וואס האט געבראכט אפט דעם באאמטען אין דעם קעניג'ס אנוועזענהייט און, נאך מעהר, איז גרויס נאהנטקייט צו איהם, איז נייטיג געווען א גוטע פערזענליכע ערשיינונג, און אז נחמיה האט געהאט צו פארדאנקען זיין אמט הויפטזעכליך זיין פערזענליכער שענקייט און אנציהונג. עס קאן אויך געמאלט זיין, אז זיינע קרובים האבען געהאט א גרויסע השפעה אין הויף; מיר ווייסען אבער לחלוטין נישט, וואס פאר א פאזיציע זיין פאטער חכליה האט פארנומען, אדער זיין ברודער אדער נאהנטער קרוב חנני.

די הויפט־עובדא פון דעם בעכער־דערלאנגער איז געווען אנצופילען דעם קעניגליכען ווייןבעכער פון דער וואזע אדער קאראפין, וואס איז געשטאנען

אויף אדער נעבען דעם קעניגליכען טיש, און איהם צו דערלאנגען עלעגאנט און גראציעז צו דעם דערהויבענעם האר. אנגעהאלטען דעם בעכער האט ער מיט דריי פינגער און דערלאנגט האט ער איהם אויף אזא אופן, אז דער קע־ניג האט געקאנט איהם נעמען לייכט פון זיין האנט אהן וואסערער סכנה צו פארגיסען א טראפען. פאר'ן אנגיסען דעם בעכער האט דער בעכער־דערלאנגער איהם פארזיכטיג אויסגעוואשען און פאר'ן דערלאנגען האט ער אפגעשעפט אביסעלע און פארזוכט, כדי צו ווייזען, אז אזוי ווייט ווי ער ווייסט איז דערין קיין גיפט ניטא. ווען זיי זיינען ניט געווען פארנומען מיט אט דער הויפט־פליכט זייערער, האבען די בעכער־דערלאנגער געהיט די אריינגענג צו די קעניגליכע זאלען און האבען, לויט ווי זיי איז אויסגעקור־מען, דערלויבט אדער אנטזאגט פערזאנען צו האבען אן אוידיענץ. אפילו פרינצען פון קעניגליכען בלוט האבען זיך געמוזט אונטערוואַרפען. אט די מאכט צוצולאזען אדער צו פארווערען אוידיענצען ביים קעניג האט געמאכט די בעכער־דערלאנגער פאר זעהר חשוב'ע באאמטע און האט זיי הפנים גע־געבען די געלעגענהייט, אויב זיי האבען געהאט די נייגונג דערצו, רייך צו ווערען.

די באשטענדיגע צוטריטליכקייט צום קעניג און די נאהנטע באציהונ־גען, וואס האבען דורך דעם זיך איינגעשטעלט, האבען נאטירליך געפיהרט צו א געגענזייטיגער אינטימיטעט און האבען אנטוויקעלט א געפיהל פון סימפאטיע און פריינדשאפט צווישעןביידען. אין דעם פאל פון נחמיה'ן דארף מען נאך האלטען אין זינען דעם אייגענארטיגען טעמפעראמענט פון ארתחששתא דעם ערשטען (פון 465 ביז 424 פאר קר.)*), וועלכער איז גע־ווען, הגם א שוואכער מאנארד, אבער בטבע מילד און גוטהארציג.

---

*) פון די באריכטען אין תנ"ך קאן מען וויניג וואס קלוג ווערען בנוגע דער כראנאלאגיע פון דער פערסישער פעריאדע, ווייל דריי הערשער מיט'ן נאמען ארתחששתא און דריי מיט'ן נאמען דריוש זיינען אין פארשידענע צייטען געזעסען אויפ'ן פערסישען טראן, און די ביבלישע שריפטשטעלער האבען ניט אונטערשיידט צווישען זיי. מיר ווייסען אבער היינט פון די אנטדעקטע עלעפאנטין־פאפירוסען, אז אין די לעצטע יאהרען פון פינפטען יאהרהונדערט (פאר קר.), אונטער דער רעגירונג פון דריוש דעם צווייטען, (405-425), איז סנבלט שוין געווען א זקן און דער כהן גדול אין ירושלים איז דעמאלט געווען יוחנן, אן אייניקעל פון אלישיב, דעם כהן גדול פון נחמיה'ס צייט (נחמיה י"ב 22). דערמיט איז באַ־וויזען, אז נחמיה'ס קעניג איז געווען ארתחששתא דער ערשטער, וואס האט רע־גירט פאר דריוש דעם צווייטען, ניט ארתחששתא דער צווייטער, וואס האט רעגירט נאך איהם. פארגלייך די כראנאלאגישע טאבעלע אויבען ז. 10.

אין צוואנציגסטען יאהר פון קעניג ארתחששתא, אין חודש כסלו, איז געקומען צו נחמיה׳ן אין שושן א דעפוטאציע פון די אידען אין ארץ ישראל, אנגעפיהרט פון נחמיה׳ס נאהנטען קרוב חנני. אויף נחמיה׳ס נאכפרעגען האבען זיי איהם געשילדערט די שרעקליכע לאגע, אין וועלכער די אידען אין יהודה האבען זיך געפונען, די שאנד וואס זיי האבען געהאט אויסצושטעהן פון זייערע שונאים ארום און די פארוויסטונג וואס האט געהערשט אין ירושלים, און זייערע רייד האבען געמאכט דעם געווינשטען רושם. הגם נחמיה איז אויפגעוואקסען אין די ווייטע לענדער פון גלות און האט געלעבט אין דער פארדארבענער אטמאספערע פון פערסישען הויף, איז ער אבער געווען מיט זיין פרומקייט און מיט זיין טיפער איבערגעבענקייט צו דעם גאט און צו די טראדיציעס פון זיינע פאטערס א געוואלדיגער היפּוד צו די אידען, וואס האבען געוואוינט אין שאטען פון בית־המקדש.

ווען נחמיה, דער איד פון גלות, וואס האט געקענט ירושלים הויפטזעכליך פון די זכרונות פון זיינע אורעלטערן, האט זיך דערוואוסט פון דיווירקליכע צושטענדען וואס האבען דארטען געהערשט, איז ער געווארען א פארציטערטער און, ווי א מזרח־מענש, האט ער אויסגעדריקט זיינע געפיהלען מיט פאסטען און וויינען. מיט טיפע כונות האט ער תפילה געטאן צו גאט און האט זיך מתודה געווען אויף דער שולד, וואס ער, צוזאמען מיט אלע פרומע אידען, האבען געפיהלט ווי א שווערע לאסט אויף זיך איבער די זינד פון זייערע אורעלטערן. דאס איז איינס פון די מערקווירדיגסטע בילדער פון אידישען לעבען אין יענער צייט, ווי דער גרויסער אידישער אריסטאקראט, ארומגערינגעלט מיט דער רייכקייט און פראכט פון דעם גלענצענדיגען פערסישען הויף, זיצט און וויינט אויף דעם טרויעריגען מצב פון דער הייליגער שטאט פון זיין אומה.

נחמיה האט איינגעזעהן, אז א קריטישער מאמענט איז געקומען און אז ער מוז אויסנוצען זיין הויכע שטעלע אין הויף פאר דער טובה פון ירושלים. ער איז בטבע ניט געווען קיין מענש וואס גיט זיך אפ מיט טעאריעס. שרייבען רעדעס פול מיט אידעאליזם, ווי מאנכע נביאים פון זיין צייט האבען געטאן, איז ניט געווען זיין זאך. ער איז געווען א מאן פון פראקטישע מעשים, באשאנקען מיט טאקט און עקזעקוטיווע פעהיגקייטען, און וואס ער האט געטאן, אדער לכל הפחות וואס ער וויל מיר זאלען וויסען, אז ער האט געטאן, ווערט דערצעהלט אין זיין אויטאביאגראפיע*). דער דאזיגער דא־

*) ווערטערליך ציטירט אין נחמיה א 1 — ז 4 (די ליסט אין קאפ. ג. איז, קאן זיין, א פארפאסונג פון דעם כראניקער, אבער דער מחבר האט קענטיג גענומען

קומענט, וואס האט צו אונזער גליק זיך דערהאלטען, גיט אונז די זיכערסטע און גענויעסטע ידיעות וועגען נחמיה׳ס טעטיגקייט און די אומשטענדען וואס האבען דעמאלט געהערשט.

דריי חדשים האט נחמיה געווארט אויף א גינסטיגער געלעגענהייט. עס קאן זיין, אז דער קעניג איז דעמאלט געווען אין זיין ווינטער־רעזידענץ בבל, אדער אז אנדער בעבער־דערלאנגער האט דעמאלט געהאט זיין רייה צו באדינען דעם קעניג. ענדליך איז געקומען די געלעגענהייט אין חודש ניסן פון דעם יאהר 445 (פאר קר.). ווען נחמיה האט סערווירט אין קעניגליכען זאל, האט דער קעניג באמערקט א שטריך פון אומעט אין דעם פנים פון זיין טרייען דינער. ער האט איהם געפרעגט וועגען דער סיבה דערפון. און נחמיה האט אויסגענוצט דעם דאזיגען מאמענט צו אפעלירען צו דער גוטהארציגקייט פון דעם קעניג. מיט דער שפראך פון א הויף־מאן, אבער צוגלייך אויך פשוט און גראד ארוים פון הארצען האט ער געזאגט דעם קעניג, אז ער קאן ניט האבען קיין פרעהליכען פנים, ווייסענדיג אז „די שטאט פון די קברים פון זיינע אורעלטערן איז וויסט און איהרע טויערן זיינען פארברענט אין פייער“. ארתחששתא, וואס האט ניט געקאנט פארטראגען קיין טרויער אין זיין אנוועזענהייט, האט געהאט מיטלייד מיט זיין דינער און האט איהם געפרעגט וואס זיין פארלאנג איז. געשטארקט דורך א תפילה צו גאט, האט נחמיה געבעטען דעם קעניג׳ס דערלויבעניש צו געהן קיין יהודה אפבויען די וויסטע שטאט. דער קעניג האט איהם אפגעלאזען אויף א באגרעניצטער צייט און האט איהם באשטימט אלס פ ח ה (גובערנאטאר, אונטער־סאטראפ) פון יהודה מיט דער פולער מאכט אפצובויען ירושלים. אויף נחמיה׳ס בקשה האט ארתחששתא איהם געגעבען בריף צו די פערסישע גובערנאטארען פון דער סירישער פראווינץ, אז זיי זאלען איהם באהילפיג זיין אויפ׳ן וועג, און אויך א בריף צום אויפזעהער פון קעניגליכען וואלד, אסף (וואס זיין נאמען גיט אן אנדייטונג, אז ער איז אויך געווען א איד), אז ער זאל צושטעלען דאס האלץ־מאטעריאל וואס איז נייטיג צורעכטצומאכען דעם מויער און די טויערן פון דער שטאט.

נחמיה האט קענטיג אהן שהיות געמאכט זיין נסיעה, באגלייט פון אז

די פאקטען פון נחמיה׳ס מעמוארען אדער פון אן אנדער זיכערען מקור; דער המשך פון ז 4 איז י״א 1 און 2. דערנאך קומען ווידער ציטאטען פון דעמזעלביגען דאקומענט אין י״ב פסוק 21, 32 און, זייער המשך, פסוק 37—40, און אפשר געהערט דערצו אויך פסוק 43. דאס איבעריגע אין דעם קאפיטעל איז געשריבען פון דעם כראניקער. קאפ. י״ג 1—3 געהערט צו דעם עזרא־באריכט. מיט י״ג 4—31 ענדיגען זיך די ציטאטען פון נחמיה׳ס מעמוארען.

אפטיילונג קאוואלעריע, וואס דער קעניג האט איהם מיטגעגעבען אויפ׳ן וועג, און אויך פון א גרופע פרומע אידען, וואס האבען פונקט ווי ער גע־שטרעבט צו ענדערען די צושטענדען אין ירושלים (עזרא ב 2; נחמיה ב). איבער די גרויסע פאסט־וועגען, וואס דריוש האט געבויט, האט איהם וואר־שיינליך די גאנצע נסיעה געדויערט ניט מעהר ווי א חודש. אנגעקומען אין ירושלים, האט ער די ערשטע עטליכע טעג זיך אפגעגעבען מיט׳ן אויספאר־שען די לאגע. ער האט צום גליק פארמאגט, פאר דער שווערער אויפגאבע, וואס ער האט זיך אונטערגענומען דורכצופיהרען, די מעלות פון א געניטען הויף־מאן צוזאמען מיט דער פעהיגקייט פון א מאן וואס איז איינגעוואוינט צו באפעהלען. די שטרויכלונגען וואס ער האט געהאט בייצוקומען אין דער געמיינדע גופא זיינען נאך גרעסער געווען ווי די וואס די פיינד פון דרויסען האבען איהם געלעגט אין וועג. זיינע פערזענליכע סימפאטיעס זיינען געווען מיט דער קליינער און שוואכער פארטיי פון די ארימע און פרומע; בעת די מיטלען, מיט וועלכע דער מויער ארום דער שטאט האט געזאלט אויפגעבויט ווערען, האבען זיך געפונען ביי די פיהרער און די רייכע, וואס האבען דאס רוב געהערט צו די ניט־פרומע. באלד האט זיך ארויסגעוויזען, אז ער איז געווען דער קרבן פון זייער פאררעט. נאר צום גליק איז ער, מיט דער רייכ־קייט וואס ער אליין האט פארמאגט, געווען ביכולת צו באפרייען די גע־מיינדע פון די שווערע אפצאהלונגען, וואס מ׳האט פון איהר ארויסגעפרעסט אויסצוהאלטען דעם גובערנאטאר און זיין סוויטע (נחמיה ה 14, 15). ער האט אויך פון אנהויב אן אויסגעהאלטען ביי זיין טיש מיט א ברייטער האנט הונדערט און פופציג פון די מנהיגים פון ירושלים און אנדערע שטעט, אחוץ די געסט וואס פלעגען קומען צו איהם פון צייט צו צייט פון די פעלקער ארום (ה 17, 18). אין דער ארימער, געדריקטער אידישער מדינה איז קיין זאך ניט געווען אזוי מסוגל שטיל צו מאכען די פיינדליכע קריטיק און פא־פולער צו מאכען דעם נייעם גובערנאטאר ווי די טאקטיק וואס ער האט אנגענומען.

דאך אבער האט ער ניט אנגעטרויט די פרטים פון זיין ארבייט צו אנ־דערע. ניט דערצעהלענדיג קיין זאך די ירושלים׳ער אידען, איז ער אין דער נאכט פון דעם דריטען טאג נאך זיין אנקומען ארויסגעגאנגען מיט א גרופע פון די אידען וואס זיינען מיט איהם מיטגעפאהרען צו באקוקען פערזענליך דעם צעבראכענעם מויער. ארויסגעהענדיג דורך דעם טויער פון טאל צו דעם דרום־מערב־טייל פון שטאט, איז ער געגאנגען אין דער לענג פון דעם דרום׳דיגען מויער צו דעם טויער פון קוואל און דעם קעניג׳ס טייך. דא

האט ער געפונען דעם שמאלען טאל פון דעם קדרון אזוי געדיכט פארשאטען און אנגעווארפען, אז ער האט געמוזט לאזען פון הינטען די בהמה, אויף וועלכער ער איז געריטען, און געהן צופוס פאר־לענגס פון דעם מזרח־טייל פון דער שטאט. נאכדעם ווי עס איז איהם קלאר געווארען די גרויס פון דער ארבייט וואס שטעהט איהם פאר, האט ער גערופען א פארזאמלונג פון די כהנים, די מיוחסים, די מנהיגים פון די פארשידענע שטעט און די קרעפטיגע ארבייטס־לייט. אין זיין רעדע האט נחמיה זיי אנגעוויזען ווי אומבאשיצט די שטאט איז און ער האט זיי אויפגעמונטערט זיך גלייך צו נעמען בויען דעם מויער, „כדי מיר זאלען מיט אונזער אפגעלאזענקייט ניט זיין מעהר צו שאנד“. ער האט אויפגעוועקט זייער שוואכען בטחון אין גאט׳ס הילף, ווען ער האט זיי דערצעהלט פון דער גרויסער מאכט וואס דער קעניג האט איהם שוין באוויליגט. אין די אומשטענדען איז קיין חידוש ניט, אז זיי האבען אנגענומען אן איינשטימיגען באשלוס גלייך אנצוהייבען די ארבייט.

נחמיה האט איינגעזעהן, אז כדי די ארבייט זאל געקרוינט ווערען מיט ערפאלג, מוז דער גאנצער מויער ארום דער שטאט אויפגעבויט ווערען מיט איין מאל. ער האט דעריבער איינגעטיילט די ארבייט אין איינצעלנע, זעהר ניט קיין גלייכע חלקים און האט זיי צוגעטיילט צו די פארשידענע גרופעס פון דער געמיינדע. מ׳האט קענטיג גענומען דערביי אין באטראכט דעם צושטאנד, אין וועלכען די איינצעלנע שטרעקעס האבען זיך געפונען, און די אויפטואונגס־פעהיגקייט פון די יחידים און גרופעס, וואס האבען זיך געמאלדען צו דער ארבייט. אזוי האבען דער כ ה ן ג ד ו ל א ל י ש י ב און זיינע ברידער די כהנים אויסגעבויט דעם ט ו י ע ר פ ו ן ד י ש א ף, דורך וועלכען מ׳פלעגט אריינפיהרען אין שטאט די בהמות פאר קרבנות, און די שטרעקע ביז צו דעם טורם מ א ה און דעם טורם ח נ נ א ל. אויך די כהנים פון ארום ירושלים האבען אויפגעבויט א געוויסע שטרעקע. פיעל יחידים האט מען דערלויבט צורעכטצומאכען דאס שטיק מויער אנטקעגען זייער הויז. די אידען פון ת ק ו ע האבען געמאכט צוויי שטרעקעס. עס האבען אויך אין מאנכע שטעלען צוויי פריוואטלייט געארבייט צוזאמען. אזוי דער גאלדשמיד ע ו ז י א ל און דער זאלבענהענדלער ח נ נ י ה. מיר געפינען אויך פארטראטען אין דער פאנאנדערטיילונג פון דער ארבייט גאנצע צעכען פון בעלי־מלאכות, ווי גאלדשמידען (צורפים) און געווירצהענדלער (רוכלים). אזוי ארום איז די אפהענטיגע, זיך מאטערענדיגע געמיינדע פארוואנדעלט געווארען פלוצלונג אין א טע־

טיגער קערפערשאפט פון ארבייטער. עס ווערט באריכטעט, אז פון אלע גרופעס ארבייטער, וואס זיינען פארטראטען געווען, האבען נאר די מיוחסים פון תקוע ניט אפגעטאן די ארבייט, וואס נחמיה האט אויף זיי ארויפגעלעגט. (נחמיה ג).

די שטענדיגע סכנה פון אן אנפאל האט באלד אויפגעוועקט זייער מוט, און זיי האבען געארבייט מיט דער אנשטרענגונג פון אלע כוחות. אין אנ־הויב האבען זייערע שונאים, די רייכע ארץ ישראל'דיגע אידען, אנגעפיהרט פון סנבלט החורוני, דעם גובערנאטאר פון שומרון,*) פון טוביה, וואס איז, ווייזט אוים, געווען דער פערסישער אפיציעלער פארשטעהער פון די עמונים, און פון גשמו (אדער גשם), קענטיג א פארשטעהער פון די אראבער, זיך נאר אויסגעלאכט דערפון, אז עס זאל זיך ווען איינגעבען די אידען צו באפעס־טיגען די אלטע הויפטשטאט. א שטארקע פאראכטונג און קענטיג א שפאט אויף דער פארטיי פון די פרומע ווערט אויסגעדריקט אין סנבלט'ס ווערטער: „מיינען דען די שוואכע און אפגעלאזענע אידען, אז אלץ וואס זיי דארפען טאן איז צוזאמענקומען און שעכטען א קרבן, און דעמאלט וועט אין איין טאג ארויסוואקסען א מויער פון די חורבות?" „ווען א פוקס וועט אריבער־שפרינגען איבער דעם מויער וואס זיי בויען, וועט ער איינפאלען", האט טוביה אויך אזוי מיט לצנות אפגעענטפערט. זייערע ווערטער האבען ארייגעבראכט נחמיה'ן אין א גרימצארן, און האבען ארויסגערופען ביי איהם א ביטערע תפילה צו גאט, אז ער זאל נקמה נעמען פון זיי. גלייכצייטיג האט דער סטראשונאק, וואס איז געלעגען אין זייערע רייד, געטריבען די ארבייטסלייט צו ארבייטען מיט דאפעלטער ענערגיע, און איז אן אומגלויב־ליך קורצער צייט זיינען די לעכער אין מויער געווען כמעט פארמאכט.

ווען די שכנים ארום: די איינוואוינער פון דער פראווינץ שומרון, די אראבער, די עמונים און די איינוואוינער פון דער פלשתי'שער שטאט אשדוד, האבען דאס דערהערט, האבען זיי אויפגעהערט שפאטען און זיינען געווארען שטארק אומרוהיג, ווארים זיי האבען דערזעהן, אז א נייער גייסט איז ארייגעהויכט געווארען אין דער אידישער געמיינדע, מיט וועלכער זיי האבען ביז איצט געטאן וואס זייער הארץ האט געלוסט. זיי האבען זיך דעריבער אלע צונויפגערעדט צו מאכען א פלוצליכען איבערפאל אויף די

---

*) סנבלט האט קענטיג געשטאמט פון בית־חורון אין דער טעריטאריע פון שומרון. אז ער איז געווען דער גובערנאטאר פון שומרון, ווייסען מיר היינט פון די אנטדעקטע פאפירוסען פון עלעפאנטין.

ארבייטסלייט און צו צעשטערען אלץ וואס זיי האבען שוין אויפגעבויט. די פארמירונג פון אזא בונד האט אבער ניט געקאנט בלייבען קיין סוד. פון די אידען וואס האבען געוואוינט אין די וויטערע שטעט איז געקומען די ידיעה, אז מ׳גרייט צו אן אנפאל. ווען די אידען וואס האבען געבויט דעם מויער האבען דאס דערהערט, איז אויסגעבראכען ביי זיי א פאניק. ארום הונדערט און פופציג יאהר, זינט נבוכדראצר האט אויסגעשטאכען די אויגען פון זייער לעצטען קעניג, זיינען זיי געוואוינט געווען צו טאן נאר איין זאך: זיך צו אונטערווארפען און זייער הילפלאזיגקייט. דערצו נאך זיינען געקומען שלוחים פון מ צ פ ה, י ר י ח ו, ת ק ו ע און אנדערע דערפער, מיט דער פאדערונג, אז די ארבייטער, וואס זיי האבען געשיקט צו בויען דעם מויער ארום ירושלים, זאלען תיכף צוריקגעשיקט ווערען צו פארטיידיגען זייערע אייגענע היימען. די ארבייט וואלט אויפגעגעבען געווארען, ווען נחמיה וואלט זיך ניט ארויסגעוויזען שטארק גענוג צו באגעגענען דעם קריזיס. די ערשטע זאך האט ער באוואפענט דאס פאלק, און אוועקשטעלענדיג די מענער אין פנים פון זייערע ווייבער און קינדער, האט ער אפעלירט צו זייער גלויבען אין יהוה און האט זיי דערמוטיגט צו קעמפען פאר זייערע היימען און זייערע פאמיליעס. ווען די שכנים ארום האבען זיך דערוואוסט, אז די אידען האבען זיך באוואפענט און זיינען גרייט זיך צו פארטיידיגען, האבען זיי פארלארען א היפש ביסעל פון זייער מוט.

הגם דער געפלאנעוועטער איבערפאל איז קיינמאל ניט פארגעקומען, האט אבער נחמיה זיך באווארענט געגען דעם. ער האט דערפאר ארגאנירט זיינע כוחות אויף א מיליטערישען באזיס, און ער האט זיך ארויסגעוויזען דערביי אלס פעהיגער קאמאנדיר פונקט אזוי ווי ער איז געווען א מאקטפולער הויף־מאן. מ׳האט ווידער אויפגענומען די ארבייט, אבער יעדער מאן האט געהאט זיינע כלי־זין גרייט ביי דער האנט. ביי נאכט איז קיינעם ניט געווען דערלויבט צו פארלאזען די שטאט. נחמיה האט איינגעטיילט זיינע מקורבים אין צוויי קאמפאניעס, איינע זאל איבערנעמען די ארבייט ביי די וואס ווערען אויסגעמאטערט, און די אנדערע זאל שטעהן באוואפענט אויף דער וואך. טאג און נאכט האבען ניט זיי, ניט זייער געטרייער קאמאנדיר אוועקגעלעגט אויף א מינוט די וואפען; בעת די איבעריגע האבען געהארעוועט פון זונאויפגאנג ביז עס ווערט פינסטער. א באפעהל איז אויך ארויסגעגעבען געווארען, אז דאס פאלק זאל זיך שנעל צוזאמענקלייבען צוריקצושטויסען דעם פיינד ביי וואסער ניט איז שטעל, ווי מ׳וועט נאר דערהערען דעם סיגנאל פון דעם טרומייטער, וואס איז תמיד געשטא־

נען נחמיה'ן ביי דער זייט. אונטער דעם דרוק פון א שטענדיגער סכנה האט די ארבייט פראגרעסירט מיט אזא וואונדערליכער שנעלקייט, אז אין עטליכע וואכען איז דער מויער ארום ירושלים געווען פארטיג, און עס האבען נאר געפעהלט די טירען אין די טויערן.

ווען סנבלט און גשמו האבען דאס דערהערט, האבען זיי געביטען זייער טאקטיק און האבען געזוכט צו מאכען א פשרה. צוערשט האבען זיי פארגעשלאגען א קאנפערענץ אין איינעם פון די דערפער אין טאל אונו, אין צפון־מערב־זייט פון ירושלים, אויף'ן דרום־מערב־גרעניץ פון דער פראווינץ שומרון. דער געניטער פערסישער הויף־מאן האט גלייך חושד געווען, אז דאס איז א קאנספיראציע געגען איהם. די פריהערדיגע שטעלונג פון זיינע פיינד האט זיכער איהם ניט געגעבען קיין גרונט צו גלויבען אין דער אויפריכטיגקייט פון זייער פארשלאג. עס איז אמת טאקע געווען אומאנגענעם פאר זיי צו הערען פון נחמיה'ן קורץ און שארף, אז זיי „האבען ניט מעהר קיין חלק, קיין רעכט און קיין זכרון אין ירושלים" (נחמיה ב 20); אבער נחמיה האט געהאלטען אין דורכפיהרען א רעליגיעזע פאליטיק, וואס אין איהר איז קיין פלאץ ניט געווען פאר קיין פשרות. און ער האט דעריבער געשיקט א קורצען ענטפער, אז ער איז באשעפטיגט מיט א וויכטיגערער ארבייט און ער האט קיין צייט ניט פאר קיין קאנפערענצען. פיער מאל האבען זיי איהם געמאכט דעמזעלביגען פארשלאג, און ווען זיי האבען געזעהן, אז אלע זייערע אנשטרענגונגען איהם אריינצוקריגען זיינען געבליבען אהן א רושם, האבען זיי דעמאלט געזוכט איהם צו פארפלאנטערען אין הויכפארראט געגען דער פערסישער רעגירונג. מיט דעם דאזיגען ציל אין אויג האבען זיי איהם געשיקט אן אפענעם בריף, אין וועלכען זיי האבען זיך באצויגען אויף א קלאנג וואס געהט ארום, אז מיט'ן בויען דעם מויער ארום ירושלים זיינען די אידען אויסען איהם צו מאכען פאר א קעניג. זיי האבען אויך באשולדיגט נחמיה'ן, אז ער האט אנגעשטעלט נביאים אין ירושלים איהם אויסצורופען אלס קעניג פון יהודה. אזוי ווי דער דאזיגער קלאנג וועט דאך סוף־כל־סוף דערגרייכען דעם קעניג, האבען זיי דעריבער געגעבען אן אנצוהערעניש, אז עס וואלט זיי פרעהען זיך צו האלטען אן עצה מיט איהם וועגען דעם. מאנכע פון די צו־היציגע נביאים פון ירושלים האבען טאקע, קאן זיין, אויסגערופען נחמיה'ן אלס א משיח־רעטער און האבען

דערמיט געשאפען א געוויסען יסוד פאר דער באשולדיגונג, הגם עס איז א קנאפער ספק, אז דער פארשלאג פון סנבלט און זיינע חברים איז געווען סארקאסטיש געמיינט. נחמיה האט אויך דעם מאל געענטפערט קורץ, אז אין די אלע קלאנגען איז נישטא ניט איין טראפען אמת.

די לעצטע קאנספיראציע געגען נחמיה'ן, וואס ער באריכטעט, איז געווען די שענדליכסטע פון אלע. איינער פון די אנערקענטע נביאים אין ירושלים, ש מ ע י ה ב ן - ד ל י ה, האט אין זיין פריוואטען הויז דערקלערט נחמיה'ן, אז ער ווייסט דורך א געטליכער אנטפלעקונג פון א געהיימער פארשווערונג געגען זיין לעבען. לפנים גאנץ אויפריכטיג איז ער אנגעשטאנען אויף דעם גובערנאטאר זיך צו באהאלטען ביי נאכט אין בית־המקדש פון די וואס ווילען אנפאלען אויף איהם. ווען נחמיה וואלט דאס געטאן, וואלט ער דערמיט פארלארען אויף אלעמאל זיין השפעה אין ירושלים. צום גליק האט נחמיה'ס געפיהל פון עהרע, ווי אויך זיין יראת־הכבוד פאר דער הייליגקייט פון בית־המקדש, איהם געראטעוועט. „זאל א מענש פון מיין כאראקטער און מיין פאזיציע אנטלויפען? זאל איך, א פשוט'ער איד, באטרעטען דאס הייליגטום, כדי צו ראטעווען מיין לעבען? ניין, געווים ניט." איז געווען זיין ענטפער. כאטש אסך פון די ערשטע מיוחסים פון ירושלים זיינען געווען מחותנים, און זיינען בכן געשטאנען אין דעם נעהנטסטען פארקער, מיט נחמיה'ס געגנער, האט ער אבער קאטעגאריש זיך אנטזאגט צו הערען זייערע פארשלאגען מכוח א פשרה; און אויף אזא אופן איז ער אנטרונען פון אלע נעצען וואס זיי האבען אויסגעשפרייט ארום איהם. האבענדיג פאר זיך א געהיימע אפאזיציע, האט ער געטריבען די ארבייט אזוי שנעל, אז דעם 25טען טאג אין אלול איז דער מויער ארום ירושלים געווען אינגאנצען פארטיג. נחמיה דערצעהלט אז די גאנצע ארבייט האט געדויערט 52 טעג. דאס וואלט געווען אומגלויבליך, ווען ניט דער אומשטאנד וואס דער מויער איז געווען נאר טיילווייז צעשטערט; וואס מ'האט מאביליזירט פאר דער ארבייט אלע כוחות פון דעם אידישען ישוב אין יהודה; וואס עס איז געווען אזא וויכטיגע סיבה זיך צו איילען; און, מעהר ווי אלץ, וואס דער אנפיהרער איז געווען אזא פעהיגער און האט געארבייט מיט אזא מסירת־נפש.

ווען דער מויער מיט די טויערן זיינען געווען אינגאנצען פארטיג, האט נחמיה איבערגעגעבען די שטאט אין רשות פון צוויי מענשען, זיין קרוב חנני און דעם קאמאנדאנט פון דעם שלאס חנניה, אויף וועמען נחמיה זאגט,

אז ער איז געווען אומגעוועהנליך אמת׳דיג און גאטספארכטיג (נחמיה ז 2). פון דער דאזיגער האנדלונג נחמיה׳ס און פון די דעטאליזירטע באפעהלען וואס ער האט ארויסגעלאזען צו רעגולירען די שטאט קאן מען זיך אנשטויסען, אז ער האט זיך געקליבען אין וועג. זיין באהויפטונג, אז זיין אמט אלס גובערנאטאר האט זיך געצויגען צוועלף יאהר (נחמיה ה 14) באדייט ניט, אז ער האט דעם גרעסטען טייל פון דער צייט פארבראכט אין ירושלים. מ׳האט איהם אויך דערלויבט צו פארלאזען דעם פערסישען הויף נאר מיט דעם תנאי, אז ער זאל קומען צוריק נאך א באשטימטער צייט. מסתמא אויף אזוי לאנג וויפיעל עס איז נייטיג געווען צו פארענדיגען די אויפבויאונג פון דער שטאט פון זיינע פאטערס. אין קאפ. י״ג 6 זאגט ער בפירוש, אז ער איז ניט געווען אין ירושלים אין משך פון דער צייט, ווען עס זיינען איינגעפיהרט געווארען יענע ענדערונגען, געגען וועלכע ער איז אזוי שטרענג אויפגעטראטען בשעת ער איז צוריקגקומען. לויט דעם כאראקטער פון די דאזיגע ענדערונגען ווייזט אויס, אז ער איז ניט געווען אין יהודה א צייט מיט יאהרען.

פון נחמיה׳ס רעגולאציעס פאר דער פארטיידיגונג פון ירושלים איז צו זעהן, אז ער האט ניט דערווארט, אז די שנאה פון איהרע פיינד זאל שוואכער ווערען. די טויערן פון שטאט האט מען ניט געזאלט עפענען ביז ווייט אין טאג אריין, און ערשט דאמאלסט האט מען זיי געזאלט גוט באוואכען. ביי נאכט האט מען זיי גוט פארריגעלט, בעת די פארשידענע טיילען פון דעם מויער האבען געזאלט געהיט ווערען דורך די וואס וואוינען דערביי. אפילו מיט אט דער שטרענגער פארזיכטיגקייט איז די שטאט נאך אלץ געווען אין סכנה, ווארים דער מויער ארום איז לכתחילה געבויט געווארען אין די טעג פון איהר גרעסטען גלאנץ, און זיין לענג און דער שטח וואס ער האט ארומגענומען זיינען דעריבער געווען זעהר גרויס. נאך האבען קיין טויזענטער אידען זיך ניט געהאט צוריקגעקערט, און די איינוואוינער פון דער הייליגער שטאט זיינען געווען צו קליין אין צאהל זי צו קאנען גוט פארטיידיגען (ז 4). נחמיה האט דערפאר גע׳פועל׳ט ביי די מנהיגים, אז זיי זאלען וואוינען אין ירושלים. כדי פול צו מאכען די צאל, האט מען געווארפען גורל, און איינער פון צעהן פון דער גאנצער אידישער באפעלקערונג מחוץ פון ירושלים האט זיך באזעצט אין דער שטאט. די וואס האבען עס פרייוויליג געטאן האבען געוואונען די דאנקבארקייט פון די איבעריגע אידען. גאנץ ווייט פון די האפענונגען פון דעם גרויסען אנאנימען נביא פון גלות איז געווען דער פראזאאישער אופן ווי אזוי ציון איז ווידער באזעצט גע־

וואָרען. אָבער נחמיה האָט, צום ערשטען מאָל זינט דעם חורבן, געלעגט א פעסטען יסוד פאר איהר אנטוויקלונג*).

איידער נחמיה האָט זיך צוריקגעקערט קיין שושן איז געפייערט געוואָרען דער חנוכת־הבית פון דעם מויער. דער כראָניקער, אין פאַרבינדונג מיט די ציטאַטען פון נחמיה'ס באַריכט וועגען דעם פרעהליכען יום־טוב (נחמיה י"ב 31, 32, 37—40). האָט געגעבען זיין אויפפאַסונג פון דער געשעהעניש, און ער האָט דעריבער פאַרגעשטעלט די דריי חשוב'סטע קלאַסען פון זיין צייט (אין אָנהויב פון דער גריכישער תקופה) — די כהנים, די לוים און די משוררים (און אפילו עזרא הסופר) — אלס די ערשטע אָנטיילנעמער; בעת נחמיה און די מנהיגים פון די בירגערליכע קלאַסען ווערען אוועקגעשטופּט אין הינטערגרונט. צום גליק האָט נחמיה, אין דעם פראַגמענט וואָס ווערט ציטירט פון זיינע מעמואַרען, געגעבען א לעבעדיג בילד פון דער פייערונג. צוערשט האָט ער פאַרזאַמעלט דאָס פאָלק און די שרים ביים טויער פון טאָל, אין דרום־מערב־ווינקעל פון שטאָט, וואָס איז געווען אמווייטסטען פון בית־המקדש. דאָרטען האָט ער זיי צעטיילט אין צוויי

*) אין עזרא קאַפּ. ד ווערט דערצעהלט, אז די פערסישע באַאַמטע פון שומרון האָבען געשיקט א מסירה צו ארתחששתא'ן, אַז די אידען באַפעסטיגען ירושלים כדי צו מאכען א מרידה. אויף דעם האָט ארתחששתא געענטפערט מיט א דעקרעט, אז ירושלים זאָל ניט געבויט ווערען. דאָס איז אַ דירעקטע סתירה צו דעם גאַנצען באַריכט פון נחמיה'ס מעמואַרען. קיין געמאַטערטער תירוץ (ווי אַשטייגער קענט'ס אין זיין „היסטאָרי אָוו דהי דזשואיש פּיעפּל") קאָן ניט אויסגלייכען די סתירה. די אלטע ריכטונג, אז עזרא קאַפּ. ד באַציהט זיך אויף א התחלה צו בויען דעם מויער אונטער דער פיהרערשאַפט פון עזרא'ן, איידער נחמיה איז געקומען, איז פון די מעהרסטע פאָרשער היינט אויפגעגעבען געוואָרען, ווייל מ'האָט איינגעזעהן, אַז עס איז אן אוממעגליכקייט, אז עזרא זאָל האָבען געקומען פאר נחמיה'ן (זעה די וויטערדיגע קאַפּילטען וועגען עזרא'ן). די מיינונג פון ע. זעללין אין זיין „זערובאבעל" (לייפּציג, 1898), אז די מסירה איז געשיקט געוואָרען ניט צו ארתחששתא'ן, נאָר צו דריוש'ן געגען זרובבל'ען, וועלכער האָט אָנגעהויבען באַפעסטיגען ירושלים, בלייבט ניט מעהר ווי אן אינטערעסאַנטע השערה, וואָס לאָזט זיך ניט באַווייזען. וועלהויזען'ס מיינונג איז, אַז די מסירה איז געשיקט געוואָרען צו מעגאַביסוס אין דער צייט פון דעם אויפשטאַנד (זעה אויבען ז. 14). דאָס איז אבער ניט מעהר ווי א „ויש לישב בדוחק". די בעסטע ברירה, וואָס מיר האָבען דאָ, איז אָנצונעמען די מיינונג פון קאסטערס („די וויעדער־הערשטעלונג איזראעלס". דויטש פון א. באַזעדאָוו, היידעלבערג, 1895), אַז דער באַריכט וועגען דער שטערונג אין בויען דעם מויער אין דער אַנדערער העלפט פון קאַפּ. ד איז פונקט אַזוי אומהיסטאָריש ווי דער באַריכט וועגען דער

פראַצעסיעס, וואָס יעדערע פון זיי איז געגאַנגען אין אַן אומגעקערטער ריכ־טונג. אַזוי האָבען זיי מאַרשירט אויפ'ן מויער, זינגענדיג לויבלידער צו גאָט. פאר'ן בית־המקדש האָבען ביידע פּראַצעסיעס זיך באַגעגענט און זיך אָפּגע־שטעלט, פאראייניגענדיג זייערע הויכע שטימען אין געזאַנגען פון דאַנק און לויב. אין דער אייגענער צייט האָבען זיך מסתמא געהערט פון בית־המקדש די פייערליכע ניגונים פון די כהנים און די זינגער פון הייליגטום. „און זיי האָ־בען געשאָכטען גרויסע שעכטאָפּפער יענעם טאָג און זיך געפרעהט; וואָרים גאָט האָט זיי א גרויסע שמחה געגעבען; און אויך די פרויען און די קינדער האָבען זיך געפרעהט. און די שמחה פון ירושלים האָט זיך געהערט ביז וויט“ (י"ב 43). און זיי האָבען געהאַט א גוטען גרונט זיך צו פרעהען.

שטערונג אין בויען דעם בית־המקדש אין דער ערשטער העלפט. ביידע באַריכטען האָט דער כראָניקער אויסגעטראַכט, כדי צו פאַרענטפערען די קשיא, פאַרוואָס דער בית־המקדש איז ניט געבויט געוואָרען פאר דריוש'עס צייט און פאַרוואָס דער מויער איז ניט געבויט געוואָרען איידער נחמיה איז געקומען. דער דריוש אבער, אונטער וועמען דער בית־המקדש איז געבויט געוואָרען, איז לויט דעם כראָניקער דריוש דער צווייטער (405—425), וועמען ער רופט דריוש מלך פרס, צו אונטערשיידען פון דריוש דעם ערשטען, וועמען די אידישע היסטאָריקער האָבען גערופען דריוש מלך מדי (דניאל ו 1; ט 1), ווייל זיי האָבען געהאַלטען, אז ער האָט רעגירט פאַר כורש'ן (דניאל ו 29). וויבאַלד אָבער אז דער בית־המקדש איז לויט דעם כראָ־ניקער'ס חשבון געבויט געוואָרען ערשט אונטער דריוש דעם צווייטען, האָט ער שוין ממילא געמוזט האַלטען, אַז דער מויער איז ערשט געבויט געוואָרען אונטער זיין נאָכפאָלגער ארתחששתא דעם צווייטען (358—405). דער כראָניקער דערצעהלט דעריבער אין עזרא קאַפּ. ד, אז אונטער כורש, אחשורוש און ארתחששתא דעם ערשטען זיינען די אידען נאָכאַנאַנד געשטערט געוואָרען דורך זייערע פיינד און האָבען דעריבער ניט געקאָנט בויען ניט דעם בית־המקדש און ניט דעם מויער. אַז דער דעקרעט פון ארתחששתא איז ניט קיין היסטאָרישער דאָקומענט קאָן מען זעהן פון דעם אויסדרוק אין פּסוק 21: „איהר זאָלט שטערען די דאָזיגע מענער צו בויען די שטאָט ביז עס וועט פון מיר אַ באַפעהל געגעבען ווערען“. דאָס האָט געקאָנט געשריבען ווערען נאָר פון איינעם, וואָס האָט געוואוסט, אז דער מויער איז געבויט געוואָרען מיט דעם קעניג'ס א דערלויבעניש. דער פּערסישער קעניג וועט גלייכצייטיג מיט'ן באַפעהל צו שטערען די אַרבייט ניט שטעלען די אויסזיכט, אַז ער וועט שפּעטער מעגליך יא געבען די דערלויבעניש פאר דעם. אויך דער פּסוק 20 האָט געקאָנט געשריבען ווערען נאָר פון א אידען. וואָרים ווי קאָן דאָס געמאָלט זיין, אז דער קעניג האָט געפונען אין די פּערסישע כראָניקעס וועגען די מעכטיגע אידישע מלכים, וואָס האָבען געהערשט איבער „גאַנץ עבר נהרת“? האָבען דען די פּערסישע כראָניקער ניט געהאַט אויפצוצייכענען קיין וויכטיגערע זאכען פאר זייער מלוכה ווי מעשיות וועגען דוד'ן און שלמה'ן?

ווארים נאך א משך פון איבער צוויי הונדערט יאהר פון שאנד און געפאַ־
לענקייט האבען זיי ווידער געקאנט וואוינען זיכער אין דעם שאטען פון
בית־המקדש. די זינגער פון ציון האבען איצט געקאנט אראפנעמען זייערע
הארפען, וואס זיי האבען אמאל אויפגעהאנגען אויף די ווערבעבוימער ביי
די טייכען פון בבל, און זינגען:

„אונזערע פיס שטעהען אין דיינע טויערען, ירושלים,
ירושלים וואס איז געבוים ווי א שטאט וואס איז פעסט אין זיך פארבונדען."
(תהלים קכ"ב, 2, 3)

די ווייטערדיגע אנטוויקלונג פון יודענטום האט געהאט איהר יסוד אין
נחמיה'ס אויפטו. ריכטיג האט דערקלערט ישוע בן־סירא:

„נחמיה — זיין געדעכעניש זאל באשענט ווערען! —
וואס האט אויפגעשטעלט אונזערע חורבות,
און האט צורעכטגעמאכט אונזערע וויסטע ערטער,
און האט אריינגעשטעלט טירען און ריגלען."*)
(מ"ט 13).

3.

די ערשטע טריט צו א רעפארם.

די באדייטונג פון אויפבויען דעם מויער און פון אריינזעצען א באַ־
פעלקערונג אין ירושלים קען ניט צו הויך אפגעשאצט ווערען, ווארים אהן
דעם איז די פאליטישע און רעליגיעזע צוקונפט פון דעם אידישען ישוב אין
ארץ ישראל געווען כמעט אהן האפענונג. כדי אבער די אידישע געמיינדע
זאל זיין ראוי פארצושטעלען מיט זיך דאס אידישע פאלק אלס גאנצעס, איז
נאך געווען אבסאלוט נייטיג דורכצופיהרען א גרינטליכע רעפארם אין איהר
כאראקטער און אין דעם שטייגער פון איהר לעבען. די שארפע באשולדי־
גונג פון איינעם פון די נביאים פון יענער צייט איז, מיט דער אויסנאם פון
דעם קליינעם הייפעל פרומע, געווען אמת; די מיטגלידער פון דער קליינער
מדינה זיינען געווען דורך און דורך דעמאראליזירט (ישעיה נ"ט 1־8). עם

*) אין דעם נייאנטדעקטען העברעאישען אָריגינאל: „נחמיה יאדר זכרו
המקים את חרבותינו וירפא את הריסתינו ויצב דלתים ובריח".

האבען זיך נאך געפונען נביאים צו פארדאמען די עקסיסטירענדיגע איבלען און צו פאדערען א רעפארם; אבער זיי זיינען קענטיג געצוואונגען געווען זיך צו באשיצען פון רדיפות דורכ'ן שרייבען אנאנים*). אסך פון די פרומע האבען זיך ארומגעטראגען מיט דער האפענונג, אז יהוה וועט איינגיכען שיקען זיין „שליח פון דעם בונד", וועלכער וועט פלוצלונג קומען אין דעם היכל צו רייניגען, ווי מיט דעם מעטאל-לייטערער'ס פייער און דעם וואלקער'ס לויג, די זיהן פון לוי און די עבודה פון בית-המקדש; און אסך האבען נאך גע-האפט, אז יהוה גופא וועט ערשיינען צו פארדאמען די הערשענדיגע הייד-נישע מנהגים, די פאלשע שבועות און די אונטערדריקונג פון די הילפלאזע דורך די שטארקע (מלאכי ג 1-5).

אין נחמיה'ן האט די פארטיי פון די פרומע, וואס האט געשטרעבט נאך סאציאלער און רעליגיעזער ריינקייט, געפונען א ווירקזאמען פארקעמ-פער. צום גליק איז ער, מיט זיין אויטאריטעט און מיט זיינע גרויסע פאר-דינסטען פאר דער געמיינדע, געווען פעהיג צו מוסר'ען, פונקט אזוי ווי צו באפעהלען. עס ווייזט אויס, אז בעת מ'האט נאך געהאלטען אין בויען דעם מויער פון ירושלים האבען די קריוודעס פון די מאסען געפונען אן אויס-דרוק (נחמיה ה). אונטער דער אומגערעכטער ממשלה פון די מנהיגים פון דער געמיינדע זיינען די ארימערע שיכטען פון פאלק געצוואונגען געווען, אלס רעזולטאט פון דעם הערשענדיגען סיסטעם פון הויכער וואוכעריי, ניט נאר צו פאר'משכונ'ען זייערע פעלדער און הייזער, נאר אויך צו פארקויפען זייערע זיהן און טעכטער אין שענדליכער קנעכטשאפט ביי די פריצים און די רייכע, כדי צו זיין ביכולת צו צאהלען די פערסישע שטייערן און צו האבען גענוג אויף צו לעבען. ווען נחמיה האט זיך דערוואוסט ווי די זאך האלט, האט ער צוזאמענגערופען אן אלגעמיינע פאלקספארזאמלונג און האט דארטען מיט א ברענענדיגען צארן אנגעגריפען די הארצלאזע אונטערדרי-קער. ער האט צוערשט זיי אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם ביישפיל, וואס ער גופא און די אידען וואס זיינען מיט איהם געקומען האבען געגעבען, אויסלייזענדיג, ווי וויית זייערע מיטלען האבען געגרייכט, זייערע ברידער, וואס זיינען צוליב דער אדער יענער סיבה פארקויפט געווארען צו די גויים. ער האט אויך אפעלירט צו זייער געפיהל פון בושה, אנווייזענדיג ווי זיי

*) מלאכי, האלטען די מאדערנע פארשער, איז ניט דער נאמען פונ'ם מחבר, נאר איז קענטיג גענומען געווארען פון ערשטען פסוק אין דריטען קאפיטעל (וואו דאס ווארט קומט פאר) אלס באצייכענונג פאר דעם מחבר („מלאכי", מיין שליח, גאט'ס שליח), וואס האט געשריבען אנאנים.

מאכען זייער מדינה, מיט זייער מיאוסער אויפפיהרונג, צו שאנד און צו שפאט אין די אויגען פון זייערע פיינד וואס רינגלען זיי ארום. די באשול־דיגטע האבען ניט געהאט וואס צו ענטפערען אויף דעם. נחמיה האט דא־מאלסט פארגעשלאגען, אז זיי אלע, ער און זיין סוויטע, ווי אויך די תקיפים פון דער געמיינדע, זאלען אויפהערען מאנען וואסערע ניט איז צינזען פון זייערע ארימע ברידער. די מנהיגים פון פאלק האבען געגעבען זייער צו־שטימונג צוריקצוגעבען אויפ'ן שטעל די פעלדער, די וויינגערטנער און די הייזער, וואס זיי האבען אוועקגענומען פון די ארימע אידען, און אלץ וואס זיי האבען פון זיי ארויסגעפרעסט. כדי צו זיין זיכער, אז זיי וועלען טאן וואס זיי האבען צוגעזאגט, האט נחמיה זיי געגעבען א פייערליכע שבועה אין דער אנוועזענקייט פון די כהנים און האט אויסגערופען א קללה אויף יע־דען איינעם, וואס וועט ברעכען אט דעם בונד. „און די גאנצע פארזאמלונג האט געזאגט ,אמן' און געלויבט גאט".

אזוי ארום האט די ראדיקאלע רעפארם, וואס האט געזאלט איבעראנ־דערשען דאס לעבען פון דער געמיינדע, זיך אנגעהויבען ביים האלב אויפ־געבויטען מויער און אונטער נחמיה'ס פיהרערשאפט. די פרעצעדענטען. וואס ער האט דעמאלט אויפגעשטעלט, זיינען שפעטער פארקערפערט גע־ווארען אין יענער זאמלונג פון געזעצען, וואס איז באקאנט אלס ת ו ר ת כ ה נ י ם. דאס עלטסטע אידישע געזעץ פון ס פ ר ה ב ר י ת*), האט פארגעשריבען געוויסע תקנות איז פאל ווען א אידישער זוהן אדער א אי־דישע טאכטער ווערט פארקויפט אין קנעכטשאפט (שמות כ"א 2—11). דער ספר דברים**) האט באשטעטיגט דאס אלטע געזעץ און האט נאר צוגע־שטעלט נאך תקנות לטובה פון דעם קנעכט (ט"ו 12—18). די האנדלונג פון די תקיפים פון דער אידישער געמיינדע איז דערפאר געווען שטרענג געזעצליך, ווארים דער ספר דברים איז נאך געווען דאס געזעצבוך, לויט וועלכען זיי האבען זיך געפיהרט. אבער נחמיה און די אידען וואס האבען זיך צוריקגעקערט מיט איהם פון גלות האבען אנגעהויבען צו אנערקענען א העכערען פרינציפ פון ברידערליכער ליבע. יענער פרינציפ און דער פרע־צעדענט וואס נחמיה האט אויפגעשטעלט ווערען אויסגעדריקט אין תורת כהנים (ויקרא כ"ה 39—41), וואו עס ווערט בפירוש אנגעזאגט, אז קיין איד טאר ניט ווערען א פארקויפטער קנעכט. אויף אן ענליכען אופן ווערט

*) זעה אין באנד 1, ז. 289 און 304.

**) זעה אין באנד 3, ז. 132—145.

פארבאָטען אין די עלטערע געזעצע (שמות כ"ב 24 און דברים כ"ג 20). וואס זיינען אנערקענט געווען פון דער געמיינדע, צו נעמען צינזען. ווען מ'מאכט א הלואה צו א אידען. די אויפפיהרונג פון די רייכערע אידען איז דעריבער אין דעם פרט פון פאדערען צינזען ניט געווען צו פארטיידי־גען; אבער נחמיה און זיינע מקורבים, ווען זיי האבען גענומען צינזען אויף געוועהנליכע הלואות, האבען געפאלגט דעם מנהג, וואס איז צוליב פראק־טישע טעמים געווען אלגעמיין אנגענומען ביי די אידען פון גלות און וואס איז שפעטער אנגענומען געווארען אויך פון די אידען אין ארץ ישראל. וואס נחמיה האט אנגעגריפען איז געווען: דאס ארויספרעסען צינזען פון אידען וואס לעבען אין נויט. געגוי אויף דעם דאזיגען פרינציפ ווערט געשטעלט דער טראפ אויך אין דעם געזעץ פון תורת כהנים (ויקרא כ"ה 35—37). דער פאקט וואס דאס פריסטערליכע געזעץ פארבאט נאר צו נעמען צינזען פון דעם ברודער וואס איז געווארען א יורד איז אן אנדייטונג, אז אין גע־וועהנליכע פארהעלטעניזען פון מסחר איז עס געווען דערלויבט.

אין אנדערע זאכען איז נחמיה, אנגעזאפט מיט די שטרענגערע אידעא־לען פון די אידען פון מזרח, געווארען דער פיאנער פון יענער פריסטערלי־כער רעפארם, וואס האט צום סוף אומגעענדערט פון גרונט אויס דעם כא־ראקטער פון ארץ־ישראל'דיגען יודענטום. די פראגע וועגען דער שטעלונג, וואס די געמיינדע זאל נעמען צו די היידנישע און האלב־היידנישע פעלקער, וואס האבען זי ענג איינגעשלאסען פון אלע זייטען, איז געווען אזא ברע־נענדיגע, אז נחמיה האט ניט געקאנט זי איגנארירען. די קליינע אידישע מדינה איז שוין געווען צעטיילט אין צוויי ביטער שטרייטענדיגע פארטייען. די הערשענדיגע פארטיי, די רייכע, די מיוחסים און די אריסטאקראטיע פון די כהנים, האבען, ווי מיר האבען שוין געזעהן, פארטיידיגט פארבינדונגען און חתונה־פארמישונגען מיט זייערע היידנישע שכנים, און האבען זיי פריינדליך אויפגענומען אין בית־המקדש (נחמיה י"ג 4, 5). דערמיט הא־בען זיי אין אמת'ען אנערקענט די גלייכקייט פון די היידנישע רעליגיאנען מיט דער רעליגיאן פון יהוה. די סכנה, וואס איז דערין געלעגען, איז גע־ווען קלאר. דער בית־המקדש און די וואס האבען זיך צוזאמענגעקליבען ארום איהם זיינען געווען דער יסוד, וואס אויף איהם האט זיך געהאלטען די גאנצקייט פון דעם צעשפרייטען פאלק. אונטער דער פערסישער הערשאפט האבען פאליטישע אונטערשיידונגען געהאט א קליינע באדייטונג; די השפעות, וואס האבען געהאלטען גאנץ די אידישע געמיינדע, זיינען געווען פון א שותפות'ער קרובה'שאפט אין בלוט און פון רעליגיאן. אויב די

פארשלונגען ווערען פון די שטארקערע געמיינדעס ארום זיי. דאס רעלי-גיעזע לעבען פון דער אידישער געמיינדע איז פאלעסטינע איז געשטאנען צו נידעריג צו זיין בכוח צו אסימילירען איז זיך נאר אסך היידנישע עלע-מענטען.

גאנץ ווייניג אידען אין יהודה האבען אפגעשאצט די סכנה וואס דא איז פארגעשטאנען. פאקטיש האבען די ארץ־ישראל׳דיגע אידען, וואס זיינען געווען אונטערגעווארפען אונטער דעם נסיון, ניט געקאנט באגרייפען די באַ-דייטונג דערפון אזוי קלאר ווי די צעשפרייטע אידען פון די גלות־לענדער. דער שטענדיגער שרעק פון אסימילירט ווערען איז דער גרויסער גוי׳אי-שער וועלט, וואס איז מיטען פון איהר האבען זיי זיך געפונען, האט געטרי-בען די אידען פון יענע לענדער צו היטען מיט דער גרעסטער זהירות די ריינקייט פון זייער בלוט און זייער רעליגיאָן. די סכנה איז צו גרויס גע-ווען צו דערלויבען א ברייטע טאלעראנץ צו דער גאנצער מענשהייט; זיי האבען דעריבער אוועקגעגעבען גאר די ענערגיע זייערע אויף אויסצובויען ארום זיך א וואנט, וואס זאל ניט נאר ניט צולאזען די גויים, זי זאל אויך האלטען דעם אידען גופא געטריי צו זיין פאלק און זיין רעליגיאָן. ווי ניט אנציהענדיג יענע שיידונגס־וואנט איז געווען, האט זי אבער בלי ספק געראַ-טעוועט דאס יודענטום פון די מערכטיגע אטאקעס, וואס דאס היידענטום האט אויף איהם געמאכט אין די קומענדיגע פיער יאהרהונדערטען. פונקט ווי די ריזיגע בנינים פון דער אלטער צייט, איז אויך די דאזיגע וואנט גע-ווען די ארבייט פון אסך הענט, און איז לאנגזאם געוואקסען פון דור צו דור.

נחמיה׳ס מעמוארען דייטען אז אויף דעם וויכטיגען אנטייל, וואס ער האט גענומען אין בויען אט די גייסטיגע וואנט, פונקט ווי אין בויען די וואנט פון שטיינער, וואס איז נייטיג געווען איידער מ׳האט געקאנט אננע-מען מיטלען אפצושיידען די אידען פון די גויים ארום. מיר האבען טאקע דעריבער אויך קיין אנדייטונג ניט, אז אין דער צייט פון זיין ערשטען טערמין אלס גובערנאטאר זאל ער האבען אפען באקעמפט געמישטע חתונות און פארבינדונגען מיט די גויים ארום, וואס איז אזוי שטארק פארשפרייט געווען אין יהודה. ערשט אין יאהרען ארום, ווען ער איז א צווייטען מאל געקומען אין ירושלים, איז ער עפענטליך ארויסגעטראטען נעגען דעם. ער האט איצט קלאר איינגעזעהן, אז אויך מיט דער וואנט פון שטיינער, וואס ער האט אויסגעבויט, איז די געמיינדע אין ירושלים נאך אלץ אין סכנה, כל־זמן זי האט זיך ניט אפגעשיידט מיט א גייסטיגער וואנט פון דער הייד-

נישער וועלט ארום. דערצו האבען די יאהרען, וואס ער האט אונטער דער צייט פארבראכט צווישען די שטרענג פרומע אידען פון דעם מזרח, געווירקט אויף איהם אפצוקריסטאליזירען זיינע פרינציפען. דאס איינציגע, וואס ער באריכטעט אין פארבינדונג מיט זיין קומען דאס צווייטע מאל אין יהודה, זיינען די מיטלען וואס ער האט אנגענומען, כדי צו רייניגען דאס אויסער־ליכע רעליגיעזע לעבען פון דער געמיינדע. צו זיין שרעק האט ער געפונען, אז דער כהן גדול אלישיב האט געהאלטען רעזערווירט א גרויסען צימער, פארבונדען מיט'ן בית־המקדש, וואו מ'פלעגט פריהער אוועקלעגען געהייליגטע אפפער און הייליגע כלים, פאר טוביה העמוני, מיט וועמען ער האט זיך מתחתן געווען. מיט א גרימצארן האט נחמיה ארויסגעווארפען טוביה'ס זאכען. נאכדעם ווי דער צימער איז גערייניגט געווארען, האט ער דארטען געלאזט ווידער ארייענשטעלען די כלים און די אפפער (נחמיה י"ג 4—9).

ער האט אויך אנטדעקט, אז אסך אידען — באזונדערס די וואס האבען געוואוינט אין די דרום־מערב'דיגע שטעט פון יהודה — האבען חתונה גע־האט מיט פרויען פון אשדוד, עמון און מואב. די קינדער, וואס זיינען גע־בארען געווארען פון אזעלכע געמישטע חתונות, האבען נאטירליך גערעדט א געמישטען דיאלעקט. אט דער פאקט האט אמשטארקסטען קלאר גע־מאכט פאר נחמיה'ן די סכנה פון אזא אויפפיהרונג. זיין געוועהנליכע ענער־גיע און זיין גערעכטער צארן האבען גלייך געפונען אן אויסדרוק. ער האט פערזענליך זיך גענומען צו דער ארבייט אפצושאפען דעם איבעל. מיט שטארקע ווערטער און מיט פעטש, לויט דעם מנהג פון די מזרח־מענשען, האט ער אנגעגריפען די באשולדיגטע און האט זיי געצוואונגען צו שווערען ביי גאט, אז זיי וועלען ניט לאזען זייערע קינדער חתונה האבען מיט קיין ניט־אידען. כדי צו מאכען א שטארקען איינדרוק אויף זיי און זיי צו אי־בערצייגען אין דער סכנה וואס ליגט אין זייער אויפפיהרונג, האט ער ניט ציטירט קיין שום פארבאט אין דער תורה, נאר ער האט זיי דערמאנט די אומגליקליכע רעזולטאטען וואס זיינען ארויסגעקומען פון אזעלכע האנדלונ־גען פאר דעם גרויסען קעניג שלמה. נחמיה האט קאטעגאריש זיך אנט־זאגט אנצונעמען די פארטיידיגונג פון יענע, וואס האבען אונטערגעשטיצט די געמישטע חתונות און האט עפענטליך דערקלערט, אז דאס איז א זינד געגען גאט (נחמיה י"ג 23—27). בלי־ספק האבען די פארטיידיגער פון דעם דאזיגען לויזען מנהג געבראכט אסך ראיות און טענות פאר זייער צד. די געשיכטע פון רות המואבית, די עלטערבאבע פון דוד המלך, האט אנטהאל־טען אין זיך איינעם פון די פיעל פרעצעדענטען, אויף וועלכע זיי האבען זיך

געקאנט באציהען. זיי האבען אויך געקאנט טייטלען מיט די פינגער אויף זייערע איצטיגע מיוחסים און כהנים.

ווען נחמיה האט זיך צו עפעס גענומען, איז ניט געווען זיין טבע זיך צוריקצוציהען. די השפעה און דער אנזעהן פון מאנכע באשולדיגטע איז דער זינד האבען איהם לחלוטין ניט אפגעשראקען. ער האט זיך ניט געקוויינקעלט אפילו צו פארטרייבען דעם אייניקעל פון דעם כהן גדול אלישיב, ווייל ער האט חתונה געהאט מיט סנבלט׳ס טאכטער (י״ג 28). אזא איבערקערעניש פון גרונט אויס, ווי דא איז געשעהן, האט ניט געקאנט דורכגעפיהרט ווערען אין איין טאג, און עס דארף אונז גיט וואונדערען, וואס עס איז איבערגעלאזען געווארען פאר אנדערע הענט צו פארענדיגען די ארבייט; אבער נאר איין מענש אין דער דאזיגער פעריאדע איז געווען גענוג שטארק זי אנצוהייבען, און דאס איז געווען נחמיה. עס איז א גליק וואס דער כראניקער*), וועמעס טענדענץ ס׳איז געווען ארויפצוהייבען זעהר הויך דעם פרומען כהן עזרא אויפ׳ן חשבון פון די פונקט אזעלכע פרומע ישראלים, האט דערהאלטען אין זיינע ניט פולשטענדיגע ציטאטען דעם באריכט פון דעם דאזיגען פאקט. די שבועה פון פאלק ביי דער גרויסער פארזאמלונג, וואס ווערט באריכטעט אין נחמיה קאפ. י, איז כמעט א ווערטליכע ווידערהוילונג פון דער שבועה, וואס זיי האבען געגעבען נחמיה׳ן (פארגלייך י 30, 31 און י״ג 25).

דורך נאך אנדערע האנדלונגען האט אט דער ענערגישער פיאנער ארויפגעצוואונגען אויף דער געמיינדע פון יהודה די העברעה אידעאלען פון די אידען אין צעשפרייטען גלות, און מיט דעם האט ער אויפגעשטעלט פרעצעדענטען, וואס זיינען געווארען דער יסוד פון דער גרויסער רעפארם. די אינסטיטוציע פון שבת, וואס איז געשטאנען אזוי הויך ביי די אידען פון גלות**), איז אין יהודה זעהר שוואך אפגעהיט געווארען. אין געוויסע טיילען פונ׳ם לאנד האט נחמיה געפונען דאס פאלק טוענדיג זייערע געוועהנליכע ארבייטען ביי דער לאנדווירטשאפט אין יענעם הייליגען טאג; די פויערים פלעגען אויך ברייגנען שבת וויין, וויינטרויבען, פייגען און פארשידענע זאר־טען סחורות אין ירושלים. סוחרים פון צ ו ר, וואס האבען געוואוינט אין

*) זעה אויבען ז. 11 אין דער באמערקונג און ווייטער ז. 151—153.
**) זעה אין באנד 3, ז. 244—246.

ירושלים, פלעגען קומען שבת מיט פיש און אנדערע סחורות, כדי צו האבען א גוטען מארק אין א טאג, ווען דאס פאלק האט ניט געארבייט און האט געהאט צייט צו קויפען. נחמיה האט צוערשט געזידעלט די מנהיגים פון יהודה פאר'ן צולאזען אזא זאך, וואס גאט האט זיי דערפאר אזוי שרעקליך געשטראפט אין דער פארגאנגענהייט און וואס וועט איצט ווידער ארויסרופען זיין צארן. נאכדעם ווי ער האט זיי גע'מוסר'ט ווי א נביא, האט ער זיי געגעבען א באפעהל אלס גובערנאטאר, אז די טויערן פון ירושלים זאלען פארשלאסען ווערען פרייטאג, ווי נאר די נאכט הייבט אן צוצופאלען, און אז זיי זאלען ניט געעפענט ווערען ביז דער טאג שבת וועט אינגאנצען זיין אריבער. אזוי ווי ער האט ניט געטרויט די ארטיגע באאמטע, האט ער געשיקט מאנכע פון זיינע דינער אכטונג צו געבען, אז קיין שום סחורה זאל אין דעם טאג ניט אריינקומען אין שטאט. ווען מאנכע קאראבעלניקעס זיינען א פאר מאל געקומען און געבליבען פרייטאג איבער נאכט אויף יענער זייט מויער, האט דער גובערנאטאר גופא זיי געגעבען אזא שטארקע אזהרה, אז זיי האבען זיך שוין מעהר ניט דערוועגט צו קומען. כדי צו זיין זיכער מיט דער דויערהאפטיגקייט פון זיין רעפארם, האט ער באפוילען געוויסע לויים, אז זיי זאלען זיך צוגרייטען צו געהן רעגעלמעסיג יעדען שבת צו די טויערען און היטען, אז עס זאל ניט אריינקומען קיין זאך, וואס איז עלול צו פארשוועכען די הייליגקייט פון שבת (נחמיה י"ג 15—22). מיט די דאזיגע תקנות האט נחמיה ארומגערינגעלט די הייליגע שטאט מיט אן אנדער הויכען מויער, וואס האט זי אפגעשיידט פון דער גוי'אישער וועלט ארום. די צווייטע פליכט וואס דאס פאלק האט אנגענומען ביי דער גרויסער פארזאמלונג: „אויב די פעלקער פון דעם לאנד ברייננען שבת סחורה אדער עפעס א שפייז צו פארקויפען, וועלען מיר פון זיי ניט קויפען אום שבת אדער אין א הייליגען טאג" (נחמיה י 32) איז געווען א פארמעלע אננעמונג פון דעם פרינציפ, וואס נחמיה האט ארויסגעצוואונגען.

נחמיה האט אויך צוגעווענדט זיין פערזענליכע אויפמערקזאמקייט צו דער עבודה אין בית־המקדש, צו מאכען אין איהר אן ארדענונג און אפצושאפען יענע איבלען, וואס האבען געגעבען דעם הייליגטום אזא שלעכטען שם*). ער האט זיך דערוואוסט, אז די לויים האבען ניט געקראגען די פארציעס וואס זיינען פאר זיי באשטימט, און אז זיי און די זינגערס זיינען

*) זעה אויבען ז. 19, 20.

צוליב דעם געצוואונגען גערוען צו פארלאזען דעם בית־המקדש, כדי זיך מפרנס צו זיין פון ערדארבייט. נאכדעם ווי ער האט געזידעלט די מנהיגים פון פאלק פאר'ן צולאזען, אז די עבודה אין בית־המקדש זאל אזוי פארנאכלע־סיגט ווערען, האט ער צוזאמענגערופען אלע לויים. אויך זיין באפעהל האט דאס פאלק געבראכט די מעשר פון זייערע קארן און וויין און אויל אין דעם פלאץ וואו מ'האט עס געהאלטען. כדי צו זיין זיכער, אז זיי וועלען ריכטיג פארטיילט ווערען, האט נחמיה באשטימט א קאמיטעט פון פיער צו האבען די השגחה אויף דעם. שלמיה, וואס איז ווארשיינליך געוועזן דער פאטער פון יענעם חנניה וואס האט געהאלפען בויען דעם מויער (ג 30), האט פארטראטען די כהנים. דער צווייטער מיטגליד איז געוועזן צדוק הסופר, קענטיג א כהן (פארגלייך נחמיה ג 29 און ז. 40), וואס האט געהערט צו יענער קערפערשאפט פון שריפטגעלעהרטע, וואס איז באלד געווארען דער איינפלוסרייכסטער קלאס אין אידישען פאלק. פדיה האט קענטיג פארטרא־טען די איינגעטיליכע לויים, און חנן, וואס איז לויט דעם כראניקער געוועזן איינער פון די בני־אסף (נחמיה י"א 17; י"ב 35, 36), האט פארטראטען די זינגער. אויף די דאזיגע פארלעסליכע מענער האט נחמיה ארויפגעלעגט די אחריות פאר'ן פאנאנדערטיילען גלייך צווישען זייערע ברידער די מעשר וואס מ'האט זיי געבראכט.

מיט דער דאזיגער נייער תקנה איז מען ווייט אוועקגעגאנגען פון די גע־זעצען, וואס האבען געהערשט ביז יענער צייט און וואס מ'האט איצט גע־זוכט אויסצובעסערען. די תורה פון ספר דברים האט אנגעזאגט, אז די אי־דען זאלען נעמען די מעשר פון זייערע קארן און וויין און אויל און קומען דערמיט אין בית־המקדש און פראוועז דערמיט א גרויסען יום־טוב, וואס זיי און זייערע הויזגעזינדען זאלען זיך אין איהם באטייליגען. עס איז אנגע־זאגט געווארען, אז מ'זאל שטיצען מיט א ברייטער האנט דעם ארימען לוי. באזונדערס יעדען דריטען יאהר, אבער ווי גרוים דער געשאנק זאל זיין איז לגמרי אפגעהאנגען פון דער גוטהארציגקייט פון דעם געבער, און קיין תקנות זיינען ניט געמאכט געווארען צו פארטיילען גלייך דאס געגעבענע (דברים י"ד 22—29; כ"ו 12, 13). נחמיה'ס פלאן האט אנערקענט די נייטיגקייט פון בעסערע רעגולאציעס, אבער האט נאך ניט גענאט די שפעטערע תקנות פון דעם פריסטערליכען געזעצבוך, די תקנות וואס זיינען געווארען דער יסוד פון דער תורה וואס די גרויסע פארזאמלונג האט אנגענומען. לויט דעם שפעטערען סיסטעם האבען די לויים צוזאמענגעקליבען די מעשר און עס געבראכט אין בית־המקדש; דערנאך האבען זיי אוועקגעגעבען מעשר פון די

מעשר צו די כהנים, „די זיהן פון אהרן" (נחמיה י 37—39; במדבר י"ח 24—28). נחמיה זעלבסט נאך צו ביים סוף פון דעם אויסצוג פון זיינע מעמוארען, אז ער האט אויך פארמולירט ספעציעלע כללים בנוגע דער פאר־טיילונג פון דער ארבייט פון די כהנים און די לויים. ער האט אויך באַ־שטימט געוויסע צייטען, ווען די האלץ־אפפער פאר דעם מזבח און די ביכורים זאלען געבראכט ווערען אין בית־המקדש. צום באדויערען גיט ער ניט קיין פרטים וועגען דעם ענין, אבער עס איז א קנאפער ספק, אז די דאַ־זיגע נייטיגע תקנות זיינען געווען דער יסוד פון די צוויי שייכות'דיגע פונק־טען אין דעם בונד, וואס איז פארצייכענט אין נחמיה קאפ. י, פסוק 34, 35.

אזוי ארום ווערט פאר אונז קלאר דאס אמת'ע פארהעלטעניש פון נחמיה'ס ארבייט צו דער גרויסער פארזאמלונג. ביים ליכט פון די שוין אויסגעשטודירטע פאקטען איז עס קוים נייטיג צו ברייגגען נאך ראיות, כדי צו באווייזען, אז דאס אנגעמען פון דעם פייערליכען בונד דורך דער גע־מיינדע איז ניט פאראויסגעגאנגען, נאר איז געקומען נאך נחמיה'ס רעפאר־מען. אויב מ'זאל אננעמען, אז די גרויסע פארזאמלונג איז פארגעקומען פאר נחמיה'ס רעפארמען, איז אין דעם פאל אומדערקלערליך וואס נחמיה שווייגט לגמרי וועגען דעם און דערמאנט עס אפילו ניט מיט א ווארט. ער ווייסט לחלוטין ניט פון קיין נייעם „ישראל" אין פאלעסטינע, וואס איז באשאפען געווארען דורך דער צונויפשמעלצונג פון די פרומע, וואס האבען זיך צוריקגעקערט פון גלות, מיט יענע ארץ־ישראל'דיגע אידען וואס האבען זיך אפגעשיידט פון „די פעלקער פון די לענדער" און האבען זיך אונטערגע־שריבען באלה ובשבועה צו היטען די נייע פריסטערליכע תורה. (פארגלייך עזרא ו 21; ט 1). אויב די גרויסע פארזאמלונג איז פארגעקומען פאר די געשעהענישען, וואס זיינען פארצייכענט אין נחמיה י"ג, זיינען נחמיה'ס תקנות, און באזונדערס יענע וואס זיינען נוגע דער פארטיילונג פון די מעשר צו די לויים, געווען לגמרי ניט נייטיג און גאר רעאקציאנער; סיידען מ'זאל אננעמען, אז די פריסטערליכע רעפארם, וואס איז געוועהנליך פאר־בונדען מיט די נעמען פון עזרא און נחמיה, האט זיך ארויסגעוויזען אין דער פראקטיקע אלס א דורכפאל. דאס וואלט אבער לגמרי זיין א סתירה צו דעם כאראקטער פון שפעטערדיגען יודענטום. פון דער אנדערער זייט, ווי עס איז שוין אויבען מעהר ווי איין מאל באמערקט געווארען, טראגען מיר ארוים דעם איינדרוק פון נחמיה'ס אלע האנדלונגען, אז זיי זיינען געווען פיאנערען־טריט צו א רעפארם, די נאטירליכסטע און נייטיגסטע הכנות צו דער גרויסער פארזאמלונג. עס איז א פאקט, וואס ווארפט זיך צופיעל

אין די אויגען, אז אלע פונקטען, מיט דער אויסנאם פון איינעם, וואס יענע קערפערשאפט האט אנגענומען „באלה ובשבועה", לויט דעם באריכט אין נחמיה קאפ. י, האבען געקראגען זייער אנשטויס דורך נחמיה'ס רעפארמען.

אונזער שטודיום פון דעם כאראקטער פון דער געמיינדע אין יהודה האט איבערצייגענדיג געוויזען, אז דער הויפט־אנטרייב צו רעפארם האט געמוזט קומען פון דרויסען. אז ער איז באמת טאקע געקומען פון די אידען פון מזרח ווערט באשטעטיגט פון אלע טראדיציעס וועגען דעם דאזיגען געגענשטאנד. אבער ביים ליכט פון די אומשטענדען, וואס האבען געהערשט אין יהודה איידער נחמיה איז געקומען, איז אוממעגליך צו גלויבען, אז אלץ וואס איז נייטיג געווען צו באאיינפלוסען די ארץ־ישראל'דיגע אידען, אז זיי זאלען אוועקווארפען מנהגים און רעליגיעזע האנדלונגען וואס זיינען געווען איינגעווארצעלט ביי זיי פון הונדערטער יאהרען, אז זיי זאלען ארויסטרייבען פון זייערע היימען אסך שטארק־געליבטע פרויען און קינדער און זאלען אננעמען כמעט איינשטימיג א נייע געזעצבוך—אז אלץ וואס איז נייטיג געווען דערצו איז, אז א אידישע דעפוטאציע פון מזרח זאל קומען זיי באזוכען מיט דער נייער תורה אין זייער האנט און זאל תיכף זיי צוזאמענרופען, כדי זי צו פארעפענטליכען. די ריזיגע אויפגאבע איז געווען אזא, וואס האט געפאדערט ניט א וואך, נאר יאהרען זי דורכצופיהרען. עס האט דערך־צו זיך געפאדערט די מסירת־נפש ניט פון איין מאן, נאר פון אסך. עס זיינען פאראן גענוג ראיות, אז עס זיינען געווען אסך פרומע און געטרייע נביאים, און כהנים אין דער געמיינדע און מחוץ פון איהר, וואס האבען מיטגעהאלפען אין דער ארבייט (פארגלייך ישעיה נ"ו ביז ס"ג און מלאכי א, ב); אבער דער יעניגער, וואס נאר ער אליין האט פארמאגט אי די מאכט, אי דעם פרעסטיזש, אי די ענערגיע, אי דעם טאקט און אי די מסירת־נפש, איז געווען ניט קיין נביא, ניט קיין כהן, ניט קיין סופר, נאר דער גרויסער פשוט'ער איד נחמיה. אהן זיינע וויכטיגע אויפטואונגען איז שווער זיך פארצושטעלען ווי אזוי די גרויסע איבעראנדערשונג וואלט געקאנט דורכגעפיהרט ווערען. די טראדיציע, וואס האט זיך דערהאלטען אין חשמונאים ב (קאפ. א), אז ער, און ניט עזרא, האט צוריק אייגעשטעלט די אמת'ע עבודה אין בית־המקדש, איז זיכער ניט אהן א יסוד. עס איז באדייטונגספול וואס אין די שריפטען פון די קומענדיגע צוויי אדער דריי יאהרהונדערטען, מיט דער אויסנאם פון דער טראדיציע וואס דער כראניקער האט דערהאלטען, ווערט נחמיה'ס נאמען פאראייביגט, בעת עזרא'ס נאמען ווערט פארשוויגען. דער גרעסערער כבוד קומט גיכער דעם פיאנער, וואס

איז גובר דעם פארהארטעוועטע באדען, איידער דעם, וואס שניידט די פרוכט. ווען נחמיה איז געווען פארטיג מיט זיין פיעל־זייטיגער ארבייט, איז די געמיינדע אין יהודה צום ערשטען מאל אין איהר געשיכטע געווען גרייט מקבל צו זיין די תורה, וואס עזרא און די פרומע אידען פון גלות האבען געבראכט מיט זיך.

4.

דאטום און כאראקטער פון עזרא'ס עקספעדיציע.

ווען מ'פיהרט דורך ראדיקאלע רעפארמען איז אומבאדינגט נייטיג צו שאפען נייע געזעצען, כדי צו זיין זיכער, אז די נייע ארדענונג וועט האבען א לאנגען קיום. אזוי איז יאשיהו'ס רעפארם אין יאהר 621 (פאר קר.) פאר'חתמ'ענט געווארען דורך א בונד אויפ'ן געזעצבוך, וואס איז אנט־האלטען אין אונזער איצטיגען ספר דברים. ווען די פרינציפען, וואס זיינען געווען די וועגווייזער פאר די פיהרער פון יענער גרויסער באוועגונג, ביי וועלכער מיר האלטען איצט, וואלטען ניט אויסגעדריקט געווארען אין דער פארם פון געשריבענע געזעצען, וואלט זייער השפעה אויפ'ן אידישען פאלק ניט געווען אזא דויערהאפטע און שטארקע. פונקט אזוי האבען די רעוואָ־לוציאניזירענדיגע מיטלען, וואס נחמיה האט אנגענומען, ניט נאר צוגע־גרייט דעם וועג פאר א נייעם און רעווידירטען געזעצבוך, זיי האבען געמאכט אזא בוך פאר אבסאלוט נייטיג. בעת די אידען אין יהודה האבען ביז איצט זיך צופרידענגעשטעלט מיט דער תורה פון ספר דברים, האבען נייע אומ־שטענדען, נייע איבערלעבונגען און נייע איינזעהענישען באוואוינגען אזעלכע אידען פון גלות ווי יחזקאל צו רעווידירען און צו מאכען ברייטער דעם אל־טען סיסטעם. אזוי ארום האט בהדרגה זיך פארמירט א נייע, אין דעם זין פון א פארברייטערטער, תורה. ווי ווייט נחמיה איז אין זיין רעפארם־ארבייט באאיינפלוסט געווען פון געזעצען, וואס די אידען פון מזרח האבען שוין געהאט פארמולירט און וואס ער האט גוט געקענט; און ווי ווייט ווידער די פרעצעדענטען, וואס ער האט אויפגעשטעלט זיינען געווארען דער יסוד פון די געזעצען גופא — זיינען פראגען, וואס מ'קאן אויף זיי קיינמאל ניט זיכער ענטפערען. וואס מיר ווייסען יא איז: אז זיין שטעלונג צו די צור־

שטענדען אין יהודה האט זיך ראדיקאל געענדערט אין משך פון דער צייט, וואס ער האט פארבראכט אין מזרח נאך זיין ערשטען באזוך אין ירושלים*).

צוריק ווידער זיינען די מעהרסטע פון זיינע רעפארמען געווען אזעלכע, וואס האבען דורך די צושטענדען גופא געמוזט ארויפקומען אויפ'ן געדאנק פון אזא גייסטרייכען און פרומען מאן. אודאי האט ער ניט געזוכט איינ־צופיהרען א סיסטעם, וואס איז געווען צוגעפאסט נאר פאר יחידי־סגולה און וואס איז געשאפען געווארען פון כהנים, וואס זיינען ניט געווען באקאנט מיט די נויטוועגדיגקייטען, וואס זיי האבען באהאנדעלט. די תורת כהנים גופא אנטדעקט פאר אונז א נאהנטע באקאנטשאפט מיט דעם מצב אין יהודה, פונקט ווי מיט דעם מצב פון די צעשפרייטע אידען פון גלות. מ'דארף דערפאר אננעמען, אז נחמיה איז, קומענדיג אין יהודה, לכל הפחות געווען באקאנט מיט די פרינציפען און אויפפיהרונגען, וואס האבען געהערשט צווישען זיינע ברידער אין מזרח; און אז, צוריק ווידער, זיינען די רעפארמען, וואס ער האט דורכגעפיהרט געווען א וועגווייזער פאר יענע, וואס האבען געגעבען די ענדגילטיגע פארם דעם סיסטעם פון געזעצען, וואס האט בהדרגה זיך געהאלטען אין אנטוויקלען.

צום באדויערען האבען מיר בנוגע דער איינפיהרונג פון דעם נייעם, רעווידירטען געזעצבוך ניט אזעלכע זיכערע און אויספיהרליכע ידיעות, ווי מיר האבען בנוגע דער אויפבויאונג פון דעם מויער ארום ירושלים. די טראדיציע, וואס דער כראניקער האט דערהאלטען, פארקניפט עס מיט ביידען, מיט נחמיה'ן און עזרא'ן. לויט דעם כראניקער איז עזרא געקומען אין זי־בעטען יאהר פון ארתחששתא'ן (עזרא ז 7, 8), עס הייסט דרייצעהן יאהר פאר נחמיה'ן. דער כראניקער איז דערמיט אויסען געווען צו שטעלען עזרא'ן, דעם כהן און סופר, פאראויס פאר נחמיה'ן, דעם פשוט'ען אידען. עס קאן אויך געמאלט זיין, אז ער האט געוואלט שאפען דעם איינדרוק, אז דער מויער פון ירושלים איז געבויט געווארען דורך אידען וואס זיינען גע־קומען צוריק פון גלות. נעמענדיג אין באטראכט די צושטענדען, וואס הא־בען געהערשט אין יהודה איידער דער מויער איז געבויט געווארען דורך נחמיה'ן און איידער ער האט אנגעהויבען זיינע רעפארמען, איז עזרא'ס עקס־פעדיציע אין יענער צייט פשוט אן אוממעגליכקייט. אפילו די פארשער, וואס האלטען זיך נאך אלץ ביי זייער עקשנות, אז עזרא'ס עקספעדיציע איז געקומען פאר נחמיה'ן, זיינען געצוואונגען אנצונעמען די השערה, אז זי איז

*) זעה אויבען ז. 42, 43.

געוועז אין גאנצען א דורכפאל, בעת דער באריכט גופא באהויפטעט פונקט דעם היפוך. דאס וואס אין נחמיה׳ס מעמוארען, וואו מ׳האט עס זיכער געמעגט דערוואַרטען, איז ניטא אפילו קיין ברעקל רמז אויף עזרא׳ס עקספעדיציע און אויף זיין שטרענגער רעפארם, קאן נאר דערקלערט ווערען דער־מיט: אז דאס איז פארגעקומען נאכדעם ווי נחמיה האט שוין געהאט דורכגעפיהרט זיינע רעפארמען. ניט איינער פון די חשוב׳ע לייט, וואס זיינען געקומען פון גלות מיט עזרא׳ן (עזרא ח), ווערט ניט דערמאנט פון נחמיה׳ן, הגם זיי האבען באדארפט זיין, אויב זיי זיינען געוועזן אין ירושלים, זיינע געטרייעסטע העלפער. עס איז אויך אומדערקלערליך, ווי אזוי דער מנהג זיך מתחתן צו זיין מיט ניט־אידען האט געקאנט פראקטיצירט ווערען אומבאשרענקט ביז נחמיה איז אויפגעטראטען געגען דעם אין דער צייט פון זיין צווייטען באזוך אין ירושלים, שוין דערנאך ווי עזרא האט דורכגעפיהרט דעם באשלוס זיך אפצושיידען פון די פעלקער ארום און די געמיינדע האט עס אנגענומען כמעט „פה־אחד“ (עזרא ט, י).

צוריק ווידער זיינען דא אזויפיעל און אזעלכע שטארקע ראיות, אז עזרא׳ס עקספעדיציע איז פארגעקומען נאך נחמיה׳ס טעטיגקייט. אין עזרא׳ס תפילה (עזרא ט 9) דאנקט ער גאט וואס ירושלים און יהודה האבען ווידער א פעסטונג. ער האט געפונען די הייליגע שטאט ניט וויסט און פוסט, ווי נחמיה האט זי געפונען אין יאהר 445, נאר באפעסטיגט און באזעצט פון אסך איינוואוינער. זיין איבערראשונג און שרעק, וואס דאס פאלק האט זיך נאך ניט אינגאנצען אפגעשיידט פון די פרעמדע פעלקערשאפטען ארום, האט אלס פארבאדינג, אז נחמיה האט שוין פריהער אנגענומען מיט־לען געגען דעם (עזרא ט 1—3). דער מאן, וואס האט אויפגעבויט זייער צעשטערטע שטאט, דאס ערשטע מאל זינט זי איז חרוב געווארען דורך די כשדים, האט געבראכט די ארץ־ישראל׳דיגע אידען אין א נאהנטער און אחדות׳דיגער באריהרונג מיט די אידען פון גלות, און האט צוגעגרייט דעם וועג פאר אן עקספעדיציע, אזא ווי עזרא׳ס. נחמיה׳ס אויפטו אין באַ־פעסטיגען זייער חרוב׳ע הויפטשטאט און אין אויפשטעלען ווידער זייער פרעסטיזש, אויך צום ערשטען מאל, האט אויפגעוועקט אין די הערצער פון די ארימע אידען אין ארץ ישראל א געפיהל פון טיפער דאנקבארקייט צו זייערע ברידער אין מזרח. פונקט אזוי אויך האבען זיינע לייכטע רעפארמען זיי צוגעגרייט פאר נאך שטרענגערע, וואס זיינען געקומען פון זעלביגען מקור. צוריק ווידער האט זיין ארבייט אויפגעוועקט דעם אינטערעס פון די גלות־אידען צו זייערע ברידער פון יהודה. ווען ירושלים איז ארומגערינגעלט

געווארען מיט א מויער, איז זי ווידער געווארען, דאס ערשטע מאל זינט דעם יאהר 586, א זיכערער און אנציהענדיגער פלאץ פאר איהרע קינדער, וואס האבען זיך צוריקגעקערט צו איהר פון גלות. די רעפארמען, וואס נחמיה האט איינגעפיהרט אין דער פראסטער, אפגעלאזענער, האלב־היידנישער גע־מיינדע אין יהודה, האבען פארשפראכען, אויב זיי וועלען דורכגעפיהרט ווערען, זי צו פארוואנדלען אין א קערפערשאפט, וואס די פרימערע און מעהר קולטיווירטע אידען פון גלות האבען געקאנט לעבען מיט איהר אין אחדות. יהודה איז סוף־כל־סוף געווארען א פלאץ, וואס האט אפעלירט צו דער פרומקייט, ווי אויך צו דעם פאטריאטיזם, פון די אידען, וואס האבען גע־לעבט אונטער גינסטיגערע באדינגונגען ווייט פון איהרע גרעניצען. דער וואונש ווידער אויפצושטעלען דעם אמת'ען ישראל אין דעם אלטען לאנד, ארום גאט'ס הייליגען הויז, איז געווארען אזוי שטארק, אז ער האט בא־וואויגען אסך אידען אין קומענדיגען האלבען יאהרהונדערט צו ווענדען זייערע פנים'ער צו ירושלים, כדי צו אונטערשטיצען מיט זייער אנוועזענקייט, ווי אויך מיט זייער השפעה, די ריינע רעליגיאן.

איינע פון די ערשטע, גרעסטע און איבערגעבענסטע פון די דאזיגע גרופעס פון צוריקקערענדיגע גלות־אידען איז אנגעפיהרט געווארען פון עזרא'ן. דער דאטום פון זיין עקספעדיציע און פון דער ג ר ו י ס ע ר פ א ר ז א מ ל ו נ ג, וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין קומענדיגען יאהר, קאן ניט גענוי באשטימט ווערען פון דעם מאטעריאל, וואס מיר האבען ווע־גען דעם. מיר האבען אויבען אויסגעדריקט די מיינונג, אז די באהויפ־טונג פון כראניקער אין עזרא ז. 8, אז עזרא האט געמאכט זיין עקספע־דיציע אין דעם זיבעטען יאהר פון ארתחששתא'ן, שטאמט פון זיין וואונש צו שטעלען עזרא'ן פאר נחמיה'ן. אנדערע פארשער נעמען אן, אז דאס איז א געוועהנליכער גרייז פון אן איבערשרייבער און אז „דרייסיג" איז דא ארויסגעפאלען; עס הייסט: אז לכתחילה איז געשטאנען „אין דעם זיבען־און־דרייסיגסטען יאהר פון דעם קעניג". מאנכע האבען אויך אנגענומען, אז עזרא'ס קעניג איז געווען ארתחששתא דער צווייטער, און אז „דאס זיבעטע יאהר פון דעם קעניג" איז בכן געווען דאס יאהר 398 (פאר קר.). דא אבער העלפען אונז ווידער ארוים די עלעפאנטין־פאפירוסען. מיר ווייסען פון זיי, אז אונטער דריוש דעם צווייטען איז פסח שוין געפייערט געווארען לויט ווי עס ווערט אנגעזאגט אויסשליסליך אין ת ו ר ת כ ה נ י ם, ניט אבער אין קיינעם פון די עלטערע געזעצביכער. דאס באווייזט בכן, אז אין דער אנדערער העלפט פון פינפטען יאהרהונדערט (פאר קר.), בערך

אין די לעצטע יאהרען פון ארתחששתא דעם ערשטען, קענטיג אין דער צייט ווען נחמיה איז צום צווייטען מאל געווען אין ירושלים, איז איינגעפיהרט געווארען אין יהודה דאס נייע געזעצבוך, וואס האט געגעבען דער געמיינדע דעם אייגענארטיגען כאראקטער, וואס זי האט געטראגען אין די שפעטערע צייטען*).

ביים ליכט פון די פאראויסגעהענדיגע שטודיעס איז מעגליך אפצושאצען די אמת'ע באדייטונג פון עזרא'ס עקספעדיציע. זי איז געווען דער העכסטער פונקט דערגרייכט דורך יאהרהונדערטער פון אנטוויקלונג. זי האט פארגעשטעלט מיט זיך דעם גרעסטען בייטראג פון די אידען פון מזרח צו זייערע ברידער ארץ ישראל. איהר ציל איז געווען: צו מאכען א בריק איבער דעם תהום, וואס איז ביז איצט געלעגען צווישען זיי, און צו פארווירקליכען אויף דעם הייליגען באדען פון יהודה די אידעאלען פון זייערע פריהערדיגע נביאים און שפעטערדיגע כהנים. איהר פראגראם איז געווען א תורה, וואס דריקט אויס די ריטואליסטישע ריכטונג פון יענער צייט און וואס איז צוגעפאסט געווען צו די נייע אומשטענדען, אין וועלכע דאס אידישע פאלק האט זיך דעמאלט געפונען. איהר פיהרער איז געווען דער פארשטעהער פון דער באוועגונג. דער כראניקער גיט זיין יחוס-בריף ביז אהרן הכהן און באשרייבט איהם אלס „א געניטען סופר אין משה'ס תורה, וואס דער גאט פון ישראל האט געגעבען." אין דער ערשטער צייט פון דער אידישער מלוכה איז דער סופר געווען דעם קעניג'ס סעקרעטער אדער דער קאנצלער פון דער מלוכה**). פאר דעם גלות אבער האט מען אנגעהויבען אנצווענדען די דאזיגע באצייכענונג אויף די, וואס האבען זיך אפגעגעבען מיט'ן שטודירען און ארויסגעבען די עלטערע ביכער און באזונדערס די געזעצביכער (ירמיה ח 8). אין די אייגענארטיגע אומשטענדען און באדערפענישען פון דעם גלות האבען די כהנים, מחמת זיי האבען קיין בית-המקדש ניט געהאט, זיך איינגאנצען אפגעגעבען מיט דער תורה, האבען זי

---

*) פארגלייך אויבען ז. 26 אין דער באמערקונג. דער דאזיגער דאטום ווערט אויך באשטעטיגט דורך דעם פאקט, וואס מרמות בן-אוריה, וועלכער איז געשטאנען בראש פון דער קאמיסיע וואס האט איבערגענומען די מתנות פאר'ן בית-המקדש פון עזרא'ן און זיינע באגלייטער, און מלכיה בן-חרם, וועלכער שטעהט צווישען די, וואס האבען צוגעזאגט נאך עזרא'ס אנקומען זיך צו שיידען פון זייערע פרעמדע פרויען — האבען ביידע נאך געהאלפען בויען דעם מויער אין יאהר 445 (פארגלייך עזרא ח 33; י 31; נחמיה ג 4, 11, 21).

**) פארגלייך אין באנד 1, ז. 83 און 129, 130.

גרינטליך שטודירט, זי מסדר געווען און זי אויסגעטייטשט. זייער אנגע־זאמעלטע ענערגיע האט זיך אויסגעדריקט אין דער הייסער מסירת־נפש, מיט וועלכער זיי האבען זי געהיט. און זיי זיינען באשטאנען אויף דעם, אז זייער גאנץ פאלק זאל אפהיטען געטריי איהרע געבאטען. די תורה איז געווען פאר זיי דער לעצטער און פולסטער אויסדרוק פון גאט'ס ווילען. זיך אנטזאגען צו היטען די תורה איז געווען דאס אייגענע ווי ווידערשפעניגען געגען גאט גופא. אזויפיעל ווארצלען האט די תורה געהאט אין דער אור־גראהער פארגאנגענהייט און אזוי גרויס אויפגעוואקסען איז געווען דער בנין, אז די טראדיציעס, וואס האבען זי צוגעשריבען אלס גאנצע צו די עלטסטע טעג פון דער געשיכטע פון אידישען פאלק און צו משה'ן, די גרעסטע פערזענליכקייט אין יענער פעריאדע, זיינען אנגענומען געווארען אלס אומבאשטריטען. די תורה האט דעריבער געהאט די אויטאריטעט ניט נאר פון גאט, נאר אויך פון דער פארהייליגטער פארגאנגענהייט. מענשען ווי עזרא האבען ניט געקאנט פארטראגען דעם געדאנק, אז די עבודה פון בית־המקדש אין ירושלים איז ניט געפיהרט געווארען לויט דער הייליגער תורה פון משה'ן, און אז גאט'ס הייליגטום איז נאכאנאנד פארשוועכט גע־ווארען דורך כהנים און ישראלים, וואס זיינען ניט געווען טהור לויט דער תורת כהנים.

עזרא איז געקומען אין ירושלים מיט ספעציעלע קאנצעסיעס און מיט א פירמאן פון דעם קעניג, וואס האט איהם געגעבען די פולמאכט איינצו־פיהרען זיין געזעץ צווישען אלע אידען פון „עבר נהרה" (אין מערב־זייט פון טייך פרת, עזרא ז 11—26). די גרעסטע פארשער נעמען היינט אן אלס אומבאשטריטען, ספעציעל נאך ביים ליכט פון די עלעפאנטין־פאפירוסען*), אז דער דאזיגער דעקרעט פון דעם קעניג איז א היסטארישער דאקומענט. מאנכע געלעהרטע האבען דערקלערט עזרא'ס פירמאן אלס אויסגעטראכט פון דעם כראניקער. ווארים ווי איז דאס מעגליך, טענה'ען זיי, אז דער פער־סישער קעניג זאל האבען געהאט אן אינטערעס אין די אינערליכע רעליגיעזע ענינים פון די אידען? באמת אבער איז אזא זאך ניט נאר מעגליך, נאר מעהר נאך ווי ווארשיינליך. מ'מעג אננעמען, אז אין ארתחשסתא'ס קאנ־צעסיעס צו די אידען איז געלעגען א וויכטיגער פאליטישער מאטיוו. עס איז געווען נאך די גרויסע אויפשטאנדען אין עגיפטען און אין סיריען**).

---

*) זעה „דער פאפירוספונד פאן עלעפאנטין", פון עדוארד מייער, לייפציג, 1912, ז. 1—5.

**) זעה אויבען ז. 13, 14.

און די צענטראלע רעגירונג אין שושן איז קענטיג שטארק פאראינטערעסירט געוועזן, אז יהודה, אויפ'ן וועג צווישען די דאזיגע צוויי לענדער, זאל מעהר באזעצט ווערען דורך אידען צוריקגעקומענע פון מזרח, און אז אט די שטרענג רעליגיעזע אידען פון גלות זאלען קריגען די אויבערהאנט איבער די ארץ־ישראל'דיגע אידען. דאס האט געקאנט אסך העלפען אין איינשטעלען רוה און אויפהאלטען ארדענונג אין יענער געגענד. ווארים די פרומע גלות־אידען האבען געשטרעבט צו גרינדען א רעליגיעזע געמיינדע אין יהודה, אפגעשיידט פון די פעלקער ארום, און דאס איז געווען א גוטער מיטעל צו בארוהיגען פאליטיש די אידען אין מערב־זייט פון פרת. עס קאן דערפאר גרייזלעד זיין, אז נאכדעם ווי נחמיה האט געקראגען די דערלויבעניש פון ארתחששתא'ן אויפצובויען „די שטאט פון די קברים פון זיינע אורעלטערן" האט זיך איהם, און אפשר נאך אנדערע איינפלוסרייכע אידען אין מזרח, איינגעגעבען צו איבערצייגען די הויכע רעגירונגס־קרייזען אין שושן, אז עס ליגט אין זייערע אינטערעסען צו געבען די פולמאכט צו א גרופע גלות־אידען איינצופיהרען די פריסטערליכע תורה אלס די קאנסטיטוציע פון אידישען לעבען*). עס איז מעגליך אז ארתחששתא האט באטראכט עזרא'ן ווי זיינעם א קאמיסאר, וואס דינט די אינטערעסען פון זיין אימפעריע, אבער עס איז זיכער, אז דער פרומער עזרא האט באטראכט דעם קעניג ניט מעהר ווי א געצייג אין גאט'ס האנט.

הגם עזרא האט געהאט די פולע מאכט פון דער רעגירונג אין שושן, האבען מיר אבער קיין באווייז ניט, אז ער האט דורכגעפיהרט זיין רעפארם דורך וואסער ניט איז אנדערע אויטאריטעט, אחוץ דער אויטאריטעט פון דער תורה, וואס ער האט אין זיין האנט געטראגען. דער פיהרער גופא פון דער עקספעדיציע, עזרא, איז געקומען פון דער פראווינץ פון בבל, דעם

*) עס ווייזט אויס פון די עלעפאנטין־פאפירוסען, אז ניט נאר ארתחששתא דער ערשטער, נאר אויך זיין נאכפאלגער דריוש דער צווייטער איז געווען שטארק פאראינטערעסירט, אז די פריסטערליכע תורה זאל אפגעהיט ווערען פון אלע אידען. דער בריף פון חנניה'ן צו די אידען אין עלעפאנטין וועגען פסח, וואס מיר האבען שוין אויבען דערמאנט (זעה אויף ז. 52), ווערט פון די מעהרסטע פארשער אויסגעטייטשט אלס דעקרעט פון דריוש'ן צו זיין סאטראפ אין עגיפטען, אז די אידישע מיליטער־קאלאניע אין עלעפאנטין זאל היטען פסח לויט די פארשריפטען פון תורת כהנים. זעה אין דעם ביכעל פון עדוארד מייער, וואס מיר האבען דערמאנט אין דער פריהערדיגער באמערקונג, אויף ז. 91—97 און אין Archaeology and the Bible, George A. Barton, 1916, p. 390.

אורשפרינגליכען צענטער פון יודענטום אין מזרח; אבער די נעמען פון די פארשידענע גרופעס אידען, וואס זיינען מיטגעגאנגען מיט איהם, דייטען אן, אז זיי זיינען געקומען פון די ווייטסטע לענדער פון גלות. געמענדיג אין באטראכט דעם נידעריגערען ראנג, וואס די לוים פארנעמען לויט דער תורת כהנים, איז קיין חידוש ניט וואס קיינער פון זיי האט לכתחילה זיך ניט אנגעשלאסען אן זיין עקספעדיציע. נאך מעהר, די כהנים פון דעם בית־המקדש אין ירושלים, ניט די פון די במות, זיינען פארטריבען געווארען דורך נבוכדראצר'ן אין בבל. עס ווייזט דערפאר אוים, אז זעהר ווניג לויים האבען זיך געפונען אין מזרח. נאר אכט־און־דרייסיג האט מען סוף־כל־סוף געקאנט געפינען זיך צוריקצוקערען. ארום און ארום האבען בערך פופצען הונדערט מענער, פארשטעלענדיג זעקס אדער זיבען טויזענט נפשות, זיך אנגעשלאסען אן עזרא'ן איז דעם פארזאמלונגס־פלאץ ביי דעם טייך אהוא, קענטיג איינער פון די קליינע טייכען אדער קאנאלען וואס פליסען אריין אין דעם פרת ארום 127 מייל אין צפון־מערב־זייט פון דער שטאט בבל. די גרויסע מעהרהייט פון די אידען, וואס האבען ניט געקאנט אליין זיך צוריקקערען אין יהודה, האבען זיך באטייליגט אין דער ווידער־אויפבויאונג פון דעם נייעם ישראל אין זיין לאנד מיט רייכע מתנות פאר דעם ביתהמקדש. לויט דעם עזרא־באריכט האבען די געשאנקען פון דעם פערסישען קעניג און זיין הויף, צוזאמען מיט די מתנות וואס די אידען האבען געגעבען, באטראפען זעקס הונדערט און פופציג טאלענטען זילבער, הונדערט טאלענטען גאלד און טויזענד דאריקען*), אחוץ אסך גרויסע כלים פון גאלד און זילבער. אזוי ווי אלע בייטראגען צוזאמען האבען אויסגעמאכט א סך־הכל פון איבער פיער מיליאן דאלאר, דארף מען דעריבער אננעמען, אז די דאזיגע צאהלען, ווי אסך אנדערע פון דעם כראניקער (פארגלייך באזונדערס די צאהלען אין ספר דברי הימים מיט זייערע פאראלעלען אין ספר מלכים), זיינען שפעטער געווארען גוזמא'דיג.

נאכדעם ווי די זיך צוריקקערענדיגע אידען האבען געפאסט און תפילה געטאן, לויט דעם מנהג פון די פרומע אידען אין צעשפרייטען גלות, האבען זיי אנגעהויבען דעם צוועלפטען טאג אין נ י ס ן זייער לאנגע, שווערע

---

*) דאריק („אדרכון" אויך „דרכמון"), א גאלדענע מטבע אין דער פערסישער און אויך אין דער גריכישער צייט (דראכמא) מיט א ווערט פון אביסעל מעהר ווי אן ענגלישער פונט. עס זיינען אויך געווען זילבערנע דאריקען. וועגען דעם טאלענט („ככר") זעה אין באנד 3, ז. 54.

נסיעה. אזוי ווי די רייזע איז געמאכט געווארען אין דער זומערדיגער היץ, איז געווען נייטיג צו מאכען א וויטען וועג ארום, כדי אויסצומיידען דעם אראבישען מדבר, און צו גהען זעהר לאנגזאם, אזוי אז עס האט גע־דויערט ארום דריי און א האלב חדשים דורכצושניידען די אכט אדער ניין הונדערט מייל. אין ירושלים זיינען זיי אנגעקומען אנהויב א ב, און נאך אן אפרוה פון דריי טעג האבען זיי פארמעל איבערגעגעבען די רייכע מתנות, וואס זיינען אויפ'ן וועג געווען אונטער דער השגחה פון א קאמיסיע פון חשוב'ע כהנים און לויים, צו די ממונים אויפ'ן אוצר פון בית־המקדש. די צוריקגעקומענע אידען האבען אויך מקריב געווען אסך קרבנות צו גאט פאר „גאנץ ישראל", וואס זיי זיינען געקומען צוריק אויפשטעלען; ווארים זייער ערשטע עובדא איז געווען אוועקצושטעלען די עבודה אויף א באזיס, וואס זאל פאסען פאר דער חשיבות פון בית־המקדש אלס דאס צענטראלע הייליגטום פון דעם פאלק און וואס זאל זיין אין הסכם מיט די גענויער אויסגעארבייטע געזעצען פון תורת כהנים, וואס זיי האבען אנערקענט. אלס צוגאב צו די טייערע געשאנקען וואס די צוריקגעקערטע אידען האבען גע־בראכט, האט נחמיה, אלס דער פארשטעהער פון דער פערסישער רעגירונג בייגעשטייערט פאר דעם דאזיגען צוועק א טויזענט גאלדענע דאריקען, פופציג גאלדענע כלים און פינף־און־דרייסיג פריסטערליכע געוואנטען (נחמיה ז 70; ח 9). נאכטוענדיג זיין ביישפיל, האבען מאנכע פארשטעהער פון די משפחות אין יהודה געגעבען מיט א ברייטער האנט געלט, גאלד און זילבער. די גרויסהארציגקייט און מסירת־נפש פון די צו־ריקגעקערטע פון גלות האט זיך אריבערגעטראגען אויך אויף די פשוט'ע אי־דען פון דעם המון, וואס האבען געגעבען אויפ'ן פאנד פון בית־המקדש מתנות פון גאלד און זילבער און מלבושים פאר די כהנים. צונויפמישענ־דיג זייערע געשאנקען פאר דעם מזבח פון גאט, האבען זיי פארגעסען זייער קליינליכע קנאה־שנאה צווישען זיך. דער געפיהל פון איין בלוט און איין רעליגיאן האט ווידער צוזאמענגעבונדען די אידען פון יהודה און פון דעם איז געווען נאך די גרויסע אויפשטאנדען אין עגיפטען און אין סיריען**).

5.

דער איינפיר פון „תורת כהנים".

די ערשטע צוויי חדשים נאך עזרא'ס אנקומען אין ירושלים זיינען אפ־געגעבען געווארען צו רעגולירען די עבודה און צו פארענדיגען נייטיגע רע־

פאראטורען אין בית־המקדש. מ'האט באשטימט קווארטירען פאר די כהנים, די לויים און די קלענערע דינער פון בית־המקדש, וואס האבען זיך צוריקגעקערט. אסך פון זיי האבען געפונען היימען אין די שטעט מחוץ פון ירושלים (נחמיה ז 73). אויך די ישראלים מיט זייערע פאמיליעס האבען זיך אויסגעזוכט פאסיגע פלעצער וואו זיך צו באזעצען. די אויסערליכע ווידעראויפשטעלונג פון „כל ישראל" האט זיך אנגעהויבען. אבער אין די אויגען פון די כהנים־רעפארמער האט מען אלצדינג באדארפט ערשט אנ־הייבען. דער כאראקטער פון דער געמיינדע פון די היימישע אידען האט געמוזט פון גרונט אויס געענדערט ווערען, כדי עס זאל קומען צו א פולער צונויפשמעלצונג מיט די גלות־אידען. עס ווייזט אויס, אז די ערשטע צוויי חדשים האט מען זיך אפגעגעבען מיט'ן חוקר־ודורש זיין די צושטענדען און מיט שטילער פראפאגאנדא־ארבייט צווישען פאלק. די הייסע איבערגעבענ־קייט פון די זעקס־זיבען טויזענט אידען, וואס האבען פארלאזען זייערע היי־מען און זיינען געקומען קיין יהודה אלס די שליחים פון משה'ס תורה, האט געמוזט שטארק משפיע זיין אויף זייערע אפגעלאזענע און ווייניגער וויסענ־דיגע ברידער. צו דעם יום־טוב פון ראש־חודש, דעם ערשטען טאג פון תשרי, וואס איז דערנאך געווארען א יום־טוב פון „בלאזען שופר" (יום תרועה) אדער פון א „הייליגער צונויפרופונג" (מקרא קודש, ויקרא כ"ג 23—25; במדבר כ"ט 1—6), האט דאס פאלק זיך פארזאמעלט פון אלע טיילען פון לאנד אויף דעם אפענעם פלאץ נעבען דעם וואסער־טויער אין מזרח פון ירושלים. אויף זייער פארלאנג האט עזרא געבראכט „דאס בוך פון משה'ס תורה". פארנעמענדיג זיין פלאץ אויף א הילצערנער פלאטפארם, וואס איז געמאכט געווארען ספעציעל פאר דער געלעגענהייט, האט ער אפגעגעבען א לויב צו גאט און האט פארגעלייענט די תורה, בעת די לויים, וואס זיינען דערביי געווען, האבען זי דערקלערט צום עולם. ווען די היימישע אידען האבען דערהערט דעם אינהאלט פון דער נייער תורה, זיינען זיי געווארען פאר־ציטערטע און האבען אנגעהויבען צו יאמערען און וויינען; ווארים זיי האבען צום טייל באגריפען וועלכע איבערקערענדיגע ענדערונגען דאס וועט אריינברענגען אין זייער לעבען און וואס איז א היפוך פאר דעם זיי האבען ביז איצט זיך אויפגעפיהרט. נחמיה איז קענטיג געווען טעטיג און האט פיעל מיטגעהאלפען אין דער דאזיגער באוועגונג, וואס האט פארגעשטעלט דעם העכסטען פונקט, וואס זיין פריהערדיגע ארבייט האט דערגרייכט. ווען מיר וואלטען געהאט זיין פולע אויטאביאגראפיע, אנשטאט ציטאטען דערפון איבערגעגעבען אין דער כראניק, א בוך פארפאסט פון איינעם פון די לויים־

קרייזן, וואס זיינע סימפאטיעס זיינען געווען אין גאנצען מיט עזרא'ן, וועל־טען מיר מסתמא דארטען געפונען. אז ער האט גענומען א וויכטיגען אנטייל אין דער גרויסער רעפארם. אין דעם דאזיגען קריטישען מאמענט האבען ביידע, ער און עזרא, בארוהיגט די פארזאמעלטע און זיינען אנגעשטא־נען אויף זיי צו פייערען דעם טאג, ווי זיי זיינען געוועהנט געווען, אלס יום־טוב מיט גוטע מאלצייטען און מיט שיקען געשאנקען צו די וואס זיינען אין נויט (נחמיה ח; דברים ט"ז 17).

אויף מארגען זיינען די מנהיגים פון דער געמיינדע מיט די כהנים און די לויים געקומען צו עזרא'ן צו קריגען נאך פרטים פון דער נייער תורה. צווישען אנדערע געבאטען האבען זיי געפונען, אז גאט האט אנגעזאגט, אז „די קינדער פון ישראל זאלען זיצען אין סוכות אין דעם יום־טוב פון זיבע־טען חודש און אז זיי זאלען עס אויסרופען און פארעפענטליכען אין אלע שטעט און אין ירושלים" (נחמיה ח 14, 15). דער שטעל אין דער תורה, וואס קומט דא אין באטראכט, איז זיכער געווען קאפ. כ"ג אין ויקרא, ווא־רים דאס איז דער איינציגער ארט אין גאנצען חומש, וואו עס ווערט אנ־געזאגט צו זיצען אין סוכות. פאלגענדיג די געבאטען פון דער תורה, האט מען פינקטליך אפגעהיט דעם יום־טוב סוכות. מ'האט אנגעהויבען מיט דעם פופצעהנטען טאג פון דעם חודש און געענדיגט מיט דער הייליגער איינזאמלונג (עצרת) אין דעם צוויי־און־צוואנציגסטען טאג (ויקרא כ"ג 33—43; נחמיה ח 18). יעדען טאג האט עזרא אויסגענוצט די גינסטיגע געלעגענהייט פאר־צולייענען און איינצו'חזר'ן דעם פאלק די געבאטען פון דעם נייעם געזעצ־בוך, בעת די אידען וואס האבען זיך צוריקגעקערט מיט איהם פון גלות הא־בען געגעבען א מוסטער די היימישע אידען ווי אפצוהיטען ריכטיג דעם יום־טוב (נחמיה ח 17). די גאנצע פארזאמלונג איז געווען באוועגט פון א טיפער רעליגיעזער באגייסטערונג. אין די דאזיגע אכט טעג האט זי דורכ־געמאכט אן אמת'דיגע אויפלעבונג. די איבערגעגעבענקייט פון די רעפארמער האט ארויסגעבראכט פרוכט. ענדליך זיינען אויך די זעלבסטזיכטיגע ארץ־ישראל'דיגע אידען געווען גרייט פאר קרבנות.

ווען מ'איז פארטיג געווען מיט דער צוגרייטונג פון דעם פאלק דורך בא־לעהרונג, און דאס געוויסען פון דער געמיינדע איז אויף דעם אופן אויפגע־וועקט געווארען, זיינען געוויסע מנהיגים געקומען צו עזרא'ן און זיך מודה געווען, אז אסך אידען, און אפילו מאנכע כהנים און לויים, האבען זיך ניט אפגעשיידט פון די היידנישע שכנים ארום, „די פעלקער פון לאנד", לויט ווי עס ווערט אנגעזאגט אין דער נייער תורה (עזרא ט 1). פיעל פון די מיוחסים

אין יהודה זיינען באגאנגען די זינד, געגען וועלכער נחמיה האט זיי אזוי ערנסט געווארענט (נחמיה י"ג 27), און האבען חתונה געהאט מיט ניט־אידישע פרויען, און האבען צוגעגעבען מוט זייערע זיהן צו טאן דאס איי־גענע. קיין זאך איז ניט געווען אזוי מסוגל ארויסצורופען דעם ביטערען צארן פון אזא פרומען אידען פון גלות ווי עזרא, ווי אט די אנטדעקונג. ער האט געפיהלט, אז די גאנצע געמיינדע און דאס גאנצע לאנד זיינען פאר־אומווירדיגט געווארען. איינזעהענדיג, אז דער איבעל איז געווען אזא, וואס מוז פון ווארצעל אויסגעריסען ווערען, אויב דער אמת'ער ישראל זאל צוריק אויפגעשטעלט ווערען, איז ער אויפגעטראטען געגען דעם מיט דער גאנצער שטארקייט פון זיין אנגעצויגענער נאטור. צי עזרא האט יא אדער ניט גע־האט די מאכט צו באפעהלען, ווי נחמיה, האט ער אבער אפעלירט נאר צו דעם געוויסען פונ'ם פאלק. זיינע תפילות און מוסר־רייד האבען געמאכט אזא רושם, אז איינער פון פאלק האט געמאכט א פארשלאג: מ'זאל שליסען א פייערליכען בונד זיך צו שיידען פון די פרעמדע פרויען און פון די קינדער וואס זיינען געבארען געווארען פון די דאזיגע געמישטע חתונות. עזרא האט צוערשט גענומען א שבועה פון די כהנים און די לויים, אז־זיי וועלען עס טאן. דאמאלסט האבען די שרים און די זקנים געלאזט אויסרופען, אז דאס גאנצע פאלק זאל זיך פארזאמלען אין ירושלים, און ווער עס וועט ניט קומען וועט אלם שטראף אויסגעשלאסען ווערען פון דער געמיינדע און זיין אייגענטום וועט קאנפיסקירט ווערען.

מיט אט די ראדיקאלע מעטאדען האט מען זיך פארזיכערט, אז דאס גאנצע פאלק וועט דערביי זיין. דעם צוואנציגסטען טאג פון דעם נייטען חודש (כסלו) האבען זיי אלע זיך פארזאמעלט אויף דעם אפענעם, ברייטען פלאץ פאר דעם בית־המקדש. אויף עזרא'ס פאדערונג, אז זיי זאלען זיך אפשיידען פון די פעלקער פון לאנד און פון די פרעמדע פרויען און דערמיט ארונטערנעמען די לאסט פון זינד וואס ליגט אויף זיי, האבען זיי אלע גע־ענטפערט, אז זיי זיינען מרוצה. אבער די ארבייט, וואס דאס האט געפאדערט, איז געווען זעהר גרויס און שווער, און דערצו זיינען אלע געשטאנען דורכ־געווייקט פון דעם גוסרעגען, און מ'האט דעריבער זיך געמוזט געדולדיגען. אזוי ווי עס איז נייטיג געווען, אז מ'זאל גרינטליך חוקר־ודורש זיין די זאך, און דאס האט געפאדערט צייט, האבען זיי פארגעשלאגען, אז אלע, וואס האבען חתונה געהאט מיט פרעמדע פרויען, זאלען אויפגעפאדערט ווערען צו קומען אין ירושלים אין באשטימטע צייטען, מיט די זקנים און די שופטים פון זייערע שייכות'דיגע שטעט, כדי מ'זאל קענען גוט באטראכטען יעדען

פאל באזונדער. דער פארשלאג איז אנגענומען געווארען. און עזרא איז באַ־שטימט געווארען בראש פון א קאמיסיע חוקר־ודורש צו זיין און אכטונג צו געבען אויף דער זאך. אנהייבענדיג דעם ערשטען טאג פון צעהנטען חודש (טבת), זיינען זיי ערשט פארטיג געווארען מיט זייער ארבייט דעם ערשטען טאג אין ניסן. ווי פיינליך עס האט ניט געמוזט זיין צו צערייסען פאמיליעס אומבארעמהערציג, איז אבער ווארשיינליך, אז אונטער עזרא'ס שטרענגער השגחה איז דאס געטריי דורכגעפיהרט געווארען. אין דעם לייסטער פון עזרא ווערען אויסגערעכענט הונדערט און דרייצעהן מענער, וואס זיינען גע־פונען געווארען שולדיג און וואס האבען זיך אונטערגעווארפען אונטער דעם שטרענגען פסק־דין.

ווען די דאזיגע צוגרייטונגס־ארבייט איז געווען געענדיגט, און ניט פריהער, איז געווען מעגליך איינצופיהרען עפענטליך די נייע תורה פון די כהנים. דעם פיער־און־צוואנציגסטען טאג פון דעם חודש, אין וועלכען די קאמיסיע האט פארענדיגט איהר ארבייט, ווען „דער זאמען פון ישראל האט זיך אפגעשיידט פון אלע פרעמדע" (נחמיה ט 1, 2), האבען עזרא און זיינע חברים־רעפארמער געזעהן די פרוכט פון זייער יאהר שווערער ארבייט. דער אופן ווי אזוי דאס נייע געזעץ איז איינגעפיהרט געווארען איז כאראקטע־ריסטיש פאר יענער צייט. ווען נחמיה האט געוואלט איינפיהרען עפעס א רעפארם, האט ער גערופען א פארזאמלונג פון גאנצען פאלק און האט עפענט־ליך פארגעלעגט די זאך פאר זיי, און האט גענומען פון זיי א שבועה, אז זיי זיינען מרוצה (נחמיה ה 7, 12, 13; י"ג 25). פונקט אזוי האט עזרא מעהר ווי איין מאל צוזאמענגערופען אלע אידען (נחמיה ח 1; עזרא י 7־9, 12). אין א שפעטערער צייט, ווען מ'האט אין יהודה זיך געשראקען פאר א היי־שעריק־פלאג, איז דער ערשטער געדאנק פון דעם נביא יואל געווען צוזאמענ־צורופען א פייערליכע פארזאמלונג (א 14; ב 15). די אידישע מדינה איז געווען אזוי קליין און דער מהלך אזוי קורץ, אז עס איז ניט געווען שווער צו פארזאמלען די גאנצע באפעלקערונג. דריי טעג האבען געקלעקט צוזא־מענצורופען אלעמען אין ירושלים (עזרא י 9).

די גרויסע רעפארם פון יאשיהו'ן, וואס איהר השפעה איז נאך געווען שטארק ניכר אין יהודה, האט בלי־ספק אויפגעשטעלט א פרעצעדענט, וואס איז געווען א וועגווייזער פאר די שפעטערדיגע רעפארמער (מלכים ב, כ"ג 1—3). אזוי ווי די מאכט וואס איז פריהער געלעגען אין דער מאנארכי איז איצט געלעגען אין דער פאלקס־געמיינדע, איז די פריסטערליכע רעפארם דעריבער געווען אסך דעמאקראטישער איידער יאשיהו'ס און, הפנים צוליב

דעם טעם, אויך דויערהאפטער. די נייע תורה איז ניט ארויפגעצוואונגען געווארען דורך א קעניגליכען דעקרעט, נאר איז אנגענומען געווארען דורך אן אפשטימונג פון פאלק.

די גרויסע פארזאמלונג האט זיך געעפענט מיט א לייענונג פון די וויכטיגערע שטעלען פון דער תורה און דערנאך האבען אלע זיך מתודה געווען אויף זייערע זינד און די זינד פון זייערע עלטערן. דער כאראקטער פון דעם גאטסדינסט איז זעהר ענליך געווען צו דעם געוועהנ־ליכען גאטסדינסט אין א שול. לויט דעם נוסח פון דער סעפטואגינטא (תרגום השבעים) האט עזרא געהאלטען די לאנגע תפילה פון נחמיה קאפ. ט, וואס איז איהר ווערט געגעבען אן איבערבליק איבער גאט'ס גוטסקייט און געטריישאפט צו די אידען און זייער אומגעטריישאפט און זינד. די תפילה האט אנגעדייט אויף זעהר א פאסיגען אופן די שייכות פון דעם אקט, וואס זיי זיינען געגאנגען דורכפיהרען, צו דער פארגאנגענער געשיכטע פון אידי־שען פאלק. פונקט ווי אין עזרא'ס פריהערדיגער תפילה (עזרא ט), אזוי זיינען אויך דא די אויפפאסונג פון יענער געשיכטע און דער שטאנדפונקט פון אנהויב ביז'ן סוף די אייגענע פון דער נייער פריסטערליכער תורה. ווען דער גאטסדינסט איז געווען געענדיגט, האבען נחמיה, די מיוחסים און די פארשטעהער פון די משפחות פון די כהנים, פון די לויים און פון די ישראלים זיך אנגענומען צו היטען די נייע תורה, און אלס סימן פאר דעם האבען זיי אונטערגע'חתמ'עט זייערע נעמען. דערנאך האט די פארזאמלונג אלס גאנ־צע — אריינגעמענדיג די וואס האבען זיך צוריקגעקערט מיט עזרא'ן און אלע, צי פון אידישער אפשטאמונג אדער ניט, „וואס האבען זיך אפגעשיידט פון די פעלקער פון דעם לאנד צו גאט'ס תורה", צוזאמען מיט זייערע פאמי־ליעס — זיך אנגענומען מיט א שבועה, פאר'חתמ'עט מיט א קללה אויף יעדען וואס וועט זי ברעכען, צו היטען „גאט'ס תורה וואס איז געגעבען גע־ווארען דורך משה'ן דעם קנעכט פון גאט" (נחמיה י 29, 30).

די הויפט־פונקטען אין יענער תורה, לויט ווי עס ווערט באריכטעט אין נחמיה קאפ. י, זיינען: (1) זיך ניט מתחתן צו זיין מיט גויים; (2) ניט צו קויפען אדער פארקויפען קיין זאך אום שבת אדער אום יום־טוב; (3) צו היטען דאס שמיטה־יאהר; (4) צו צאהלען קאפ־געלט, א דריטעל שקל*)

*) לויט דעם פערסישען שקל, וואס איז געווען גרעסער פאר דעם אידישען. דאס איז בכן קיין סתירה ניט צו דעם געבאט פון תורת כהנים צו צאהלען א האלבען שקל (מחצית השקל, שמות ל 13, 15).

א יאהר, פאר דער עבודה אין בית־המקדש; (5) צו שאפען האלץ לויט א גורל פאר דעם מזבח; (6) צו ברייננגען די ערשטע פרוכטען פונ׳ם לאנד און די ערשט־געבארענע אין בית־המקדש אויסצוהאלטען די כהנים; (7) צו געבען תרומה צו די כהנים און מעשר צו די לויים; און בכלל (8) ניט אפ־צולאזען גאט׳ס הויז און צו זארגען פאר אלע זיינע באדערפענישען.

די היסטארישע עכטקייט פון דעם דאזיגען קורצען באריכט ווערט באַ־שטעטיגט דורך דעם פאקט, וואס מיט יעדער תקנה איז מען אויסען געווען צו פארבעסערען איבלען אין דער געמיינדע פון יהודה, וואס זיינען אונז וואויל באקאנט פון נחמיה׳ס מעמוארען און פון די שריפטען פון די נביאים פון יענער צייט. עס איז פאראן א גוטער יסוד אנצונעמען, אז די רעפארם האט באריהרט דאס אינערליך גייסטיגע פונקט אזוי ווי דאס אויסערליכע לעבען פון דער געמיינדע; אבער עס איז געווען נאטירליך, אז די טראדיציע, וואס האט קענטיג זיך דערהאלטען אין ארכיוו פון בית־המקדש, זאל זיך באַ־ציהען נאר אויף אביעקטיווע רעפארמען. די ארטיקלען, וואס אויף זיי האט מען זיך אונטערגעשריבען אין דער גרויסער פארזאמלונג, זיינען גלייך גע־ווארען די קאנסטיטוציע פון יודענטום, ווי אויך פון דער עבודה אין בית־המקדש. די ערשטע תקנה האט באצוועקט אפצושיידען די אידען פון דער גוי׳אישער וועלט; די צווייטע האט, מיט׳ן דורכפיהרען די שטרענגע אפהי־טונג פון שבת, אונטערשטראכען דיזעלביגע אונטערשיידונג; דער צוועק פון דער דריטער תקנה איז געווען צו פארבעסערען די סאציאלע ארגאניזאציע פון דער געמיינדע; בעת די איבעריגע פינף באציהען זיך אין גאנצען אויף דעם בית־המקדש, און זיי האבען באצוועקט צו מאכען די עבודה אין איהם מעהר אויסגעארבייט און איינדרוקספול, און, מיט אט דעם צוועק, צו פאר־זיכערען פאר דעם בית־המקדש און זיינע משרתים א פארגרעסערטע און באַ־שטימטע הכנסה.

דער באריכט וועגען דער ארבייט פון עזרא׳ן און זיינע חברים־רעפאר־מער לאזט ניט איבער קיין ספק, אז זייער וועגווייזער איז געווען די זאמלונג געזעצען וואס געפינט זיך הויפטזעכליך אין שמות כ״ה ביז ל״א 18, ל״ה ביז׳ן סוף פון שמות און אין ויקרא און במדבר. די דאזיגע געזעצען ווערען געוועהנליך באצייכענט אלס ת ו ר ת כ ה נ י ם (פריסטער־קאדעקס). דאס אפגעבען אזא ברייטען פלאץ פאר דער עבודה אין בית־המקדש, דאס שטעלען די טראפ אויף די געשריבענע דינים פון דער תורה און דאס זיצען אין סוכות אין דעם יום־טוב פון זיבעטען חודש — זיינען כאראקטעריסטישע סימנים פון דעם דאזיגען סיסטעם פון געזעצע (פארגלייך נחמיה ח און ויקרא

כ״ג). פינף פון די אכט תקנות זיינען באגרינדעט אויף דער תורת כהנים, ווארים דאס עלטערע געזעצבוך פון ספר דברים ווייסט פון זיי ניט. דער חומש האט ניט קיין ספעציעלע תקנות בנוגע צושטעלען האלץ פאר די קרבנות. די אנווייזונג „ווי עס איז געשריבען אין דער תורה״ („ככתוב בתורה„) אין נחמיה ח 35 באציהט זיך דערפאר אויף א שטיק פון תורת כהנים וואס איז פארלארען געגאנגען, אדער אויף א מנהג פון בית־המקדש וואס איז, קאן זיין, באגרינדעט געווען אויף א תקנה, וואס נחמיה האט איינגעפיהרט (נחמיה י״ג 31).

צוריק ווידער זיינען דא קלארע ראיות, אז אין דער צייט פון דער גרוי־סער פארזאמלונג איז דער פריסטערליכער קאדעקס נאך ניט געווען איז גאנצען אפגעשלאסען. למשל, אין דעם בונד, אויף וועלכען מ׳האט צוגע־שווארען אין דער גרויסער פארזאמלונג, ווערט נאר דערמאנט מעשר פון דעם באדען (נחמיה י 38; פארגלייך אויך י״ג 5), וואס האט, ווי אין דברים י״ד 22—29, אריינגענומען נאר די פראדוקטען פון פעלד; אבער לויט דער שפע־טערער פריסטערליכער געזעצגעבונג (ויקרא כ״ז 30—33) האט מען געמוזט געבען ניט נאר מעשר פון פעלד, נאר אויך מעשר פון רינדער און שאף. דאס איינציגע איז מיט יום־כפור. אין עזרא׳ס צייט, זעהט מען באשיינפערליך, איז יום־כפור נאך ניט געפייערט געווארען אין יענעם זיבעטען חודש, וואס ווערט באשריבען אין נחמיה קאפ. ח; אבער לויט ויקרא ט״ז איז דער דא־זיגער טאג באשטימט געווארען פאר אן אלגעמיינעם וידוי און פאר א קרבן מכפר צו זיין אויף אלעמענס עברות. ער איז באלד געווארען איינער פון די וויכטיגסטע טעג אין רעליגיעזען לוח. אזוי ארום פיהרט אונז אריין דער באריכט פון דער גרויסער פארזאמלונג אין דער תורה, ווען זי איז נאך געווען אין פראצעס פון זיך פארמירען. דער לאנגער פראצעס האט שוין אבער געהאלטען כמעט ביים אפשלוס, ווארים די פאזיציע, וואס מ׳האט דעמאלט געגעבען דעם געשריבענעם געזעץ, האט אינגיכען געפיהרט צו דער ענדגילטיגער אפשליסונג פון דער תורה.

6.

די באדייטונג פון עזרא׳ס רעפארם.

ס׳איז ניט מעגליך אפצושאצען די פולע באדייטונג פון יענער גרויסער געשעהעניש אין דער אידישער געשיכטע: די ג ר ו י ס ע פ א ר ז א מ־

ל ו נ ג („כנסת הגדולה“) אונטער עזרא׳ס פארזיץ, וואו די אידען האבען צוגעשווארען זיך אפצושיידען פון די גוים ארום און צו לעבען לויט די דינים, וואס שטעהען געשריבען אין גאט׳ס תורה. די אידען האבען דעמאלט געלעגט א יסוד פאר זייער נאציאנאלען קיום, אויף וועלכען ער האט זיך געהאלטען דורך די שטורמס פון אלע צייטען, פון דער פערסישער פעריאדע ביז אויף היינט.

גלייכצייטיג מיט דער וואנט ארום ירושלים איז דורך עזרא און נחמיה אויפגעשטעלט געווארען א גייסטיגע וואנט צווישען די אידען און דער וועלט ארום. דאס איז בעצם ניט געווען קיין נייע זאך. די גאנצע וועלט־באַטראכטונג פון די נביאים האט געפיהרט צו דעם געדאנק, אז ישראל איז אן אייגענארטיג פאלק, אנדערש ווי אלע פעלקער; און יאשיהו׳ס רעפארם איז געווען דער ערשטער פרואוו דורכצופיהרען אט דעם געדאנק אין דער פראקטיקע, צו פארוואנדלען דאס אידישע פאלק אין א מלוכה פון גאט, וואס זאל זיך פיהרען לויט א געשריבענער קאנסטיטוציע: די תורה פון ספר דברים. אבער כל־זמן די מלוכה האט נאך עקסיסטירט, האבען די אידען ניט געקאנט ווערען קיין גייסטיג פאלק. די באוועגונג אין אידישען לעבען, וואס האט זיך אויסגעדריקט אין יאשיהו׳ס רעפארם, האט דערפאר אפגע־האלטען אן ענדגילטיגען נצחון ערשט ווען די אידען האבען פארלארען זייער מלוכה, זייער פאליטישע ארגאניזאציע. אין גלות האבען זיי איינגעזעהן, אז מ׳טאר פון איצט אן און ווייטער ניט פארלאזען דעם וועג, אויף וועלכען מ׳האט זיך פארנומען מיט יאשיהו׳ס רעפארם; און שפעטער, אין די אומ־שטענדען פון דער פערסישער אימפעריע, איז פאר אזעלכע גרויסע, ווייט־זעהענדיגע מענער ווי נחמיה און עזרא קלאר געווארען, אז כדי די אידען זאלען האבען א תקומה און ניט פארשלונגען ווערען פון דעם פעלקער־שטראם, מוזען זיי טאן דאס וואס קיין פאלק אויף דער וועלט האט נאך ניט געטאן: אוועקווארפען די פאליטישע אמביציעס, זיך מייאש זיין פון דער האפענונג צו האבען באלד אן אייגענע מלוכה, א האפענונג וואס איז אין זרובבל׳ס צייט אזוי אפגענארט געווארען. „קנעכט זיינען מיר אין אונזער אייגענעם לאנד, וואס דו האסט אוועקגעגעבען אונזערע פאטערס“ (נחמיה ט 36), און אט דעם צושטאנד איז ניט צו ענדערען.

די אידען זיינען דערפאר געצוואונגען געווען דורך אלע אומשטענדען פון יענער צייט זיך צו ארגאניזירען אין א גייסטיג־רעליגיעזער נאציאן, וואס איהרע מיטגלידער זאלען זיין געבונדען אן א געשריבענער תורה און זאלען זיין אפגעשיידט פון אלץ וואס איז פרעמד און ניט־אידיש. פון דעמאלט אן

זיינע „איד“ און „גוי“ געווארען צוויי וועלטען. דער איד האט זיך אויס־געבויט א באזונדערע וועלט פאר זיך, און ער האט אין איהר געלעבט דורך אלע צייטען ביז אויף היינט.

די לעהרע פון די נביאים האט בכן געזיגט אין פרינציפ, אבער די נבואה גופא איז אונטערגעגאנגען און האט געמאכט פלאץ פאר דער פו־לער הערשאפט פון דער תורה. די נביאים האבען אויפגעשטעלט נאר אלגעמיינע פרינציפען, זיי האבען אנגעוויזען דעם וועג, אויף וועלכען מ'זאל געהן. אבער דער וועג איז געווען א לאנגער און פול מיט סכנות און בלאנ־דזשענישען. די אלגעמיינע פרינציפען פון די נביאים זיינען גענוג געווען פאר אן ענגען קרייז תלמידים און אנהענגער. איצט אבער האט מען גע־זוכט צו דערגרייכען די ברייטע מאסען פון פאלק, און פאר זיי האט מען זיך ניט געקאנט באגנוגענען מיט אן אלגעמיינעם וועגווייזער, נאר מ'האט געמוזט אויסשטעלען איבער'ן לאנגען וועג סלופעס געדיכט איינע ביי די אנדערע, וואס זאלען אויף יעדען טריט אנווייזען מיט פשוט'ע ווערטער, וואוהין מ'זאל זיך ווענדען און וואס מ'זאל טאן.

די נבואה האט איצט בכלל געמוזט אונטערגעהן. פאר דעם נביא איז מעהר קיין פלאץ ניט געווען אין אידישען לעבען. דעם נביא'ס מאכט איז געלעגען אין זיין אפאזיציע, אין שטעלען זיך איבער דעם מלך און די פא־דערונגען פון זיין גאט — איבער דער מלוכה. די הויפט־עובדא פון דעם גרויסען נביא איז געווען: צו זיין א פאראויסזאגער פון אומגליק, א שטרא־פער. אבער דאס האט ער געקאנט טאן נאר אין דער צייט פון דער מלוכה. שטראפען קאן מען נאר א געזונטען, שטארקען און רייכען, ניט איינעם וואס איז קראנק, שוואך און ארים, ווי דער איד איז איצט געווען. נאכ'ן חורבן טרעט דעריבער דער נביא אויף מעהרסטענס אלס טרייסטער. אבער אויך פאר'ן טרייסט־נביא איז פאקטיש מעהר קיין פלאץ ניט געווען. זינט זרובבל'ס דורכפאל האט געהערשט אין אידישען לעבען א יאוש און א רע־אקציע. מ'האט אויפגעגעבען די האפענונגען צו זעהן באלד א זוהן פון דוד'ס הויז אויפ'ן טראן אין ירושלים. די נביאים זיינען מעגליך דורך דער פאליטישער אנטוישונג, דיסקרעדיטירט געווארען אין די אויגען פון פאלק. עס האט לאנג ניט געדויערט און דאס פאלק האט אנגעהויבען גלויבען, אז היינטיגע צייטען האט גאט איבערהויפט ניט מעהר קיין פארקער מיט מענ־שען, און אז א מענש איז אויפגעטראטען מיט א נביאות, האט מען איהם געזאגט, אז ער רעדט שקר אין גאט'ס נאמען (זכריה י"ג 2, 3).

די תורה האט דעריבער פון איצט אן פארנומען דעם פלאץ פוןביידען: אי פון דער מלוכה און אי פון דער נבואה. זי איז געווארען דער איינציגער, אייביגער אויסדרוק פון גאט'ס ווילען. אמת טאקע, די תורה אין איהר נייער פארברייטערטער אויסגאבע האט געשטעלט הויך דעם בית־המקדש און האט איהם געמאכט פאר'ן צענטער פון גאנצען אידישען לעבען. אבער די תורה איז געשטאנען פריהער פאר דער עבודה (פרקי אבות א 2). די תורה איז געשטעלט געווארען אויך העכער איבער דער נבואה; ווארים די נביאים האבען גערעדט נאר מיט'ן רוח הקודש, בעת די תורה איז געשריבען געווארען דירעקט פון גאט'ס מויל (מפי הגבורה). די ביכער פון „נביאים" און „כתובים" האט מען געלייענט ביים ליכט פון דער תורה, און זיי האבען נאר געקענט העלפען זי קלארער מאכען*). ווען א נביא אבער האט סותר געווען די תורה, זיינען געווען צוויי ברירות: ענטוועדער אויסצוגלייכען ווי ניט איז די סתירה אדער איהם ניט אריינגעמען אין די הייליגע ביכער**). דער איד האט דעריבער פון איצט אן אנגעווענדט כמעט זיין גאנצע ענערגיע אויף איין זאך: אויף לערנען און אפהיטען די תורה מיט אלע איהרע פרטים און דקדוקים.

די תורת כהנים איז אבער געשריבען געווארען פאר די אידען פון צעשפרייטען גלות, פונקט ווי פאר די אידען פון ארץ ישראל. דער אויסדרוק „בכל מושבותיכם" (אומעטום וואו איהר לעבט) ווערט זעהר אפט איבערגע'חזר'ט דערין. מיט'ן אננעמען די דאזיגע תורה איז דעריבער פון איין זייט געשאפען געווארען א פאראייניגונג פון אלע אידען איבער דער גאנצער וועלט; פון דער אנדערער זייט ווידער האט דער צענטער פון אידישען לעבען זיך צוריק אריבערגעטראגען פון באבילאניען קיין ארץ ישראל.

פון עזרא'ן אן זיינען די אידען פון א מלוכה־פאלק געווארען בכן דאס פאלק פון דער תורה. די תורה איז געווארען פאר זיי א גייסטיגע מלוכה, א מלוכה אין א קעשענע־אויסגאבע, וואס יעדערער האט געקאנט מיטראגען ביי זיך. די אידישע מלוכה איז פארוואנדעלט געווארען אין א בוך, און אין דער דאזיגער פארם האט זי זיך אויסגעשפרייט איבער אלע לענדער און איז געווארען די גרעסטע וועלט־אימפעריע וואס האט ווען עקסיסטירט.

דורך עזרא'ס רעפארם איז דערום געלעגט געווארען דער פונדאמענט.

*) א דין קאן מען ארויסדרינגען נאר פון דער תורה, אבער ניט פון נביאים און כתובים („דברי תורה מדברי קבלה לא ילפינן", בבא קמא דף ב, עמוד ב).

**) פארגלייך באנד 3, ז. 258.

אויף וועלכע דער בנין פון אידישען לעבען האט זיך געבויט דורך אלע ווייטערדיגע תקופות פון דער אידישער געשיכטע.

7.

די לעצטע הונדערט יאהר פון דער פערסישער הערשאפט.

די יאהרען דירעקט נאך דער גרויסער פארזאמלונג זיינען בלי־ספק גע־וועזן די גליקליכסטע, וואס די אידען פון ארץ ישראל האבען דורכגעלעבט זינט דעם חורבן פון ירושלים אין יאהר 586 (פאר קר.). בעת די שטרענגע תקנות, וואס זיינען איינגעפיהרט געווארען, כדי זיי אפצוזונדערען פון דער וועלט ארום, האבען געמאכט זייערע באציהונגען צו זייערע שכנים נאך בי־טערער ווי פריהער, האבען נייע האפענונגען אנגעפילט זייערע הערצער. די אינערליכע זיכערקייט, אז זיי האבען געטריי אפגעהיט גאט'ס תורה האט אריינגעגעבען אין זיי א נייעם בטחון. זיי האבען באטראכט די אומגע־וועהנליכע שפע, וואס זיי האבען גענאסען, אלס אן אומבאשטריטענע ראיה, אז גאט איז לייטזעליג צו זיי און ער וועט זיי שיקען נאך א גרעסערע ברכה. דערזעלביגער נביא, וואס האט אזוי שארף פארדאמט די איינוואוי־נער פון שומרון, האט אויסגעדריקט אין גאט'ס נאמען די דערווארטונגען. וואס האבען באגייסטערט זיינע צוהערער: „איך וועל זיך פרעהען מיט ירושלים און אנקוועלען פון מיין פאלק, און עס וועט מעהר ניט געהערט ווערען אין איהר די שטים פון געוויין און די שטים פון קלאג. זיי וועלען ניט בויען און אן אנדערער זאל באוואוינען, זיי וועלען ניט פלאנצען און אן אנדערער זאל עסען; ווארים אזוי ווי די טעג פון א בוים וועלען זיין די טעג פון מיין פאלק, און מיינע אויסדערוועהלטע וועלען געניסען די ארבייט פון זייערע הענט. זיי וועלען זיך ניט באמיהען אומזיסט, און זיי וועלען ניט געבערען פאר א פלוצליכען טויט; ווארים זיי זיינען דער זאמען פון די גאט־געבענטשטע, און זייערע קינדער זיינען מיט זיי" (ישעיה ס"ה 19, 22, 23).

א שטיקעל ווייטער געפינט זיך א שטעל, קענטיג פון זעלביגען פאר־פאסער, וואו עס רעדט זיך וועגען דער געבורט פון דעם „אמת'ן ישראל" און וועגען דער צוריקקערונג פון די צעשפרייטע אידען: „ווער האט גע־הערט אזוינס? ווער האט געזעהן אזעלכע זאכען? קען א לאנד געבארען ווערען אין איין טאג? קען א פאלק ארויסגעבראכט ווערען מיט איין מאל?

אזוי ווי ציון האט וועהעניש געהאט און געבארען איהרע קינדער?" (ישעיה ס"ו 8). עס ווייזט אויס, אז עזרא'ס עקספעדיציע האט פארגעשטעלט מיט זיך נאר איינע פון מעהרערע גרופעס פון גלות־אידען, וואס האבען זיך צו־ריקגעקערט קיין יהודה אין יענער צייט. אויב די ווידעראויפבויאונג פון דעם מויער ארום ירושלים און די ערשטע טריט וואס נחמיה האט געמאכט אויפ'ן וועג צו א רעפארם איז געווען גענוג צוצוציהען זעקס אדער זיבען טויזענט אידען פון גלות, האט די ידיעה שפעטער, אז „ציון האט געהאט וועהעניש", אז די תורת כהנים איז פראקלאמירט געווארען, געמוזט צוציהען נאך טויזענטער אידען. ענדליך איז די רעליגיעזע אטמאספערע פון ארץ ישראל געווען גינסטיג פאר די שטרענג פרומע אידען פון מזרח, און די אומ־באוואוינטע פלעצער אינערהאלב און אויסערהאלב פון דעם מויער פון ירושלים האבען גערופען צו זיך קאלאניסטען. לאנגע יאהרען פון צוגריי־טונג זיינען פאראויסגעגאנגען, אבער, ווען דער מאמענט איז סוף־כל־סוף געקומען, איז באמת „א פאלק געבארען געווארען אין איין טאג".

אין דעם צענזוס, וואס האט זיך דערהאלטען אין עזרא ב און נחמיה ז. פון „די קינדער פון דער מדינה (יהודה) וואס זיינען ארויפגעקומען פון גלות", שטעהען די מעהרסטע נעמען נאך די נעמען פון נחמיה און עזרא (אין עזרא ב 2 שריה). אזוי ווי די נעמען פון די ערשטע פיער שטעהען אין א כראנאלאגישען סדר (זרובבל, ישוע, נחמיה, עזריה) איז דערפאר שכל'דיג ארויסצודרינגען דערפון, אז דאס אייגענע איז אויך מיט די אי־בעריגע. אין אט דעם פאל באווייזען די ליסטען, אז די מעהרסטע „בני הגולה" זיינען געקומען נאך דער גרויסער פארזאמלונג. אזוי ווי עס ווייזט אויס, אז לפי־ערך האט נאר א קליינע צאהל זיך צוריקגעקערט מיט זרובבל, ישוע און נחמיה און אז ארום זעקס טויזענט זיינען געקומען מיט עזרא'ן. האבען בכן לכל־הפחות דריי פערטל פון די פארשידענע סך־הכל'ס, וואס ווערען אנגעגעבען אין די פארשידענע נוסחאות, זיך צוריקגעקערט מיט די אכט אנדערע פיהרער, וועמעס נעמען עס שטעהען אין צענזוס נאך נחמיה און עזרא. פון די נעמען וואס מאנכע משפחות טראגען, ווי, למשל, „בני פחת מואב" (קינדער פון דעם גובערנאטאר פון מואב), קאן מען זיך אנ־שטויסען, אז ניט אלע אידען, וואס דער צענזוס רעכענט אויס, זיינען גע־קומען פון בבל. די ליסטען נעמען אריין, מעגליך, אלע אידען פון יהודה, וואס האבען אנגענומען די נייע ת ו ר ת כ ה נ י ם ; ווארים אזוי ווי די דאזיגע תורה איז געבראכט געווארען דורך די אידען „וואס זיינען צוריקגעקומען פון דער געפאנגענשאפט", רעכענט מען צו זיי, צו אלע אידען

וואס זיינען צוגעשטאנען צו זיי, קיין חילוק ניט צי זיי אדער זייערע עלטערן האבען פארלאזען וועז פאלעסטינע אדער ניט. דאס, קאן זיין, איז די באַדייטונג פון דער אלגעמיינער באצייכענונג „קינדער פון דער פראווינץ" (בני המדינה), וואס ווערט דא באנוצט אנשטאט „קינדער פון דעם גלות" („בני הגולה"), א טיטעל, דורך וועלכען דער כראניקער אונטערשיידט תמיד די צוריקגעקערטע פון דעם גלות פון די אלטע ארץ־ישראל־אידען (עזרא ד 1; ח 35).

א שליסעל צו דעם דאטום פון צענזוס געפינט מען אין דעם פאקט, וואס אסך פון „די קינדער פון דער מדינה" האבען זיך באזעצט אין שטעט, וואס זיינען ניט געווען אין דעם רשות פון די אידען, בשעת נחמיה איז געקומען אין יהודה אין יאהר 444. די אויסשפרייטונג פון דער אידישער טעריטאריע, וואס ווערט דא אנגעגעבען, איז צו צפון און צפון־מערב צו, און נעמט אין זיך אריין אזעלכע באשטריטענע שטעט ווי ג ב ע, מ כ מ ש, ב י ת־א ל, ע י, ק ר י ת־י ע ר י ם, כ פ י ר ה, ל ו ד, ח ד י ד און א ו נ ו, וואס ליגען אויפ'ן דרום־גרעניץ פון דער פראווינץ שומרון. דאס שטימט גענוי מיט דער אויסשפרייטונג, וואס איז לויט יוסף פלאוויוס און דעם ערשטען ספר חשמונאים פארגעקומען אין די יאהרען נאך נחמיה'ן און עזרא'ן. ארום דעם אנהויב פון דער חשמונאים־צייט זיינען ב י ת־א ל, ב י ת־ח ו ר ו ן און ת מ נ ת־פ ר ע ת ו ן ניט מעהר קיין שומרוני'שע שטעט, נאר זיי געהערען צו יהודה (חשמונאים א, ט 51; יוסף פלאוויוס, אלטערטימער י"ג 1, § 3). די אידישע באפעלקערונג אין דעם טאל א ו נ ו (פארגלייך נחמיה ו 2) איז אויך אויף אזויפיעל אויסגעוואקסען, אז אין יאהר 145 (פאר קר.) האבען די אידען געפאדערט פון דעם סירישען קעניג דעמעטריוס, אז ער זאל איבערגעבען אין זייער רשות די געגענד פון לוד, ווי אויך די געגענדען פון א פ א ר ע מ א (אפרים) און ר מ ת י ם (חשמונאים א, י"א 34; יוסף פלאוויוס, אלטערטימער י"ג 4, § 9).*)

אין משך פון די לעצטע יאהרען פון דער פערסישער פעריאדע, און אונטער דער ממשלה פון די פטאלעמעער, זיינען די אידען אין ארץ ישראל געווען געדריקט, און א גרויסע צאהל פון זיי זיינען דעפארטירט געווארען, באזונדערס קיין עגיפטען. אבער אונטער דער לאנגער הערשאפט פון ארטאַ־

*) מאַנכע פאָרשער נעמען אויך אָן בדרך־השערה, אַז אין דער צייט נאָך נחמיה'ן האָבען זיך געפונען אידישע קאָלאָניעס אין גלעד. דאָס דרינגען זיי אַרויס פון דברי הימים א, ב, וואו יאיר בן־מנשה (במדבר ל"ב 41; דברים ג 14) פון גלעד ווערט צוגערעכענט צום שבט יהודה.

קסערקסעס דעם צווייטען (מנעמאַן, 404—358 פאַר קר.) איז די צענטראַלע רעגירונג געווען אַזוי שוואַך און ניט טעטיג, אַז די פאַרשידענע מדינות, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער איהר נאָמינעלען קאָנטראָל, האָבען געהאַט די פרייהייט צו טאָן וואָס זיי האָט געלוסט און קיינער האָט זיך ניט אריינגעמישט אין זייערע ענינים. די אויסשפּרייטונגס־פּעריאָדע פון יהודה האָט בכן געמוזט געפאַלען אין דער ערשטער העלפט פון פערטען יאהרהונדערט (פאַר קר.). די סיבה פון דער אויסשפּרייטונג איז קענטיג געווען די צוריקקערונג פון אַסך אידען פון גלות; וואָרים דער שטרענגער פּרינציפּ פון זיך אַפּשיידען פון די גויים און האַלבע גויים אַרום, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אויף דער גרויסער פאַרזאַמלונג, איז גיכער געווען מסוגל צו פאַרקלענערען איידער צו פאַרגרעסערען די אידישע באַפעלקערונג. עס לעגט זיך דעריבער אויפ׳ן שכל, אַז פון דעם דאָזיגען האַלבען יאָהרהונדערט שטאַמט דער צענזוס פון דער באַפעלקערונג, וואָס דער כראָניקער האָט אריינגעשטעלט אין עזרא ב און נחמיה ז. דעמאָלט האָט די השפעה פון „די צוריקגעקערטע פון גלות" באַקומען די אויבערהערשאַפט; בעת די געמישטע באַפעלקערונג, וואָס איז געבליבען אין לאַנד, האָט געקראָגען אַ שלעכטען שם. ווען מ׳האָט באַטראַכט זייער הנהגה פון דעם שטרענגערען שטאַנדפּונקט פון תורת כהנים. דערפאַר איז דעמאָלט, צום ערשטען מאָל, געווען אַ שטאַרקער אַנטרייב צו מאַכען און צו דערהאַלטען אַזאַ צענזוס. דיזעלביגע טענדענץ: אַראָפּצוּוואַרפען די היימישע אידען און צוצושרייבען אַלץ וואָס איז גוט צו די אידען, וואָס זיינען צוריקגעקומען פון גלות, האָט זיך אַלץ שטאַרקער אַנטוויקעלט, ביז זי האָט, ווי ביי דעם כראָניקער, פאַרדרעהט אַלע פריהערדיגע באַגריפען וועגען דער געשיכטע פון דער ערשטער צייט נאָכ׳ן גלות.

די ווירקליכע צוריקקערונג פון עטליכע טויזענט אידען פון גלות האָט קענטיג אויפגעוועקט ביי די ארץ־ישראל׳דיגע אידען האָפענונגען אויף אַ פולשטענדיגער צוריקקערונג און באַנייאונג פון דעם גאַנצען פאָלק. מיט ברענענדיגע הערצער האָבען זיי אָפט תפילה געטאָן:

„העלף אונז, אָה גאָט אונזער האַר,
און זאַמעל אונז צוזאַמען פון די פעלקער,
צו דאַנקען דיין הייליגען נאָמען,
און צו שטאָלצירען מיט דיין לויב".
(תהלים ק״ו 47).

אין דער לאַנגער רעגירונגסצייט פון אַרטאַקסערקסעס דעם צווייטען

האט די אפגעלאזענקייט פון דער פערסישער הערשאפט. וואס האט געגעבען די אידען א געלעגענהייט זיך אויסצושפרייטען, זיי געשטעלט אין א נייער סכנה. ווי שוין אזויפיעל מאל אין דער געשיכטע פון דעם פאלק ישראל, איז די סכנה געקומען פון דעם לאנד פון טייך נילוס. טאכאס, דער היימי־שער קעניג פון עגיפטען, וועלכער איז כמעט א משך פון א האלבען יאהר־הונדערט ארויסגעטראטען מיט ערפאלג געגען דער פערסישער הערשאפט, האט ארום יאהר 361 (פאר קר.) אריינגעמארשירט אין סיריען, כדי צו אטא־קירען ארטאקסערקסעס. די פעניקיער זיינען צוגעשטאנען צו איהם, און ער האט אנגעהויבען באלאגערען געוויסע סירישע שטעט; אבער ער האט פלוצ־לונג געמוזט זיך אומקערען קיין עגיפטען איינצושטילען אויפשטאנדען, וואס האבען דארטען געהאלטען ביים אויסברעכען. דערוויי̈ל איז, אין יאהר 358, דער אלטער ארטאקסערקסעס געשטארבען, און דעם פערסישען טראן האט פארכאפט זיין אינגערער זוהן אכוס, וואס איז באקאנט אלס ארטאקסערקסעס דער דריטער. ער האט זיך ארויסגעוויזען אלס קלוג און ענערגיש, פונקט אזוי ווי ער איז געווען געוויסענלאז און אן אכזר. זיין הערשאפט איז געווען די בלוטיגסטע אין דער פערסישער היסטאריע. זיין טראנבאשטייגונג איז געווען באגלייט דורך דער אויסמארדונג פון אלע מיטגלידער פון דער קע־ניגליכער פאמיליע, וואס זיינען געווען עלול צו שטעלען זיין הערשאפט אין סכנה. גלייכצייטיג האט ער אבער געטאן פאר דער אויפלעבונג פון דער וואקעלדיגער אימפעריע מעהר ווי יעדער אנדער מאנארך זינט דריוש דעם ערשטען. אנשטאט זיך צו פארלאזען אויף זיינע גענעראלען, האט ער פער־זענליך אנגעפיהרט די וויכטיגערע פעלדצוגען. עגיפטען האט נאטירליך גע־פאדערט זיין ערשטע אויפמערקזאמקייט. אבער אין יאהר 350 האט דער דעמאלט הערשענדיגער עגיפטישער קעניג נעקטאנעבוס, מיט דער הילף פון גריכישע גענעראלען און געדונגענע סאלדאטען, פולשטענדיג צעשלאגען די גרויסע ארמיי פון אכוס.

אט די מערקווירדיגע מפלה אין אנהויב פון זיין רעגירונג האט דערמור־טיגט די אונטערטאנען פון אכוס אין פיעל טיילען פון דער אימפעריע צו רעוואלטירען. קענטיג געהעצט דורך די עגיפטער, האבען די פעניקיער, אנגעפיהרט פון דער שטאט צ י ד ו ן, אויך אויפגעהויבען די פאהן פון אויפשטאנד. די פערסישע סאלדאטען אין זייער טעריטאריע זיינען אויסגע׳הרג׳עט געווארען. אויפשטאנדען אין אנדערע טיילען פון זיין אימפעריע האבען ניט געלאזען אכוס׳ן דערשטיקען גלייך די מרידה, און זי האט דעריבער באלד זיך שטארק פארשפרייט. טענעס, דער קעניג פון צידון,

אונטערגעשטיצט פון א גרויסען חיל פון גריכישע זעלנער, וואס זיין פאר־בינדעטער, דער זיגרייכער קעניג פון עגיפטען, האט איהם געשיקט, האט צעשלאגען צוויי פערסישע סאטראפען, וואס זיינען געשיקט געווארען געגען איהם, און אויף א געוויסער צייט האט ער באפרייט די סירישע פראווינץ פון דער פערסישער הערשאפט. ארום יאהר 346 האט זיך איינגעגעבען אכוס'ן צוזאמענצונעמען אן אנדער גרויסע ארמיי (געשאצט פון די גריכישע היסטאריקער אויף 330,000) און ער האט מארשירט געגען צידון. איהר קעניג האט דאמאלסט פאררעטען זיין שטאט און זיינע בונד־חברים צו די פערסער. אכוס האט, זיך האלטענדיג אן זיין געוועהנליכער פאליטיק פון פאררעט, דערמארדעט טענעס'ן, אלס באלוינונג פאר זיין פאלשקייט, און האט געטויט די חשוב'סטע בירגער פון צידון, וואס זיינען געקומען בעטען פון איהם א מילדע באהאנדלונג. די איבעריגע איינוואוינער האבען אויסגעקליבען צו שטארבען דורך זייערע אייגענע הענט איידער צו בלייבען לעבען דורך דער רחמנות פון אט דעם בלוטדורשטיגען אריענטאלישען דעספאט; זיי האבען דעריבער זיך פארשלאסען אין זייערע הייזער און זיי אונטערגעצונדען אי־בער זייערע קעפ. עס ווערט באריכטעט, אז פערציג טויזענט זיינען אויף דעם אופן אומגעקומען. נאכדעם ווי אכוס האט פארוואנדעלט אין א חורבה דעם צענטער פון דער מרידה אין סיריען, האט ער מארשירט מיט זיין הויפט־ארמיי צו עראבערען עגיפטען, און ער איז פארטיג געווארען דערמיט ארום יאהר 343 (פאר קר.)

דער אנטייל, וואס די אידען האבען גענומען אין דעם דאזיגען גרויסען אויפשטאנד און דער גורל וואס איז אויף זיי אויסגעפאלען, ווערען, ווי מאנ־כע אנדערע אומאנגענעמע פאסירונגען אין אונזער היסטאריע, נאר טונקעל אנגעצייכענט פון אונזערע היסטאריקער. די דערצעהלונג פון דעם כראני־קער ברעכט זיך אפ מיט דער איינפיהרונג פון תורת כהנים, און יוסף פלא־וויוס שווייגט אויך כמעט וועגען דעם. ער פארבינדעט אבער יא מיט דעם נאמען „באגאסעס, דער גענעראל פון אן אנדער ארטאקסערקסעס“, אן אונ־טערדריקונג פון דעם אידישען פאלק און א פארשוועכונג פון בית־המקדש (אידישע אלטערטימער י“א 7, § 1). דער דאזיגער גענעראל איז קענטיג דער־זעלביגער יעוונוד באגאסעס, איינער פון די דריי פערסישע קאמאנדירען פון ארטאקסערקסעס אכוס אין דעם גרויסען סיריש־עגיפטישען פעלדצוג. ער איז עס געווען, וואס האט שפעטער געטויט זיין הער און איז געווארען דער פאקטישער הערשער פון דער אימפעריע. די סיבה פון די צרות, וואס די אידען האבען דעמאלט געהאט אויסצושטעהן, איז לויט יוסף פלאוויוס געווען

דער מארד וואס דער כהן גדול יוחנן (דער יוחנן פון נחמיה י"ב 22, 23) איז באגאנגען געגען זיין ברודער ישוע, וועמען דער פערסישער סאטראפ האט פארשפראכען די כהונה גדולה. אזוי ווי דער פארברעכען איז באגאנגען געווארען אין דעם הייליגען געביט פון בית־המקדש, זעהט יוסף פלאוויוס די סיבה פון דעם אומגליק, וואס איז געקומען אויף די אידען אין יענער צייט, אין גאט'ס צארן, וואס איז דורך דעם ארויסגערופען געווארען. דער כאראקטער פון די כהנים גדולים פון יענער פעריאדע איז געווען אזעלכער, אז די געשיכטע איז בשום אופן ניט אומגלויבליך. אבער די שטראף, וואס די פערסער האבען ארויפגעלעגט אויף דער אידישער געמיינדע, איז לחלוטין ניט אין פראפארציע צו דער סיבה, וואס ווערט אנגעגעבען. די טראדיציע, וואס יוסף פלאוויוס גיט איבער, אנטהאלט אין זיך דעם פאקט, אז די אידען האבען געהאט שטארק צו ליידען, אז דער בית־המקדש איז פארשוועכט געווארען, אז זייער שטראף האט זיך געצויגען פיעל יאהרען (זיבען לויט יוסף פלאוויוס), אז באגאסעס האט געהאט אסך צו טאן דערמיט און אז דאס איז באטראכט געווארען אלס א שטראף פון גאט פאר באגאנגענע זינד.

געוויסע שטעלען אין די ווערק פון ניט־אידישע היסטאריקער דערגענצען דעם באריכט פון יוסף פלאוויוס, און מ'קאן זיך פון זיי אנשטויסען אויף דער אמת'ער סיבה פון דעם אומגליק, וואס איז געקומען אויף דער אידישער געמיינדע. זיי גיבען אונז וועניג איינצעלהייטען. אבער דער פאקט בלייבט פעסטגעשטעלט, אז די אידען זיינען געווען פארמישט אין דער מרידה געגען די פערסער, און אז זיי זיינען געווען די קרבנות פון דערזעלביגער בלוטיגער נקמה, וואס אכוס האט גענומען פון די פעניקער און די עגיפטער. עס ווערט אויך באריכטעט פון יענע ניט־אידישע היסטאריקער, אז יריחו איז עראבערט און צעשטערט געווארען און אז א טייל פון די אידען זיינען פארטריבען געווארען אין דער פראווינץ הירקאניא, אין דרום־זייט פון דעם קאספישען ים. עס קאן אויך גרייליך זיין, אז דער יסוד פון דעם בוך יהודית איז א שפעטערע טראדיציע וועגען דער אונטערדריקונג פון דעם סירישען אויפשטאנד דורך אכוס. האלאפערנעס, דער פיהרער פון פיינדליכען חיל אין אט דער מאדנע צעדרעהטער געשיכטע, איז, מעגליך, אליץ־איינס מיט יענעם אלאפערנעס, איינער פון די גענעראלען וואס האבען געשפילט א גרויסע ראלע אין זעלביגען סיריש־עגיפטישען פעלדצוג.

פון אט די אלגעמיינע אנדייטונגען, וואס באשטעטיגען זיך געגענזייטיג, ווייזט אויס, אז דער גאנג פון די געשעהענישען איז געווען ווי פאלגט: אין דער ערשטער העלפט פון פערטען יאהרהונדערט (פאר קר.) איז די אי־

דישע געמיינדע אין יהודה אזוי שטארק אויסגעוואקסען, הן אין צאהל און הן אין כוחות, אז איהר אומבאדייטענדקייט האט זי מעהר ניט געראטעוועט פון פאליטישע פארוויקלונגען. די אלטע האפענונגען אויף אומאפהענגיג־קייט און וועלט־הערשאפט האבען ווידער אויפגעפלאקערט אין די אידישע הערצער. די ברוטאלע אכזריות און טיראנייע פון אכום'ן האט אויסגעלאשען די דאנקבארקייט, וואס די אידען האבען געמעגט פיהלען צו די פערסער, און האט אנשטאט דעם ארויסגערופען א שטארקע שנאה און פאראכטונג. אין די אויגען פון די אידען האבען דער פערסישער מאנארך און זיינע פונקט אזוי ווי ער, געוויסענלאזע יועצים פארגעשטעלט די הויפט־פייגד פון יהוה און זיין מלוכה. צוריק ווידער האבען די אידען געפיהלט, ענליך ווי אמאל י א ש י ה ו בשעת ער האט אטאקירט דעם מעכטיגען חיל פון פ ר ע ה נ כ ו אויף דעם אומגליקס־פעלד פון מ ג י ד ו,*) אז דורך זייער רעפארם און זייער פרומער עבודה אין בית־המקדש האבען זיי געוואונען גאט'ס לייטזעליגקייט און ער מוז זיי איצט ביישטעהן און טאר זיי ניט לאזען פאלען פאר זייערע פיינד. דער פערטער קאפיטעל פון בוך יואל, וואס שטאמט פון דער דאזיגער פעריאדע פון פרידען און שפע, דריקט אויס אט דעם געפיהל: „רופט דאס אויס צווישען די פעלקער; גרייט צו א מלחמה; וועקט אויף די גבורים; זאלען זיך דערנעהנטערען און אהערקומען אלע מלחמה־לייט; קלאפט שווערדען אויס פון אייערע אקעראייזענס און שפיזען פון אייערע שניידמעסערס; זאל דער שוואכער זאגען: איך בין א גבור!" (פסוק 9 און 10). דער נביא רופט די מעכטיגע פעלקער, אז זיי זאלען ארויסמארשירען צו דער מלחמה. ער האט ניט קיין ספקות אין דעם רעזולטאט: יהוה וועט משפט'ען די פעלקער און וועט אנווענדען זיין אל־מעכטיגע קראפט זיי צו באשטראפען פאר זייער שולד, בעת ער וועט זיין „א באשיצונג פאר זיין פאלק און א פעסטונג פאר די קינדער פון ישראל". ווען אט דער „טאג פון יהוה", אויף וועלכען די אידען פון דעם נביא'ס צייט האבען געווארט, וועט אנקומען, וועט ירושלים פון אלעמען אנערקענט ווערען אלס הייליג און „קיין פרעמדע וועלען מעהר ניט דורכגעהן דורך איהר". עס איז לייכט צו פארשטעהן, פארוואס די אידען זיינען, מיט די דאזיגע דער־ווארטונגען פאר זייערע אויגען, צוגעשטאנען צו דעם ארויסטריט געגען פערסיען. זיך צו אנטזאגען וואלט אויך באדייט פארניכטונג דורך די הענט פון זייערע שטארקערע שכנים אין פאלעסטינע.

---

*) זעה אין באנד 3, ז. 157, 158.

די גאנצע פראווינץ פון סיריען איז קענטיג פארכאפט געווארען פון דעם אויפשטאנד, און ווען די אלגעמיינע זאך איז געווען פארראטען און פארלארען, האבען די אידען געליטען זייער חלק פון די רעזולטאטען. איז וואס דאס איז באשטאנען, קאן מען ארויסדרינגען פון דער שרעקליכער נקמה, וואס אכוס האט גענומען פון די פעניקיער און עגיפטער. טויזענטער זיינען געטויט געווארען, שטעט האט מען חרוב געמאכט, טעמפלען האט מען אויסגערויבט, און מ'האט אויף קיינעם קיין רחמנות ניט געהאט. אזוי ווי אסך אידען זיינען פארטריבען געווארען, זעהט מען באשיינפערלעך, אז דער צארן פון אכוס איז געפאלען אויף זיי אזוי שווער ווי אויף זייערע שכנים. הגם די היסטאריקער דערמאנען נאר, אז יריחו איז ערָאבערט געווארען. האט אבער ירושלים נאך מעהר געמוזט ליידען; ווארים פונקט ווי סנחריב הונדערטער יאהרען צוריק, האט אכוס, אויף זיין מארש צו אונטערווארפען עגיפטען, ניט געקאנט לאזען אזא נאטירליכע פעסטונג פון הינטען. מ'מעג אננעמען, ביים ליכט פון די אומאפהענגיגע ידיעות, וואס מיר האבען וועגען דעם, אז אין דער דאזיגער צייט זיינען די הייליגע שטאט און איהר הייליגטום ווידער אויסגערויבט און שיער ניט חרוב געווארען. צי דער, וואס האט עס געטאן, האט געהייסען אלאפערנעס אדער באגאסעס, אבער איין זאך איז זיכער: אז דאס איז געטאן געווארען מיט דער ביטערסטער נקמה און אכזריות.

בעת די ביבלישע היסטאריקער פארשוויגען די דאזיגע געשעהענישען מיט א שטילקייט, וואס איז זעהר באדייטונגספול, באציהען זיך אבער אפט אויף זיי די נביאים און תהלים־זינגער, וואס האבען איבערגעלעבט די שרעקליכקייטען פון יענע טעג. ישעיה ס"ג 7 ביז ס"ד 11 שטאמט, ווייזט אויס, פון אט דער קריטישער צייט. צוערשט ווערט געגעבען אן איבערבליק איבער די קריזיסען אין דער אידישער פארגאנגענהייט, ווען גאט פלעגט העלפען זיין פאלק, דערנאך קומט אן אויסגעשריי, כמעט פון פארוואורף, ווארום „ער האט געמאכט די אידען אוועקבלאנדזשען פון זיינע וועגען" און ווארום איהם קימערען גאר ניט די שרעקליכע צרות וואס זיינען אויף זיי געקומען. „דיין הייליגטום, וואס דיין הייליג פאלק (א טערמין געשאפען דורך דער גרויסער פארזאמלונג) האט פארמאגט נאר א קורצע צייט, איז צעטראטען געווארען פון אונזערע פיינד" (ס"ג 18). די אידען קלאגען ביטער, אז „ציון איז געווארען א מדבר, ירושלים א וויסטעניש. אונזער הייליג און פראכטיג הויז, וואו אונזערע פאטערס האבען דיך געלויבט, איז פארברענט אין פייער; און אלע אונזערע געלוסטיגע זאכען זיינען פארוויסט געווארען"

(ס"ד 10, 11). דאָס גאַנצע שטיק פֿיהרט אונז אַריין אין דער שטימונג פֿון דער געמיינדע אין דער צייט פֿון יענעם גרויסען בראַנד. פֿיינליכער ווי אַלץ איז געווען דער געפֿיהל צו זיין פֿאַרלאַזען פֿון גאָט. זיי האָבען געגלויבט, אַז ער וועט זיי ביישטעהן, אָבער זיי זיינען אַנטוישט געוואָרען. זייערע ליידען זיינען געווען פֿאַר זיי אַ קלאָרער באַווייז, אַז זיי האָבען זיך פֿאַרזינדיגט אין זיינע אויגען. זיי, וואָס האָבען שטאָלצירט מיט'ן אָפּהיטען שטרענג זיין תורה, זיינען באַשמוצט און פֿאַרשוועכט געוואָרען. דער פּראָבלעם פֿון ספר איוב איז איצט געוואָרען דער פּראָבלעם ניט נאָר פֿון אַ הייפּעל פרומע, נאָר פֿון דער געמיינדע אַלס גאַנצע. פּונקט ווי דער העלד פֿון יענער גרויסער דראַמע, האָבען זיי געבעטען גאָט, אַז ער זאָל זיך אַריינמישען דורך עפּעס אַ וואונדער, אַז ער זאָל זיי ראַטעווען פֿון זייער אומגליק און זיך אָננעמען פֿאַר זייער אומשולד.

די קאַפּיטלען ע"ד און ע"ט אין תהלים, וואָס שפּיגלען גענוי אָפּ דעם־זעלביגען היסטאָרישען הינטערגרונט ווי די שטעלען אין ישעיה, מאַכען פֿול די דאָזיגע בילדער פֿון חורבן און פֿאַרצווייפֿלונג. אַזוי ווי יהודה איז דער־מאָלט געווען מעהר ווי אַלץ אַ רעליגיעזע געמיינדע, און אַזוי ווי די מאָטיווען, וואָס האָבען זי געטריבען צו רעוואָלטירען געגען אַכוס, זיינען אויך געווען אין עיקר רעליגיעזע, האָבען דעריבער די פּערסער אויסגעלאָזען זייער כעס באַזונדערס צום בית־המקדש און צו די פּלעצער וואו מ'האָט געדינט גאָט. ביים ליכט פֿון די דאָזיגע תהלים־לידער איז מעגליך נאָכצופֿאָלגען אַכוס'עס צעבושעוועטע און גרויזאַמע סאָלדאַטען, ווי זיי זיינען אַריין אין דעם הייליגען פֿאַרזאַמלונגס־אָרט פֿון דעם אידישען פֿאָלק, האָבען געמאַכט חוזק פֿון די פֿאַרזאַמעלטע און זיי באַליידיגט מיט אַלץ וואָס איז מעגליך. זיי האָבען אויפֿגעשטעלט זייערע פֿאָהנען ביים בית־המקדש און האָבען מיט העק און האַמערס אָנגעהויבען אַלץ צו צעשטערען. די טייערע שניצונגען און אָרנאַמענטען פֿון דעם הייליגען בנין זיינען באַלד געוואָרען חרוב־מוחרב. מיט פֿייער האָבען זיי פֿאַרענדיגט די צעשטערונג (ע"ד 3—7). לאַ־די וואָס זיי האָבען טמא געמאַכט דאָס הייליגטום מיט זייער אַנוועזענקייט, האָבען זיי באַשפּריצט ירושלים מיט די טויטע קערפּערס פֿון פֿרומע אידען. מ'האָט באמת געקאָנט זאָגען פֿון אַכוס'עס זעלנער, אַז „זיי האָבען פֿאַרגאָסען בלוט ווי וואַסער" (תהלים ע"ט 2, 3). נאָכדעם ווי זיי האָבען פֿאַרוויסט ירושלים און דעם בית־המקדש האָבען זיי זיך גענומען צו די סינאַגאָגעס פֿון לאַנד. זיי זיינען אַלע אָהן אַן אויסנאָם פֿאַרברענט געוואָרען (ע"ד 8; פֿאַרגלייך ישעיה ס"ד 10). אין דיזעלביגע תהלים־לידער הערען מיר אויך דעם

קרעבץ פון די געפאנגענע, פאר׳משפט מאנכע צום טויט און מאנכע פאר־טריבען צו ווערען אין א ווייטען לאנד (ע״ט 11).

די תהלים־דיכטער, פונקט אזוי ווי די נביאים, האבען מורא געהאט, אז גאט האט אוועקגעווארפען זיין פאלק״ (תהלים ע״ד 1). זייער געפיהל פון פארלאזענקייט איז נאך פארשטארקט געווארען דורך דעם געלעכטער און שפאט פון די שכנים ארום (ע״ט 4). זיי האבען געבעטען גאט, ניט נאר אז ער זאל זיך נוקם זיין אן זייערע אונטערדריקער, זיי האבען אויך געבעטען אז „די נקמה פון פארגאסענעם בלוט פון יהוה׳ס קנעכט זאל באקאנט ווערען צווישען די פעלקער״ (ע״ט 10). די זלזולים פון די שכנים זיינען געווען נאך אומדערטרעגליכער איידער די ווירקליכע רדיפות (ע״ט 12). די אידען זיינען ווידער געווארען א רויב פאר זייערע באשטענדיגע פיינד ארום, וועמעס שנאה איז פארשטארקט געווארען דורך דער אפשיידונג פון דער ירושלים׳ער געמיינדע. די אידישע ליטעראטור פון די לעצטע עטליכע יאהר פון דער פערסישער עפאכע איז פול מיט ברענענדיגע תפילות, אז עס זאל אין גיכען קומען א ישועה פון אלע אונטערדריקונגען און א נקמה אויף די גרויזאמע פיינד (תהלים צ״ד; ישעיה כ״ד ביז כ״ז).

עס איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואס די אידען האבען זיך געפרעהט מיט דעם אויסקוק, אז גאר אין גיכען וועט צוזאמענפאלען די פארפוילטע פערסישע אימפעריע און וואס זיי האבען געהאפט, אז מיט דעם זיגרייכען מארש פון אלעקסאנדער׳ן וועט זיך אנהייבען די ערא, אין וועלכער גאט וועט איבערקערען די וועלט און וועט באשטראפען די פיינד פון זיין פאלק און וועט פארטיידיגען זיינע פרומע און גערעכטע (ישעיה כ״ד). ווען די גריכישע ממשלה האט געבראכט א קנאפע ישועה, האבען אסך אידען פארלאזען דאס לאנד יהודה מיט אלע איהרע אנטוישונגען און האבען געמאכט זייערע היימען אין עגיפטען און צפון־סיריען. אבער די פרומע וואס זיינען געבליבען האבען זיך נאך ארומגעטראגען מיט דער האפענונג, אז סוף־כל־סוף וועט דאס אידישע פאלק אויסגעלייזט און דערהויבען ווערען. דערווייל האבען זיי מיט דעם כוח פון פארצווייפלונג זיך געהאלטען פעסט אן גאט׳ס תורה, וואס איז געווען דער מקור אי פון זייער לייד און אי פון זייער פרייד. דער בית־המקדש און די עבודה אין איהם זיינען געווען דער מאגנעטשטיין, וואס האט זיי צוגעצויגען און צוזאמענגעהאלטען. די ווערטער פון דעם תהלים־דיכטער:

„איין טאג אין דיינע הויפען איז בעסער ווי טויזענט.

ווייל בעסער זיין א טירהיטער אין דעם הויז פון מיין גאט
איידער צו וואוינען אין די געצעלטען פון רשעות".
(פ"ד 11)

האבען אויסגעדריקט די געפיהלען פון יענע פרומע, וואס זיינען געבליבען אין ארץ ישראל.

אזוי ארום האט דאס לעצטע יאהרהונדערט פון דער פערסישער הער־שאפט געזעהן די צוריקקערונג פון אסך פרומע אידען, די איינפיהרונג פון תורת כהנים, די פארווירקליכונג אויף א קורצער צייט פון לאנג ארומגע־טראגענע האפענונגען, א צווייטען גרויסען חורבן פון דער אידישער מדינה און די פארשוועכונג פון בית־המקדש. אין פארלויף פון דער דאזיגער פער־יאדע, וואס ווערט געוועהנליך באטראכט פאר א שטילע, איז דאס יודענטום אויסגעבויט געווארען און האט דערגרייכט זיין פולע הויכקייט.

8.

די גרינדונג פון דער שומרוני'שער געמיינדע אין שכם.

אין פארלויף פון דערזעלביגער צייט איז אויך פארגעקומען די גרינדונג פון דער שומרוני'שער געמיינדע אין שכם מיט אן אייגענעם בית־המקדש אויף'ן בארג גריזים. די דאזיגע געשעהעניש איז נאך איינגעהילט אין טונ־קעלקייט, ניט קוקענדיג אויף דער לייכטקייט און קלארקייט, מיט וועלכער די געשיכטסשרייבער ריידען וועגען דעם.

כדי זיך אביסעל פאנאנדערצוקלייבען אין אט דעם טונקעלען פראבלעם, וועלען מיר דא קודם־כל ברייננגען די היסטארישע קוועלען, אויף וועלכע די געשיכטסשרייבער שטיצען זיך.

צוערשט קומט אין באטראכט א נאטיץ אין נחמיה קאפ. י"ג פסוק 28:
„און פון די זיהן פון יוידע, דעם זוהן פון אלישיב דעם כהן גדול, איז איינער געווען אן איידים ביי סנבלט החורוני, און איך האב איהם פאר־טריבען פון מיר".

דא שטעהט אבער נאר, אז אן אייניקעל פון דעם כהן גדול אלישיב האט חתונה געהאט מיט סנבלט'ס א טאכטער און נחמיה האט איהם דעריבער ארויסגעטריבען פון ירושלים. אז דאס זאל האבען געפיהרט צו דער אפזונ־דערונג פון די שומרונים — שטעהט דא ניט. דער איינציגער באריכט

וועגן דעם געפינט זיך ביי יוסף פלאוויוס אין זיינע „אידישע אלטערטימער“ בוך XI, קאפ. 7, § 2 און קאפ. 8, § 2, 4.

דער קיצור פון דעם דאזיגן באריכט איז ווי פאלגט:

מנשה, א ברודער פון דעם כהן גדול ידוע, האט חתונה געהאט מיט ניקאסא, די טאכטער פון דעם כותי סנבלט, וועמען דריוש דער דריטער האט איינגעזעצט פאר א פחה אין שומרון. די אידן אין ירושלים זיינען געווען זעהר אויפגעבראכט געגען דעם, וואס דעם כהן גדול'ס א ברודער האט חתונה געהאט מיט א פרעמדער פרוי, און זיי האבן איהם דעריבער געגעבן די ברירה: ענטוועדער זיך שיידען פון זיין פרוי אדער זיך אנטזאגן פון דער כהונה. מנשה איז געווען גענייגט זיך צו שיידען פון זיין פרוי, אבער זיין שווער סנבלט האט ביי איהם גע'פועל'ט דאס ניט צו טאן און האט איהם דערפאר פארשפראכען איהם צו מאכען פאר א כהן גדול און א פחה און אויסצובויען פאר איהם א בית־המקדש אויפ'ן בארג גריזים, אזא ווי אין ירושלים. די דערלויבעניש פאר דעם האט סנבלט באקומען פון אלעקסאנדער'ן, נאכדעם ווי ער האט צעשלאגען דריוש דעם דריטען ביי איסוס: אין ירושלים איז דעמאלט פארגעקומען א גרויסע מהומה, ווארים אסך כהנים און לויים זיינען געווען פארוויקעלט אין אזעלכע הייראטען. זיי זיינען צוגעשטאנען צו מנשה'ן, און סנבלט האט זיי געגעבן געלט און האט זיי צוגעטיילט לאנד און וואוינונגען; און דאס אלץ האט ער געטאן, כדי צו באפרידיגען זיין איידים.

עס קאן ניט זיין דער מינדסטער ספק, אז דער דאזיגער באריכט פון יוסף פלאוויוס הענגט אפ פון דער אויבען געבראכטער נאטיץ אין נחמיה. עס הייסט: יענער זוהן פון דעם כהן גדול, וועמען נחמיה האט ארויסגעטריבען פון ירושלים, איז עס געווען מנשה, דער גרינדער פון דעם שומרוני'שען קולט אויפ'ן בארג גריזים. עס שטימט נאר ניט וואס לויט דער נאטיץ אין נחמיה איז ער געווען א זוהן פון יוידע און א ברודער פון יוחנן, און לויט יוסף פלאוויוס איז ער געווען א זוהן פון יוחנן און א ברודער פון ידוע, דעם כהן גדול אונטער וועמען ירושלים איז ערטאבערט געווארען דורך אלעקסאנדער'ן*).

דאס אבער וואלט שוין געווען די קלענסטע סתירה. א גרעסערע שווער־

---

*) דער סדר־היחוס פון די כהנים גדולים אין דער פערסישער עפאכע איז לויט נחמיה י"ב ווי פאלגט: יהושע בן־יהוצדק, יויקים, אלישיב, יוידע, יוחנן, ידוע.

קייט ליגט אין דער כראנאלאגיע. לויט דער נאטיץ אין נחמיה קומט אויס, אז דעם כהן גדול'ס זוהן איז ארויסגעטריבען געווארען פון ירושלים דורך נחמיה'ן, דאס הייסט: אין דער צווייטער העלפט פון פינפטען יאהרהונדערט (פאר קר.), בעת לויט יוסף פלאוויוס איז דאס פארגעקומען אין דער צווייטער העלפט פון פערטען יאהרהונדערט. אין פריהערדיגע יאהרען זיינען דריבער מאנכע פארשער גענייגט געווען אנצונעמען, אז נחמיה'ס קעניג ארתחששתא איז געווען דער צווייטער מיט דעם דאזיגען נאמען*). מ'גערווינט דערמיט 59 יאהר, און אויב מ'נעמט נאך אן, אז אין נחמיה'ס צייט איז סנבלט געווען נאך גאר יונג און אין אלעקסאנדער'ס צייט איז ער געווען א זקן — וואלט מען על־פי־דוחק געקאנט אויסגלייכען ווי עס איז די כראנאלאגישע סתירה. האבען אבער די פאפירוסען פון עלעפאנטין באוויזען איצט שווארץ אויף ווייס, אז נחמיה'ס קעניג איז געווען ארתחששתא דער ערשטער און אז 76 יאהר פאר אלעקסאנדער'ס עראבערונג פון דעם מזרח איז סנבלט שוין געווען א זקן*). זיינען געקומען לעצטענס מאנכע פארשער און האבען פארגעשלאגען אן אנדער אויסוועג: דער באריכט פון יוסף פלאוויוס האט ניט קיין פארבינדונג מיט דער נאטיץ אין נחמיה, נאר עס זיינען געווען צוויי גובערנאטארען אין שומרון מיט'ן נאמען סנבלט, איינער אין נחמיה'ס צייט און דער אנדערער מיט הונדערט יאהר שפעטער. אבער עס איז גאר ניט כדאי צו פארלירען איבעריגע רייד, כדי צו ווייזען ווי לעכערליך עס איז אנצונעמען, אז עס זיינען געווען צוויי סנבלט'ס, און ביידע האבען זיי טעכטער געהאט, וואס האבען געהייראט זיהן פון כהנים גדולים, און ביידע איידימס זיינען צוליב די שידוכים מיט די טעכטער פון די סנבלט'ס ארויסגעטריבען געווארען פון ירושלים. עס איז בכן געבליבען נאר איין איינציגע ברירה, ביי וועלכער מאדערנע געשיכטסשרייבער האלטען זיך, און דאס איז: אנצונעמען, אז יוסף פלאוויוס גיט דא אן אמת היסטארישען באריכט, נאר אין א פאלשען כראנאלאגישען ראם. ניט אין דער צייט פון דריוש דעם דריטען, נאר אין דער צייט פון דריוש דעם צווייטען איז געגרינדעט געווארען די שומרוני'שע געמיינדע. עס הייסט לויט דעם, אז יוסף פלאוויוס'עס איינציגער טעות באשטעהט דערין וואס ער האט פארביטען די דריוש'עס.

אבער די גאנצע כראנאלאגישע סתירה איז ניט מעהר ווי א טפל. דער עיקר שווערקייט ליגט אין דעם עצם הענין. די גאנצע זאך איז דא „כולו

*) זעה אויבען ,ז. 26 אין דער באמערקונג.

מוקשה" פון אנהויב ביז'ן סוף. לויט דעם באריכט פון יוסף פלאוויוס, און לויט אלע געשיכטסשרייבער וואס שטיצען זיך אויף איהם עד־היום, איז די גרינדונג פון דער שומרוני'שער געמיינדע געווען דער אפשלוס פון דעם קאמף, וואס סנבלט האט געפיהרט געגען ירושלים, און די שומרוני'שע גע־מיינדע פון שכם איז באשטאנען פון דערזעלביגער געמישטער באפעלקערונג פון שומרון, וואס ווערט געשילדערט אין מלכים ב, י"ז אלס האלב אידיש און האלב היידניש. דער פאקט איז אבער, אז די שומרונים פון שכם, לויט ווי מיר ווייסען פון זיי, האבען ניט געהאט קיין שום שפור פון די היידנישע מנהגים פון דער געמישטער באפעלקערונג פון שומרון. אדרבה, זיי זיינען געווען שטרענגע מאנאטעאיסטען און אסך אויסגעהאלטענער און קאנסער־וואטיווער אין אפהיטען אלע מצוות פון דער תורה איידער די אידען*). איז דאך א קלאץ־קשיא: ווי קומט עס, וואס די האלבע היידען פון שומרון זיינען אט גאר פלוצלונג געווארען נאך שטרענגערע אנהענגער פון דער רע־פארם פון זייערע געגנער, נחמיה און עזרא, איידער די אידען גופא? ווי איז דאס מעגליך, אז יענע האלבע היידען האבען פון סנבלט'ן און אן אנטלאָ־פענעם כהן פון ירושלים געלאזט ארויפצווינגען אויף זיך א נייע רעליגיאן? אדער לאמיר שטעלען די פראגע פשוט'ער: ווי קאן דאס געמאלט זיין, אז א רעליגיעזע סעקטע מיט אייגענע גלויבונגען און דאגמעס, א סעקטע וואס האט זיך געהאלטען פון דער פערסישער צייט ביז אויף היינט — איז אנטשטא־נען דורך אזא צופעליגער, אומבאדייטענדער עפיזאדע ווי א שידוך?

מ'זעהט דערפון באשיינפערליך, אז דער באריכט פון יוסף פלאוויוס איז אנטשטאנען דורך א טאפעלטען טעות. באמת זיינען די שומרונים פון שכם געווען פון לכתחילה אז א פרומע אידישע סעקטע און האבען גאר קיין שייכות ניט געהאט צו דער געמישטער, האלב־היידנישער באפעלקערונג פון שומרון און איהר אומגעגענד. לכתחילה האבען די אידען גערופען יענע האלב־היידנישע איינוואוינער פון שומרון מיט'ן צונאמען „כותים" און האבען דערמיט באשטריטען זייער צוגעהעריגקייט צום אידישען פאלק**). אין שפע־טערדיגע צייטען אבער איז שומרון אינגאנצען געווארען א העלעניסטישע

*) אויך דער תלמוד זאגט: „כל מצות שהחזיקו בה כותים מדקדקים בה יותר מישראל" („יעדערע מצוה, וואס די כותים האבען אנגענומען, היטען זיי אפ שטרענ־גער נאך איידער די אידען"), חולין דף ד, עמוד א.

**) פון דער באבילאנישער שטאט כות אדער כותה (מלכים ב, י"ז 24, 30) האט, ווייזט אויס, געשטאמט די גרעסטע צאהל פון די פרעמדע קאלאניסטען, וואס די אשורישע מלכים האבען באזעצט אין שומרון.

שטאט. שוין אלעקסאנדער מוקדון האט דארטען באזעצט גריכען. אין דער רוימישער עפאכע איז די מאיאריטעט איינוואוינער פון שומרון באשטאנען פון גויים. אין דער פראווינץ פון שומרון ווידער איז געווען שטארק אויס־געשפרייט די סעקטע פון שכם. די אידען האבען דעריבער שפעטער אריי־בערגעטראגען דעם צונאמען כ ו ת י ם אויף דער פון זיי געהאסטער סעק־טע פון שכם*). יוסף פלאוויוס — און מסתמא די אידען אין זיין צייט בכלל — האבען בכן באטראכט פאר אלץ־איינס די סעקטאנטען פון שכם מיט די אמאליגע איינוואוינער פון שומרון, וואס ווערען געשילדערט אין מלכים ב, י"ז אלס האלבע אידען און האלבע היידען.

אט דער טעות פון באטראכטען די סעקטאנטען פון שכם פאר אלץ־איינס מיט די האלב־היידנישע איינוואוינער פון שומרון פון נחמיה'ס צייט האט לייכט געפיהרט צו א צווייטען, נאך גרעסערען טעות. יוסף פלאוויוס האט געוואוסט דעם פאקט—צי פון א מינדליכער טראדיציע, אדער פון א שריפט־ליכען מקור —, אז דער גרינדער פון דעם קולט און דעם בית־המקדש אויפ'ן בארג גריזים איז געווען א כהן פון ירושלים מיט'ן נאמען מנשה. ער האט בכן פאלש אויסגעטייטשט אויף מנשה'ן דעם אויבען געבראכטען פסוק פון נחמיה און האט פארבונדען די גרינדונג פון דעם קולט אויפ'ן בארג גריזים מיט סנבלט'ס קאמף געגען נחמיה'ן. און דאס איז געווען פאר איהם זעהר לייכט צו טאן, ווארים די אידען אין זיין צייט האבען דאך אנגערופען די אנהענגער פון דעם בארג גריזים מיט'ן נאמען כ ו ת י ם און האבען זיי דערמיט באטראכט פאר אלץ־איינס מיט די אמאליגע איינוואוינער פון שומרון, וואס זייער אנפיהרער סנבלט האט אזוי ביטער געקעמפט געגען נחמיה'ן. דערצו נאך איז מנשה געווען א כהן פון ירושלים, און נחמיה האט ארויסגעטריבען פון ירושלים דעם כהן גדול'ס זוהן, ווייל ער האט חתונה געהאט מיט סנבלט'ס א טאכטער. יוסף פלאוויוס איז דערפאר געווען זיכער, אז דא האנדעלט זיך וועגען איין זאך. ער האט בכן געמאכט מנשה'ן פאר יענעם איידים פון סנבלט'ן, פון וועמען נחמיה דערצעהלט. און ניט וויסענ־דיג די ווייטקייט און צייט צווישען נחמיה'ן און אלעקסאנדער'ן, האט ער אריינגעפלאכטען אט דעם אומהיסטארישען מדרש זיינעם אין דער אלעק־

*) פארגלייך בן־סירא נ 26,25: „בשני גוים קצה נפשי והשלישי איננו עם: יושבי שעיר ופלשתים וגוי נבל הדר בשכם" („געגען צוויי פעלקער פיהל איך אן עקעל און דאס דריטע איז גאר קיין פאלק ניט: די וואס זיצען אין שעיר און די פלשתים און דאס פארגרעבטע פאלק וואס וואוינט אין שכם").

סאנדער־לעגענדע, און עס איז ארויסגעקומען זיין באריכט אין די „אידישע אלטערטימער".

דער קיצור דערפון איז, אז:

1) מיר מוזען שטרענג אונטערשיידען צווישען דער שומרוני'שער סעקטע אין שכם און דער האלב־היידנישער באפעלקערונג פון שומרון אין דער צייט פון נחמיה און סנבלט.

2) מנשה, דער גרינדער פון דעם שומרוני'שען קולט אויפ'ן בארג גריזים, האט קיין שום שייכות און קרובה'שאפט ניט געהאט מיט סנבלט'ן. און די סעקטע איז ניט אנטשטאנען דורך א שידוך.

די אנטשטעהונג פון דער שומרוני'שער סעקטע אין שכם בלייבט בכן איינגאנצען איינגעהילט אין טונקעלקייט, פונקט ווי די אנטשטעהונג פון פיעל אנדערע אידישע סעקטעס אין שפעטערע צייטען. נאר בדרך־השערה קענען מיר עטוואס ארויסדרינגען מכוח די סיבות, וואס האבען געמעגט פיהרען צו דער דאזיגער שפאלטונג אין אידישען לעבען און וועגען דער צייט, ווען דאס האט בערך געקאנט פארקומען.

די שומרונים פון שכם האבען געהאט, און האבען נאך עד היום, דעם חומש מיט'ן ספר יהושע כמעט אין דעמזעלביגען נוסח ווי די אידען*), האבען אנערקענט נאר איין איינציגע אויטאריטעט: משה'ן און זיין תורה. אבער זיי האבען לגמרי אפגעלייקענט די אויטאריטעט פון די נביאים און די הייליגקייט פון ירושלים. זיי האבען אויך ניט געגלויבט אין תחית המתים. מ'זעהט דערפון, אז די שומרונים פון שכם האבען זיך אפגעשפאלטען פון די אידען אין א צייט, ווען דער חומש איז שוין געווען אפגעשלאסען אין זיין פולען נוסח, ווי מיר האבען איהם היינט. דאס איז געווען א געוויסע צייט נאך עזרא'ן**). די אמונה אין תחית המתים איז אין דער צייט פון דער אפשפאלטונג נאך ניט געווען אריינגעדרונגען אין דער אפיציעלער אידי־

---

*) די וואריאציעס זיינען מעהרסטענס שפראכליכע און גראמאטיקאלישע. נאר וואו אין דעם מסורה־טעקסט שטעהט דער בארג עיבל, שטעהט ביי זיי דער בארג גריזים, למשל אין דברים כ"ז 4.

**) אין עזרא|ס צייט זיינען נאך מאנכע שטיקער פון חומש ניט געווען גע־שריבען. זעה וועגען דעם אויבען ז. 64. דער ספר יהושע איז לויט זיין אינ־האלט א טייל פונ'ם חומש, עס הייסט: ער איז צונויפגעשטעלט פון דיזעלביגע פיער קוועלען (פארגלייך אין באנד 2, ז. 244 די באמערקונג אונטען). נאר אזוי ווי די טראדיציע האט געמאכט משה'ן פאר דעם פארפאסער פון חומש אין זיין גאנ־צען ארומנעם, האט מען דעריבער געמוזט מאכען פון יהושע א באזונדער בוך.

שער רעליגיאָן, און די שומרונים זיינען אין דעם פּרט, ווי אויך אין אסך אַנ־דערע פּרטים, געבליבען פאַרגליווערט און האָבען ניט מיטגעמאַכט די ווייטערדיגע אַנטוויקלונג פון׳ם יודענטום. דער עיקר אין וואָס זיי האָבען זיך אונטערשיידט פון די אידען איז באַשטאַנען דערין, וואָס זיי האָבען געלייקענט די הייליגקייט פון ירושלים און האָבען אַנשטאַט דעם דערקלערט דעם באַרג גריזים פאַר דעם איינציגען הייליגען אָרט וואָס גאָט האָט אויסדערוועהלט*).

די שומרונים האָבען בכן זיך ניט אָפּגעריסען פון יודענטום, נאָר פון ירושלים, און דער אָנפיהרער און ערשטער לעהרער זייערער איז געווען אַ כהן מנשה פון ירושלים. אין וועלכען צייטפּונקט אין דעם צווייטען יאָהר־הונדערט פון דער פּערסישער עפּאָכע האָט געקאָנט פּאַסירען אַזאַ זאַך, אַז אידען זאָלען וואַרפען אַן אום׳חן אויף ירושלים? מיר מוזען זוכען ענליכע געשעהענישען אין דער אידישער געשיכטע און מאַכען אַ פאַרגלייך. מיר ווייסען, אַז דער בית־המקדש אין לעאָנטאָפּאָלים אין עגיפּטען איז געבויט געוואָרען בשעת דער בית המקדש אין ירושלים איז פאַרשוועכט געוואָרען דורך אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, און דער בויער איז געווען דער כהן גדול חוניו פון ירושלים. מיר ווייסען איצט אויך פון אַ צווייטען בית המקדש אַרום דער צייט, ביי וועלכער מיר האַלטען: דער פון די אידען אין עלעפאַנטין. ווען איז דער דאָזיגער בית המקדש געבויט געוואָרען? מ׳דאַרף ניט אַננעמען, אַז דאָס האָט פּאַסירט נאָך פאַר יאשיהו׳ס רעפאָרם**). גיכער איז דער בית־המקדש פון עלעפאַנטין געבויט געוואָרען אין ענליכע היסטאָרישע אומשטענדען ווי דער „בית חוניו״: נאָכ׳ן חורבן פון ירושלים דורך נבוכדראצר׳ן. מיר דאַרפען דערפאַר זוכען פאַר דעם בית־המקדש אויפ׳ן באַרג גריזים אַן ענליכע היסטאָרישע סיטואַציע: אַ צייט, ווען דער בית המקדש אין ירושלים איז פאַרשוועכט געוואָרען דורך אַ פיינד, און דאָס האָט פּאַסירט אונטער אַרטאַקסערקסעס אָכוס, ווי עס איז געשילדערט געוואָרען אין פריהערדיגען קאַפּיטעל. די האָפענונג, אַז גאָט וועט באַלד פאַרהערליכען ירושלים, איז צערונען געוואָרען. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די אידען האָבען דורכגעפיהרט אַזאַ שטרענגע רעפאָרם אין זייער לעבען און זיינען אַזוי פרום געוואָרען, איז דאָך ווידער געקומען אַ קאַטאַסטראָפע און ווידער

*) מאימתי מקבלין אותם? משכפרו בהר גריזים והודו בירושלים ובתחית המתים, מסכת כותים.

**) דאָס איז די מיינונג פון ר. קיטעל. זעה אין באנד 3, ז. 126.

איז ירושלים פארשוועכט געווארען. דאס איז געווען אז ענליכער קלאפ ווי אמאל יאשיהו׳ס טויט*). אסך אידען זיינען דעריבער אנטווישט געווארען. זייער פיהרער און טעארעטיקער איז געווארען דער כהן מנשה. ער האט הפנים געלערענט זיינע אנהענגער, אז אלע אומגליקען זיינען געקומען דער־פון, וואס די אידען געהען אויף א פאלשען וועג שוין פון הונדערטער יאה־רען. די נביאים און זייערע אנהענגער האבען געמאכט א טעות. דער איינציגער הייליגער ארט, וואס גאט האט אויסגעקליבען צו מאכען דארטען רוהען זיין נאמען, איז ניט דער בארג ציון, נאר דער אוראלטער, הייליגער בארג גריזים, דער בארג פון דער ב ר כ ה (דברים י״א 29 ; כ״ז 12).

די געמיינדע פון בארג גריזים האט שפעטער זיך אויסגעשפרייט ניט נאר איבער דער גאנצער פראווינץ פון שומרון, זי האט אויך באקומען פאר דער חשמונאים־צייט א גרויסע צאהל אנהענגער און א באדייטענדע השפעה אין דרום־סיריען. דורכ׳ן חומש, וואס זי האט איבערגענומען, האבען איהרע רעליגיעזע געדאנקען באקומען א פעסטע ריכטונג. אבער עס האט איהר געפעהלט דער שורש פון דעם יודענטום : די נבואה. דער חומש האט ניט געקאנט זיין קיין ממלא־מקום פאר דעם, הגם ער גופא איז א פרוכט אויס־געוואקסען אויפ׳ן בוים פון דער נבואה. די גריזים־געמיינדע איז דעריי־בער אלעמאל געווען און געבליבען ניט מעהר ווי א שאטען פון דער אידישער געמיינדע אין ירושלים.

*) זעה אין באנד 3, ז. 155—160.

די אידען אין די לענדער פון דער צעשפרייטונג

1.

די אידען אין עלעפאנטין.

עס איז אונז שוין אויבען אויסגעקומען צו ריידען דורך־אגב וועגען דער אידישער געמיינדע אין עלעפאנטין און וועגען דער צייט, ווען זי איז על־פּי־סברא געגרינדעט געווארען*). די פּאפּירוסען וואס מ׳האט לעצטענס אויסגעגראבען אויף דעם דאזיגען ניל־אינזעל ביים דרום־גרעניץ פון עגיפּטען שטעלען מיט זיך פאר דעם ארכיוו פון דער דארטיגער אידישער געמיינדע און זיינען דאטירט פון יאהר 494 ביז 400 פאר דער קריסטליכער ערא. עס איז דעריבער די צייט איצט, ווען מיר האלטען ביי אט דער פעריאדע, צו ריידען באריכות וועגען דעם דאזיגען נאר וואס ניי־אנטדעקטען קאפּיטעל פון אונזער אלטער געשיכטע.

די ארגאניזאציע.

די אידען אין עלעפאנטין זיינען געווען א מיליטער־קאלאניע („חילא יהודיא“), וואס איהרע מיטגלידער זיינען אויף תמיד געווען מחויב צו געהן

*) אין באנד 3, ז. 125—127. פארגלייך אויך ז. 194.

אין קריג און צו היטען דעם עגיפטישען גרעניץ פון דרום־זייט. זייער פּראָפעסיע אַלס סאַלדאַטען איז איבערגעגאַנגען בירושה פון פאָטער צו די דערוואַקסענע זיהן. פּונקט ווי שפּעטער אונטער די פּטאָלעמעער האבען די סאַלדאַטען געהאַט גרונט־אייגענטום. די מעהרסטע קאָלאָניסטען האָבען, ווייזט אויס, געוואוינט אין אייגענע הייזער. נעבען די אידען האָבען געוואוינט עגיפּטער, וואָס האָבען געהאַט זייער צענטער אין דעם טעמפּעל פון דעם גאָט חנוב. די באַפעלקערונג איז געווען איינגעטיילט אין „בעלי קריה", עס הייסט: בירגער וואָס געהערען צו דעם אָרט, און „בעלי דגל", עס הייסט: סאַלדאַטען.

די מיליטערישע קאָלאָניע איז געווען איינגעטיילט אין פאָהנען („דגלין") און אויך אין הונדערטשאַפטען („מאתא"). אַט די לעצטע זיינען קענטיג געווען אונטעראָפּטיילונגען, און זיי ווערען באַצייכענט לויט זייערע פאָרשטעהער, וואָס טראָגען דאָס רוב באבילאנישע נעמען. מ'דאַרף אבער ניט אָננעמען, אַז די דאָזיגע הונדערטשאַפטען זיינען ווירקליך באַשטאַנען פון הונדערט מיטגלידער. עס ווערט אויך דערמאָנט אַ גובערנאַטאָר (פּרתרך) אין יב*) און אַן אויבערקאָמאַנדיר (רבחילא) אין סון (אסואן).

אַבער נעבען דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע האבען די אידען אויך געהאַט זייער אייגענע אינערליכע אָרגאַניזאַציע און האָבען געבילדעט אַ אידישע רעליגיעזע געמיינדע. בראָש פון איהר איז געשטאַנען, אין דער צייט פון דריוש דעם צווייטען, ידניה בר־גמריה, איינער פון די חשוב'סטע און רייכסטע אידען פון דער געמיינדע, וועלכער האָט „מיט זיינע חברים, די כהנים אין דער פעסטונג יעב" געשיקט בקשות צו דער רעגירונג און צום פּחה פון יהודה און האָט מקבל געווען באַפעהלען פון דעם פּערסישען סאַטראַפּ בנוגע צו זיין געמיינדע.

די שפּראַד.

די פּאַפּירוסען זיינען פאַרפאַסט אין אַראַמעאיש, און אַזוי ווי מ'האָט צווישען זיי געפונען אויך אַראַמעאיש־אידישע דערצעהלונגען און שירים, איז דערפון געדרונגען, אַז די אידען אין עלעפאַנטין האָבען גערעדט אַראַמע־

*) יעב, אויף עגיפּטיש העלפאנטביין, ווייל דאָרטען איז געווען דער הויפּט־פּלאַץ פאר דעם האנדעל מיט העלפאנטביין, וואָס פלעגט אַריינגעפיהרט ווערען פון דרום קיין עגיפּטען. וועגען אַסואַן זעה אין באנד 3, ז. 194.

איש און האבען געקענט די שפראך פון זייערע פאטערס נאר נאך אלס היי־ליגע שפראך. עס הייסט, אז דארטען איז שוין געווען פארענדיגט דער פראצעס וואס האט אין ארץ ישראל ארום יענער צייט זיך ערשט אנגע־הויבען.

די נעמען.

די פערזאנען־נעמען אין די פאפירוסען זיינען דאס רוב דיזעלביגע, וואס זיינען אונז באקאנט פון תנ"ך, אדער זיינען אויף א גלייכען אופן גע־בילדעט. אבער עס געפינען זיך אפטמאל אויך באבילאנישע, אראמעאישע, פערסישע, אראבישע און עגיפטישע נעמען. אז די אידען האבען זיך ניט געקוויינקעלט אנצונעמען פרעמדע נעמען, אפילו ווען זיי האבען אנטהאל־טען נעמען פון פרעמדע געטער, איז אונז וואויל באקאנט פון תנ"ך און אויך פון דער שפעטערדיגער אידישע געשיכטע; עס קאן אבער אויך געמאלט זיין, אז די טרעגער פון די דאזיגע נעמען זיינען געווען גרים.

רעכטליכע פארהעלטענישען.

די געזעצען, לויט וועלכע מ'האט גע'משפט, זיינען געווען די פערסישע. די דאזיגע געזעצען האבען די פערסער ביי דער עראבערונג פון באבילאניען איבערגענומען פון די באבילאניער. עס איז דעריבער מעגליך צו געפינען פאר די פסק־דינים, וואס ווערען דערמאנט אין די עלעפאנטין־פאפירוסען, פאראלעלען אין דעם קאדעקס פון אמוראבי*).

די עקאנאמישע פארהעלטענישען.

זייענדיג סאלדאטען אין דעם גארניזאן, האבען דארטען די אידען גענוג צייט געהאט זיך אויך אפצוגעבען מיט פרידליכע באשעפטיגונגען. מ'זעהט באשיינפערליך פון די פאפירוסען, אז זיי האבען געהאט אן אונטערנעמע־רישען גייסט. זיי קויפען און פארקויפען הייזער און בוי־גרונט. אסך פון זיי זיינען באשעפטיגט אין האנדעל אלס באנקירען און געלט־לייהער, און איי־נער פון זיי איז אין איין צייט א פערסישער באאמטער אין ציטאדעל.

*) זעה אין באנד 1, ז. 78—80.

די געשעפטליכע דאקומענטען, וואס זיינען פון זיי געבליבען, לאזען אונז אריינבליקען אין זייערע מאטעריעלע צושטענדען. די מעהרסטע פון די דאקומענטען שטאמען פון דעם פאמיליענבאזיץ פון א פארמעגליכען אידישען סאלדאט מחסיה בר־ידניה. ער שענקט זיין טאכטער מבטחיה צו איהר חתונה א שטיק גרונט־אייגענטום, וועגען וועלכען ער האט א שטרייט מיט א ניט־אידען. דאס געריכט לעגט איהם ארויף א שבועה ביי זיין גאט יאהו („יהו"). ניינצעהן יאהר נאך איהר ערשטער חתונה הייראט מבטחיה נאכאמאל, דעם מאל ניט מיט קיין אידען, נאר מיט אן עגיפטער: אשאר דעם זוהן פון זאכא, וועלכער ווערט באצייכענט אלס דער פאלאץ־דינער פון קעניג. עס איז כדאי צו באמערקען, אז דער דאזיגער אשאר טראגט שפעטער אין די דאקומענטען פון זיינע זיהן דעם נאמען נתן. מ'זעהט דערפון באשיינפערליך, אז ער האט זיך מגייר געווען. דעריבער טראגען טאקע זיינע זיהן אידישע נעמען.

מבטחיה'ס הייראטס־דאקומענט האט נאך א וויטערען אינטערעס פאר אונז, מחמת עס ווערט דארטען אויסגערעכענט די נדן און די אויסשטייער. דער חתן אשאר צאהלט מבטחיה'ס פאטער א קויפפרייז (ווי אין תנ"ך דער „מוהר") פון 5 שקלים פערסישער וואלוטע (ארום א דאלאר מיט פערציג סענט). דערפאר קריגט די טאכטער א נדן וואס באטרעפט אין סך־הכל 65½ שקלים, דערפון 12 שקלים אין מזומן, דערצו א פראכטפולען נייעם בונטען, וואלענעם מאנטעל אין ווערט פון 28 שקלים, א טוך אין ווערט פון 8 שקלים, נאך א טוך אין ווערט פון 7 שקלים, א בראנזענעם שפיגעל וואס קאסט 1½ שקל, צוויי בראנזענע בעכער, וואס יעדערער קאסט פונקט אזוי־פיעל, און נאך אנדערע זאכען. מ'זעהט דערפון, אז געלט*) איז נאך געווען א זעלטענער ארטיקעל און האט דערפאר געהאט א גרויסע קויפקראפט. דערמיט שטימט וואס אין די חובות־דאקומענטען זיינען די הלואות זעהר קליינע סומעס, למשל 4 שקל, דער צינזפוס אבער זעהר הויך, ניט ווייניגער ווי 60% א יאהר.

אויך די וויטערדיגע תנאים פון דעם חתונה־קאנטראקט זיינען אינטערעסאנט פאר אונז. קודם־כל ווערט דערקלערט, אז אויב די הייראט בלייבט קינדערלאז, ירש'ענט דעמאלט דער אריבערלעבענדיגער, צי מאן אדער פרוי, דאס גאנצע פארמעגען פון פארשטארבענעם. „ווען אבער

*) עס איז געווען פערסישע מלוכה־געלט, גאלדענע דאריקען אין ווערט פון $5.42 און זילבערנע שקלים אין ווערט פון 25 סענט. פארגלייך אויבען ז. 56.

מבטחיה זאל מארגען אדער אז אנדער טאג אויפטרעטען פאר דער געמיינדע און דערקלערען: איך האב געקראגען אז אפנייגונג געגען מיין מאן אשאר, דעמאלט פאלט דאס שיידונגסגעלט אויף איהר קאפ. זי מוז געהן צום וואגשאל און אפוועגען אשאר'ן 6½ שקל; דאך אבער מעג זי ארויסנעמען אלץ וואס זי האט אריינגעבראכט אין איהר האנט און געהן וואוהין זי וויל אהן א משפט". די אייגענע באשטימונג ווערט אויך געמאכט פאר אשאר'ן. נאר ביי איהם באשטעהט דער קנס דעריין, וואס עס געהט פארפאלען דער קויפפרייז, וואס ער האט געצאהלט צו דער חתונה. ווען ער פארשטויסט זי אבער בייזוויליג און ער זאגט, אז ער האט אן אנדער פרוי און קינדער, דאמאלסט מוז ער צאהלען קנס־געלט 200 שקלים.

דער בית־המקדש פון עלעפאנטין.

אין די פאפירוסען ווערט אסך מאל דערמאנט א טעמפעל („אגורא" אדער אויך „בית מדבחא") פון יאהו („יהו") אין יעב („יב"). די וויכטיגסטע פון די דאזיגע דאקומענטען, וואס גיבען אונז די איבערראשענדסטע ידיעות וועגען דעם טעמפעל און זיין געשיכטע, האט א דייטשער פארשער אטא רובענזאהן אנטדעקט אין עלעפאנטין אין יאהר 1906.

דאס איז א בקשה וואס י ד נ י ה און זיינע חברים האבען אין 17טען יאהר פון דריוש דעם צווייטען (408/7 פאר קר.) געשיקט צו באגאהי, דעם גובערנאטאר פון יהודה („בגוהי פחת יהוד"). אין דער דאזיגער בקשה באקלאגען זיי זיך אויף די פריסטער פון דעם עגיפטישען גאט כנום*), וואס האבען אין יאהר 410—411, אין דער אפוועזענקייט פון ארסאמעס („ארשם"), דעם סאטראפ פון דער פערסישער פראווינץ עגיפטען, צעשטערט דעם טעמפעל פון יאהו אין יעב. ידניה און זיינע חברים („ידניה וכנותה") בעטען דערפאר באגאהי, ער זאל זעהן צו טאן אין דעם. אז דער טעמפעל זאל ווידער אויפגעבויט ווערען.

די צעשטערונג פון דעם טעמפעל און דער טרויער פון די אידען ווערען געשילדערט מיט אלע פרטים:

---

*) „כמריא זי חנוב", כנובים אין גריכיש, אין דער געשטאלט פון א מענשען מיט א קאפ און הערנער פון א באק, לויט מאספערא א גאט פון נילוס. באזונדערס האט מען צו דעם דאזיגען גאט געדינט אין אויבער־עגיפטען ביי די קאטאראקטען.

„אין חודש תמוז אין יאהר 14 פון מלך דריוהוש (דריוש), ווען ארשם איז אוועקגעגאנגען צום קעניג, האבען די פריסטער פון גאט חנוב געמאכט א פארשווערונג מיט וידרנג (וואידראנג), וואס איז דא געווען גובערנאטאר („פרתרד"), אזוי: דער טעמפעל פון גאט יהו אין דער פעסטונג יב (יעב) זאל פון דארטען דערוויטערט ווערען.

„דערנאך האט דער דאזיגער וידרנג געשיקט צו זיין זוהן נפין (נע־פאיאן), וואס איז געווען קאמאנדיר („רבחיל") אין דער פעסטונג סון (אסואן) אזוי: ,דעם טעמפעל אין דער פעסטונג יב זאל מען צעשטערען'. דערנאך האט נפין געפיהרט עגיפטער מיט חיל נאך זיי; זיי זיינען געקומען אין דער פעסטונג יב מיט זייערע געוועהר, זיינען אריין אין דעם דאזיגען טעמפעל, האבען איהם צעשטערט ביז צו דער ערד, און די שטיינערנע זיי־לען וואס זיינען דארטען געווען האבען זיי צעבראכען. אויך איז געשעהן, אז זיי האבען צעשטערט די פינף שטיינערנע טויערן, געבויט פון געהאקטע שטיינער, וואס זיינען געווען אין דעם דאזיגען טעמפעל, און זייערע הילצערנע טירען און זייערע קרוקעם פון בראנז און דעם דאך פון צעדערבאל־קענס, אלץ וואס דארטען איז געווען האבען זיי אין פייער פארברענט, און די גילדערנע און זילבערנע שפרענגבעקענס („מזרקיא"), און די כלים וואס זיינען געווען אין דעם דאזיגען טעמפעל האבען זיי גערויבט און פאר זיך צוגענומען.

„און זינט די טעג פון די מלכים פון מצרים האבען אונזערע פאטערס געבויט דעם דאזיגען טעמפעל אין דער פעסטונג יב, און אז כנבוזי (קאמ־ביסעס) איז געקומען אין מצרים האט ער געפונען דעם דאזיגען טעמפעל געבויט, און די טעמפלען פון די געטער פון די מצרים האט מען אלע אראפ־געריסען, אבער קיינער האט דעם דאזיגען טעמפעל קיין שאדען ניט געמאכט. און זינט מ'האט אזוי געטון (זינט דער טעמפעל איז חרוב געווארען) טראגען מיר מיט אונזערע פרויען און קינדער זעק און מיר פאסטען און טוען תפילה צו יהו דעם האר פון הימעל, אז ער זאל אונז לאזען זעהן אט דעם וידרנג ווי הינט רייסען די קייטען פון זיינע פיס, און אלע גיטער וואס ער האט זיך איינגעשאפט ווערען פארלארען, און אלע מענער וואס האבען געזוכט שלעכטס צו טאן דעם דאזיגען טעמפעל זאלען אלע גע'הרג'עט ווערען, און מיר זאלען זעהן אין זיי (א נקמה).

„אויך פריהער שוין, ווען דאס איבעל („באישתא") איז אונז געטאן געווארען, האבען מיר א בריף געשיקט צו אונזער האר און צו יהוחנן דעם כהן גדול („כהנא רבא") און זיינע חברים די כהנים אין ירושלים און צו

אוסתן דעם ברודער פון חנני*) און די הארען פון יהודה („חרי יהודיא“). קיין איינציגען בריף האבען זיי אונז ניט געשיקט“.

און דא קומט די אייגענטליכע בקשה:

„אצינד זאגען דיינע קנעכט ידניה און זיינע חברים און אלע בירגער פון יב („כל בעלי יב“) אזוי: אויב עס איז געפעליג אונזער האר, דעמאלט דערמאן זיך צו לאזען ווידערבויען דעם דאזיגען טעמפעל, ווארים מ׳לאזט אונז ניט איהם ווידערבויען. זעה די וואס זיינען מקבל דיינע טובות און רחמים אט דא אין עגיפטען (ווענד זיך צו זיי); זאל א בריף פון דיר געשיקט ווערען צו זיי ווענען דעם טעמפעל פון דעם גאט יהו איהם אויפצובויען אין דער פעסטונג יב ווי ער איז אמאל געבויט געווען. און מעהלאפפער און ווייה־רויכאפפער און גאנצאפפער וועלען מיר מקריב זיין אויפ׳ן מזבח פון גאט יהו אין דיין נאמען, און מיר וועלען מתפלל זיין פאר דיר אין יעדער צייט. מיר און אונזערע ווייבער און קינדער און אלע אידען („יהודיא“) וואס גע־פינען זיך דא.

„אויך האבען מיר געשיקט אט די אלע ידיעות אין אונזער נאמען אין א בריף צו דליה און שלמיה די זיהן פון סנאבלט דעם גובערנאטאר פון שומרון“ („סנאבלט פחת שמרין“).

עס לאזט זיך לייכט פארשטעהן פארוואס דער כהן גדול יוחנן האט ניט געענטפערט אויף דעם בריף פון די עלעפאנטינער אידען. און זיי האבען דע־ריבער זיך געווענדט צו סנבלט׳ס זיהן. ווארים פאר די כהנים אין ירושלים האט א בית־המקדש פאר יהוה מחוץ פון ירושלים געמוזט זיין טמא. זיי האבען אפשר אין־דער־שטיל זיך גאר געפרעהט וואס דער בית־המקדש אין עלעפאנטין איז צעשטערט געווארען. און האבען, קאן געמאלט זיין, זיך גע־פליסט ניט צו דערלאזען, אז באגאסעס (בגוהי) זאל וואס טאן פאר זיין ווידעראויפבויאונג. די עלעפאנטינער אידען טוען דעריבער גאנץ גוט, וואס זיי ווענדען זיך א צווייטען מאל צו סנבלט׳ס זיהן אין שומרון.

באגאסעס׳ן בעטען זיי, אז ער זאל אנווענדען זיין איינפלוס ביי זיינע פריינד אין עגיפטען, באזונדערס ביי ארסאמעס, דעם פערסישען סאטראפ דארטען. דעריבער איז זעהר וויכטיג געווען קלאר צו מאכען, אז די צע־שטערונג פון דעם טעמפעל איז פארגעקומען ניט נאר אין זיין אפוועזענ־קייט, נאר אויך אהן זיין וויסען. דער בריף ענדיגט זיך דערפאר מיט די

---

*) מעגליך, אז דאס איז נחמיה׳ס קרוב, נחמיה א 2, ז 2.

ווערטער: „אויך האט פון אלץ וואס איז אונז געטאן געווארען ארשם ניט געוואוסט".

„אין 20טען מרחשון, אין יאהר 17 פון דעם קעניג דריוש" („דריהוש מלכא").

אבער ניט נאר מיט דעם אנווייז אויף סנבלט'ס זיהן זוכען די אידען פון עלעפאנטין צו אונטערשטיצען אט די צווייטע בקשה זייערע צו באגאסעס'ן, זיי דערמאנען אויך אגב־אורחא, אז „וואס איז שייך דאס געלד האבען מיר געשיקט און געלאזט וויסען".

דאס געלד, וואס די אידען באטען אז באגאסעס'ן ביים סוף פון בריף, האט הפנים געהאט א גרעסערע ווירקונג אויף איהם איידער אלע שענע הבטחות וואס זיי גיבען איהם פון גאט'ס ברכות. די אידען האבען אבער געמוזט זיין פארזיכטיג אין דעם פרט. ווארים זיי האבען ניט געקאנט וויסען, וויפיעל באגאסעס וועט פארלאנגען, און פונקט ווי זיי האבען געקאנט איהם אנבאטען צו ווייניג, האבען זיי אויך געקאנט אנבאטען צופיעל. זיי היטען זיך דעריבער ניט צו דערמאנען קיין באשטימטע סומע, נאר דייטען אן, אז זיי האבען מיטגעגעבען זייער שליח געלד און אינסטרוקציעס; איבער אזעלכע ענינים לאזט זיך פארהאנדלען נאר מינדליך.

די פארהאנדלונגען אין פאלעסטינע האבען על־כל־פנים געפיהרט צום ציל. אין א צוזאמענקונפט מיט דעם אידישען שליח האבען באגאסעס און דליה — זיין ברודער האט קענטיג איבערגעלאזען די זאך צו איהם — זיך דערקלערט גרייט צו אונטערשטיצען די אידישע בקשה. אויך פון דער דאזיגער פארהאנדלונג האבען מיר א דאקומענט: מיר האבען דעם פראטאקאל, אין וועלכען דער אידישער שליח האט אויפגעצייכענט די דערקלערונגען פון ביידע פערסישע באאמטע און מיטגעבראכט קיין עלעפאנטין. מיר וויסען פון דעם, אז דעם שליח, וואס איז געשיקט געווארען מיט די שריפטליכע בקשות פון ידניה און זיינע חברים קיין ירושלים און שומרון, איז געגעבען געווארען א מינדליכע באשטעלונג צום פערסישען סאטראפ אין עגיפטען ארסאמעס מיט דעם אינהאלט, אז באגאסעס און דליה שטעלען זיך זעהר שטארק פאר דער בקשה פון די אידען אין עלעפאנטין וועגען דער ווידעראויפבויאונג פון זייער יהוה־טעמפעל.

צי די באמיהונגען פון די אידען האבען געפיהרט צום ציל און זיי האבען טאקע געקראגען די דערלויבעניש ווידעראויפצובויען זייער בית־המקדש, ווייסען מיר ניט. עס לעגט זיך אבער ניט אויפ'ן שכל, אז ער איז פארענדיגט געווארען. ווארים אייניגע יאהר נאכדעם, אין יאהר 405, איז גע־

קומען דער נייער אויפשטאנד פון די עגיפטער, וואס האט געפיהרט צו דער אויפריכטונג פון דער הערשאפט פון אמירטעאס, דעם ערשטען פון די היי־מישע פרעה'ס נאך דער אראפוואַרפונג פון פערסישען יאך*). אויף די דאזיגע געשעהעענישען באציהט זיך, מעגליך, א שלעכט דערהאלטענער און כמעט אומפארשטענדליכער דאקומענט, וואו עס ווערט געגעבען א פארציי־כעניש פון אידישע מענער, בראש פון זיי דער געמיינדעפארשטעהער ידניה בר־גמריה, „וואס זיינען געפונען געווארען ביים טויער און געטויט געוואַ־רען", און אויך א פארצייכעניש פון פרויען, וואס זיינען, קאן זיין, געפאנ־גען געווארען. אפשר רעדט זיך דא פון א קאטאסטראפע, וואס איז געקו־מען איבער דער געמיינדע. אין דעם פאל דארף מען אננעמען, אז דאס איז פארגעקומען אין יאהר 405, ווען דער אויפשטאנד איז אויסגעבראכען**). דאך זיינען די ידיעות צו מאגער, אז מ'זאל קאנען זאגען עפעס זיכערעס וועגען דעם. לכל־הדעות אבער איז די אידישע געמיינדע אויך דאמאלסט נים אויסגעראט געווארען, ווארים מיר האבען נאך א דאקומענט, דעם אינגס־טען פון אלע, פון 5טען יאהר פון אמירטעאס („אמורטים מלכא"), דאס הייסט פון יאהר 400 (פאר קר.). דער דאזיגער דאקומענט איז וועגען א חוב וואס א איד, מנחם דער זוהן פון שלום, פון דעם פאהן פון נאבוקודורי, האט באצאהלט צו א אידין ס ל ו.

עס ווייזט אויך אויס, אז יעב האט נאך געהאט אדער האט ווידער בא־קומען א אידישע געמיינדע אין דער גריכיש־רוימישער צייט; אזוי דארף מען פארשטעהן פילא'ס באמערקונג (אין פלאקוס), אז די אידען האבען אין זיין צייט געוואוינט אין עגיפטען ביז צום גרעניץ פון עטיאפיען.

די רעליגיאן פון די אידען אין עלעפאנטין.

אין א ליסט פון א געלטזאמלונג פאר'ן בית־המקדש שטעהען נעבען יהוה אויך די נעמען פון צוויי אנדערע גאטהייטען: א ש מ ב י ת א ל

*) דער דאזיגער קעניג האט מיט הילף פון גריכישע זעלנער באפרייט עגיפ־טען פון פערסישען יאך, האט געגרינדעט א נאציאנאלעס קעניגטום און זאל האבען באהערשט גאנץ עגיפטען. די דויער פון זיין רעגירונג ווערט אנגעגעבען אויף זעקס יאהר. זעה אויבען ז. 13, 14 און 70, 71.

**) לויט מאנכע פארשער באציהט זיך אויף דעם יואל ד 19. אבער ביי דער אומקלארקייט פון דער גאנצער זאך איז דאס ניט מעהר ווי א השערה.

און ע נ ת ב י ת א ל. אשימא און ענת זיינען באקאנטע ווייבליכע גאט־הייטען*). דער נאמען „בית־אל“ באדייט א הייליגער ארט, וואס ביידע געטינס האבען צו איהם א שייכות. אשימא־בית־אל איז בכן די אשימא, וואס מ'האט צו איהר געדינט אין בית־אל. אין נאך א פאפירוס ווערט דערמאנט א גאט „חרם־בית־אל“, וואס באדייט קענטיג די גאטהייט פון דעם הייליגען תחום פון בית־אל.

אין אן אנדער פאפירוס שווערט א איד מיט'ן נאמען מנחם ביי דער „מסגדא“ און ביי „ענתיהו“. אונטער מסגדא איז צו פארשטעהן א טעמפעל, קענטיג דער עלעפאנטינער בית־המקדש פון יהוה. מנחם שווערט בכן ביים בית־המקדש, א מנהג וואס מיר טרעפען ביי די אידען אין ארץ ישראל אויך אין שפעטערע צייטען. ענתיהו איז הפנים צו פארטייטשען: די ענת פון יהו, עס הייסט: די ווייבליכע געטין ענת וואס געהערט צו יהוה.

עס ווייזט פון דעם אויס, אז מאנכע אידען אין עלעפאנטין האבען נע־בען יהוה געדינט נאך צו אנדערע געטער. דאס, ווייסען מיר, האבען אפט געטאן אויך די אידען אין ארץ ישראל אין דער צייט פון דער מלוכה. דאך איז ניט גאנץ זיכער ארויסצודריגנען דערפון, אז אין דער אידישער פאלקס־רעליגיאן פאר'ן גלות בבל האט מען קאמבינירט דעם גאט יהוה מיט דער געטין ענת. עס קאן גריילעך זיין, אז מנחם בר־שלום און משולם בר־נתן, די אויסשטעלער פון דעם דאקומענט, אין וועלכען די געטין ענתיהו ווערט דערמאנט, זיינען גאר ניט געווען קיין אידען, נאר אראמעער. ווארים מיר טרעפען אין די עלעפאנטין־פאפירוסען אויך אסיריער, באבילאניער, פער־סער און עגיפטער. די מעהרסטע סאלדאטען זיינען טאקע געווען אידען, וואס האבען געדינט צו יהוה. דער יהוה־קולט האט דעריבער געגאלטען אלס דער אייגענטליכער קולט פון עלעפאנטין; פאר אט דעם קולט איז געווען באשטימט דער דארטיגער בית־המקדש. מ'האט אבער ניט לגמרי אויסגע־שלאסען די געטער, צו וועלכע די ניט־אידישע סאלדאטען האבען געדינט. מ'האט געמוזט דולדען אט די געטער שוין צוליב דעם אליין, וואס די אפי־צירען, ווי מיר האבען שוין אויבען דערמאנט, זיינען ניט געווען קיין אידען. עס איז דערפאר מעגליך, אז די געטין ענתיהו האט אויך אין עלעפאנטין ניט געטראגען לכתחילה דעם דאזיגען נאמען. זי האט, קאן מען זיך משער

*) אשימא ווערט דערמאנט אין מלכים ב, י"ז 30 אלס א סירישע געטין פון חמת. אז „אשמת שומרון“ אין עמוס ח 14 איז ניט דער טייטש „די שולד פון שומרון“, נאר „די געטין אשימא פון שומרון“, איז א ווארשיינליכע השערה פון הוגא גרעסמאן. וועגען דער כנעני'שער געטין ענת זעה אין באנד 1, ז. 119.

זיין, צוערשט געהייסען ענת אדער ענת־בית־אל, און די ניט־אידען וואס האבען צו איהר געדינט האבען געמאכט פון איהר נאמען ענתיהו, ווייל יהו (יהוה) איז געווען דער גאט פון דער מעהרהייט פון די איינוואוינער אין עלעפאנטין.

דאס נאציאנאלע באוואוסטזיין.

די בקשה, מיט וועלכער די עלעפאנטינער אידען ווענדען זיך צו די אידישע פיהרענדיגע פערזענליכקייטען אין ירושלים און אין שומרון, איז א באווייז, אז די דאזיגע פארוואָרפענע אידען פון אויבער־עגיפטען האבען געהאט א נאציאנאלען באוואוסטזיין און זיינען געשטאנען אין א גייסטיגען צוזאמענהאנג מיט זייערע ברידער אין דעם מוטערלאנד. דאס באווייזט אויך דער בריף וואס חנניה פון ירושלים*) שיקט צו די אידען אין עלעפאנטין, אין וועלכען ער גיט זיי אנווייזונגען ווי צו היטען דעם חג המצות**).

עס קאן גריילער זיין, אז ניט נאר אין עלעפאנטין, אויך אין אנדערע געגענדען אין עגיפטען האבען דעמאלט געלעבט אידען אין א קאמפאקטער מאסע און האבען אויפגעהאלטען זייער נאציאנאלע אייגענארטיגקייט. עס איז אויך מעגליך, אז מאנכע אידישע ישובים פון דער אלטער צייט האבען זיך דארטען דערהאלטען ביז דער גריכישער פעריאדע, ווען עס האט זיך אנגעהויבען א נייע אידישע אריינוואנדערונג קיין עגיפטען.

2.

די אידען אין באבילאניען.

די מוראשו־טאוולען.

דאס וואס די עלעפאנטין־פאפירען זיינען פאר דער געשיכטע פון די אידען אין עגיפטען, זיינען די מוראשו־דאקומענטען פאר דער געשיכטע

---

*) מעגליך דערזעלביגער וואס ווערט דערמאנט אין נחמיה ז. 2.

**) די אנווייזונגען באציהען זיך נאר אויף חמץ און אויף יום־טוב־רוה, עס ווערט אבער קיין ווארט ניט געזאגט וועגען דעם קרבן פסח אדער אנדערע קרבנות, וואס מ׳דארף מקריב זיין אין דעם דאזיגען יום־טוב. דאס איז דערפאר וואס די אידען אין ירושלים האבען ניט אנערקענט אלס געזעצליך דעם בית־המקדש אין עלעפאנטין. פארגלייך אויך אויבען ז. 55 אין דער באמערקונג.

פון די אידען אין באבילאניען. די דאזיגע טאוולען איז פלעקלעד־שריפט. וואס מ'האט אויסגעגראבען אין די חורבות פון ניפור, מאכען אונז באקאנט מיט דעם לעבען פון די אידען אין ניפור אין דרום־באבילאניען אין דערזעל־ביגער פעריאדע.

די עהרע צו האבען אנטדעקט די דאזיגע טאוולען געהערט צו די אמע־ריקאנער. אין מאי 1893 האט די דריטע באבילאנישע עקספעדיציע פון דער „יוניווערסיטי אוו פענסילוויניא" אנטדעקט א קאמער אין די חורבות פון ניפור, וואו עס האבען זיך געפונען מעהר ווי 730 טאוולען. נאך א גרינט־ליכער אונטערזוכונג האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס זיינען מסחר־דאקו־מענטען, אין וועלכע זיהן און אייניקלעד פון א געוויסען מ ו ר א ש ו שפילען א גרויסע ראלע. אלע עסקים ווערען געפיהרט פון זיי. אין דעם צימער האט בכן געמוזט זיין דער ארכיוו פון דער פירמע „די זיהן פון מוראשו", וואס זיינען געווען, ווי מיר זעהען פון די טאוולען, באנקירען און מעקלער אין ניפור אין דער צייט פון ארתחששתא דעם ערשטען און דריוש דעם צווייטען און אין דער ערשטער העלפט פון דער רעגירונג פון ארתחששתא דעם צווייטען*). אין די דאזיגע דאקומענטען געפינט זיך א גרויסע צאהל אידישע נעמען. מיר טרעפען דארטען די אידען אלס א צד אין א קאנטראקט, אלס באאמטע, אלס אגענטען, אלס דינער און אלס עדות. א גרויסע צאהל פון די טאוולען טראגען אויך אן אראמעאישע אויפשריפט. די דאזיגע אראמעאישע אויפשריפט גיט אין מאנכע פאלען א קיצור פון דעם אינהאלט פון דאקומענט, וואס איז געשריבען אין פלעקלעד־שריפט, בעת אין אנדערע פאלען גיט זי דעם נאמען פון איין אדער דעם אנדערען צד פון קאנטראקט. מ'זעהט דערפון באשיינפערלעך, אז די שפראך, וואס די פא־מיליע מוראשו האט גערעדט, איז געווען אראמעאיש, אבער דער מנהג האט געפאדערט, אז די דאקומענטען גופא זאלען זיין פארפאסט אין דער באבי־לאנישער שפראך און שריפט; ווארים באבילאניש איז הפנים געווען די לי־טעראַרישע און יורידישע שפראך פונ'ם לאנד ביז אראפ אין דריטען יאהר־הונדערט פאר דער קריסטליכער ערא. עס איז נאך כדאי צו דערמאנען, אז דער כתב פון די דאזיגע אראמעאישע אויפשריפטען איז זעהר ענליך צו דעם כתב פון די אראמעאישע פאפירוסען פון עלעפאנטין.

*) די טאוולען געפינען זיך איצט אין דעם באבילאנישען מוזעאום אין פי־לאדעלפיא. א טייל פון זיי זיינען פארעפענטליכט געווארען דורך פראפעסאר הילפ־רעכט און פראפעסאר קליי אונטער דעם טיטעל: Business Documents of Murashy Sons of Nippur.

דער אידישער ישוב אין באבילאניען.

ניט קוקענדיג אויף די צוריקקערונגען קיין פאלעסטינע אין דער פערסישער עפאכע, איז די צאהל פון די אידען אין באבילאניען געוואקסען אין משך פון דער צייט. מיר טרעפען נעמען פון אידען אויף טאוולען מיט פלעקלער־שריפט כמעט באלד נאך דעם אנהויב פון גלות. אבער זיי קומען פאר זעלטען, און זיי בלייבען א זעלטענקייט מעהר ווי א יאהרהונדערט. מיר האבען שוין ארום פיער טויזענט קאנטראקט־טאוולען פון דער צייט פון נבוכדראצר ביז דער צייט פון דריוש דעם ערשטען. אבער זיי האבען זעהר ווייניג אידישע נעמען. די פלוצליכע ענדערונג קומט, ווען מיר גרייכען די צייט פון ארתחשסתא דעם ערשטען און דריוש דעם צווייטען. אין די מסחר־דאקומענטען דאטירט אין די יאהרען פון די דאזיגע צוויי מלכים געפינט זיך א גאנצע מאסע אידישע נעמען. עס איז שווער צו זאגען, צי דער חילוק קומט פון דער פארשידענקייט פון די פלעצער, פון וועלכע די טאוולען שטאמען (די צווערשט דערמאנטע זיינען געשריבען געווארען אין בבל און איהר סביבה און די צולעצט דערמאנטע — אין ניפור), אדער פון דער פארשידענקייט פון די צייטען. די לעצטע מיינונג לעגט זיך בעסער אויפ'ן שכל. וואס מעהר די אידען האבען זיך איינגעלעבט אין באבילאניען, אלץ מעהר זיינען זיי אריינגעדרונגען אין דעם געזעלשאפטליכען און קאמערציעלען לעבען פון די באבילאניער. עס קאן אבער אויך גרייליך זיין, אז אין דרום־באבילאניען האבען געוואוינט מעהרער אידען, באזונדערס אין ניפור.

וועגען דער שטאט ניפור און דעם אידישען ישוב דארטען ביים „נהר כבר" איז שוין אויבען גערעדט געווארען באריכות*). די געשיכטע פון די אידען אין ניפור איז א רעכט לאנגע. זי הייבט זיך אן שפעטסטענס מיט יחזקאל'ען (ביים אנהויב פון זעקסטען יאהרהונדערט פאר קר.) און ענדיגט זיך מיט דעם ענד פון דער שטאט (אין נייַנטען יאהרהונדערט נאך קר.). ניפור האט בכן געהאט א אידישע באפעלקערונג לכל הפחות פופצעהן הונדערט יאהר**).

---

*) זעה אין באנד 3, ז. 209—225.

**) אין תנ"ך הייסט זי „כלנה" (בראשית י 10). דאס ווייסען מיר פון א טראדיציע, וואס האט זיך דערהאלטען אין תלמוד. אין יומא י עמוד א שטעהט: „כלנה זה נופר ניפר", „כלנה דאס איז נופאר ניפר". מיר זעהען דערפון, אז אין דער תלמודישער צייט האט די שטאט געהייסען נופאר, ווי היינט ביי די אראבער,

די אידישע נעמען אין די מוראשו־דאקומענטען.

ווי שוין פריהער געזאגט, געפינען זיך אסך אידישע נעמען אין די מסחר־דאקומענטען פון דער פירמע „זיהן פון מוראשו“. עס איז אבער שווער צו זאגען וויפיעל נעמען פון אידען עס געפינען זיך באמת אין די אויפשריפטען, מחמת, ווי מיר וועלען באלד זעהן, און ווי מיר ווייסען אויך פון די ביכער עזרא און נחמיה, האבען אסך אידען געטראגען באבילאנישע און אנדערע פרעמדע נעמען. עס קומט דערפאר אויס, אז אין אזעלכע פא־לען וואו עס איז ניטא קיין אנדער ראיה, אז דער פארשוין איז געווען א איד (ווי, למשל, ווען דער פאטער אדער דער זוהן אדער דער ברודער פון יענעם פארשוין האבען א אידישען נאמען), בלייבט דער איד מיט דעם באבילאני־שען נאמען ניט דערקענט. מ'קאן דעריבער זיכער זאגען, אז עס זיינען דא אין די מוראשו־דאקומענטען מעהר נעמען פון אידען איידער אידישע נעמען.

אזוי ווי אונז האט זיך איינגעגעבען צו אנטדעקען אין די מוראשו־דאקומענטען 25 אדער 26 אידען אונטער זייערע ניט־אידישע נעמען (ווייל זייערע פאטערס, קינדער אדער ברידער האבען אידישע נעמען), מעגען מיר דערפאר זאגען, אז פון די טאוולען פון דער פירמע „זיהן פון מוראשו“ רייד־דען צו אונז ארום הונדערט אידען, וואס האבען געלעבט אין איין צייט מיט נחמיה'ן און עזרא'ן. מאנכע פון זיי האבען, קאן זיין, גערעדט מיט אט די גרויסע אויפבויער פון יודענטום און האבען זיי מעגליך געהאלפען אין זייער ארבייט. אזוי שטעהט אויף פאר אונז תחית המתים פון די חורבות פון ניפור א שטיק פון אונזער אלטער פארגאנגענהייט.

דער סאציאל־עקאנאמישער מצב פון די אידען אין באבילאניען אין דער צייט פון נחמיה און עזרא.

די מוראשו־דאקומענטען ווייזען אונז, אז דער סאציאלער מצב פון די אידען אין באבילאניען אין פינפטען יאהרהונדערט (פאר קר.) איז געווען

און מ'האט זי געהאלטען פאר אלצאיינס מיט כ ל נ ה. וועגען אויסגעגראבענע „שירוים“ פון א אידישען ישוב אין ניפור ארום זיבעטען יאהרהונדערט (נאך קר.) זעה: John Punnit Peters, Nippur, Vol. II, New York and London, 1898, p. 182.

זעהר א גוטער. זיי האבען פארמאגט לאנד און קאפּיטאל און האבען גענומען א פולען אנטייל אין דער קאמערציעלער טעטיגקייט פון דעם לאנד. אסך פון זיי זיינען געווען אנגעשטעלט ביי באבילאניער און פערסער, פאר וועמען זיי האבען געפיהרט געשעפטען, און וועמעס פולען צוטרוי זיי האבען געהאט. מאנכע זיינען געווען קאלעקטארס פון רענט. אנדערע ווידער זיינען געווען קעניגליכע באאמטע, ווי עס ווייזט די באצייכענונג פון חנני דעם זוהן פון מנחם אלס „דער וואס איז איבער דעם קעניג'ס פויגלען". דער קעניג, וואס קומט דא אין באטראכט, איז געווען דריוש דער צווייטער. איין פּראפעסיע איז געווען, וואס אין איהר געפינען מיר קיין אידען ניט, דאס איז די פּראפעסיע פון דעם שרייבער. אבער מיר געפינען אויך ניט דערין קיין אנדערע ניט־באבילאניער. די נעמען פון אלע שרייבער זיינען ריין באבילאנישע. עס קאן זיין, אז די פּראפעסיע פון שרייבעריי איז איבערגעגאנגען בירושה, אדער אז דער באבילאניער האט בעסער געקענט די באבילאנישע שפּראך און איז געווען מעהר געניט אין דער פלעקלער־שריפט. קיין פּאליטישע מחיצות האבען קענטיג ניט עקסיסטירט צווישען באבילאניער און ניט־באבילאניער. גאנץ אנדערש. איידער אין עגיפּטען אין דערזעלביגער צייט. די עלעפאנטין־פּאפּירוסען ווייזען אונז, אז די אידען זיינען דארטען פארפאלגט געווארען פון די עגיפּטער און אז נאר דער ארעם פון פערסישען געזעץ האט זיי באשיצט. אין די מוראשו־דאקומענטען געפינען מיר ניט קיין שום שפּור פון סעפּאראטיזם. באבילאניער, פערסער און אידען האבען געלעבט בשלום אינאיינעם. עס האבען דעמאלט געלעבט אין באבילאניען אנדערע נאציאנאליטעטען, ווי: מעדער, אראמעער, סאבעער, אדומים, אינדיער. אבער עס זעהט אויס, אז די אידען זיינען געווען די באדייטענדסטע נאך די באבילאניער און די פערסער. זיי זיינען מעגליך געווען באדייטענדער איידער די פערסער. ארום ניפּור זיינען געווען אסך קליינע באוואוינטע פלעצער, פארשטעט אדער דערפער. פיעל פון זיי האבען געהערט צו געוויסע פאמיליעס און זיינען, ווייזט אויס, גערופען געווארען נאך דעם נאמען פון דעם (ערשטען ?) אייגענטימער. איינער פון די דאזיגע פלעצער האט זיך גערופען ב י ט ח א נ א נ א (בית־חנניה). דער פּלאץ האט ווארשיינליך געהערט צו חנניה און זיין פאמיליע. דער קאנאל, וואס ווערט גערופען נאך נ א ט ו נ ו („נארו שא נאטונו", דער קאנאל פון נאטונו) איז הפנים געלעגען אין די פעלדער, וואס האבען געהערט צו נאטונו (נתון)*).

*) די דאזיגע פארם פון דעם נאמען פון שורש „נתן" האט אין תנ"ך זיך ניט דערהאלטען.

די אידען אין באבילאניען זיינען דאמאלסט געווען, וואס מיר וואלטען היינט רופען, אינגאנצען עמאנציפירט. זיי זיינען געווען פרייע בירגער אין א פרייען לאנד.

דאס רעליגיעזע לעבען פון די אידען אין באבילאניען יענער צייט.

די מוראשו־דאקומענטען באציהען זיך, צום באדויערען, אין ערגיץ ניט אויף דאס רעליגיעזע לעבען פון די אידען, וואס ווערען אין זיי דערמאנט. די עלעפאנטין־פאפירוסען דערצעהלען אונז מיט אלע פרטים וועגען דעם בית־המקדש פון יהוה, וואס איז געשטאנען אין „קעניג'ס וועג". ניט אזוי אבער די מוראשו־דאקומענטען. זיי שווייגען בנוגע די רעליגיעזע אינסטי־טוציעס פון די אידען אין יענער צייט. און דאך גיבען זיי אונז א מעג־ליכקייט זיך צו שאפען א מיינונג וועגען דעם רעליגיעזען, און אפילו אויך דעם נאציאנאלען, לעבען פון די אידען, וואס האבען געלעבט אין דער איי־גענער צייט און סביבה פון נחמיה און עזרא. יענע אידען ריידען צו אונז דורך זייערע נעמען, וואס גיבען אונז מעהר ווי אן אנוואונק אויף זייערע גלויבונגען, אידעען, האפענונגען און בענקשאפטען.

די מעהרסטע פון די העברעאישע נעמען, וואס מיר טרעפען אין די דא־קומענטען, זיינען אויפגעקומען ביי די אידען אין דער צייט פון גלות בבל. מאנכע פון זיי קומען איבערהויפט ניט פאר אין תנ"ך. זיי זיינען דערפאר ניט נעמען גלאט אין דער וועלט אריין, אהן א וואסערער באדייטונג פאר די וואס האבען זיי געטראגען. זיי זיינען געשאפען געווארען מיט א פולען באוואוסטזיין, און די אידעען, וואס זיינען אין זיי אויסגעדריקט געווארען, האבען באלעבט די פאטערס און די קינדער אין יענער צייט. און וואס זיי־נען אט די נעמען? ב ע ל י ה, מיין האר איז יהוה; ב ר כ י ה, יהוה האט געבענטשט; ט ו ב י ה, יהוה איז גוט; י ה ו ל נ ו, יהוה איז מיט אונז; י ה ו ל כ ם,יהוה איז מיט אייך (די לעצטע צוויי קומען פאר נאר אין די מוראשו־דאקומענטען). ווער איז בכן געווען זייער גאט? יהוה, דער גאט פון זייערע פאטערס. עס ווייזט אויס, אז די אידען אין גלות האבען פארמירט אזויפיעל נעמען מיט „יה" אנשטאט מיט „אל", כדי כסדר צו פראקלאמירען, אז זייער גאט איז געווען דער גאט פון זייערע פאטערס, און קיינער ניט פון די געטער פון זייערע שכנים, ווי דאס ווארט „אל", וואס איז געברויכט געווארען אויך פון די באבילאניער און אנדערע סעמיטען.

האט געמעגט אנדייטען. דאס דערקלערט פארוואס עס געפינען זיך אזויפיעל נעמען פארבונדען מיט „יה" אין יענער צייט. מיר לערנען בכן ארויס פון די טאוולען, אז די באבילאנישע אידען האבען פעסט געגלויבט אין דעם איין גאט זייערען.

ווי טייער די שבתים און ימים־טובים זיינען געווען ביי זיי, ווייזען די נעמען ש ב ת י און ח ג י, וואס זיינען ערשט אויפגעקומען אין גלות. פון די זיבעציג ניפורער אידען מיט העברעאישע נעמען האבען פינף געהייסען שבתי*).

אבער ניט נאר זייער רעליגיעזער גלויבען, אויך זייערע נאציאנאלע אידעען און האפענונגען שפיגלען זיך אפ אין זייערע נעמען. נעמען ווי חנן, חנני, חנניה, ריידען אלע פון גאט'ס ליטזעליגקייט און גנאד, און די נעמען וואס ריידען פון זיין גוטסקייט און גרויסקייט (טוביה, יגדליה, ברכיה) באציהען זיך בלי ספק אויף דער אויסלייזונג, וואס איז געקומען אדער וואס האט געהאלטען אין קומען דורך די צוריקקערונגען קיין ארץ ישראל און דורך דער אויפבויאונג פון דער אידישער געמיינדע אין דער אלטער היים. און וואס באדייטען דען די נעמען: פ ד ה, ער האט אויסגעלייזט, פ ת ח, ער האט געעפענט? פיהלען מיר דען ניט גלייך ווי מיר וואלטען לייענען אין זיי וועגען דער באפרייאונג פון די געבונדענע אין געפענגענישען (פארגלייך ישעיה ס"א 1) און וועגען דער גאולה פון ישראל? און די נעמען: ב נ א ל, גאט האט געבויט; ב נ י ה, יהוה האט געבויט, האבען, ווייזט אויס, זיך באצויגען אויף דער ווידעראויפבויאונג פון דעם בית־המקדש אין ירושלים.

די מוראשו־טאוולען ווארפען בכן א ליכט אויף דער סביבה, וואו עס זיינען אויסגעוואקסען אזעלכע גרויסע מענער ווי נחמיה און עזרא, און בכלל אויף די אומשטענדען פון די אידען אין מזרח, וועלכע האבען געשפילט אזא געוואלדיגע ראלע אין דער ווידעראויפבויאונג פון ציון און אין דער באגרינדונג פונ'ם יודענטום אין דער פערסישער עפאכע.

*) וועגען שבת אין גלות בבל זעה אין באנד 3, ז. 244—246.

דריטע אפטיילונג.

דאס אידישע לעבען אין יהודה

1.

עקאנאמישע צושטענדען.

וועגען די עקאנאמישע צושטענדען פון יהודה אין דער פערסישער פער־יאדע האבען מיר זעהר ווינציג ידיעות. מיר ווייסען, אז ביז נחמיה'ן האט די מאסע פון פאלק געלעבט אין גרויס דחקות און ארימקייט, און די ארימע אידישע פויערים זיינען געווען הפקר אין די הענט פון די רייכע אידישע פריצים (חגי א 6—11; ב 16—19; מלאכי ג 9—14; נחמיה ה). די פיהרער פון די דאזיגע רייכע לאנד־אידען זיינען קענטיג געווען סנבלט און טוביה, און זייער צענטער איז געווען שומרון, וואס האט דעמאלט געהאט די פאליטישע העגעמאניע איבער ירושלים. אין נחמיה'ס קאמף געגען די אידישע מאגנאטען פון שומרון זיינען בכן געווען פארוויקעלט עקאנאמישע אינטערעסען. די אידישע פריצים האבען ניט געוואלט, אז ירושלים זאל קריגען א מויער ארום און זאל ווערען א זעלבשטענדיגער צענטער און זיי זאלען דורך דעם פארלירען זייער שליטה איבער די אידישע פויערים פון יהודה. מאנכע אידישע אריסטאקראטען פון יהודה האבען דעריבער עפענטליך זיך אנטזאגט צוצולעגען א האנט צו דעם מויערבוי (נחמיה ג 5). און אפילו די וואס האבען געהאלפען נחמיה'ן, האבען עס אויך געטאן מיט א האלבער הארץ; ווארים ניט נחמיה, נאר סנבלט און טוביה האבען פאר־טראטען זייערע אינטערעסען (נחמיה ו 17—19). דער כהן גדול אלישיב

גופא, האָט, אמת טאַקע, ניט געקאָנט אנטזאָגען נחמיה׳ן, אבער ער איז פּאַרט געווען און געבליבען דער בעסטער פריינד פון סנבלט׳ן און טוביה׳ן (נחמיה ג 1; י״ג 4, 5, 28). די ענערגישע מיטלען, וואָס נחמיה האָט באַלד אנגענומען געגען די אידישע פּריצים, האָט זיי געוויזען, אז זיי האָבען ניט צו דערוואַרטען קיין פיעל גוטס פון א געשלאָסענער, אומאָפּהענגיגער, פרור־מער געמיינדע אין ירושלים, בפרט נאָך ווען די באַפעסטיגטע שטאָט וועט זיך אנטוויקלען און צוציהען צו זיך א גרויסען טייל פון די איינוואוינער אויפ׳ן לאַנד ארום, ווי דאָס איז טאַקע, לויט נחמיה׳ס באריכט, פּאַקטיש געשעהן (נחמיה י״א).

עס ווייזט אויס, אז אין צווייטען הונדערט יאָהר פון דער פערסישער הערשאַפט*) האָבען די אידען אין יהודה, צוזאַמען מיט זייער טעריטאָריע־לער אויסשפּרייטונג און מיט דער פאַרמעהרונג פון זייער צאָהל, זיך אויך ארויפגעאַרבייט אויף א בעסערען עקאָנאָמישען מצב. עס האָט דעמאָלט געמוזט אויסוואַקסען דער אידישער האַנדעל, וואָס איז אין נחמיה׳ס צייט נאָך געלעגען צום גרעסטען טייל אין פעניקישע הענט (נחמיה ג 32); מחמת עס זיינען צוריקגעקומען אסך אידען פון דעם מזרח, וואו זיי האָבען, לויט ווי מיר ווייסען פון די מוראשו־טאָוולען, געשפּילט א באַדייטענדע ראָלע אין דעם דאָרטיגען הויך־אנטוויקעלטען עקאָנאָמישען לעבען**). מיר הערען טאַקע פון א אידישער באַקאַנטשאַפט מיט שיפען (תהלים ק״ז 23; משלי כ״ג 34) און מיט וועבערייען פון פיינע לייוועגט, וואָס פלעגט אמאָל גע־בראַכט ווערען פון דער פרעמד***). די אידען וואָלטען אויך ניט געווען בכוח צו היטען דעם שבת־יאָהר, ווען זיי וואָלטען געווען אנגעוויזען אויס־שליסליך אויף לאַנדווירטשאַפט.

דאָך אבער איז לאַנדווירטשאַפט געבליבען די הויפּטבאַשעפטיגונג פון די אידען. די פרייד פון דעם דיכטער איז געווען צו זעהן אין א געבענטש־טען, פעטען יאָהר, ווי עס טריפט די פּאַשע און עס פרעהען זיך די בערגלעך, ווי די לאָנקעס באַקליידען זיך מיט שאָף און די טאָלען באדעקען זיך מיט קאָרן (תהלים ס״ה).

---

*) זעה אויבען ז. 70, 71.

**) זעה אויבען ז. 100—102.

***) „בית עבודת הבוץ״, דברי הימים א, ד 23; פאַרגלייך יחזקאל כ״ז 16 און אין באַנד 2, ז. 294.

2.

די אָרגאַניזאַציע פון דער געמיינדע.

דער פּאָליטיש־רעליגיעזער אָרגאַניזם, וואָס די אידען האָבען פאַרגע־שטעלט מיט זיך נאָכ'ן גלות, אַז אָרגאַניזם איינציג אין זיין אַרט, ווערט באַצייכענט אַלס יודענטום. די יסודות וואָס זיינען דעמאָלט געלעגט גע־וואָרען פאַר דעם יודענטום האָבען זיך אין זייער עצם דערהאַלטען כמעט ביז אויף היינט. דאָס אידישע לעבען אין דער פּערסישער עפּאָכע איז דעריבער דער שליסעל צו דער אידישער געשיכטע אין אַלע ווייטערדיגע צייטען.

קאָנסטיטוציע און אַדמיניסטראַציע.

קיין נייע קאָנסטיטוציע האָט די אידישע געמיינדע אין יהודה זיך ניט געשאַפען. זי האָט זיך אריינגעפּאַסט אין די געפונענע פאַרהעלטעני־שען, האָט זיי געמאַכט פולשטענדיגער און האָט זיי אָנגעפילט מיט איהר גייסט. איהר רעליגיעזע אויטאָנאָמיע איז איהר געווען געזיכערט דורך די דעקרעטען פון כורש, דריוש דעם ערשטען און ארתחששתא דעם ערשטען. אין צייטען ווען עס איז ניט באַשטימט געוואָרען קיין גובערנאַטאָר (פּחה) פאַר ירושלים, איז דער ראַיאָן געשטאַנען אונטער די פּערסישע באַאַמטע פון שומרון (עזרא ד 8, 17). דער גובערנאַטאָר האָט אָנגעפיהרט די גאַנצע פאַרוואַלטונג פון זיין ראַיאָן, האָט איינגעמאַנט די שטייערן, האָט אויפגע־האַלטען די אָרדענונג, האָט אַכטונג געגעבען אויף דעם סדר פון משפּט'ן און האָט גענומען די רעקרוטען פאַר דעם חיל, וועלכע מ'האָט געמוזט צו־שטעלען צו דער פּערסישער רעגירונג.

די אידישע טעריטאָריע איז צעפאַלען אין דער שטאָט ירושלים און די לאַנד־געביטען. די איינוואוינער פון דער הויפּטשטאָט זיינען קענטיג געווען פאַרטראָטען דורך די עלטסטע („זקנים", אראַמעאיש „שבים", עזרא ה 5, 9) אָדער די מיוחסים („חורים"). וואָס זיינען געווען די פאָרשטעהער פון די משפחות (עזרא ח 29). צווישען די דאָזיגע מנהיגים פון ירושלים האָ־בען פאַרנומען אַ וויכטיגע פּאָזיציע די פיהרער פון די פאַמיליעס פון די כהנים, ווי ס'איז צו דערוואַרטען אין אַ מדינה, וואָס איהר העכסטער פאָר־שטעהער איז געווען דער כהן גדול. עס האָבען זיך נאָך אויך געפונען פיעל,

וואָס האָבען געשטאַמט פון מלכות־בית־דוד (דברי הימים א, ג 17—24); און עס ווייזט אויס, אז דער דאָזיגער יחוס האָט זיי געגעבען אַ גרויסען פּרעסטיזש אין דער געמיינדע (תהלים קכ"ב 5; זכריה י"ב 8, 10). פון דער דאָזיגער אַריסטאָקראַטישער פּאַרטרעטונג האָט הפּנים זיך שפּעטער אַנטוויקעלט דער סענאַט, אין גריכיש „גערוזיא", וואָס ווערט דערמאָנט אין צווייטען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער ערא (יוסף פלאַוויוס, אידישע אַלטערטימער י"ב 3 § 4).

אין די לאַנדשטעט האָט געהערשט אַן ענליכע אָרדענונג. אויך דאָרטען זיינען געווען „עלטסטע און ריכטער" (עזרא י 14). די ריכטער זיינען געווען אַנגעשטעלטע פּערזאָנען (עזרא ז 25). ביי אויסערגעוועהנליכע געשעהענישען פלעגען די מנהיגים צוזאַמענרופען אַלע מיטגלידער פון דער געמיינדע צו אַ גרויסער פאַרזאַמלונג אין ירושלים.

די „סגנים", וואָס ווערען אַזוי אָפּט דערמאָנט אין נחמיה, זיינען געווען באַאַמטע אַנגעשטעלט פון פּערסישען פּחה (נחמיה ה 17). זיי האָבען הפּנים זיך אונטערשיידט פון די „חורים" אָדער „זקנים" ווי אַן ערך אין היינטיגען אָריענט אונטערשיידט זיך דער מ ו כ ט א ר, דער געוועהנליכער באַאַמטער, פון דעם ש ע י ך, דעם עלטסטען פון דער משפחה. נאַטירליך דאַרף מען אַננעמען, אַז די מעהרסטע סגנים האָבען געהערט צו די קרייזען פון די אידישע מיוחסים, די „חורים".

אַזוי אַרום זעהען מיר, אַז די אַדמיניסטראַציע איז געלעגען אין די הענט פון אַן אַריסטאָקראַטישען קלאַס.

ד ע ר כ ה ן ג ד ו ל.

הגם די אידישע געמיינדע האָט זיך ניט געשאַפען קיין נייע קאָנסטיטוציע, האָט אָבער די איינפיהרונג פון תורת כהנים און דאָס איינלעבען זיך מיט דער תורה געבראַכט ענדערונגען אויך אין דעם סאָציאַלען געבוי פון פאָלק. וואָס מעהר די פּינקטליכע אָפּהיטונג פון די דינים וועגען דער עבודה אין בית־המקדש איז געוואָרען אַ זאַך פון צענטראַלער באַדייטונג פאַר'ן גאַנצען כלל, וואָס טיפער דער געדאַנק האָט זיך איינגעוואָרצעלט, אַז די עבודה זיכערט דעם קיום פון דער אומה, אַלץ העכער איז געשטיגען די חשיבות פון אַלע פּערזאָנען, וואָס האָבען זיך מיט איהר באַשעפטיגט. אין נחמיה'ס צייט נאָך האָט דער כהן גדול פאַרנומען ניט מעהר ווי אַ בכבוד'יגען פּלאַץ צווישען די פּני פון דער געמיינדע, און די גאַנצע דעה האָ־

בען געהאט די עלטסטע פון די משפחות. איצט אבער, נאך דער איינפיהרונג פון תורת כהנים, איז דער כהן גדול געווארען דער העכסטער פארשטעהער פון די אידען. בעת אמאל איז דער מלוכה־צייט איז דער מלך, אלס הויפט פון דער נאציאן, געווען אויך איהר אויבערסטער פריסטער, און דער כהן פונ׳ם היילינגטום איז געווען ניט מעהר ווי דעם קעניג׳ס א באאמטער, גרייט צו פאלגען יעדען באפעהל זיינעם*), איז איצט דער כהן גדול געווארען דער העכסטער פארטרעטער פונ׳ם פאלק. דאמאלסט זיינען די אידען געווען א פאליטישע ארגאניזאציע, און די רעליגיאן איז געווען א טייל פון זייער מלוכה־לעבען. איצט אבער איז די אידישע רעליגיעזע געמיינדע געווארען די פארם פון דער ארגאניזאציע פון אידישען פאלק.

צי די פערסישע רעגירונג האט אנערקענט די אויטאריטעט פון דעם כהן גדול אין ירושלים, איז ניט זיכער. לויט איין שטעל ביי יוסף פלאוויוס ווייזט אוים, אז יא (אידישע אלטערטימער י״א, 8 § 3). די תורת כהנים האט על־כל־פנים געמאכט דעם כהן גדול פאר דעם פולען הערשער איבער׳ן פאלק. פונקט ווי אמאל די מלכים, אזוי איז ער געזאלבט געווארען. האט געטראגען א קרוין און א פורפור־מאנטעל און האט פארטראטען דאס פאלק פאר גאט. ניט דער מלך, נאר דער כהן גדול איז איצט געווען „גאט׳ס געזאלבטער״**). אפילו אויב די משפחה פון דוד׳ס הויז האט אין אנהויב פון דער דאזיגער פעריאדע געשפילט די ערשטע ראלע צווישען די מיוחסים פון ירושלים, האט זי אויך געמוזט שפעטער אפטרעטען אין הינטערגרונט. מחמת זי האט ניט פארנומען קיין באזונדערען פלאץ אין דער עבודה פון בית־המקדש.

אט די ארדענונג באשטעטיגען אויך די פאפירוסען פון עלעפאנטין; ווארים אין דער בקשה פון די דארטיגע אידען שטעהען נאך דעם פערסישען גובערנאטאר פריהער דער כהן גדול יוחנן און זיינע חברים, די אריסטאקראטישע כהנים, וואס האבען זיך גרופירט ארום איהם, און דערנאך ערשט די מיוחסים פון ירושלים, די „חורי יהודיא״***).

---

*) זעה שמואל ב, ח 16—18; ב 23—26; מלכים א, ד 2, וואו דער כהן ווערט ארויגגערעכענט צווישען דעם קעניג׳ס באאמטע. זעה אויך מלכים ב, ט״ז 10—18 און דערצו אויבען אין באנד 3, ז. 68, 69.

**) „משיח יהוה״. פארגלייך שמואל א, כ״א 6; כ״ו 11, איכה ד 20; ויקרא כ״א 10, 12; פארגלייך אויך חשמונאים א, י 19, 20.

***) זעה אויבען ז. 92, 93.

די כהנים און די פארשידענע קלאסען פון די לויים.

אונטער דעם כהן גדול איז געשטאַנען אין פאַרשידענע ראַנגען א קער־פּערשאַפט פון דינער אין בית־המקדש, וואָס זייערע פליכטען ווערען גענוי באַשטימט אין תורת כהנים. נאַטירליך האָבען די מיטגלידער פון דעם כהן גדול'ס משפחה ניט נאָר געהאַט א חלק אין דעם כהן גדול'ס פּריווילעגיעס. זיי האָבען אויך געקראָגען די בעסטע שטעלעס, און זיי האָבען באַלד פאַר־געשטעלט מיט זיך די העכסטע אריסטאָקראַטיע.

פאָלגענדיג דער ריכטונג וואָס האָט צוערשט געפונען א קלאָרען אויס־דרוק אין די שריפטען פון יחזקאל*), האָט די תורת כהנים שאַרף אָפּגע־שיידט צווישען די כהנים און די לויים, עס הייסט: צווישען די, וואָס האָ־בען געשטאַמט פון די כהנים פון ערשטען בית־המקדש אין ירושלים, און די, וואָס האָבען געשטאַמט פון די כהנים פון די במות. דער ספר דברים האָט באַצייכענט די כהנים פון ירושלים אלס „די כהנים די לויים". יחזקאל האָט זיי אָנגערופען „די כהנים די לויים די זיהן פון צדוק", דעם ערשטען כהן פון דעם בית־המקדש אין ירושלים (יחזקאל מ"ד 15). אין תורת כהנים אבער טראָגען די כהנים פון ירושלים דעם יחוס פון אהרן'ס פאַמי־ליע. לויט דעם כראָניקער איז די צאָהל פון די כהנים געווען א היפּש גרויסע אין פּראָפּאָרציע צו דער באַפעלקערונג פון דער געמיינדע. אין דעם צענזוס פון עזרא קאַפּ. ב. האָבען זיי געצעהלט פיער טויזענט צוויי הונדערט און ניין־און־אכציג.

כדי אז אלע כהנים זאָלען זיך באַטייליגען רעגעלמעסיג אין דער עבודה פון בית־המקדש, זיינען זיי געווען איינגעטיילט אין פיער־און־צוואַנציג אָפּ־טיילונגען („מחלקות") וואָס פלעגען אלע שבת זיך בייטען, אַזוי אז יעדע אָפּטיילונג האָט געהאַט איהר רייה צו טאָן א וואָך די עבודה אין בית־המקדש (דברי הימים א, כ"ד; דברי הימים ב, ה 11; כ"ג 4, 8).

די הויפּט־פליכטען פון די כהנים זיינען באַשטאַנען אין מקריב זיין די פאַרשידענע קרבנות, וואָס איז געווען דער וויכטיגסטער טייל פון דעם ריט־טואַל פון בית־המקדש. נאָר זיי אַליין האָבען לויט דער תורת כהנים גע־האַט דאָס רעכט צו טאָן דעם דאָזיגען גאָטסדינסט. מיט זייער לעבען און

*) זעה אין באַנד 3, ז. 256.

זייער פערזאן האבען זיי געמוזט געבען א ביישפיל פון דער הייליגקייט פון זייער ארבייט און פון דער הייליגקייט פונ'ם גאט, וועמען זיי האבען גע־דינט. יעדער מום אין קערפער האט זיי געפסל'ט אויף תמיד פאר דער כהונה. ווען זיי האבען באטראכטען דעם אמט (ווארשיינליך אין עלטער פון צוואנציג), זיינען זיי פייערליך געהייליגט געווארען פאר זייער ארבייט דורך וואשונגען, קרבנות און עפענטליכער זאלבונג. פון דעמאלט אז און ווייטער האבען זיי ניט געטארט פארזוכען קיין וויין, זיך גאלען דעם קאפ אדער די בארד, אדער טאן עפעס, וואס האט געקאנט זיי טמא מאכען.

די לויים זיינען געווען די דינער פון די כהנים און פון דעם בית־המקדש. לויט דער תורת כהנים זיינען זיי אוועקגעגעבען געווארען פונ'ם פאלק צו די כהנים פאר אן אייגענטום אלס אויסבייט פאר די בכורים, וואס האבען גע־הערט צו יהוה (במדבר ג). אין דעם פרט איז יחזקאל'ס פראגראם דורכ־געפיהרט געווארען. די לויים זיינען לגמרי אויסגעשלאסען געווארען פון די העכערע, בכבוד'יגע און פאראנטווארטליכע שטעלעס; זיי האבען ניט גע־מארט באטרעטען דאס אינערליכע פונ'ם בית־המקדש און זיך ניט צוריה־רען צום מזבח. עס זיינען צוגעטיילט געווארען צו זיי די אומאנגענעמערע ארבייטען, ווי רייניגען דעם בית־המקדש, אכטונג געבען אויף די הייליגע כלים, צוגרייטען די לחם הפנים און עפענען און צומאכען די טויערן. אייי־דער נחמיה האט אנגעהויבען איינפיהרען זיינע ערשטע רעפארמען איז זייער הכנסה געווען זעהר אן אומזיכערע (נחמיה י"ג 10). עס איז דעריבער קיין חידוש ניט וואס זעהר ווייניג לויים האבען אין אנהויב זיך געמאלדען אין בית־המקדש. מיט גרוים שווערקייט האט זיך עזרא'ן איינגעגעבען צו פועל'ען ביי אכט־און־דרייסיג פון זיי מיטצוגעהן מיט איהם אין ירושלים (עזרא ח 15—19). אין דעם צענזוס פון עזרא קאפ. ב געפינען זיך נאר פיער־און־זיבעציג לויים, פארגליכען מיט איבער פיער טויזענט כהנים. נחמיה'ס רעפארמען און די איינפיהרונג פון תורת כהנים האבען פארזי־כערט פאר די לויים א באשטימטע הכנסה און געוויסע רעכטען, און פון דאמאלסט אן איז קענטיג זייער צאהל שנעל געוואקסען. באזונדערס ווען די זינגער און די טירהיטער זיינען שפעטער צוגערעכענט געווארען צו זיי.

דער כראניקער אונטערשיידט דריי באזונדערע קלאסען פון לויים: (1) די וואס זיינען באשטימט געווען פאר אלגעמיינע דינער אין בית־המקדש; (2) די משוררים אדער די מוזיקאנטען פון בית־המקדש; און (3) די טירהיטער („שוערים", דברי הימים א, ט 24—26; כ"ג 5). עס איז וויכטיג צו באמערקען, אז אין אנהויב פון דער גריכישער פעריאדע האט

מען קלאַסיפיצירט די משוררים אלס לויים. הגם עס ווערען אויך פאַר׳ן גלות דערמאָנט געזאַנג און מוזיק אין פאַרבינדונג מיט דעם ריטואַל, איז אָבער ניטאָ קיין בפירוש׳ע ראיה, אז דאָס איז איבערגעגעבען געוואָרען צו אַן אָרדען, וואָס איז געווען אָפּגעזונדערט פון די איבעריגע אַנטיילנעמער אין דעם גאָטסדינסט. אָבער אין צווייטען בית־המקדש איז געזאַנג, אונטער דער באַגלייטונג פון אינסטרומענטען געשפּילט פון זינגער, געווען אַזאַ וויכטיגער טייל פון דעם ריטואַל, אז עס איז ביסלעכווייז אויסגעוואַקסען אַ באַזונדערער אָרדען פון הייליגע זינגער, וואָס זיינען געוואָרען חשוב׳ער איידער די אַלגעמיינע לויים. וואָרים די משוררים האָבען פאַר דעם מזבח אויסגעדריקט אין תהלים־געזאַנגען דעם גלויבען און די האָפענונגען פון ישראל. דערצו נאָך האָבען זיי ניט נאָר אויפגעהאַלטען און קולטיווירט די הייליגע גזאַנגען, זיי זיינען אויך געווען די דיכטער פון די הייליגע לידער, ווייל אומעטום אין אַלטערטום איז דער זינגער גלייכצייטיג געווען אַ דיכטער און דער דיכטער איז געווען אַ זינגער. די משוררים האָבען בכן געגעבען אַ מוזיקאַלישען אויסדרוק צו די טיפסטע געפיהלען, וואָס האָבען באַוועגט די געמיינדע, און האָבען אויך די געפיהלען איינגעקליידט אין ווערטער. דער כראָניקער באַטראַכט זיי פאַר אַזאַ וויכטיגען טייל פון דער קערפערשאַפט פון בית־המקדש, אז ער שרייבט צו די גרינדונג פון זייער אָרדען צו שמואל און דוד. לויט איהם זיינען זיי געווען איינגעטיילט אין דריי שטאַמען אָדער צעכען, וואָס האָבען געטראָגען די נעמען פון א ס ף, ה י מ ן, י ד ו ת ו ן אָדער א י ת ן*). אין דעם עלטערען צענזוס פון עזרא קאַפּ. ב. ווערט דערמאָנט נאָר איין צעך, אסף; בעת אין קומענדיגען יאָהרהונדערט זיינען די כאָרען פון בית־המקדש שטאַרק געוואַקסען אין צאָהל. לויט דעם כראָניקער האָבען די משוררים באַקומען אַ באַשטימטע געהאַלט (נחמיה י״א 23). און זיינען אויך, פונקט ווי די כהנים, געווען איינגעטיילט אין פיער־און־צוואַנציג „משמרות“, וואָס האָבען געטראָגען אַנגענומענע נעמען ווי „גדלתי“, „רוממתי“, א. אז. וו. (דברי הימים א.

*) דברי הימים א, ט״ז 37—42; כ״ה 1, 6; דברי הימים ב, ה 12. אז איתן און ידותון זיינען אַלץ־איינס זעהט מען פון דברי הימים א, ט 16; כ״ה 1, 6; דברי הימים ב, ח 12; ל״ה 15; נחמיה י״א 17. אַסף קאַפּיטלען תהלים ווערען צוגעשריבען צו די דאָזיגע זינגער־צעכען פון צווייטען בית־המקדש: אסף, הימן, איתן און די בני־קרח. די בני קרח ווערען אין דברי הימים א, ט 19 און כ״ו 19 נאָך גערעכענט אלס „שוערים“; אין דברי הימים ב, כ 19 אָבער ווערען זיי שוין דערמאָנט אלס זינגער־צעך.

כ"ה). די דאזיגע גרופעס פלעגען קענטיג זיך באטייליגען נאך דער רייה אין עפענטליכען גאטסדינסט און פלעגען זיך פאראייניגען אין ימים־טובים אדער ווען מ'פלעגט זינגען תהלים־געזאנגען, וואס אנטהאלטען סטראפעס און געגען־סטראפעס (אסך ביישפילען פון אזעלכע געזאנגען האבען זיך דער־האלטען אין אונזער תהלים). דער אלגעמיינער עולם וואס איז געווען פאר־זאמעלט צום גאטסדינסט האט, ווייזט אויס, אויך מיטגעזונגען (תהלים כ"ו 6).

פון מעהרערע שטעלען אין די ביכער עזרא און נחמיה איז צו זעהן, אז צום סוף פון דער פערסישער פעריאדע איז נאך אן אנדער גרופע פון דינער געווען פארבונדען מיט'ן בית־המקדש. זיי ווערען באצייכענט אלס „נתינים" (אוועקגעגעבענע) און „בני עבדי שלמה" (די קינדער פון שלמה'ס קנעכט). אין דעם צענזוס פון עזרא קאפ. ב ווערט זייער צאהל אנגעגעבען אויף דריי הונדערט און צוויי־און־ניינציג. לויט ווי מ'קאן זיך אנשטויסען פון זייערע נעמען און לויט ווי די שפעטערדיגע טראדיציע נעמט אן, האבען זיי קענטיג געשטאמט פון שקלאפען, וואס זיינען לכתחילה געגעבען געווארען אלס גע־שאנק צום בית־המקדש (פארגלייך יחזקאל מ"ד 7—9). זיי האבען בלי־ספק געהאט צו טאן די גראבסטע ארבייטען. אזוי ווי זיי זיינען געווען דאס אייגענטום פון דעם בית־המקדש, האבען זיי דעריבער געהאט זייער באשטענדיגע קווארטיר הארט ביי דעם תחום פונ'ם הייליגטום (נחמיה ג 26, 31; י"א 21).

כהונה און תורה.

הגם די כהנים האבען, דורך דער גרויסער באדייטונג פון דער עבודה אין בית־המקדש, פארנומען אזא הויכע פאזיציע אין דער אידישער מדינה, איז אבער די אידישע געזעלשאפט גאנץ אנדערש געווען פון יענע געזעל־שאפטען, אין וועלכע א קלאס פון גייסטליכע באהערשט די מאסען פון פאלק און האט די פולשטענדיגע דעה איבער זיי. אין דער אידישער אריסטא־קראטישער געזעלשאפט איז געווען אן עלעמענט וואס האט זי דעמאקראטי־זירט, דאס איז געווען די תורה. פון נחמיה'ן און עזרא'ן אן איז גאט'ס תורה געלייענט געווארען פאר דעם פאלק, און יעדערער איד האט געוואוסט, אז די כהונה האט באקומען איהר אויטאריטעט פון דער תורה, גיט די תורה איהר אויטאריטעט פון דער כהונה. דאס האט געהאט זעהר א גרויסע באַ־דייטונג. די עפענטליכע מיינונג האט, זיך באציהענדיג אויף גאט'ס תורה,

תמיד געקאָנט אַרויסטראָגען אַן אורטייל געגען דעם פּריסטער־קלאַס. די אידישע מדינה איז דעריבער געוועזען ניט אַ היעראַרכיע (פּריסטער־הערשאַפט), נאָר אַ טעאָקראַטיע (גאָטסהערשאַפט), ווי יוסף פלאַוויוס האָט זי אָנגערופען (אין „אַנטי־אַפּיאָן"). וואָרים די סאַמע העכסטע אויטאָריטעט, פאַר וועמען אַלע האָבען זיך געמוזט בייגען, איז געוועזען גאָט'ס ווילען, לויט ווי ער איז אויסגעדריקט געוואָרען אין זיין געשריבענער תורה.

די סופרים. די „תורה שבעל פה".

וואָס ווייטער אַלץ מעהר איז דאָס אָפּיציעלע יודענטום געוואָרען אַ רעליגיאָן פון דער תורה, און די גאַנצע שטרעבונג פון דעם אידען איז באַשטאַנען אין אָפּהיטען איהרע געבאָטען מיט אַלע פּרטים. דאָס האָט געפאָדערט, אַז איטליכער איד זאָל זיין ביכולת צו וויסען וואָס שטעהט אין איהר געשריבען. עס האָט דעריבער זיך געמוזט געפינען עפּעס ווער, וואָס זיין עובדא איז געוועזען צו שטודירען און אויסצוטייטשען די תורה, און אָנצואווייזען ווי אַזוי איהרע געבאָטען דאַרפען אָנגעווענדט ווערען אין פאַלען, וואָס זיינען ניט בפירוש אויסגערעדט געוואָרען. אַזעלכע אָנווייזונגען אין מאָראַלישע און רעליגיעזע פליכטען זיינען געגעבען געוואָרען שוין פון די סאַמע עלטסטע צייטען אָן, און דאָס רוב דורך די כהנים. עס זיינען אויך איצט נאָך געוועזען כהנים, וואָס האָבען עס געקאָנט טאָן און האָבען עס פּנים אויך געטאָן. אָבער אין דער צייט נאָך עזרא'ן, ווען די נבואה איז כמעט ווי אונטערגעגאַנגען, האָט די תורה פאַרנומען דעם גאַנצען אויבענאַן אין אידישען לעבען, און צו גרויס איז געוועזען דער חוב, וואָס איז געלעגען אויף יעדערען אידען זי געניי צו וויסען. אָט די אומשטענדען האָבען אַרויסגעבראַכט אַ נייעם קלאַס פון רעליגיעזע לעהרער, וואָס זיינען באַלד געוואָרען די ערשטע גייסטיגע פיהרער פון פאָלק און האָבען געשטעלט די כהנים אין שאָטען; דאָס זיינען געוועזען די סופרים, די שריפטגעלעהרטע.

וועגען דער ראָלע פון דעם סופר אין די אַלטע צייטען און אין דער תקופה פון גלות בבל איז שוין אויבען גערעדט געוואָרען*). עס איז באַדייטונגספול וואָס עזרא ווערט אָנגערופען „דער כהן דער סופר". עס איז אויך כדאי צו באַמערקען, אַז די מענער וואָס האָבען איהם געהאָלפען דערקלערען צום פאָלק, בשעת ער האָט צום ערשטען מאָל פאַרגעלייענט עפענט־

*) זעה אויבען ז. 53, 54.

ליך דאס בוך פון דער תורה, זיינען ניט געווען קיין כהנים, נאר לויים. עס קאן גרייליך זיין, אז אסך לויים האבען בעסער זיך גענומען צו דער וויכטיגער, בכבוד'יגער און היילינער ארבייט פון דעם סופר, דעם אויסטייטשער פון גאט'ס תורה, איידער צו טאן די פראסטע ארבייט אלס דינער פון די כהנים אין בית־המקדש. צי עזרא האט ארגאניזירט און געגרינדעט דעם ארדען פון די סופרים, ווייסען מיר ניט; אבער זייער אויפטריט אלס די גייסטיגע פיהרער פון פאלק איז על־כל־פנים געווען א נויטווענדיגער פועל־יוצא פון זיין ריכטונג און טעטיגקייט.

די ערשטע עובדא פון די סופרים איז געווען צו קאפירען די תורה אין איהר ריכטיגען נוסח, וואס זיי האבען פעסטגעשטעלט, און זי צו לערנען מיט דעם פאלק. אבער דער געשריבענער דין איז קיינמאל ניט גענוג גע־ווען. דאס לעבען האט זיך כסדר געענדערט, עס זיינען כסדר פארגעקומען נייע פאלען, פאר וועלכע ס'איז ניט געשטאנען קיין בפירוש'ער דין אין דער תורה, און דער איד האט אפט ניט געוואוסט ווי אזוי מקיים צו זיין גאט'ס געבאט אונטער אזעלכע און אזעלכע אומשטענדען. אין אזעלכע פאלען האט מען זיך געווענדעט צו די סופרים, און עס איז געווען זייער עובדא אויסצוטייטשען די אינערליכע באדייטונג פון געשריבענעם געזעץ און צו פסק'ענען לויט דעם. נאכדעם ווי די סופרים נאך עזרא'ן האבען אפגע־שלאסען די תורה און מ'האט ניט געקאנט מעהר מוסיף זיין צו איהר שריפטליך, האבען זיי אויף דעם אופן אנגעהויבען זי אויסשפרייטען מינד־ליך. די סופרים האבען בכן צוגלייך מיט'ן שטודירען און פארשפרייטען די „תורה שבכתב", די געשריבענע תורה, אויך אנגעהויבען אנטוויקלען א „תורה שבעל פה", א מינדליכע תורה.

עס איז אבער שווער זיך פארצושטעלען, אז יעדער איינצעלנער סופר האט זיך געפיהלט פריי אויסצוטייטשען די תורה אין גאנצען לויט זיין אייגענער סברא, זיך ניט צונויפרייידענדיג מיט אנדערע סופרים וועגען דעם ענין; אדער אז מ'וואלט איהם דערלויבט זיך נעמען אזא אומבאגרעניצטע פרייהייט, ווען ער וואלט עס פרובירט טאן. עס האט געמוזט זיין א גע־וויסע באראטונג פון די סופרים צווישען זיך; און עס האט געמוזט זיין עפעס א טריבונע, צו וועלכער מ'האט געקאנט זיך ווענדען, א מין צענטראלע אויטאריטעט, וועמעס באשלוסען זיינען אנערקענט געווען אלס ענדגילטיג. אהן דעם וואלט עזרא'ס גאנצע ארבייט געמוזט זיין א דורכפאל; מיר ווייסען אבער, אז זי איז געווען אן ערפאלג. דאס העלפט אונז פארשטעהן די

טראַדיציע פון תלמוד וועגען „די מענער פון דער גרויסער פאַרזאַמלונג“ („אנשי כנסת הגדולה“), צו וועמען עס ווערען צוגעשריבען געוויסע אינס־טיטוציעס און מאמרים. די באַהויפּטונגען אין תלמוד וועגען די „אנשי כנסת הגדולה“ זיינען היסטאָריש ניט ריכטיג. אבער די בעלי־התלמוד, וואָס זיינען פאַראַנטוואָרטליך פאַר יענע באַהויפּטונגען, זיינען מעגליך גערעכט געוועזען בנוגע דעם עצם פאַקט, הגם ניט בנוגע די פּרטים. די „כנסת הגדולה“ איז בלי־ספק די פאַרזאַמלונג פון נחמיה קאַפּ. ט און י*), און מיר האָבען קיין שום סמך ניט אַנצונעמען, אַז יענע פאַרזאַמלונג, אָדער עפּעס ענליכעס, איז געוועזען אַ באַשטענדיגע אינסטיטוציע. אבער כדי דער סיסטעם וואָס עזרא האָט איינגעפיהרט זאָל אַרבייטען מיט ערפאָלג, האָט זיך געפאָדערט עפּעס אַ זאָרט פאַרזאַמלונג, ניט פון אַלע פיהרער פון פאָלק, ווי די גרויסע פאַרזאַמלונג פון נחמיה קאַפּ. ט און י, נאָר אַ באַראַטונג פון די געלעהרטע אין דער תורה, די סופרים. יענער קאָלעגיום פון די סופרים איז עס אַנגע־רופען געוואָרען פון די בעלי־התלמוד „די מענער פון דער גרויסער פאַר־זאַמלונג“.

די סינאַגאָגע (שול, „בית־הכנסת“).

די אַרבייט פון די סופרים איז אַסך פאַרלייכטערט געוואָרען דורך די סינאַגאָגעס. ווען די סינאַגאָגע איז צוערשט איינגעפיהרט געוואָרען, ווייי־

*) זעה אויבען ז. 61, 62. די בעלי־התלמוד האָבען קיין שום באַגריף ניט געהאַט וועגען דער כראָנאָלאָגיע פון דער פערסישער מלוכה. לויט זיי האָט פון דער אויפבויאונג פון צווייטען בית־המקדש ביז אלעקסאנדער מוקדון געדויערט ניט מעהר ווי 34 יאהר („מלכות פרס בפני הבית שלשים וארבע שנה“, סדר עולם רבא, פרק ל, ז. 141, אין ראטנער׳ס אויסגאבע). אין אלעקסאנדער׳ס צייט איז לויט דער טראַדיציע פון תלמוד געוועזען א כהן גדול שמעון הצדיק, ניט זיין זיידע ידוע, ווי יוסף פלאוויוס באריכטעט. עס קומט לויט דעם אויס, אז שמעון הצדיק, וואָס האָט געלעבט לכל הפחות 150 יאהר נאָך עזרא׳ן, האָט נאָך גענומען אן אנטייל אין דער גרויסער פארזאמלונג אונטער עזרא און נחמיה. די תלמודישע טראַדיציע זאָגט דעריבער, אז ער איז געוועזען „פון די געבליבענע פון דער גרויסער פארזאמ־לונג“ („שמעון הצדיק היה משירי כנסת הגדולה“, פרקי אבות א, 2). די „כנסת הגדולה“ האָט בכן געדינט אין תלמוד אלס פאַרבינדונגס־גליד צווישען די לעצטע מענער פון דער ביבעל און די ערשטע סופרים מיט נעמען, די „זוגות“, פון וועלכע די ערשטע, יוסי בן־יועזר איש צרדה און יוסי בן־יוחנן איש ירושלים, האָבען געלעבט אין אַנהויב פון דער חשמונאים־עפּאָכע.

סען מיר ניט געננוי. מיר ווייסען נאר, אז פאר עזרא'ס צייט טרעפען מיר זי ניט אין ארץ ישראל, און אין דער צייט פון די חשמונאים איז זי שוין געווען א גאנץ אלטע אינסטיטוציע. מ'דארף אננעמען, ווי מיר האבען שוין איינמאל באמערקט, אז זי איז ארויסגעוואקסען פון די פראקטישע נויטען פון די פארטריבענע אידען אין גלות בבל*). אבער מיט דער איינפיהרונג פון ת ו ר ת כ ה נ י ם איז זי געווארען אן אבסאלוטע נויטווענדיגקייט אויך אין יהודה און האט זיך דארטען זעהר שטארק פארשפרייט.

די סינאגאגע איז געווען א פלאץ צו דאווענען און צו לערנען. די עבודה אין בית־המקדש איז געווען דורכאוים אן אפגעשלאסענע. דער פשוט'ער איד האט לויט דער תורת כהנים מעהר קיין רעכט ניט געהאט זיך צו באטייליגען פערזענליך אפילו אין די קרבנות פון דעם יחיד. ער האט דערפאר נייטיג געהאט עפעס אן אנדער וועג, אויף וועלכען אויסצודריקען זיינע רעליגיעזע געפהילען; און דאס האט ער געפונען אין דער „בית־הכנסת" (פארזאמלונגס־הויז). וואס האט געהערט צום פשוט'ען פאלק, וואו די עבודה איז געווען דעמאקראטיש, אהן וואסערע פריווילעגירטע קלאסען. אבער ניט עבודה, נאר תורה לערנען איז געווען דער הויפטציל פון דער סינאגאגע. נאכדעם ווי עזרא האט געמאכט די תורה פאר דעם הערשענדיגען פאקטאר אין יודענטום, האט מען מעהר ניט געקאנט דולדען, אז דאס פאלק זאל ניט ווייסען וואס עס שטעהט אין דער תורה; און די סינאגאגע האט געגעבען די בעסטע געלעגענהייטען צו לערנען מיט דעם פאלק. הגם דער כראניקער געברויכט ניט דאס ווארט סינאגאגע אין דעם באריכט וואס ער גיט פון די הכנות צו דער איינפיהרונג פון תורת כהנים, שילדערט ער אבער א גאטסדינסט, וואס איז מערקווירדיג ענליך צו די גאטסדינסטען אין די סינאגאגעס פון שפעטערדיגע צייטען. מ'טוט דארטען תפילה, מ'לייענט פאר די תורה און מ'דערקלערט זי. עס איז דעריבער זעהר שטארק וואהרשיינליך, אז די פרומע אידען, וואס זיינען געקומען קיין ארץ ישראל מיט נחמיה'ן און עזרא'ן, האבען מיטגעבראכט פון די גלות־לענדער די אינסטיטוציע פון דער סינאגאגע.

*) זעה אין באנד 3, ז. 246.

3.

דער בית־המקדש.

ווענען דעם געבוי און אויסזעהן פון זרובבל'ס בית־המקדש האָבען מיר נאָר וועניג צעשפּרייטע נאָטיצען*). לויט כורש'עס דעקרעט (אין עזרא קאַפּ. ו) האָט ער געזאָלט געבויט ווערען פון קוואדראַטשטיינער און האָלץ (צו דריי שיכטען שטיינער און איין שיכט האָלץ) און האָט געזאָלט פאַרנע־מען 60 איילען אין דער הויך און 60 אין דער ברייט. דער טעקסט איז דאָ אָבער קענטיג פאַרגרייזט, מחמת עס איז אוממעגליך, אז דער צווייטער בית־המקדש זאָל אין זיין גרויס האָבען איבערגעשטיגען דעם ערשטען (פאַר־גלייך מלכים א, ו 2). אדרבה, מיר ווייסען, אז דער צווייטער בית־המקדש איז אין גרויס און פּראַכט געשטאַנען הינטער דעם ערשטען ווייט צוריק (חגי ב 3).

אין דעם נייעם בית־המקדש איז דורכגעפיהרט געוואָרען די שטרעבונג פון יחזקאל און דער תורת כהנים אָפּצושיידען דאָס הייליגטום פון דער דרויסענדיגער וועלט. דער בית־המקדש איז איצט געשטאַנען פאַר זיך אליין, ניט פאַרבונדען מעהר מיט קיין שלאָס פון א קעניג. און בעת אין ערשטען בית־המקדש איז דער גאַנצער הויף ארום געווען פריי פאַר דעם פאָלק, הערען מיר איצט פון א באַזונדערען פאַרהויף פאַר די כהנים**).

---

*) פאַרגלייך ווענען שלמה'ס בית־המקדש אין באַנד 2, ז. 118—120.

**) „חצר הכהנים“, דברי הימים ב, ד 9. דער כראָניקער שרייבט דאָ קענטיג צו צו שלמה'ס בית־המקדש דאָס וואָס ער האָט געזעהן אין דעם בית־המקדש אין זיין צייט. דער פאָרהויף פאַר דעם פאָלק ווערט דאָ באַצייכענט אלס „די גרויסע ע ז ר ה“ (העזרה הגדולה) און אין דברי הימים ב, כ 5 ווערט ער אָנגערופען „דער נייער פאָרהויף“ (החצר החדשה). אז דער בית־המקדש זאָל האָבען אן אויסערליכען פאָרהויף פאַר דעם פאָלק און אַן אינערליכען פאַר די כהנים, האָט שוין יחזקאל פאָרגעשריבען. עס ווייזט אבער אויס, אז מ'האָט עס ניט גלייך דורכגעפיהרט, אז אין דער צייט פון דעם כראָניקער (ביים אָנהויב פון דער גריכישער פעריאָדע) איז דאָס נאָך געווען פאַרהעלטענישמעסיג א נייע זאַך, אַניט וואָלט ער ניט געברויכט דעם אויסדרוק „החדשה“. יעדענפאַלס אבער איז נאָך געבליבען פריי דער צוגאַנג צו דעם מזבח. ערשט אלעקסאַנדער ינאי האָט איהם פאַרשפּאַרט מיט אַ הילצערנער מחיצה (יוסף פלאוויוס, אידישע אלטערטימער י"ג, 13 § 5). אין

פון די הייליגע זאכען האט אין צווייטען בית־המקדש געפעהלט דאס סאמע הייליגסטע: דער ארון. דער קודש־הקדשים איז געווען אינגאנצען לעדיג (איד. אלטערטימער ה. 5 § 5); אויפ'ן פלאץ פון ארון איז געווען א שטיין, וואס אויף איהם פלעגט דער כהן גדול אוועקשטעלען יום־כיפור די פייערפאן*). אין דעם קודש (היכל) איז, פונקט ווי אין ערשטען בית־המקדש, געשטאנען דער שולחן מיט די לחם־הפנים (דער טיש מיט די הייליגע ברויט). אבער אנשטאט די צעהן מנורות**) איז,איצט געווען איין איינציגע גאלדענע מנורה מיט זיבען רעהרען (חשמונאים א, א 23; ד 49). דער גרויסער שטיינערנער „מזבח העולה“ אין פארהויף איז ניט געווען מעהר באצויגען מיט בראנז (חשמונאים א, ד). די בראנזענע זיילען און דער בראנזענער באסיין ווערען מעהר ניט דערמאנט. אנשטאט דעם „ים הנחשת“ מיט די צוועלף אקסען איז איצט געווען נאר איין בראנזענער וואסערבעקען.

די קרבנות.

דער יסוד פון דעם „סדר העבודה“ איז געווארען דער באשטענדיגער, טעגליכער אפפער, דער „קרבן תמיד“; צוויי מאל א טאג, איין מאל אינדערפריה און איין מאל געגען אווענט, האט מען פארברענט אויפ'ן מזבח אלס „עולה“ (גאנצאפפער) אז איינדעהריגען שעפס. צוזאמען מיט דער „עולה“ האט אויך געהערט צו יעדען „קרבן תמיד“ א „מנחה“ (מעהלאפפער) און א „נסך“ (א גיסאפפער פון וויין)***). אחוץ דעם האט מען מקריב

הורדוס'עס בית־המקדש איז די דאזיגע מחיצה געווען פון שטיינער (משנה מידות ב, ו און יוסף פלאוויוס, אידישע מלחמות ה, 5 § 6). ווען עס איז איינגעפיהרט געווארען א באזונדערע עזרה פאר פרויען איז ניט זיכער. עס ווייזט אויס, אז ערשט אין דער רוימישער פעריאדע. זעה וועגען דעם דר. ביכלער'ס ארטיקעל: The Fore-Court of Women and the Brass-Gate in the Temple of Jerusalem, Jewish Quarterly Review X, 678-718.

*) „אבן שתיה“, (גרונטשטיין) משנה יומא ה, ב.

**) זעה מלכים א, ז. 49 און פארגלייך אין באנד 2, ז. 119.

***) אין דער אלטער צייט פלעגט מען אין בית־המקדש אין ירושלים מקריב זיין טעגליך אן עולה אינדערפריה און א מנחה געגען אווענט. יחזקאל האט צוגעלעגט א מנחה צו דער „עולת הבקר“. די תורת כהנים ווידער האט צוגעלעגט אן עולה צו דער „מנחת הערב“ און דערצו נאך צו יעדער עולה א „נסך“. פארגלייך מלכים ב, ט"ז 15; יחזקאל מ"ו 13—15; שמות כ"ט 38—42; במדבר

געווען פאַר דעם כהן גדול טעגליך אינדערפריה און פון אווענט א מעהל־אָפּפער*), דערצו נאָך האָט מען פאַרברענט אינדערפריה און פון אווענט א רייכעראָפּפער אויף דעם „מזבח הקטורת**).

פון אַלע מינים קרבנות האָט איצט דער קרבן עולה באַקומען די ערשטע, גרעסטע באַדייטונג. דער קרבן שלמים (דאָס פריידענאָפּפער, די אָפּפער־מאָהלצייט) איז כמעט אינגאַנצען פאַרשוואונדען פון די קרבנות, וואָס ווערען פאַרגעשריבען פאַר דער געמיינדע. דערפאַר אָבער האָט ביי וויכטיגע געלעגענהייטען ניט געפעהלט דער „קרבן חטאת" (זינדאָפּפער, במדבר כ"ח). לכתחילה איז דאָס געווען א קרבן אַראָפּצונעמען די זינדיגקייט פון פערזאָנען אָדער זאַכען און זיי צו ווידמענען צום דינסט פון גאָט. איצט אָבער האָט מען אַנגעווענדט דעם זינדאָפּפער אויך ביי איינצעלנע פאַלען פון עובר זיין אויף די דינים פון דער עבודה. אויך דאָס שולדאָפּפער (אשם) האָט באַקומען א שייכות צו די קולטישע פאָדערונגען. דאָס איז א זינדאָפּפער פאַרבונדען מיט דער אומקערונג פון א שאַדען (ויקרא ה 14—26; במדבר ה 5—10). זינד־ און שולדאָפּפער בפרט, און דער גאַנצער דינסט פון קרבנות בכלל, האָט, לויט דער תורת כהנים, געהאַט דעם צוועק צו פאַרהיטען אָדער מכפר צו זיין אויף דער פאַרשוועכונג פון דער הייליגקייט פון גאָט, פון ישראל, אָדער פון דעם בית־המקדש, זיינע דינער

כ"ח. אַ דאַנק דער איינפיהרונג פון דעם טאָפּעלטען „תמיד" אין דער פאָרם פון אַ גאַנצאָפּפער אינדערפריה און געגען אָווענט איז געשאַפען געוואָרען די מעגליכקייט ניט צו לאָזען קיינמאָל אויסגעהן דאָס פייער פון דעם קרבן אויפ'ן מזבח (ויקרא ו 6).

*) ויקרא ו 12—16. „ביום המשח אותו" איז אַ סתירה צו „מנחה תמיד". דער אבן־עזרא זאָגט דעריבער: „ורבים אמרו כי זה בי"ת תחת מ"ם והטעם כי מיום המשח אותו הנה זה חייב להקריב תמיד מנחתו".

**) אז עס זאָל האָבען געווען א מזבח־הקטורת אין ערשטען בית־המקדש, ווערט היינט שטאַרק באַשטריטען פון די פאָרשער (פאַרגלייך אין באַנד 2, ז. 119). אַז ער איז אבער געווען אין צווייטען בית־המקדש, וויסען מיר פון ספר חשמונאים א קאַפּ. א 23. דאָך נעמען מאַנכע פאָרשער אָן, אַז אויך אין צווייטען בית־המקדש איז ער ערשט שפּעטער אַריינגעשטעלט געוואָרען. זיי דרינגען דאָס אַרויס דערפון וואָס שמות ל 1—10 שטעהט ניט אויפ'ן ריכטיגען פּלאַץ, דאָרטען וואו עס רעדט זיך וועגען דעם בנין פון משכן, נאָר עס איז צוגעשטעלט אַלס שפּעטערדיגע הוספה. אויך פון דער מעשה, וואָס די פּריסטער־שריפט דערצעהלט וועגען נדב ואביהוא (ויקרא י), ווייזט אויס, אז אין אָנהויב פלעגט מען פאַרברענען די קטורת אויף א פייערפאַן (מחתה). אין יחזקאל'ס צוקונפטספּלאַן ווערט „קטורת" לחלוטין ניט דערמאָנט.

און זיינע כלים. דער היידנישער בליק אויפ'ן קרבן, אז מ'קען מיט איהם משפיע זיין אויף דער גאטהייט, איז איצט דורך די דינים פון דער עבודה לגמרי אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער אידישער רעליגיאָן. וואָרים די קרבנות זיינען געבראַכט געוואָרען פון דער געמיינדע, ווייל אזוי האט גאָט אנגעזאָגט. די קרבנות זיינען בכן געווען איצטער אן אויסדרוק פון געהאָרכ־זאַמקייט צו גאָט און א מיטעל מכפר צו זיין אויף די זינד, כדי צו קענען איינשטעלען א ריכטיגען פארהעלטעניש צו איהם. מ'דאַרף אויך ניט פאַר־געסען, אז די ווירקונג פון די קרבנות איז געווען שטאַרק באַגרעניצט. ערש־טענס האָבען די קרבנות געקאָנט מכפר זיין נאָר אין דעם פאַל, ווען מ'האָט געטאָן אַן עבירה אומגערן אָדער ווייל מ'האָט ניט געוואוסט; עבירות וואָס מ'האָט געטאָן מיט פליים זיינען באַשטראָפט געוואָרען מיט „כרת"*). צוויי־טענס זיינען קרבנות ניט געווען קיין כפרה פאַר מאָראַלישע זינד, פאַר עבירות פון „בין אדם לחבירו", סאיידען מ'האָט די דאָזיגע זינד פריהער גוט געמאַכט.

„איין טאָג אין דיינע הויפען".

מיר קענען זיך מאַכען א שטיקעל פאָרשטעלונג ווי עס האָט אויסגע־זעהן א וואָכעדיגער טאָג אין צווייטען בית־המקדש אין דער צייט, ביי וועלכער מיר האַלטען.

כהנים און לויים האָבען געהאַלטען וואַך איבער נאַכט. ווי עס הייבט נאָר אָן צו טאָגען ווערען די טויערן געעפענט. נאָך איידער עס ווערט ליכ־טיג נעמען זיך די כהנים און די לויים צו דער עבודה; צוויי חשוב'ע כהנים אין ווייסע בגדי־כהונה געהען אריין אין היכל און מאַכען צורעכט דעם מזבח־הקטורת און די לאָמפען פון דער מנורה (שמות ל 7); אַנדערע גריי־טען צו דעם שעפּס פאַר דער עולה. דערווייל זיינען שוין אָסך מענשען צו־זאַמענגעקומען, כדי צוצוקוקען און מיטצופּייערען. אונטער דעם הייליגען ציטערען פון די צוקוקער טרעטען די כהנים אריין אין דעם היכל צו פאַר־ברענען די קטורת. די וואָס שטעהען אין דרויסען זאָגען בעת־מעשה תפילות מיט טיפע כונות. די כהנים טרעטען ווידער ארויס, און מיט אויפגעהוי־בענע הענט בענטשען זיי דאָס פאָלק. איצט געהען צו אַנדערע כהנים צום מזבח־העולה און זיינען מקריב צו גאָט די עולה, די מנחה און דעם נסך אלס קרבן־תמיד פון דער געמיינדע און אויך די מנחה פאַר

*) אויסשליסונג פון דער געמיינדע. פאַרגלייך אויך עזרא ז 26; י 8.

דעם כהן גדול. ווי נאָר דער כהן גיסט אויס דעם גיסאָפּפער פון וויין (נסך) אויפ׳ן פונדאמענט פון מזבח, בלאָזען צוויי כהנים מיט זילבערנע שופרות. דאָס פאָלק פאַלט כורעים און טוט תפילה אין דער שטיל און די לויים, וואָס שטעהען אין מזרח־זייט פון מזבח־העולה (דברי הימים ב, ה 12), הייבען אָן זינגען און שפּילען א תהלים־געזאַנג (בן־סירא נ)*). אלע פרומע אידען, וואָס וואוינען ווייט פון ירושלים, זיינען מיט זייער הארץ אין דער דאָזיגער שעה אויפ׳ן ה ר ־ ה ב י ת, און מיט זייער פּנים צו דער הייליגער שטאָט זיי־נען זיי איצט מתפּלל צו גאָט.

דער מאָרגען־קרבן איז נאָך ניט אינגאַנצען פאַרברענט, עס קלינגען נאָך די לעצטע טענער פון דעם געזאַנג פון די לויים, און מ׳זעהט שוין ווי דורך איי־נעם פון די מערב־טויערן, וואָס פיהרען פון שטאָט צום הר־הבית, ווערען אריינגעטריבען רינדער און שאָף און פון הינטען געהט נאָך א מאַן יום־טוב׳־דיג געקליידט, מיט א פרעהליכען פּנים און מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. ביי דער זייט זיין געהט זיין ווייב און א פרעהליכע חברה קינדער, גרויסע און קליינע, מיט קנעבעט און דינסטען. דאָס גהען זיי מקריב זיין א דאַנקאָפּפער צו גאָט פאַר דער הילף, וואָס ער האָט זיי געשיקט אין דער נויט, און נאָך דעם קרבן אָפּהאַלטען מיט׳ן גאַנצען הויזגעזינד א פרעהליכע אָפּפער־מאַלצייט.

הינטער דער דאָזיגער פאמיליע זעהט מען אַנקומענדיג אַן איינצעלנעם מאַן. ער געהט מיט לאַנגזאַמע טריט און פאַראויס טרייבט ער א ציג. א פאַר־שטענדיגער באָאָבאַכטער קאָן לייכט לייענען אויף זיין פּנים, אַז עפּעס דריקט איהם. שרעקעדיג ווענדט זיך דער דאָזיגער מאַן צו א לוי, וואָס געהט גראָד פאַרביי, און בעט ער זאָל איהם צופיהרען צו א כהן. דער מאַן האָט עפּעס אויף זיין געוויסען, און ער זוכט א כפּרה אויף זיין זינד אויף דעם וועג, וואָס גאָט גופא האָט אַנגעוויזען: דורך א קרבן חטאת (ויקרא ד).

כל׳ערליי מענשען געהען היין און צוריק, קראַנקע און געזונטע, פרעה־ליכע און טרויעריגע, היימישע און געקומענע פון ווייטען. א מצורע האָט נאָר וואָס זיך געלאָזט אונטערזוכען פון א כהן, און אזוי ווי ער איז דערקלערט געוואָרען פאַר טהור, געהט ער גלייך מקריב זיין דעם רייניגונגס־קרבן, וואָס וועט איהם געבען דאָס רעכט צו קומען ווידער צווישען מענשען (ויקרא י״ד). איינינע נזירים, וואָס זייער צייט פון נזירות האָט זיך געענדיגט,

---

*) וועגען באַשטימטע תהלים־געזאַנגען פאַר יעדען טאָג ווערט אין דער צייט, ביי וועלכער מיר האַלטען, ניט באַריכטעט.

קומען ענדיגען זייער נדר; זיי האבען זיך אפגעשארען די האר און מוזען איצט דורך א קרבן זיך אויסלייזען פון דעם היילי֗גען צושטאנד, כדי זיך ווידער צוריקצוקערען צום אלגעמיינעם לעבען (במדבר ו).

אין דער גאנצער צייט פון אט די אלע קרבנות און ריי֗ניגונגען הערשט א פרומע שטילקייט אויף דעם היי֗ליגען פלאץ*). אין פארלויף פון טאג שטייגען ארויף אסך פרומע אויף דעם הר־הבית און געהען אריין אין גאט׳ס הויפען, כדי דארטען תפילה צו טאן אין דער שטיל. מ׳זעהט דא אידען פון דער גאנצער וועלט, פון די ווייטסטע לענדער, וואס קומען זעהן גאט אין דער פראכט פון זיין היכל און מיטפייערען די עבודה. ווארים יעדערען איד׳ דען׳ס הארץ האט געבענקט פון ווייטען נאך דעם רעליגיעזען צענטער פון דעם אידישען פאלק:

„מיין זעל בענקט און שמאכט
נאך די הויפען פון יהוה,
מיין הארץ און מיין פלייש זינגען
צום לעבעדיגען גאט.“
(תהלים פ״ד 3).

געגען אווענט פארזאמעלט זיך ווידער די פרומע געמיינדע צו דער עבודה אין דער עזרה. די זון האלט ביים אונטערגעהן. די כהנים זיינען מקריב דעם אווענט־קרבן פון דער געמיינדע און דעם קרבן־מנחה פאר דעם כהן גדול. ווידער געהען כהנים אריין אין דעם היכל; זיי צינדען אן די לאמפען פון דער זיבענערעריגער מנורה (שמות ל 8) און לאזען ארויפשטייגען די קטורת פאר גאט. די פארזאמעלטע אין דער עזרה זיינען מתפלל בעת־מעשה און צוזאמען מיט זיי זאגען איצט תפילות אלע פרומע אידען אינ׳ם לאנד און אין צעשפרייטען גלות**). די כהנים טרעטען ארויס פון היכל, הייבען די הענט אויף און בענטשען דעם פאלק. מיט זונאונטערגאנג

*) פארגלייך אין באנד 2, ז. 251.

**) שוין אין עזרא׳ס צייט איז געווען א מנהג צו קומען תפילה טאן אין בית־המקדש אין דער צייט פון דעם אווענט־קרבן (עזרא ט 5; י 1). פון דברי הימים א, כ״ג 30 ווייזט אויס, אז דאס פלעגט אויך געשעהן אין דער צייט פון דעם מארגען־אפפער. אין דער גריכישער צייט טרעפען מיר שוין די דריי טעגליכע תפילות (דניאל ו 11). צי תהלים נ״ה 18: „פון אווענט אינדערפריה און מיטאג קלאג איך און זיפץ“ באציהט זיך אויך אויף די דריי טעגליכע תפילות — איז ניט זיכער, אבער דאס איז ווארשיינליך.

ווערען די טויערן געשלאָסען און אַ הייליגע רוה שפרייט זיך אויס איבער'ן הייליגען פּלאַץ. נאָר אויפ'ן מזבח־העולה ברענט דאָס שטענדיגע, הייליגע פייער, וואָס ווערט קיינמאָל ניט אויסגעלאָשען.

4.

די הייליגע צייטען.

שבת און ראש־חודש.

מיר האָבען שוין אויבען געזעהן, ווי אַזוי דער שבת האָט אין גלות בבל באַקומען אַ טיפערען, גייסטיגען אינהאַלט און אַ נייע באַדייטונג און ווי אַזוי נחמיה האָט געזוכט איינצופיהרען אין יהודה מיט געוואַלד די שטרענגע שבת־רוה, וואָס האָט געהערשט ביי די גלות־אידען אין מזרח*). מיט דער דורכפיהרונג פון עזרא'ס רעפאָרם איז שבת געוואָרען דער הייליגער טאָג פון גאָט, אַ טאָג פון אַבסאָלוטער רוה און אָפּשטעלונג פון אַלע אַרבייט (נחמיה י 32). פאַר'ן פאַרשוועכען די הייליגקייט פון שבת האָט, לויט דער תורת כהנים, געקומט טויטשטראָף (שמות ל"א 14, 15; ל"ה 2; במדבר ט"ו 32—36). וואָס ווייטער, אַלץ מעהר האָט זיך איינגעוואָרצעלט אין אידישען לעבען די שטרענגקייט פון דער שבת־רוה, און אין דער צייט פון דעם חשמונאים־אויפשטאַנד לאָזען זיך פרומע אידען בעסער אויסקוילען פון זייערע פיינד איידער צו קעמפען אום שבת (חשמונאים א, ב).

אין דער פייערונג פון ראש־חודש זיינען קענטיג געבליבען אַלטע מנהגים, וואָס האָבען דערמאָנט אַז דעם קולט פון דעם לבנה־גאָט. דעריבער האָט די אידישע געזעצגעבונג פון פאַר'ן גלות לגמרי איגנאָרירט דעם דאָ־זיגען פאָלקס־יום־טוב**). דאָס איז הפנים מיט אַ כיון געטאָן געוואָרען; מ'האָט געוואָלט, אַז דער שבת זאָל אינגאַנצען אַרויסשטופען דעם ראש־חודש. אָבער אין יחזקאל און אין תורת כהנים באַווייזט ער זיך ווידער

*) זעה אין באַנד 3, ז. 244—246 און אויבען ז. 44, 45.

**) ראש־חודש ווערט ניט דערמאָנט צווישען די ימים־טובים אין שמות כ"ג 14—19; ל"ד 17—26 און אויך ניט אין דברים ט"ז. זעה אויך אין באַנד 3, ז. 245.

(יחזקאל מ"ו; במדבר י 10; כ"ח 11—15). דער שכל דערפון איז, אז עס איז ניט מעגליך געווען איהם צו איגנארירען, מחמת דער אנהויב פון חודש האט תמיד געשפילט און האט געמוזט שפּילען א ראלע אין דער אידישער רעליגיאן, ווארים נאך איהם זיינען באשטימט געווארען אלע אנדערע ימים־טובים. מ'האט איצט — נאכדעם ווי דער גלויבען אין איין גאט האט זיך שוין געהאט אזוי פעסט איינגעווארצעלט אין גאנצען פאלק — אויך בכלל ניט מעהר אזוי מורא געהאט, ווי אמאל אין דער מלוכה־צייט, פאר מנהגים, וואס האבען דערמאנט אן פרעמדע, היידנישע קולטען. אדרבה, מ'האט אט די מנהגים אריינגענומען אין דער אפיציעלער אידישער רעליגיאן און זיי געמאכט אומשעדליך דערמיט וואס מ'האט אריינגעטאן אין זיי א נייעם, אידישען אינהאלט*). די תורת כהנים אנערקענט דערפאר ראש־חודש פאר א יום־טוב און באשטימט פאר איהם באזונדערע קרבנות, זי פאדערט אבער ניט קיין אפשטעלונג פון דער ארבייט.

די דריי גרויסע ימים־טובים.

די דריי גרויסע יעהרליכע ימים־טובים (שלש רגלים) זיינען איצט געווארען נאציאנאלע פייערטעג. זיי האבען פאראייניגט דאס גאנצע פאלק אין איין יום־טוב'דיגער געמיינדע**) און האבען כמעט ווי פארלארען די פארבינדונג מיט די סעזאנען פון יאהר. מאנכע מנהגים ווייזען נאך אויף דעם לאנדווירטשאפטליכען אורשפרונג פון די ימים־טובים, ווי למשל: דאס בינטעל גערשטען (עומר) צו פסח און די צוויי לעבלעך ווייצענע ברויט (שתי הלחם) צו שבועות (ויקרא כ"ג 10—14; 15—21). אבער דער מאטיוו פון'ם יום־טוב איז ניט מעהר דער סעזאן אין דער לאנדווירטשאפט. די ימים־טובים ווערען געפייערט אין באשטימטע טעג פון חודש און מיט פארגעשריבענע קרבנות פאר דער געמיינדע. דער גאטסדינסט אין דעם יום־טוב איז ניט מעהר דער אויסדרוק פון פרעהען זיך פאר גאט, נאר ער איז א באשטימטע פארם ווי אזוי זיך צו דערנעהנטערען צו גאט; און מ'טוט עס ניט ווייל מ'וויל עס, נאר ווייל מ'מוז עס, ווייל אזוי האט גאט אנגעזאגט אין

---

*) די דאזיגע טענדענץ פון דער צייט פון נאכ'ן גלות זעהט זיך אם בעסטען אין דער עבודה פון יום־כפור. מ'האט זיך אפילו ניט אפגעשראקען אריינצוגעמען אין דער צערעמאניע פון דעם הייליגסטען טאג אזא אלטען היידנישען מנהג ווי שיקען א באק צום עזאזל.

**) זעה אין באנד 3, ז. 143, 144.

דער תורה. יום־טוב איז ניט מעהר קיין פאָלקס־פעסט, נאָר א „מקרא קודש", א הייליגע פארזאמלונג פון דער געמיינדע, א טאָג פון הייליגען ערנסט און פון גייסטיגער דערהויבענקייט. דער איינציגער יום־טוב, וואס אין איהם איז נאָך פארבליבען פאר דעם איינצעלנעם אידען עטוואָס פון דער פרעהליכקייט און דער הוליאנקע פון די אמאָליגע ימים־טובים אין דער מלוכה־צייט, איז געוועזן סוכות. די תורת כהנים האָט, בנוגע צו די ימים־טובים, פאַרענדיגט דאָס וואָס די תורה פון דברים האָט אנגעהויבען.

אזעלכע ימים־טובים, ווי די תורת כהנים שרייבט פאָר, האָבען געקאָנט געפייערט ווערען ניט נאָר אין בית־המקדש אין ירושלים, נאָר אויך אומעטום, וואו די אידען האָבען געלעבט צעשפּרייט: אין בבל און אין שושן, אין עלעפאנטין און אין אלעקסאנדריע. דעם „מקרא קודש", די הייליגע פארזאמלונג, האָט מען געקאָנט אָפּהאַלטען אויך אין א סינאַגאָגע אָדער אין יעדען אָרט, וואו מ'האָט תפילה געטאָן (פאַרגלייך עזרא ח 21).

די דריי גרויסע ימים־טובים, באזונדערס פסח און סוכות, זיינען געוועזן די טעג, ווען אידען פון דער גאנצער וועלט פלעגען עולה־רגל־זיין קיין ירושלים. די קאַראוואַנען פון די עולה־רגל'ניקעס פלעגען זיך צוזאמענטרעפען אונטערוועגנס. פאַראייניגט פלעגען זיי וואַנדערען צופוס צו דער הייליגער שטאָט, וואָס בינדט צונויף אלע אידען, די שטאָט וואוהין די שבטים פון גאָט זיינען עולה־רגל צו לויבען דאָרטען זיין נאָמען (תהלים קכ"ב). פון די דאָזיגע „עליות" צו דער הייליגער שטאָט זיינען אונז געבליבען מאנכע וואונדערשענע געזאנגען אין תהלים, וואו עס ווערען אויסגעדריקט די רעליגיעזע שטימונגען פון דער צייט, ביי וועלכער מיר האַלטען.

ראש השנה און יום־כיפור.

ניט נאָר האָבען די דריי אלטע ימים־טובים באקומען נאָכ'ן גלות א נייעם אינהאַלט, אויך נייע ימים־טובים זיינען איצט צוגעקומען: ראש השנה און יום־כיפור, דעם ערשטען און דעם צעהנטען טאָג אין זיבעטען חודש (תשרי)*).

דער חודש תשרי האָט עד־היום דריי ימים־טובים, וואָס שטעהען אין

*) אין דער געזעצגעבונג פון פאַר'ן גלות בבל ווערט קיין ראש השנה און יום־כיפור ניט דערמאָנט. פאַרגלייך שמות כ"ג 14—18; ל"ד 18—25; דברים ט"ז 1—17.

אז אינערליכען צוזאמענהאנג איינער מיט'ן אנדערען. אזוי רייד איז ימים־טובים האט דער חודש ניט געקאנט זיין פון לכתחילה אן. מ'זעהט, אז לכתחילה איז געווען איין הערבסט־יום־טוב, וואס האט מיט דער צייט זיך געשפאלטען אין דריי.

אין דער מלוכה־צייט האט דאס אידישע יאהר־זיך אנגעהויבען אין הערבסט, און דער הערבסט־יום־טוב, דער „חג הסוכות" אדער „חג האסיף", איז הפנים געווען דער יום־טוב פון ניי־יאהר*). אין גלות בבל אבער האבען די אידען איבערגענומען פון די באבילאניער זייער לוח און זייערע נעמען פון די חדשים און האבען אנגעהויבען דאס יאהר, ווי די באבילאניער, פון פריהלינג, פון ניסן (שמות י"ב 2). דער נייער יאהר־אנהויב איז אבער געווען נאר א בירגערליכער, דער רעליגיעזער ניי־יאהר איז געבליבען ווי פריהער אין הערבסט און איז אין דער גלות־צייט געפייערט געווארען אלס באזונדערער יום־טוב דעם צעהנטען טאג אין תשרי**). אין איינקלאנג מיט דער ערנסטער שטימונג פון יענער צייט איז דער טאג פון ניי־יאהר געווארען א טאג פון תשובה און איז קענטיג צוליב דעם אפגעשיידט געווארען פון דעם פרעהליכען חג הסוכות. מיט דער צייט איז דער טאג פון ניי־יאהר געווארען אויך א טאג פון פארגעבען די זינד, א „יום־הכיפורים".

יום־כיפור איז א טאג צו פארגעבען אדער רייניגען דאס הייליגטום, די כהנים און די גאנצע געמיינדע פון עברות בנוגע צו דער עבודה. יחזקאל האט באשטימט פאר דעם צוועק דעם ערשטען טאג פון ערשטען (ניסן) און פון זיבעטען חודש (תשרי)***). מ'דארף אננעמען, אז שוין אין ערשטען בית־המקדש איז געווען באשטימט א געוויסער טאג צו רייניגען דעם מזבח פון זיינע פארשוועכונגען, ווארים עס איז קענטיג פון יחזקאל'ען, אז ער קומט דא ניט ארויס מיט א שפאגעל־נייער זאך, נאר ער קניפט אן אן אלטע

---

*) „וחג האסיף בצאת השנה", שמות כ"ג 16; „וחג האסיף תקופת השנה", שמות ל"ד 22.

**) דאס זעהט מען באשיינפערלעך פון יחזקאל מ 1 „בראש השנה בעשור לחדש" און פון ויקרא כ"ה 9, וואו דאס יובל־יאהר הייבט זיך אן אין דעם דאזיגען טאג.

***) יחזקאל מ"ה 18—20. „בשבעה בחדש" אין פסוק 20 דארף מען לייענען לויט'ן תרגום השבעים „בשביעי באחד לחדש" אדער (לויט וועלהויזען) „בשביעי בחדש" דעם זיבעטען חודש אום ראש־חודש.

מנהגים. פאַרקערט ווידער ווייסען מיר, אז אין עזרא'ס צייט איז אַזאַ יום־טוב, ווי די תורת כהנים שרייבט פאַר, נאָך ניט געווען*).

א געוויסע צייט איז, ווייזט אויס, דער צעהנטער טאָג אין תשרי געווען אי נייַ־יאָהר און אי אַ יום־הכיפורים. דער טאָג האָט דורך דעם באַקומען אַ דאָפּעלטען כאַראַקטער. וואָס ווייטער אָבער, אַלץ מעהר איז געוואַקסען זיין באַדייטונג אלס יום־כיפור, און עס איז דעריבער געקומען צו אַ פאַנאַנדער־שפּאַלטונג: ראש השנה איז אריבערגעטראָגען געוואָרען אויף דעם ערשטען טאָג אין תשרי, און דער צעהנטער איז געבליבען אויסשליסליך אַ תשובה־טאָג, וואָס מוז געפייערט ווערען דורך פאַסטען און שבת־רוה, דער אויס־דרוק פון הכנעה פאַר גאָט.

עס איז דער איינציגער טאָג, ווען דער כהן גדול האָט באַטראָטען דעם קודש־הקדשים און האָט אַליין געטאָן די עבודה; אָבער ניט אין זיינע גאָלד־ענע קליידער, נאָר אין די איינפאַכע לייוועגטענע בגדים פון אַ פּשוט'ען כהן, מחמת אין דעם דאָזיגען טאָג איז ער אויפגעטראָטען אַלס דער כהן פון דעם הייליגטום.

די פייערליכע צערעמאָניע פון יום־כיפור ווערט גענוי באַשריבען אין ויקרא קאַפּ. ט"ז**). דאָס איז אָבער ניט געווען נאָר אַן אויסערליכע צע־רעמאָניע. מיט דעם וידוי, וואָס דער כהן גדול האָט ארויסגעזאָגט, האָט די גאַנצע עדה פון ישראל אַנערקענט, אַז זי איז זינדיג און באַדאַרף מחילה און אַז זי וויל ניט פאַרלירען איהר כאַראַקטער אַלס הייליגע געמיינדע. דער כהן גדול און די כהנים, די הייליגסטע פּערזאָנען פון ישראל, האָבען זיך מתודה געווען, אַז זיי זיינען זינדיג און אַז גאָט'ס וואוינונג איז באַפלעקט געוואָרען דורך זייער מענשליכער שוואַכקייט און דורך דער אומפאָלקומקייט פון זייער דינסט. קיין יום־טוב האָט ניט אַזוי אויסגעדריקט די רעליגיעזע שטימונג פון נאָכ'ן גלות ווי יום־כיפור. עס איז דערפאַר קיין וואונדער ניט, וואָס יום־כיפור איז געוואָרען און געבליבען דער הייליגסטער טאָג פונ'ם יודענטום.

*) זעה אויבען ז. 64.

**) דער יום־טוב האָט אין פאַרלויף פון דער צייט זיך אַלץ מעהר און מעהר אַנטוויקעלט און איז צוזאַמענגעזעצט פון פאַרשידענע אוראַלטע און שפּעטער צו־געקומענע מנהגים.

ת ע נ י ת י ם.

פאסט־פארזאמלונגען אין צייטען פון נויט: אין א מגפה, א גרויס טריקעניש אדער א סכנה פון א מלחמה — פלעגען פארקומען נאך גאר אמאל, אין דער מלוכה־צייט. מ׳פלעגט מאכען ביי אזא געלעגענהייט פראצעסיעס פון תפילות און קלאגען; בארוועס און אהן אן אויבער׳בגד פלעגט מען געהן דורך די גאסען (מיכה א 8). אין שמואל א, ז 6, מלכים א, כ״א 9, ירמיה י״ד 12 ווערען דערמאנט אזעלכע תעניתים, ווען דאס פאלק האט זיך פארזאמעלט אויסצודריקען זיין הכנעה פאר גאט און צו שרייען נאך הילף. אין יהויקים׳ס צייט איז דאס פאלק פון שטאט און לאנד צוזא־מענגעקומען אין בית־המקדש; מ׳האט געפאסט און זיך מתודה געווען פאר גאט: „מיר האבען געזינדיגט צו יהוה!" (ירמיה ל״ו 9; ג 25).

אבער א פיעל גרעסערען פלאץ האבען תעניתים פארנומען אין אידישען לעבען אין דער צייט, ביי וועלכער מיר האלטען. אחוץ יום־כיפור — דער איינציגער תענית וואס שטעהט אין דער תורה — האבען די אידען פון נאכ׳ן חורבן אן געהאט נאך פיער יעהרליכע תעניתים אין פערטען, פינפטען, זי־בעטען און צעהנטען חודש (תמוז, אב, תשרי און טבת; זכריה ז 3, 5; ח 19), טרויערטעג ווען זיי האבען באקלאגט די שמערצליכע געשעהענישען פון דער חורבן־צייט. די דאזיגע תעניתים זיינען געהיט געווארען פון די פרומע אויך נאך דער אויפבויאונג פון צווייטען בית־המקדש.

אחוץ די יעהרליכע תעניתים האט מען, אין איינקלאנג מיט דער רעלי־גיעזער שטימונג פון דער צייט, ביי יעדער גרויסער געשעהעניש אויסגערו־פען א תענית (עזרא ח 21; נחמיה ט 1). ווען די אידישע געמיינדע אין עלעפאנטין האט פארלארען איהר בית־המקדש, האבען מענער, פרויען און קינדער זיך אנגעטאן טרויערקליידער און האבען געפאסט און תפילה גע־טאן*). אין יואל קאפ. ב ווערט געשילדערט א תענית אין א צייט פון א היישעריק־פלאג. די גאנצע געמיינדע, זקנים און עופה׳לעך, אפילו חתן און כלה, קומען צוזאמען אין בית־המקדש. אלע צורייסען די קליידער, וויינען און יאמערען פאר גאט. צווישען דעם א ו ל ם (פארשטוב) און דעם מזבח וויינען די כהנים און טוען תפילה. ווי פאפולער תעניתים זיינען דער־מאלט געווארען, זעהט מען דערפון, וואס א נביא האט געפונען פאר נייטיג

*) זעה אויבען ז. 92.

אויפצוטרעטען געגען דעם און צו פאָדערען אנשטאָט פאַסטען א העכערען רעליגיעז־מאָראַלישען לעבען (ישעיה נ"ח).

שמיטה און יובל.

דער שבת־געדאנק האָט אין תורת כהנים באַקומען א ווייטערדיגע אנטוויקלונג. פונקט ווי די טעג, אַזוי ווערען אויך די יאהרען איינגעטיילט אין וואָכען און דאָס זיבעטע יאהר איז א שבת־יאהר געהייליגט פאַר גאָט. דאָס פופציגסטע יאהר ווידער איז א „יובל־יאהר"*), דער אָפשלוס פון אַ ציקעל פון זיבען יאָהרוואָכען (ויקרא כ"ה).

דער געזעצגעבער פון תורת כהנים קומט דאָ ניט מיט קיין נייער זאַך, נאָר ער קניפט אָן אָן עלטערע געזעצען, וואָס ער פארברייטערט און פאַר־פולקומט. שוין אין עלטסטען געזעצבוך, אין ספר הברית, ווערט אָנגע־זאָגט, אז לאנד זאָל באַארבייט ווערען זעקס יאהר און אין זיבעטען יאהר זאָל עס בלייבען אומבאַארבייט, הפקר פאַר אלעמען (שמות כ"ג 10, 11). דאָס איז קענטיג דער אגראַרישער מנהג צו לאָזען לאנד זיך דערהוילען דורכ'ן פארלאָזען עס אויף א יאהר. דער געזעצגעבער לעגט דאָ אבער צו אַ סאָ־ציאַלע באַוואָרעניש, אז דער נאָכוואוקס פון דעם פארלאָזטען יאהר זאָל גע־הערען צו די אָרימע לייט. דאָס געזעץ מיינט אבער ניט, אז אין א באַ־שטימטען יאהר זאָלען אלע לענדערייען בלייבען אומבאַארבייט, נאָר יעדעם פעלד זאָל האָבען איהר רעגעלמעסיגע רוה.

דאָס דאָזיגע אלטע אגראַר־געזעץ איז אין דער תורה פון ספר דברים אומגעאַרבייט און אומגעאנדערשט געוואָרען אין א הומאַניטאַרישען זין. דער אויסדרוק „שמט", וואָס ווערט אין ספר הברית געברויכט פון דעם לאנד („לאָזען אומבאַארבייט"), ווערט פון דעם געזעצגעבער פון ספר דברים באַצויגען אויף די מענשען, און ער פאָראָדערט, אז דאָס זיבעטע יאהר זאָל זיין פאר דאָס גאנצע לאנד א שמיטה־יאהר, ווען מ'זאָל אָפלאָזען די חובות פון אלע אָרימע און פאַרשולדיגטע (דברים ט"ו). פון דער איינ־זעהעניש מיט דעם פעלד איז אין דער תורה פון דברים געוואָרען אן איינזע־העניש מיט די מענשען. אזוי אבער ווי דער געזעצגעבער פון דברים פאַר־

*) „יובל" אַ ווידער, אַ האָרן פון אַ ווידער; יובל־יאחר, דאס באַפרייאונגס־יאָהר, וואָס ווערט פראָקלאַמירט דורכ'ן בלאָזען מיט א שופר (ויקרא כ"ה 9, 10).

אַרדערט דאַסזעלביגע זיבעטע יאָהר פאַר דעם גאַנצען לאַנד, האָט ער דער־ריבער דאַס געזעץ פון ניט באַארבייטען די ערד אין דעם זיבעטען יאָהר איינגאַנצען אויסגעלאַזען, מחמת צו לאַזען דאַס גאַנצע לאַנד אומבאַארבייט יעדען זיבעטען יאָהר איז ניט געווען דורכפיהרבאַר. עס ווייזט אויס, אַז אויך דאַס געזעץ וועגען אַפּלאַזען די חובות איז אין דער עלטערער צייט פּונקט אַזוי וועניג דורכגעפיהרט געוואָרען אין דער ווירקליכקייט, ווי דאָס געזעץ פּרייצולאַזען די קנעכט דעם זיבעטען יאָהר (פאַרגלייך ירמיה ל"ד). נחמיה האָט מיט גרויס מאַטערניש קוים גע'פועל'ט איין איינציגעס מאָל ביי די רייכע אידען אַפּצולאַזען זייערע אָרימע בעלי־חובות (נחמיה ה).

דער געזעצגעבער פון תורת כהנים האָט אָט די אַלע עלטערע געזעצען און פאָדערונגען אויסגעאַרבייט אין אַ סיסטעם. פון דעם ספר הברית האָט ער גענומען די אַגראַרישע פאָדערונג וועגען דעם זיבעטען יאָהר, און פון דער תורה פון דברים — די פאָדערונג פון אַן אַלגעמיינעם שמיטה־יאָהר. אָבער פון דעם שמיטה־יאָהר ווערט ביי איהם אַ שבת־יאָהר. פּונקט ווי דער מענש האָט אַ הייליגען שבת־טאָג, אַזוי האָט דאָס גאַנצע לאַנד אַ הייליג שבת־יאָהר. אַזוי אָבער ווי דאָס שבת־יאָהר איז אַלגעמיין און דער לאַנדאייגענ־טימער באַארבייט ניט קיין שפּאַן ערד זיינע, האָט דעריבער דער געזעצגע־בער אויפגעגעבען די סאָציאַלע באַוואָרעניש, וואָס די אַגראַרישע פאָדערונג פון דעם זיבעטען יאָהר האָט אין ספר הברית: דער נאָכוואוקס געהערט ניט צו די אָרימע, נאָר צום באַלעבאָס גופא (ויקרא כ"ה 6). בנוגע צו די אָרימע, קומט ער מיט אַ נייעם גראַנדיעזען פּלאַן ווי איינצופיהרען די סאָ־ציאַלע און עקאָנאָמישע גלייכקייט פון אַלע אידען: מיט דער פאָדערונג פון אַ יובל־יאָהר. ער לאָזט דעריבער פאַלען די עלטערע געזעצען און פאָדערט, אַז קיין איד זאָל ניט קאָנען פאַרלירען אויף אַלע מאָל זיין נחלה און זיין פרייהייט. לאַנדאייגענטום און קנעכט קאָנען געקויפט ווערען נאָר ביז צום פופציגסטען יאָהר. קומט דאָס יובל־יאָהר, קריגט צוריק דער קנעכט זיין פרייהייט און דער פאַראָרימטער זיין פריהערדיגע נחלה. אָבער אויך נאָך פאַר דעם יובל־יאָהר האָט יעדער פאַראָרימטער דאָס רעכט פון אויסלייזונג: ער גופא אָדער אַ קרוב זיינער מעג צוריקבאַצאָהלען דעם קויפער פאַר די יאָהרען וואָס ער האָט נאָך צו האַלטען ביז יובל און די נחלה געהט צוריק צום אייגענטימער (ויקרא כ"ה 25—28). דערמיט האָט געזאָלט אויסגע־מיידט ווערען, אַז דאָס לאַנד זאָל ניט אַריבערגעהן אין די הענט פון אַ קלאַס רייכע פּריצים, דער איבעל פון דער מלוכה־צייט, געגען וועלכען די נביאים האָבען אַזוי שטורמדיג פּראָטעסטירט.

דאָס שבת־יאָהר איז, וויזט אויס, געהיט געוואָרען אין דער צייט פון צווייטען בית־המקדש (חשמונאים א, ו; יוסף פלאַוויוס, אידישע אַלטער־טימער י"ג 13 § 1; י"ד 10 § 6; 16 § 2; ט"ו 1 § 2; פאַרגלייך אויך נחמיה י 32). דאָס יובל־געזעץ איז אָבער געבליבען אַ סאָציאַלע אוטאָפּיע, אַ גראַנדיעזער מאָנומענט פון דעם אידישען רוח אין די אַלטע צייטען פאַר סאָציאַלער גלייכקייט און גערעכטיגקייט.

5.

גייסטיגע שטרעמונגען. גלויבונגען.

דאָס לעבען מיט דער תורה.

דאָס לעבען מיט דער תורה אין די יאָהרהונדערטען נאָך דער גרויסער פּריסטערליכער רעפאָרמאַציע איז ניט געווען, ווי מאַנכע מיינען, אַ לאַסט, נאָר אַ פרייד. די ערשטע סופרים זיינען געווען איבערגעגעבענע און טיכ־טיגע לעהרער, וואָס האָבען אָנגעוויזען צו די מאַסען פון פאָלק דעם וועג פון אמת'ער פרומקייט און האָבען אַריינגעגעבען אין די פאָרמען פון דער רע־ליגיאָן אַ באַדייטונג, וואָס זיי האָבען פריהער קיינמאָל ניט געהאַט. די נייע פאָדערונגען, וואָס די תורה האָט געשטעלט צו דער צייט און דעם פאָרמע־גען פון די אידען, האָבען געגעבען זייער נאַציאָנאַלען לעבען, וואָס איז אָהן דעם געווען פוסט, אַ באַשטימטען אינהאַלט. דער בית־המקדש מיט זיין פייערליכער עבודה, זיינע געזאַנגען און זיינע איינדרוקספולע קרבנות מכפּר צו זיין אויף די זינד פון דער נאַציאָן; די אָפטע ימים־טובים, וואָס האָבען פאַראייביגט וויכטיגע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע געשעהעניששען פון דער פאַרגאַנגענהייט; און די דעמאָקראַטישע אַטמאָספערע פון דער סינאַגאָגע, מיט איהרע פרייע דיסקוסיעס און איהר שטענדיגער באַלעהרונג — דאָס אַלץ האָט געמאַכט דאָס רעליגיעזע לעבען פאַרשידענאַרטיג און רייכפאַר־ביג. בעת די אידען זיינען באַהערשט געווען פון פרעמדע הארען, זיינען זיי אָבער געווען פולשטענדיג פריי אויף דעם געביט פון דער תורה און האָבען איהר געקאָנט אָפּגעבען זייער גאַנצע ענערגיע. דערצו נאָך האָט די תורה זיי געגעבען די מעגליכקייט צו זיין פרום און צו געפעלען גאָט. אַזוי איז

דער דריקענדיגער געפיהל פון נאציאנאלער זינד, וואס איז זינט דעם אנ־הויב פון גלות בבל געלעגען ווי א פינסטערע כמארע אויף די פרומע קינ־דער פון פאלק, ענדליך לייכטער געווארען, און דער כלל ישראל ווי דער יחיד האבען זיך געפרעהט מיט דער מעגליכקייט צו קריגען צוריק גאט'ס לייטזעליגקייט. די טיפע ליבע צו דער תורה געפינט א פרעהליכען אויס־דרוק אין אסך תהלים־לידער, באזונדערס אין דער גרויסער הימנע אויף דער תורה, וואס הייבט זיך אן:

„וואויל איז צו די וואס זייער וועג איז גאנץ,
וואס וואנדלען אין גאט'ס תורה".
(תהלים קי"ט).

די תורה און דער תהלים. דער יחיד.

א דערגענצונג צו דער תורה זיינען געווען די תהלים־לידער. זיי אנט־פלעקען פאר אונז די אמת'ע טיפקייט און ברייטקייט פון דעם רעליגיעזען לעבען פונ'ם פאר־העלעניסטישען יודענטום. אין זיי, פונקט ווי אין דער תורה, האבען די גרויסע אמת'ן פון די נביאים ווייטער געלעבט און פאר־מירט דעם כאראקטער און גלויבען פונ'ם פאלק. די תהלים־לידער ווייזען אויך ווי אינטים ס'איז געווען דער פארקער צווישען דעם איינצעלנעם אידען און זיין גאט. אויב דער פשוט'ער איד האט ניט געקאנט מקריב זיין קיין קרבן אויפ'ן גרויסען מזבח אין ירושלים, האט ער אבער צו יעדער צייט גע־קאנט ברייננגען צום געטליכען טראן זיין לויבגעזאנג און זיין הארציגע תפילה פאר פארגעבונג און הילף. תפילה, הן ביחידות און הן בציבור, איז געווען זעהר אלגעמיין. ווען א צרה האלט אין קומען, רופט דער נביא יואל די כהנים, אז „זיי זאלען וויינען צווישען דעם א ו ל ם און דעם מ ז ב ח" און זאלען מתפלל זיין צו גאט, אז ער זאל שאנעווען זיין פאלק (יואל ב 17). אין תהלים כ"ו 12 רעדט זיך פון לויבען גאט אין די פארזאמלונגען, קענטיג אין די גאטסדינסטען פון די שולען. דער תהלים אנטהאלט תפילות, וואס דריקען אויס די תחנונים הן פון דער געמיינדע און הן פון דעם יחיד.

כאטש דער איינצעלנער איד איז געווען אויסגעשלאסען פון נעמען אן אנטייל אין געוויסע צערעמאניעם פון בית־המקדש, האט ער אבער פארנומען אין דער רעליגיעזער געמיינדע א הויכע שטעלונג, פון וועלכער ער האט פאר'ן גלות ניט געוואוסט. ווארים די פרומקייט איז איצט געווען אין העכסטען גראד אינדיווידועל. די געזעצען פון דער תורה ווענדען זיך, ווען

די זאַך פאָדערט ניט אנדערש, צו דעם יחיד (ויקרא י"ז). יעדער מענלי־בער מיטגליד פון דער געמיינדע איבער צוואנציג יאהר אלט האָט געמוזט צאָהלען די קאָפּ־שטייער פאַר דעם בית־המקדש (נחמיה י 33; שמות ל 11—16). הגם מ'האָט ניט געצווייפעלט אין דער זינדיגקייט פון גאַנצען כלל ישראל, האָט מען אבער דאָך געפאָדערט, אז יעדער יחיד זאָל זיך מתודה זיין אויף זיינע אייגענע זינד (עזרא ט 6; נחמיה ט 2). אויף דעם אופן איז אויך אינדיווידואליזירט געוואָרען דאָס באוואוסטזיין, אז מ'איז זינדיג.

ריטואליזם און אמת'ע פרומקייט.

דאָס וואָס די רעליגיעזע צערעמאָניעס האָבען געשפּילט אזאַ גרויסע ראָלע און וואָס מ'האָט געשטעלט אזוי שטאַרק דעם טראָפּ אויף די דינים פון טומאה און טהרה האָט פאַרשטאַרקט די טענדענץ יוצא צו זיין מיט צערעמאָניעלער פרומקייט. מ'האָט ניט געפרעגט וואָס איז רעכט און גוט, נאָר וואָס איז דער דין פון דער תורה. אבער די תהלים־לידער, וואָס דריי־קען אויס דאָס טיפערע רעליגיעזע לעבען פון יענער צייט, ווייזען אונז, אז עס זיינען נאָך געווען גענוג אידען, וואָס האָבען געוואוסט דעם חילוק צווישען מאָראַלישער און צערעמאָניעלער פרומקייט. אין די דאָזיגע תהלים־לידער האָט די שליחות פון די נביאים ווייטער געלעבט. אזוי ווי מ'האָט געלייענט רעגעלמעסיג די ביכער פון די נביאים אין די בתי־כנסיות (שולען), האָט דער עקסטרעמער צערעמאָניאליזם קיינמאָל ניט געקאָנט קריגען די גאַנצע שליטה. זעהר שען ווייזט אָן דער פאַרפאַסער פון תהלים קאַפּ. ט"ו די אמת'ע פאָדערונגען צום אריינקומען אין גאָט'ס הייליגטום: אן עהרליך לעבען און א ריינע הארץ, ניט באַריידען און ניט שלעכטס טאָן קיינעם, פאַראַכטען די שלעכטע און ליב האָבען די גוטע, זיין פריינטליך צו די נויטבאַדערפטיגע און גערעכט אין משפּט'ען. אין אַסך שטעלען אונטערשטרייכען די תהלים־דיכטער יענעם אמת, וואָס גראָבט אונ־טער דעם עקסטרעמען ריטואליזם:

„דו ווילסט ניט קיין שעכטאָפּפער,
אַניט וואָלט איך עס ברייגגען;
דיר געפעלען ניט קיין גאַנצאָפּפער,
די קרבנות פון גאָט זיינען א צעבראָכענער געמיט,
א צעבראָכענע און נידערגעשלאָגענע הארץ,
אָה, גאָט, פאַראַכטסטו ניט".

(תהלים נ"א 18, 19; פאַרגלייך אויך מ 7).

דער פארפאסער פון תהלים קאפ. נ. רופט ארויס אונזער באוואונדערונג מיט דער ברייטקייט פון זיין קוק:

„ניט וועגען דיינע שעכטאָפּפער מוסר איך דיר,
ניט וועגען דיינע גאנצאָפּפער,
וואָס זיינען תמיד פאר מיר.
איך וויל ניט נעמען קיין אָקס פון דיין הויז,
קיין ציגענבעק פון דיינע סטאדעס.
וואָרים צו מיר געהערען אלע חיות פון וואלד,
די בהמות אויף טויזענט בערג.
(תהלים נ 8—10).

מיט די דאָזיגע געזאנגען אויף זייערע ליפען האבען די אידען קיינמאָל ניט געקאנט פארשלעפערט ווערען דורך א ריטואליזם.

די שטעלונג צו גרים. אוניווערסאליזם.

אויך זייערע נאציאנאלע אידעאלען זיינען ניט געווארען עגאאיסטיש. דער גרויסער אנאנימער נביא פון גלות האט פראקלאמירט, אז יהוה האט אויסדערוועהלט די אידען, כדי זיי זאָלען זיין זיינע עדות פאר דער וועלט. אין דעם מאמענט ווען זיי האבען אנערקענט, אז יהוה איז ניט נאָר א גאט פון א פאלק, נאָר דער העכסטער הערשער פון דעם גאנצען אוניווערזום, האָבען זיי גלייך דערפיהלט אן אחריות צו די פעלקער פון דער וועלט. „ניטאָ מעהר ווי איין גאט און ישראל איז זיין נביא", איז געווען די לאָגישע לאָזונג פון יודענטום. אבער ניט נאָר דער גרויסער נביא פון גלות, אויך זיינע נאכפאָלגער האבען אפגעשאצט די אחריות, וואס די אידען טראָגען אויף זיך מיט זייער שליחות צו דער וועלט. זכריה האט דערקלערט: „אסך פעלקער וועלען זיך אנשליסען אן יהוה אין יענעם טאָג און זיי וועלען זיין מיין פאלק" (ב 15). זיינע לעצטע ווערטער פראקלאמירען, אז „אסך פעלקער און שטאר־קע נאציאנען וועלען קומען זוכען דעם גאט פון די הערשארען אין ירושלים און בעטען גאט'ס לייטזעליגקייט. אזוי זאגט דער גאט פון די הערשארען: אין יענע טעג וועלען צעהן מענשען פון אלע שפראכען פון די פעלקער אנ־נעמען די פאלע פון א אידען און זאגען: מיר ווילען געהן מיט אייך, וואָרים מיר האבע געהערט, אז גאט איז מיט אייך" (ח 22, 23). אין תהלים גע־פינען זיך אסך שטעלען, וואו עס ווערט דערקלערט דער אוניווערסאלער כא־

ראקטער פון גאָט'ס קעניגרייך (למשל, ס"ז, פ"ו 9 ; ק"ב 16). עס זיינען דאַ קלאָרע ראיות, אַז אין ערשטען יאהרהונדערט פון דער פערסישער פּער־יאָדע האָט די אידישע געמיינדע אריינגענומען אסך גרים. דער פּראָפעסער פון ישעיה נ"ו 3—8 דריקט אוים בלי־ספק די שטעלונג פון לכל־הפחות די פּראָגרעסיווערע אידען אין ארץ ישראל. ער פאַרזיכערט די פרעמדע, וואָס האָבען זיך פאַרבונדען מיט דער געמיינדע, אַז זיי דאַרפען זיך ניט שרעקען, טאָמער וועט זיי יהוה אָפּשיידען פון זיין פאָלק. אַלע וואָס ליבען גאָט, דינען איהם געטריי, היטען אָפּ שבת און האַלטען זיין בונד, וועלען צוגע־לאָזען ווערען פריי צו דער עבודה אין בית־המקדש, און זייערע קרבנות וועלען אָנגענומען ווערען. „וואָרים מיין הויז זאָל אָנגערופען ווערען א הויז פון תפילה פאר אַלע פעלקער". ער לעגט נאָך צו, אַז יהוה וויל צונויפזאַמלען נאָך אַנדערע ביי זיך, אַחוץ זיינע אייגענע, וואָס זיינען שוין צונויפגעזאַמעלט געוואָרען.

די דאָזיגע באַוועגונג אריינצונעמען גרים איז, דאַרף מען אָננעמען, אויך דורך עזרא'ס רעפאָרם ניט אינגאַנצען אָפּגעשטעלט געוואָרען. אמת טאַקע, אַז פון איין זייט האָט די תורת כהנים אוועקגעשטעלט א הויכע וואַנט אָפּצושיידען די אידען פון דער גוי'אישער וועלט. פון דער אַנדערער זייט אבער האָט זי אויפגעשטעלט א בריק, וואָס דורך איהר האָט יעדער גוי געקאָנט אריינקומען אין דאָס הויז פון ישראל: ער האָט געמוזט אָננעמען אַלע מצוות פון דער תורה, און דורך דעם האָט ער באַקומען, אויב ניט פולע בירגערליכע, דאָך אבער רעליגיעזע גלייכבאַרעכטיגונג*) און איז געוואָרען א פולער מיטגליד פון דער אידישער געמיינדע. די שטרענג־פרומע אידען פון גלות זיינען בכן געווען געגען דעם, אַז גויים אָדער האַלבע גויים זאָלען אריינגענומען ווערען אין דער געמיינדע אלס פרעמדע גלידער אין דעם אידישען קערפּער. זיי האָבען אבער גאָר ניט געהאַט געגען דעם, אַז פרעמדע עלעמענטען זאָלען אריינקומען אלס מאַטעריאַל פאַר נייע „צעלען", וואָס זאָלען זיך ניט אונטערשיידען פון דעם אורשפּרינגליכען אָרגאַניזם.

*) אין דער אלטער צייט האָט דער גר געהאַט וועניג רעכטען. די תורה פון ספר דברים, וואָס זוכט אומעטום צו באַשיצען די אָרימע און רעכטלאָזע, נעמט זיך דער־ריבער שטאַרק אָן פאַר דעם גר, פונקט ווי פאַר דעם יתום און דער אלמנה (פאַר־גלייך דברים א 16 ; ה 14 ; י 18, 19 ; י"ד 29 ; ט"ז 14 ; כ"ד 14, 17 ; כ"ו 11, 12 ; כ"ז 19). זי גיט איהם אבער ניט קיין גלייכע רעליגיעזע רעכטען. אַ גר, למשל, מעג עסען נבלות (י"ד 21) ; עס הייסט: ער ווערט ניט צוגעלאָזען צו די הייליגע רעליגיעזע צערעמאָניעס און דאַרף דערפאַר ניט היטען די דינים פון טומאה און

אז די אידישע געמיינדע האט דורך דער רעפארם פון נחמיה און עזרא זיך ניט לגמרי אפגעשלאסען פון דער דרויסענדיגער וועלט, נאר האט אויך נאך דער רעפארם געזוכט זיך אויסצושפרייטען און האט אויך געקראגען אנהענגער מחוץ די גרעניצען פון יהודה — איז צו זעהן פון פארשידענע איינצעלנע שטעלען אין ספר דברי הימים. מיר וועלען דא ברייגען נאר די וויכטיגסטע פון זיי. לויט דברי הימים א, ט 3 וואוינען אין ירושלים קינדער פון יהודה, פון בנימין, פון אפרים און פון מנשה, בעת די פארוואנדטע ליסט אין נחמיה י״א דערמאנט נאר יהודה און בנימין. דערמיט איז צו פארגלייכען דברי הימים ב, ט״ו 9. אסא מלך יהודה, ווערט דארטען דערצעהלט, האט צונויפגעזאמעלט אין ירושלים „גאנץ יהודה און בנימין און די גרים וואס זיינען געווען מיט זיי פון אפרים און מנשה און פון שמעון, ווארים עס זיינען צוגעשטאנען צו איהם א מאסע פון ישראל, ווען זיי האבען גע־

טהרת. די תורת כהנים אבער האט ניט געוואלט האבען קיין האלבע אידען. א גוי מעג אריבערגעהן צום יודענטום, אבער ער מוז אויפ׳ן שטעל ווערען א גאנצער איד. זי מאכט דעריבער דעם גר פאר רעליגיעז גלייכבארעכטיגט מיט דעם געבארענעם אידען און זי חזר׳ט אזוי אפט איבער, אז אט דאס געזעץ גילט „פאר די קינדער פון ישראל און פאר דעם גר וואס וואוינט צווישען זיי.“ פונקט ווי דער געבארענער איד (דער „אזרח), אזוי מוז אויך דער גר זיך אפשיידען פון די גויים ארום און פון זייערע מיאוס׳ע אויפפיהרונגען (ויקרא י״ח 26; כ 2); ער מוז אפהיטען די דינים פון טומאה און טהרה (ויקרא י״ז 15; במדבר י״ט 10); ער טאר ניט עסען קיין חמץ, ער מוז היטען אלע דינים פון קרבן פסח און ער מוז פאסטען יום־כיפור (שמות י״ב 19, 48; במדבר ט 14; ויקרא ט״ז 29). די איינציגע אויסנאם איז בנוגע זיצען אין סוכות; דאס דארף נאר דער „אזרח“ טאן (ויקרא כ״ג 42). דאך אבער דארף מען אננעמען די מיינונג פון בערטהאלעט אין זיין קאמענטאר צו דעם שטעל, אז דא זיינען דורך א צופאל ארויסגעפאלען ווערטער און אז לכתחילה איז דא געשטאנען: „כל האזרח והגר בישראל ישבו בסכות“. — אויך אין ציווילען לעבען איז דער גר גלייך מיט דעם געבארענעם אידען פאר׳ן געזעץ (ויקרא כ״ד 22; במדבר ל״ה 15). נאר מאנכע באשרענקונגען ווערען געמאכט פאר דעם גר אין די געזעצען וועגען קנעכט. אז א גר קויפט א אידישען קנעכט, מעג דער לעצטער אויסגעליזט ווערען נאך פאר יובל. דער געזעצגעבער וויל דערמיט פארהיטען, אז א רייכער גר זאל ניט פארשקלאפען קיין ארימע אידען. פארקערט ווידער מעג א איד האלטען פאר לעבענסלענגליכע שקלאפען קינדער פון א גר, וואס זיינען געבארען געווארען אין דעם אידישען לאנד (ויקרא כ״ח 45—54).— אז אויך לויט דער תורת כהנים בלייבט נאך אין קראפט דאס אלטע געזעץ פון דברים, אז א גר קען אויפגענומען ווערען אין דער אידישער געמיינדע ערשט אין דריטען דור און אז עמונים און מואבים קענען קיינמאל ניט אויפגענומען ווערען, ווי מאנכע פארשער נעמען אן—, איז ניט ווארשיינליך.

זעהן, אז יהוה זיין גאָט איז מיט איהם". פאַר אסא'ס צייט האָט נאַטירליך די דאָזיגע נאָטיץ קיין ווערט ניט. זי האָט אבער יאָ א ווערט פאַר דער צייט פון דעם שריפטשטעלער: דעם סוף פון דער פערסישער אָדער שפּעטס־טענס דעם אָנהויב פון דער גריכישער פעריאָדע. דער ציטירטער פּסוק זאָגט אונז אבער ניט, אז לייט פון יענע געגענדען האָבען זיך באַזעצט אין יהודה, נאָר אז דאָס יודענטום האָט דאָרטען געהאַט אָנהענגער. דאָס איי־גענע איז אויך אַרויסצודרינגען פון דברי הימים ב, ל 10, 11, וואו עס ווערט דערצעהלט וועגען חזקיה'ס פאַרשפּעטיגטען פּסח: „און די לויפער האָבען אַרומגעצויגען פון שטאָט צו שטאָט אין דעם לאַנד אפרים און מנשה ביז זבלון, און מ'האָט געלאַכט און געשפּאָט פון זיי; נאָר מענער פון אשר און מנשה און זבלון זיינען אונטערטעניג געוואָרען און זיינען געקומען קיין ירושלים". עס איז דערפון אַרויסצודרינגען, אז אין דער צייט נאָך נחמיה'ן האָט דאָס יודענטום געמאַכט פּראָפּאַגאַנדע און געפונען אָנהענגער ניט נאָר אין דער פּראָווינץ שומרון, נאָר אויך אין גליל.

עס האָבען אויך ניט געפעהלט קיין געגנער פון דער דאָזיגער פּראָפּאַגאַנ־דע צווישען די גויים. די שטים פון אזא געגנער הערען מיר אין מיכה קאַפּ. ד. נאָך דער אוניווערסאַלער נבואה, אז אַסך פעלקער וועלען קומען קיין ירושלים זיך לערנען גאָט'ס תורה, האָט צוגעשטעלט איינער דעם פּסוק 5, וואו ער דריקט אויס זיין געגנערשאַפט צו דער דאָזיגער שטרעבונג. לויט איהם לוינט זיך ניט דער גאַנצער ענין פון פּראָפּאַגאַנדירען דאָס יודענטום צווישען די גויים. „זאָלען זיך אַלע פעלקער געהן יעדערער מיט דעם נאָמען פון זיין גאָט און מיר וועלען געהן מיט דעם נאָמען פון יהוה אונזער גאָט אויף אייביג און אייביג". איבערהויפּט האָבען די צרות, וואָס די אידען האָבען אַזויפיעל זיך אָנגעליטען פון די גויים, געמוזט אָפּנעמען ביי זיי דעם גאַנצען חשק צו באַקערען די דאָזיגע שונאים זייערע צום יודענטום. ווען זיי האָבען געטראַכט פון זייערע שכנים, איז עס געווען א תפילה, אז גאָט זאָל באַלד אויסגיסען זיין צאָרן אויף זיי. די ביטערע נסיונות, וואָס זיי האָבען געהאַט אויסצושטעהן אין יענע יאהרהונדערטען, זיינען ניט געווען מסוגל אַרויסצורופען א טיפע ליבע צו די פעלקער, מיט וועלכע זיי זיינען געקומען אין באַריהרונג.

אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם זיינען די אידען אויך דעמאָלט פעהיג געווען פאַר א זעהר ברייטהאַרציגער שטעלונג צו דער גוי'אישער וועלט. דער אוניווערסאַליזם פון די נביאים האָט תמיד געלעבט ביי זיי. די איינ־הייט פון דער מענשליכער ראַסע איז אויך אין דער פּריסטערשריפט פון

חומש א זעלבסטפארשטענדליכע זאך (בראשית י). דורך נח'ן האט גאט גע־געבען געוויסע מצוות צו אלע מענשען און האט זיי אויך פארשפראכען זיין גנאד. יעדערער מענש איז באשאפען געווארען אין גאט'ס בילד („בצלם אלהים"). ניט דוקא די אידען, נאר די מענשען האט ער באשטימט פאר די הערשער פון דער וועלט און אלע איהרע ברואים (בראשית א). תהלים־דיכטער האבען אויסגעזונגען אין לידער די דערהויבענע אידעאלען פון די אמאליגע נביאים. אבער נאר דער פארפאסער פון דעם וואונדערליכען, קליינעם בוך יונה האט פול אפגעשאצט און קלאר אנגעוויזען ווי ניט אויס־געהאלטען און נידעריג ס'איז געווען די ענגהארציגע שטעלונג פון מאנכע אידען צו די איבעריגע מענשען. ער האט, ווייזט אויס, זיך באנוצט מיט אן אלטער פאלקס־מעשה, וואס איז געווען פארבונדען מיט דעם נאמען פון יונה בן־אמתי — א נביא וואס האט אין דער צייט פון ירבעם בן־יואש נביאות געזאגט אויף א נצחון פון די אידען איבער זייערע פיינד (מלכים ב, י"ד 25)— כדי צו אילוסטרירען דערמיט זיין געטליכע, אבער פאר מאנכע קינדער פון זיין צייט אזוי ניט אנגענעמע שליחות. ער האט זיך באנוצט אויך מיט א וואויל־באקאנטען סעמיטישען מיטאס פון א ים־מאנסטער, וואס שטעלט פאר אין די סימבאלישע בילדער פון די נביאים די וועלט־מאכטען, וואס צע־דריקען די שוואכע פעלקער, באזונדערס ישראל (ישעיה כ"ז 1). אבער דער מחבר פון דעם בוך יונה האט פריי באארבייט די דאזיגע פאלקסטימליכע מאטעריאלען און געשאפען דערפון א געשיכטע, פול מיט א טיפען, דערהויי־בענעם אמת. דער מוסר־השכל פון זיין געשיכטע איז זעהר קלאר, און איז נאך קלערער געווען פאר די קינדער פון זיין צייט, וואס זיינען באקאנט געווען מיט איהרע בילדער.

יונה ווערט פארגעשטעלט אלס א פולקומער טיפ פון אן ענגהארציגען אידען אין דער פעריאדע, ביי וועלכער מיר האלטען. ער איז גרייט צו מאן אלץ אין דער וועלט, אבי ניט דורכצופיהרען דעם באפעהל פון גאט, וועלכער האט איהם געשיקט פרעדיגען צו די שונאים פון זיין פאלק, די איינוואוי־נער פון נינוה. ווי ער דערקלערט בפירוש, איז ער ניט אנטלאפען פון דעם אידישען לאנד אויס מורא פאר די מענשען פון נינוה, נאר מחמת ער האט זיך געשראקען טאמער וועלען זיי זיך צוהערען צו זיין ווארנונג און תשובה טאן. אויב דאס וועט געשעהן, האט ער געוואוסט, אז יהוה איז „א לייט־זעליגער און דערבארימדיגער גאט, האלט לאנג איין דעם צארן און איז פול מיט גנאד", און וועט זיי ניט פארטיליגען (ד 2). פונקט ווי דאס אידישע פאלק, איז ער אויך געשטאנען אין א מאדנעם פארהעלטעניש צו גאט.

להיפוך צו די פאַרשטעהער פון היידענטום, וואָס ווערען געשילדערט אלס געטריי צו זייערע געטער, ווענען זיי האָבען געדינט. אין דעם אופן ווי אזוי יונה האָט זיך אוועקגעקערט פון גאָט און האָט זיך באַהאַלטען פון איהם אויפ׳ן שטורעמדיגען ים האָט דער איך געזעהן א משל אויף דער שלעכטער אויפפיהרונג פון זיינע אורפאָטערס, וואָס האָבען זיך אויך אוועקגעקערט פון גאָט און האָבען געזוכט צו אנטלויפען פון זיין שטרענגען באַפעהל אויף דעם געפעהרליכען ים פון אָריענטאַלישער פּאָליטיק. אויף אַן ענליכען אופן האָט דער גרויסער פיש, וואָס האָט זיך ארויסגעהויבען פון ים צו פאַרשלינגען און גלייכצייטיג, דורך גאָט׳ס השגחה, צו דערהאַלטען זיין קנעכט ביים לעבען, ארויסגערופען אין דעם אידען׳ס זכרון די איבערלעבונגען פון זיינע אורפאָטערס אין בבל. א נביא פון דער גלות־צייט האָט שוין אַנגעווענדט דאָס אייגענע בילד אויף דעם גורל פון זיין פאָלק: „נבוכדראצר דער מלך פון בבל האָט מיך אויפגעפרעסען און מיך צעמאָלען... ער האָט מיך אריינגע־שלונגען ווי אַ ים־מאַנסטער, ער האָט אָנגעפילט זיין בּענכער מיט מיינע זיסע שפּייזען, ער האָט מיך ארויסגעוואָרפען" (ירמיה נ״א 34).

יונה האָט געצוואונגענערהייט פאַרט געגעבען א קורצע אזהרה צו די איינוואוינער פון נינוה. זיינע רייד האָבען געווירקט. די איינוואוינער פון נינוה האָבען גלייך תשובה געטאָן, און גאָט האָט זיי מוחל געווען. דאָ קומט דער פערטער קאַפּיטעל, וואָס צוליב איהם איז דאָס גאַנצע בוך געשריבען געוואָרען. יונה ערגערט זיך שרעקליך וואָס גאָט האָט געשאָנעוועט די אי־דישע שונאים און ער ווינשט זיך דעם טויט. ער באַזעצט זיך דערמאָלט אין א ביידעל, אין מזרח־זייט פון דער שטאָט, כדי צו זעהן וואָס מיט איהר וועט געשעהן. דאָ האָט גאָט געלאָזט אויסוואַקסען א קיקיון, וואָס האָט מיט זיין בלאַט געמאַכט א שאָטען איבער יונה׳ס קאָפּ. אויף מאָרגען גאַנץ פריה האָט גאָט געשיקט א וואָרעם, וואָס האָט צעפרעסען דעם קיקיון. דער קי־קיון איז פאַרטריקענט געוואָרען. די זון האָט אויפגעשיינט. דאָ האָט גאָט געשיקט אַ גליהענדיגען מזרח־ווינט, און די זון האָט געברענט יונה׳ן אויפ׳ן קאָפּ, און ער איז געוואָרען אזוי מיד און מאַט, אז ער האָט זיך געוואונשען דעם טויט. „און גאָט האָט געזאָגט: דיך רייסט דאָס הארץ פאַר דעם

קיקיון, וואס דו האסט אויף איהם ניט געהארעוועט און איהם ניט געהאַ־רעוועט, וואס איז אין איין נאכט אויסגעוואקסען און איז איין נאכט פאר־גאנגען. און מיר זאל ניט רייסען דאס הארץ פאר נינוה, די גרויסע שטאט, וואס האט מעהר ווי צוועלף מאל צעהנטויזענט מענשען, וואס ווייסען ניט פון רעכטס ביז לינקס, און בהמות אסך?"

מיט דער דאזיגער פראגע ענדיגט זיך דאס בוך, וואס איז איינע פון די לעצטע שריפטען פון דער אידישער נבואה־ליטעראטור. אזוי פשוט, ווי עפעס וואס איז זעלבסטפארשטענדליך, און דערפאר אזוי שען און טיף ווערט דא ארויסגעזאגט, אז גאט, אלס באשעפער פון דער גאנצער וועלט, מוז אויך זיין דער גאט און פאטער פון דער גאנצער וועלט, פאר וועמען עס איז ניטא קיין אונטערשייד פון נאציאן און גלויבען. דער אומבאקאנטער פארפאסער פון יונה איז דער בעסטער נאכפאלגער פון הושע און ירמיה, מיט זייער לעהרע פון גאט'ס אומבאגרעניצטער ליבע און רחמנות.

פרעמדע השפעות.

ווען מיר באטראכטען די אייגענארטיגע פארמען און גלויבענס פון יו־דענטום אין דער צייט, ביי וועלכער מיר האלטען, שווימט נאטירליך ארויף די פראגע: ווי ווייט זיינען זיי געווען דער רעזולטאט פון פרעמדע השפעות? דאס יודענטום האט ביסלעכווייז זיך אויסגעבילדעט אין משך פון די יאהר־הונדערטען, ווען די סאמע אינטעליגענטסטע און אקטיווסטע קינדער פון פאלק זיינען געבראכט געווארען אין א פערזענליכער און אומאויפהערליכער באריהרונג מיט די הערשענדיגע פעלקער פון דער צייט. פון די אידען איז די גלות־לענדער איז אויך געקומען די באוועגונג, וואס האט דערגרייכט איהר העכסטען פונקט אין מאכען די תורה פאר דעם הערשענדיגען פאקטאר אין דעם אידישען לעבען. מחמת אין אלע אנדערע פרטים זיינען זייערע אויפ־פיהרונגען און מנהגים רעפארמירט און איבערגעאנדערשט געווארען דורך זייער נייער סביבה, וואלט דעריבער באמת געווען א גרויסער חידוש, ווען זייער רעליגיעזעס לעבען וואלט געבליבען לגמרי אומבאריהרט. די ערשטע צוויי קוואלען, פון וואנעט א השפעה האט געקאנט קומען, עגיפטען און באַ־בילאניען, זיינען צום טייל שוין ארומגערעדט געווארען. זייער באדייטענדס־

טער רושם אויף דעם אידישען גלויבען איז געווען אַ נעגאַטיווער; זייער גראָבע פיעלגעטעריי האָט פאַרשטאַרקט די מאָנאָטעאיסטישע טענדענצען פון די אידען, וואָס זיינען געבליבען געטריי צו זייער רעליגיאָן. צוגלייך אָבער האָט זייער הויך־אַנטוויקעלטער ריטואַליזם און די הערשאַפט, וואָס די פּריסטער האָבען געהאַט ביי זיי, געמוזט ניט ווילענדיג באַאיינפלוסען די גלות־אידען הן אין מזרח און הן אין מערב, אַז זיי זאָלען באַטראַכטען צער־רעמאָניאַליזם אַלס אַ נאַטירליכען און אמת׳ען אויסדרוק פון רעליגיאָן.

מאַנכע פאָרשער האָבען אָנגענומען, אַז דאָס יודענטום איז אין אָט דער צייט שוין שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרען פון פּערסיען. די דאָזיגע באַ־הויפּטונג האָט אָבער קיין פעסטען יסוד ניט. אמת טאַקע, אַז עס זיינען פאַראַן גרויסע ענליכקייטען צווישען דער אידישער און דער אַלטפּערסישער רעליגיאָן, אָבער די פאַרשידענקייטען זיינען אפשר נאָך גרעסער איידער די ענליכקייטען. דער גאַנצער פּראָבלעם איז נאָך דערוויייל זעהר טונקעל, און ביז די וויסענשאַפט וועט וואַרפען אַ ניי ליכט אויף דעם איז פיעל זיכערער אָנצונעמען, אַז אין דער צייט, ביי וועלכער מיר האַלטען, האָט די זאַראַ־טהוסטראַ־רעליגיאָן ניט געהאַט קיין השפעה אויפ׳ן יודענטום, און אַז די ענליכע שטריכען אין ביידע רעליגיאָנען האָבען זיך אַנטוויקעלט אומאָפּ־הענגיג איינס פון דעם אַנדערען.

עולם־הבא און תחית המתים.

קיין אויסגעשפּראָכענעם גלויבען אין „עולם־הבא“ און אין „תחית־המתים“, אַז אין אייביגען לעבען נאָכ׳ן טויט, טרעפען מיר נאָך ניט ביי די אידען פאַר דער גריכישער צייט. דער טרייסט, אויף וועלכען מ׳האָט גע־וואַרט, איז געווען די תחית־המתים פון פאָלק. דאָס פאָלק שטאַרבט ניט און באַדאַרף ניט קיין יענע־וועלט, עס שטעהט אויף צו אַ נייעם לעבען אויף אַ גאַנץ נאַטירליכען אופן, אָהן וועלכע איבערנאַטירליכע וואונדער. אַזאַ תחית־המתים פון דעם גאַנצען פאָלק האָט יחזקאל געשילדערט אין דעם בילד פון דעם טאָל מיט די פאַרטריקענטע ביינער (ל״ז). דער יחיד אָבער שטאַרבט, און דערמיט איז אַלץ געענדיגט. דאָס לעבען איז אַן אָטעם אַריינגעהויכט פון גאָט אין זיינע באַשעפענישען; ציהט ער דעם הויך צו־ריק, שטאַרבען זיי און ווערען צוריק שטויב (תהלים ק״ד 29; איוב ל״ד 14. 15). די תהלים־דיכטער בעטען זיך ביי גאָט, ער זאָל זיי ראַטעווען פון

סכנות און טויט, מחמת נאכ'ן טויט הערט אויף אויך דאס פארהעלטעניש פון דעם פרומען צו גאט: נאכ'ן טויט קען מען מעהר ניט לויבען גאט (תהלים ו 6, ל 10).

דאך אבער געפינען מיר זיך שוין דא אין דער אטמאספערע, אין וועל־כער דער דאזיגער גלויבען איז אויפגעקומען. אין תהלים און איוב מאטערט זיך דער אידישער געדאנק, ער זוכט און קאן שווער געפינען א באפרידי־גענדיגען ענטפער אויף דער אייביגער פראגע וועגען דעם אומגערעכטען גורל פון דעם איינצעלנעם מענשען אויף דער וועלט, און מיר פיהלען ווי ער האלט דערביי צו לייזען אט די פראגע מיט א גלויבען אין יענער־וועלט. און דער אינערליכער געפיהל פון צוזאמען־זיין מיט גאט איז געווען אזוי שטארק ביי אזעלכע פרומע, ווי די תהלים־זינגער און דער דיכטער פון איוב, אז עס איז גאר ניט געווען שווער פאר זיי צו געהן א טריט ווייטער און אנצוהייבען גלויבען, אז דאס דאזיגע צוזאמען־זיין ווערט מיט'ן טויט ניט אונטערגע־בראכען.

מלאכים. שדים. דער שטן.

שטארק צעוואקסען האט זיך אין דער פעריאדע, ביי וועלכער מיר האל־טען איצט, דער גלויבען אין גאט'ס שלוחים, די מלאכים. מ'דארף דא אבער ניט זוכען קיין פערסישע השפעה, ווי אסך געלעהרטע טוען, ווארים די אי־דען האבען שוין געהאט דעם גלויבען אין מלאכים נאך אין דער צייט פון דער מלוכה. דאס וואס די מלאכים האבען איצט געשפילט א גרעסערע ראלע ווי פריהער איז געווען א נויטווענדיגער פועל־יוצא פון דער אנטוויק־לונג פון דעם אינערליכען אידישען לעבען. מ'האט איצט באטראכט גאט אלס צו הויך און צופיעל דערווייטערט פון מענשען. מ'מעג זאגען, אז אין דער צייט, ביי וועלכער מיר האלטען, ערשיינט גאט איבערהויפט ניט מעהר צו מענשען. ער איז צופיעל דערהויבען איבער דער נאטור, אז ער זאל קע־נען אריינגעצויגען ווערען אין איהר. זיין געטליכע מאיעסטעט ווערט פאר־געשטעלט אלס צו איבערנאטירליך, אז א באשעפעניש זאל קענען זי אנקור־קען. מ'האט געגלויבט, אז נאר אמאל, אין די אלטע צייטען, האט ער זיך אנטפלעקט צו מענשען. פארקערט ווידער האט מען איצט פעסט געגלויבט, אז גאט שיצט אומעטום זיין געמיינדע, אז „זיין האנט איז צום גוטען אי־בער אלע וואס זוכען איהם און זיין מאכט און זיין צארן איז איבער אלע וואס פארלאזען איהם" (עזרא ח 22). גאט גופא קאן מען טאקע, צוליב

דער איבעראנדערשונג פון דעם גאטסבאגריף, ניט זעהן מעהר אין דער וועלט. אבער עס לעבט נאך אין דעם גלויבען פון פאלק, אלס ירושה פון דער פארגאנגענהייט, די איבערצייגונג, אז די איבערמענשליכע מהות'ן מישען זיך אריין אויף פארשידענע אופנים אין די ערדישע ענינים. די דאזיגע מהות'ן, וואס האבען פריהער געהערט גיכער צו דער פאלקס־רעליגיאן און האבען געשפילט א קליינע ראלע, קריגען איצט א גאנץ נייע באדייטונג און ווערען א טייל פון דער אפיציעלער רעליגיאן. כדי צו באפרידיגען דאס באדערפעניש פון דעם פאלקסטימליכען גלויבען, וואס קאן ניט אויסקומען אהן דער זיכערקייט, אז א העכערע מאכט היט דעם פרומען פון סכנות אויף זיין לעבענסוועג, און כדי נאכצוקומען גלייכצייטיג דער נייער השגה פון גאט, וואס פארבאט ארויפצוציהען איהם אין דעם טומעל פון דער וועלט — האט מען זיך פארגעשטעלט אלע איבערמענשליכע מהות'ן, וואס האבען לויט דעם אלמען גלויבען זיך אריינגעמישט אין דעם מענשען'ס לעבען, אלס שטעהענדיג אין גאט'ס דינסט, אלס זיינע משרתים און שלוחים, וואס פיהרען דורך זיין ווילען אויף דער ערד און פארמיטלען דעם פארקער צווישען איהם און זיין פאלק. זיי ווערען אנגערופען אין דער ליטעראטור פון דער דאזיגער צייט „זיהן פון גאט“, „זיהן פון געטער“, „זיהן פון דעם העכסטען“ (בני אלהים, בני אלים, בני עליון), „מלאכים“, „הייליגע“ (קדושים), „דער חיל פון הימעל“ (צבא מרום). אויך די שטערן אין הימעל געהערען צו זיי; אויך זיי זינגען א לויבגעזאנג צו גאט צוזאמען מיט די „בני אלהים“*).

די נייע פארשטעלונג פון גאט האט אבער אויך געמוזט פיהרען דערצו, אז מ'זאל אונטערשיידען צווישען די מלאכים גופא, און פון דער דאזיגער אונטערשיידונג איז שפעטער געווארען א שארפער ריס. דער נייער גאט־באגריף פון דער געמיינדע האט זיך אונטערשיידט פון דעם גאט־באגריף אין דער אמאליגער מלוכה־צייט ניט נאר דערמיט, וואס מ'האט זיך איצט פארגעשטעלט גאט אלס איבער־וועלטליך, נאר נאך מעהר דערמיט וואס מ'האט אנערקענט זיין מאראלישע דערהויבענקייט. מ'האט, אמת טאקע, געגלויבט, אז גאט ברייינגט שלעכטס פונקט אזוי ווי גוטס. מ'האט דאס

*) פארגלייך איוב א 6, ב 1; תהלים כ"ט 1, פ"ב 1, 6, ק"ג 20, 21; איוב ד 18, ה 1; תהלים פ"ט 8; ישעיה כ"ד 21; איוב ל"ח 7. „בני אלהים“ באדייט דא אבער ניט פשוטו כמשמעו זיהן פון גאט אדער געטער אין א מיטאלאגישען זין, ווי אין בראשית ו 2, 4, נאר: די וואס געהערען צו גאט'ס געזעלשאפט אדער גאט'ס סוויטע אין הימעל, אשטייגער ווי „בני הנביאים“ האט ניט באדייט זיהן פון נביאים, נאר: מיטגלידער פון דעם נביאים־ארדען.

דערקלערט פאר גאט'ס שטראף. אבער מ'האט פארט ניט געקאנט משיג זיין, אז ער, דער געטרייער פאטער אין הימעל, זאל אליין דורכפיהרען די דאזיגע שטראף. פונקט אזוי האט מען זיך ניט געקאנט פארשטעלען, אז דאס זאל זיין די עובדא פון די ליכטיגע און פריינדליכע געשטאלטען, די מלאכים, וואס היטען און שיצען דעם פרומען אין די סכנות פון לעבען. ווי אזוי וואלט מען געקאנט האבען אן אומבאגרעניצטען בטחון אין זיי? כדי דער גלויבען אין מלאכים זאל ניט אנווערען זיין באדייטונג פאר דעם רעליגיעזען לעבען פון דעם יחיד, איז קיין אנדער ברירה ניט געווען ווי: אפצושיידען פון דער גרויסער צאהל גייסטיגע מהות'ן אין הימעל א באזונדערען זארט, וואס מיט זיי באדינט זיך גאט, ווען ער ברייננגט אומגליק, ווען ער שטראפט. האט דאך אויך א קעניג אויף דר'ערד באזונדערע באאמטע אויסצופיהרען עגליכע באפעהלען.

אויך דא האט מען זיך ניט באדארפט פארנעמען אויף גאנץ נייע דרכים, נאר מ'האט געקאנט אנקניפען אן דעם אלטען פאלקס־גלויבען, וואס האט נאך געלעבט אין די טיפע שיכטען פון פאלק. שוין אין דער אלטער פאלקס־לעגענדע האט יהוה געשיקט א מלאך פאר א „משחית", צו ברייננגען א מגפה אין מצרים און אין ירושלים (שמות י"ב 23; שמואל ב, כ"ד 16). מ'האט געגלויבט, אז געוויסע קראנקהייטען, באזונדערס קראנקהייטען פון גייסט, אנטשטעהען דורך דעם וואס א בייזער רוח באזעצט זיך אין קערפער. מ'האט געגלויבט, אז אין מדבר וואוינען „שעירים", דאס הייסט: טייוואלים אין דער געשטאלט פון א באק. די דאזיגע „שעירים" האבען זיך אויפגעהאלטען אין פוסטע פעלדער און אויך בכלל אין חורבות און וויסטע ערטער. ווען דער נביא שילדערט ווי בבל וועט חרוב ווערען, זאגט ער, אז „שעירים" וועלען דארטען ארומטאנצען (ישעיה י"ג 21). אויך אין די חורבות פון אדום וועלען זיי זיך צוזאמענטרעפען (ישעיה ל"ד 14). צו די אוראלטע געשטאלטען פון דעם אבערגלויבען פון פאלק האט קענטיג אויך געהערט די ל י ל י ת (די נאכטיגע). ווען מיר טרעפען אין דעם נאר וואס ציטירטען פסוק פון ישעיה צוזאמען מיט די ש ע י ר י ם, מעגליך, אז זי איז געווען זייער מאמע. א געפעהרליכער טייוועל אין מדבר איז געווען דער עזאזל, צו וועמען מ'האט יום־כפור אוועקגעשיקט א באק, וואס האט געטראגען אויף זיין קאפ אלע זינד פון די אידען (ויקרא ט"ז). עס קאן זיין, אז אויך ער האט געהאט א שייכות צו די ש ע י ר י ם, מעגליך, אז ער איז געווען זייער קעניג.

מיט אט די בייזע רוחות און שדים זיינען איצט פארבונדען געווארען

אין גלויבען פון פאלק די שלעכטע מלאכים („מלאכים רעים", תהלים ע"ח 49) און זיינען אין א געוויסער מאָס געוואָרען איינס מיט זיי. צו די דאָזיגע שלעכטע מלאכים געהערען „די מלאכים פון טויט" (מלאכי מות, משלי ט"ז 14) און „דער אכזריות'דיגער מלאך", (מלאך אכזרי, משלי י"ז 11). אַז מ'האָט זיי זיך פאָרגעשטעלט אלס מלאכים געשיקט פון גאָט, קען מען זעהן בפירוש פון דעם שטעל אין תהלים, וואו די אידען זאָגען אויף זייערע פיינד: „און יהוה'ס מלאך זאָל זיי א שטויס טאָן" (ל"ה 5). אין אלע פאַלען, וואו מ'האָט אמאָל געזעהן די פּלוצלונג אָנפאַלענדיגע האַנט פון גאָט, זיינען איצט די דאָזיגע מלאכים די פאַרמיטלער.

צווישען אלע מלאכים קריגט איצט א „באזונדערע באדייטונג דער שטן, וואָס ווערט אויפגעפאסט אלס דער פאראורזאכער פון אלע שלעכטע, אומגליקליכע און זינדיגע מעשים פון דעם מענשען. אין די עלטערע צייטען האָט דער איד דאָס אלץ צוגעשריבען צו יהוה, אז ער גופא האָט צוגערעדט דאָס צו טאָן. איצט אבער איז אַזא פאָרשטעלונג געווען אוממעגליך. האָט מען עס דערפאר צוגעשריבען צום שטן*). אויך ביי דעם שטן האַנדעלט זיך ניט וועגען א ניי־געשאַפענער פיגור, נאָר גיכער וועגען א פיגור פון דעם אַלטען פאָלקס־גלויבען, וואָס האָט איצט אין די פאַרענדערטע אומשטענדען באַקומען א נייע באדייטונג און א ניי לעבען. דער שטן, עס הייסט: דער פיינדליכער, דער געגנער, דער שטערער, איז, קאָן גריילעך זיין, שוין אין דער אלטער מלוכה־צייט געווען דער נאָמען פון א בייזען רוח, וואָס איז געווען פיינדליך צו די מענשען און האָט געזוכט זיי שלעכטס צו טאָן. דאָס וואָס מיר הערען פון איהם ניט אין דער אלטער ליטעראַטור איז לחלוטין קיין ראיה ניט, אז ער האָט דעמאָלט ניט געלעבט אין דעם גלויבען פון פאָלק. מיר הערען פון איהם ניט אין די שריפטען פון יענער צייט — פונקט אזוי הערען מיר אין זיי ניט פון די „שעירים"—, ווייל דער מאָנאָטעאיזם האָט נאָך קיין טיפע וואָרצלען ניט געהאַט געשלאָגען, די אליין־הערשאַפט פון יהוה איז נאָך ניט געווען אומבאַשטריטען, האָבען די אידישע שריפטשטעלער דעריבער זיך געהיט ניט צו דערמאָנען קיין איבערערדישע מהות'ן, וואָס זיינען ניט געשטאַנען אין קיין באַציהונג צו דעם גלויבען אין יהוה. איצט אבער, מיט דעם פולקומען נצחון פון דעם מאָנאָטעאיזם און

*) לויט שמואל ב, כ"ד 1 האָט יהוה גופא צוגערעדט דוד'ן, אז ער זאָל צעהלען ישראל און יהודה. דער כראָניקער אָבער האָט דאָס צוגעשריבען דעם שטן, דברי הימים א, כ"א 1. פארגלייך אין באנד 2, ז. 258, 259.

מיט דער אויסבילדונג פון דעם גלויבען אין מלאכים, טרעט דער שטן אריין — נאטירליך נאר צייטווייליג — אין דער קאטעגאריע פון די מלאכים, וואס דינען גאט'ס צוועק.

מאנכע פארשער זעהען אין דער אויסבילדונג פון דער פארשטעלונג וועגען דעם שטן א השפעה פון דעם פערסישען גלויבען, וואס שטעלט נעבען דעם וועלטבאשעפער א ה ו ר א מ א ז א ד א דעם פרינציפ פון אל־דאס־בייז אהרימאן; און מאנכע זעהען אין דעם שטן די פיגור פון אהרימאן גופא. מ'מעג צוגעבען, אז די באקאנטשאפט מיט אט די פערסישע פארשטעלונגען האט מיטגעהאלפען אין דער אויסבילדונג פון דער שטן־פארשטעלונג. אבער ניט מעהר ווי דאס, מחמת גראד אין דער עלטערער פארשטעלונג וועגען דעם שטן פעהלט דאס כאראקטעריסטישע פון דער אהרימאן־אידעע: דער דואַליסטישער היפוך געגען דעם גוטען גאט. און דעם יסוד פון דער גאנצער פארשטעלונג מוז מען האלטען פאר א אידישען שוין צוליב דעם נאמען „שטן", וואס קומט פאר אין שריפטען פון פאר'ן גלות פאר מענשליכע געגנער און פיינד.

שוין אין זכריה (קאפ. ג) באגעגענען מיר דעם שטן אין דער ראלע פון אן אנקלאגער, וואס זיין עובדא איז נאכצושפירען די מענשען ביי זייערע זינד און אפצוגעבען דערנאך א רעפארט וועגען דעם צו גאט. אליין קיין שליטה האט ער נים; ער איז ניט מעהר ווי א מין פראקוראר פון הימעל. אין דערזעלביגער ראלע טרעט ער אויך אויף אין דער געשיכטע פון איוב. אויך דא ערשיינט ער פאר גאט אינאיינעם מיט די אנדערע מלאכים, די „בני האלהים", וואס שטעהען אלע אין גאט'ס דינסט. אבער דא איז ער שוין ניט נאר אן אנקלאגער, ער איז אויך א פארפיהרער. ניט נאר וואס ער שפירט נאך די זינדיגע און באשטראפט זיי אין גאט'ס שליחות, ער זוכט אויך צו ברייגגען אומשולדיגע צו א נסיון און זיי צו פארפיהרען. אין דערזעלביגער ראלע אלס פארפיהרער טרעפען מיר איהם אויך אין דעם אויבען ציטירטען שטעל אין דברי הימים*). דערמיט איז דורכגעבראכען געווארען דער וועג צו שטעלען דעם שטן וואס ווייטער אלץ מעהר אין אפאזיציע געגען גאט, איהם צו באטראכטען פאר דעם פירשט פון דער וועלט פון טומאה.

*) זעה אויבען ז. 145 אין דער באמערקונג.

6.

ליטעראטור.

די פריסטער־שריפט.

אין דער ליטעראטור, וואס האט זיך אונז דערהאלטען פון יענער צייט, פארנעמט בלי־ספק דעם אויבענאן די נייע תורה, וואס עזרא האט פאר־עפענטליכט*). זי ווערט באצייכענט אין דער מאדערנער ביבעל־פארשונג אלס די פריסטער־שריפט פון חומש. אין דער פארם פון א היסטאריע זוכט זי צו ווייזען, אז די נייע ארדענונגען און תקנות, וואס מ'האט באַ־טראכט פאר אזוי וויכטיג פאר דער נייער געמיינדע, זיינען פון גאט אליין פעסטגעשטעלט געווארען אין משה'ס צייט און מאנכע נאך אין דער צייט פאר משה'ן. די פריסטער־שריפט איז בכן — אדער זי וויל לכל־הפחות זיין — א מין היסטאריע־בוך. זי טיילט איין דעם פארלויף פון דער וועלט־געשיכטע אין פיער פעריאדעס: 1) פון אדם'ען ביז נח'ן, די צייט ווען עס איז נאך קיין בונד ניט געווען צווישען גאט און די מענשען, און עס איז דער־ריבער געקומען דער מבול; 2) פון נח'ן ביז אברהם'ען, די צייט פון ערש־טען בונד; צייכען פון בונד: דער רעגענבויגען; 3) פון אברהם'ען ביז משה'ן. נייער בונד; צייכען: ברית־מילה; 4) די צייט פון משה'ן אן און ווייטער. דריטער און אייביגער בונד ביים בארג סיני; צייכען: שבת. דער עיקר איז אומעטום דער קולט. שבת האט גאט באשאפען צוזאמען מיט דער וועלט (בראשית א); דער פארבאט ניט צו געניסען קיין בלוט גילט פאר אלע מענשען (בראשית ט), די אידען אונטערשיידען זיך אבער פון זיי דורך ברית מילה (בראשית י"ז) און דורך זייער באזונדערען קולט (שמות כ"ה 1—ל"א 17). דער דאזיגער באזונדערער קולט איז, אמת טאקע, שוין אנט־פלעקט געווארען צו זיי פון גאט אליין ביים בארג סיני, וואו ער האט צו זיי אנטפלעקט זיין נאמען (שמות ו). אבער דער טראגבארער בית־המקדש פון מדבר, דער משכן, איז פארט נאר א צייטווייליגע זאך. זיין פלאץ וועט פארנעמען דער בית־המקדש, וואס קאן שטעהן נאר אין הייליגען לאנד, אין דער הייליגער שטאט ירושלים. אזוי שילדערט אונז די פריסטער־שריפט די געשיכטע פון דער באשאפונג פון דער וועלט ביז דער עראבערונג פון דעם

---

*) פארגלייך אויבען ז. 57—64.

לאנד כנען דורך די אידען. זי געהט צוריק ביז צום סאמע אנהויב פון דער וועלט, ווייל גאט האט שוין באשאפען די וועלט ווי זי איז, האבענדיג אין זינען דעם קולט פון דער אידישער געמיינדע. אזוי האט ער באשטימט שבת שוין דורך דער וואך פון דער וועלט־באשאפונג. די פיער פעריאדעם — אויף וועלכע ער שטעלט זיך אפ באריכות, ווייל עס האנדעלט זיך ביי זיי וועגען זאכען, וואס זיינען געווען דער יסוד פון דער געמיינדע — ווער־רען פארבונדען אויף א טרוקענעם אופן דורך א סדר־היחוס פון די דורות. אזא ארט שרייבען, וואס אונטערשיידט זיך אזוי שטארק פון דער לעבעדיגער שילדערונג פון דעם יהוי'סט און דעם אלהי'סט*), איז געווען א נויטווענדיגקייט פאר דער פריסטערשריפט, ווייל גאט'ס ווירקזאמקייט ווערט אין איהר, אסך מעהר ווי אין ספר דברים, זעהר שטארק אונטערשטראכען. פאר דעם מענשען'ס מעשים איז דא קוים נאך וואס איבעריג געבליבען. זיי שרומפען צוזאמען צו נעמען און צאהלען. ביי די אבות קומט נאך צו דאס, וואס עס פאלען אוועק אלע קרבנות. ביי דעם יהוי'סט און אלהי'סט דרעהט זיך צום גרעס־טען טייל דאס לעבען און טאן פון די אבות ארום די קרבנות און ארום די הייליגע ערטער, וואס זיינען פארהייליגט געווארען, ווייל די אבות האבען דארטען מקריב געווען קרבנות, אן אוממעגליכע פארשטעלונג פאר דער פריס־טער־שריפט. לויט איהר האט מען געקאנט ברייגגען קרבנות ערשט פון משה'ן אן און נאר אויף דעם אופן ווי גאט האט געבאטען. ווארים ערשט דעמאלט איז דער ריכטיגער ארט געשאפען און דער ריכטיגער אופן פעסט־געשטעלט געווארען. אלע קרבנות, וואס מ'האט געבראכט פאר משה'ס צייט, זיינען געצענדינסט. די פריסטערשריפט האט דערפאר ארויסגע־ווארפען אט די אלע זאכען פון די געשיכטעס פון חומש בראשית. נח'ס גרויסער קרבן פאלט אוועק. דעריבער האט עס קיין צוועק ניט געהאט צו ברייגגען אין קאסטען צו זיבען פאר פון די טהור'ע און צו איין פאר פון די טמא חיות (ווי דער יהוי'סט דערצעהלט); איין פאר איז געווען גענוג אויפ־צוהאלטען דעם קיום פון דעם מין. דער חילוק צווישען טמא און טהור ווערט לויט דער פריסטער־שריפט ערשט משה'ן אנגעזאגט (ויקרא י"א). — נאך דער בויאונג פון משכן און דעם דינסט פון די כהנים, וואס איז דערמיט פארבונדען (שמות כ"ה—כ"ט; ויקרא ח, ט), דערצעהלט די פריסטער־שריפט ווייטער וועגען דער מדבר־וואנדערונג אין געוויסע שטיקער פון חומש

*) זעה אין באנד 2, ז. 242—245.

במדבר, ווענען משה'ס טויט אין ספר דברים און ווענען דער עראָבערונג פון דעם לאַנד כנען אין ספר יהושע.

בנוגע צו דער השגחה פון גאָט איז די פּריסטער־שריפט אוועק ווייטער ווי אַלע איהרע פאַרגעהער. די דערהויבענקייט פון גאָט דערגרייכט אין איהר די העכסטע שטופע. יעדע גשמיות'דיגע פאַרשטעלונג פון גאָט ווערט שטרענג אויסגעמיידט. פאַר גאָט'ס שאַפען געפינט זיך אַ טעכנישער אויס־דרוק (ברא), וואָס ווערט געברויכט נאָר פאַר גאָט'ס טאָן. די מלאכים פאַרשווינדען. די איינציגע פאַרמיטלער צווישען גאָט און ישראל זיינען די כהנים.

צו דער פּריסטער־שריפט, וואָס איז פאַרפאַסט אין דער פאָרם פון אַ היסטאָריע, איז צוגעשטעלט געוואָרען אַ געזעצבוך, וואָס ווערט אָנגערופען אין דער מאָדערנער ביבעל־פאַרשונג „די תורה פון קדושה"*). שוין ביי דער איינפיהרונג פון תורת כהנים איז די תורה פון היילינקייט געווען פאַר־איינינט מיט דער פּריסטערליכער היסטאָריע. וואָרים דאָס דאָזיגע געזעצ־בוך איז דאָס איינציגע וואו די אידען האָבען געקאָנט געפינען וועגען זיצען אין סוכות (פאַרגלייך עזרא ח 13—18 און ויקרא כ"ג 42, 43)**). פאַר דער תורה פון קדושה געהען פאָראויס אין חומש ויקרא נאָך צוויי באַזונדערע געזעצביכער פון כהנים. דאָס זיינען „די תורה פון קרבנות" (ויקרא א—ז) און „די תורה פון טהרה" (ויקרא י"א—ט"ו). אַט די דריי געזעצביכער שטע־לען צוזאַמען די „תורת כהנים" אין אַן ענגערען זין, און צוזאַמען מיט די צוואָרפענע שטיקער פון דער אויבען אַרומגערעדטער פּריסטערליכער היס־טאָריע שטעלען זיי צוזאַמען די פּריסטערליכע שריפט פון חומש און יהושע אין אַ ברייטערען זין.

דערמיט אָבער איז די אַרבייט פון דער גאַנצער פּריסטער־שריפט נאָך ניט געווען פאַרענדיגט. אַסך הוספות, וואָס האָבען זיך אַרויסגעוויזען שפּעטער פאַר נייטיג, האָט מען נאָך צוגעשטעלט. אַזוי איז, למשל, צוגע־שטעלט געוואָרען אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט דעם ערשט שפּעטער אויפגע־קומענעם „מזבח הקטרת" (שמות ל). פונקט אַזוי אויך די דינים וועגען יום־כפּור, אַ יום־טוב וואָס איז איינגעפיהרט געוואָרען ערשט נאָך עזרא'ן***) (ויקרא ט"ז). דאָס אַלץ שליסט ניט אויס, אַז מאַנכע איינצעלנע שטיקער

---

*) זעה אין באַנד 3, ז. 234.
**) פאַרגלייך אויבען ז. 59.
***) זעה אויבען ז. 126, 127.

הן אין דער פריסטערליכער היסטאריע און הן אין דער פריסטערליכער תורה שטאמען נאך פון פאר'ן גלות*). דאס ווערק אבער אלס גאנצעס איז א פראדוקט פון נאכ'ן גלות.

דער אפשלום פון חומש.

די פריסטער־שריפט האט געזאלט — דאס איז מען אויסען געווען — ארויסשטופען די ביזאהעריגע תורה און פארנעמען דעם פלאץ פון דעם גרויסען ווערק וואס איז אין אדער נאך דעם גלות צונויפגעשטעלט געווארען פון דעם יהוי'סט, דעם אלהי'סט און דעם ספר דברים**) און האט דערצעהלט פון דעם ערשטען מענשען ביז דער עראבערונג פון כנען. אבער דאס האט זיך ניט איינגעגעבען. אויך אין דעם פרט איז געקומען צו א פשרה, צו א פארבינדונג פון דעם נייעם מיט דעם אלטען. און דאס איז געווען גוט אזוי. ווארים דורך דעם זיינען געבליבען אין דער געמיינדע די טייערע אוצרות פון די געשיכטעס פון יהוי'סט און אלהי'סט. אבער דעם גייסט פון גאנצען ווערק האט דאך באשטימט די פריסטער־שריפט. די צונויפשטעלונג און די רעדאקציע איז דורכגעפיהרט געווארען אין איהר זין און איהר שפראך. וואו עס האט געמוזט געשטראכען ווערען, איז דאס מעהרסטענס געשעהן אויפ'ן חשבון פון די עלטערע ביכער, זעלטען אויפ'ן חשבון פון דער פריסטער־שריפט.

די פאראייניגונג איז קענטיג צושטאנד געקומען אין דער צייט פון 400 ביז 350 (פאר קר.); ווארים די שומרוני'שע געמיינדע, וואס האט זיך דאמאלסט פארמירט, האט אויך געהאט אונזער גאנצען חומש מיט'ן ספר יהושע***). אבער די ארבייט איז נאך ניט געווען גאר אינגאנצען געענדיגט. דאס זעהט מען בפירוש פון דער ערשטער גריכישער איבערזעצונג פון דער תורה, דעם „תרגום השבעים", וואס איז אנטשטאנען ערשט שפעטער, און וואס האט אין אסך שטעלען אן אנדער נוסח איידער אונזער חומש. אבער דאך האנדעלט זיך דא נאר וועגען קלייניגקייטען.

*) זעה אין באנד 3, ז. 123—124.
**) זעה אין באנד 3, ז. 233.
***) זעה אויבען ז. 84.

די כראָניק.

אין דעם גייסט פון דער פּריסטער־שריפט איז איצט אויך געשאַפען געוואָרען אַ נייע געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק, וואָס ווערט איינגע־טיילט אין אונזער תנ״ך אין פיער ביכער: דברי הימים א, דברי הימים ב, עזרא און נחמיה. אין דעם פאָרם פון אַ סדר־היחוס ווערט צוערשט דער־צעהלט די געשיכטע פון דעם הייליגען פאָלק פון אָנהויב פון דער וועלט ביז דוד׳ן (דברי הימים א, א—ט). דערנאָך קומט די געשיכטע פון דוד׳ן און שלמה׳ן און ווייטער די געשיכטע פון דער מלוכה יהודה ביז דעם חורבן ירושלים (א, י — ב, ל״ו). אַלס דירעקטער המשך צו דעם קומט אין די ביכער עזרא און נחמיה די אויספיהרליכע געשיכטע פון דער צוריקקערונג פון באַבילאָניען און פון דער ווידעראויפריכטונג פון דער אידישער געמיינדע אונטער דער פיהרערשאַפט פון עזרא און נחמיה.

לכתחילה האָבען די דאָזיגע פיער ביכער פאָרמירט צוזאַמען איין ווערק. דאָס זעהט מען באַשיינפּערליך דערפון, וואָס דער אָנהויב פון עזרא איז אַלץ־איינס מיט דעם סוף פון דברי הימים ב. די צעטיילונג האָט זיך אָנ־געהויבען דערמיט, וואָס די ביכער עזרא און נחמיה — לכתחילה אויך נאָר איין בוך — זיינען אָפּגעשיידט געוואָרען פון דעם ערשטען טייל פון גאַנ־צען ווערק — די ביכער דברי הימים — און זיינען אריינגענומען געוואָרען אין דער דריטער זאַמלונג פון די הייליגע ביכער: די „כתובים“. דעם ערש־טען טייל פון דעם ווערק האָט מען אָבער ערשט שפּעטער אריינגענומען אין די הייליגע שריפטען. דער טעם פאַר דעם איז געווען, וואָס עזרא און נחמיה האָבען דערצעהלט אַ נייע זאַך: די געשיכטע פון דער נייער געמיינדע און דעם נייעם בית־המקדש אין ירושלים און האָבען געדינט אַלס המשך אויך פאַר דעם עלטערען געשיכטסווערק: די נביאים ראשונים*); בעת אָבער דברי הימים האָט באַארבייט די אַלטע געשיכטע אין אַ נייער באַלייכטונג און איז אויסען געווען צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון יענעם עלטערען און שוין פאַרהייליגטען געשיכטסווערק. דער פּועל־יוצא דערפון איז געווען, וואָס אין אונזער תנ״ך שטעהט דער צווייטער טייל — עזרא און נחמיה — פאַר דעם ערשטען. דאָס גאַנצע ווערק אָבער, וואָס איז געשריבען אין זעל־

*) פאַרגלייך אין באַנד 3, ז. 167 און ז. 231, 232.

ביגען גייסט און מיט דערזעלביגער געשיכטסבאטראכטונג, ווערט היינט באַצייכענט אלס „די כראָניק“.

דאָס וואָס אונזער בוך איגנאָרירט לגמרי די געשיכטע פון דער צפון־מלוכה, כאַראַקטעריזירט אַם בעסטען זיין אופן פון געבען היסטאָריע: עס האָט אַן אינטערעס נאָר אין דעם גורל פון יהודה אלס דעם אמת׳ען פאָרטרעטער פון גאָט׳ס פאָלק; די אידען אָבער פון צפון־ישראל, וואָס האָבען זיך אָוועקגעקערט פון גאָט, קומען גאָר לחלוטין ניט אין באַטראַכט. אויך בנוגע צו יהודה איז דאָס בוך איינזייטיג פאַראינטערעסירט נאָר אין די רעליגיעזע אינסטיטוציעס, אין דעם בית־המקדש און דער עבודה. מיר הערען בסדר נאָר פון כהנים און לויים, תעניתים און הייליגע האַנדלונגען, און נאָר וואו ניט וואו, אַזוי ווי אַגב אורחא, ווערט דערמאָנט אויך פון וועלטליכע ענינים. אויף דעם אופן ווערט פון דער געשיכטע פון דוד׳ן און שלמה׳ן — אַ געשיכטע פון דער בויאונג פון בית־המקדש און פון דער איינשטעלונג פון דעם סדר פון דער עבודה; פון דער געשיכטע פון די מלכים פון יהודה ווערט אַ מוסר־ספר, וואָס לערענט אונז ווי גאָט גיט שכר און ברכה צו די, וואָס זיינען פרום און האָבען ליב דעם בית־המקדש. דאָס וואָס איז געגען דעם דאָזיגען קוק ווערט ארויסגעלאָזען, אומבאַקוועמע פאַקטען ווערען פאַרשווייגען אָדער אומגעאַנדערשט. קורץ, פון היסטאָריע ווערען דאָ פרומע מעשיות, פון דער וועלט־ און פאָלקסגעשיכטע ווערט דאָ אַ געשיכטע פון אַ רעליגיעזער געמיינדע, אַ קרוב איין גייסט צו דער פריסטער־שריפט. פונקט ווי די פריסטער־שריפט דערצעהלט די געשיכטע פון דער אַנטשטעהונג פון אידישען פאָלק ניט צוליב די פאַקטען גופא, נאָר צוליב די קולטישע אינסטיטוציעס, אַזוי דערצעהלט אויך די כראָניק די געשיכטע פון דעם פאָלק צוליב דעם בית־המקדש און זיין עבודה*).

אלס אַזעלכע אָבער איז די כראָניק אַ שפּיגעלבילד פון די פאַרהעלטנישען פון דער צייט, ווען זי איז פאַרפאַסט געוואָרען. איהר פאָרבאַדינגג איז, אַז עס עקסיסטירט שוין די אידישע רעליגיעזע געמיינדע מיט איהר כאַראַקטעריסטישער וועלט־ און געשיכטסבאַטראַכטונג. פון דעם מלוכה־

---

*) די דאָזיגע געשיכטסבאַטראַכטונג פון דער פריסטערשריפט און דער כראָניק איז ווייטער פאָרטגעזעצט און אַנטוויקעלט געוואָרען אין דער תלמוד׳ישער ליטעראַטור און האָט זיך דערהאַלטען אין דער טראַדיציע ביז אויף דער לעצטער צייט, ווען די העכערע ביבעלקריטיק האָט אַנטדעקט דעם אמת׳ען היסטאָרישען כאַראַקטער און היסטאָרישען ווערט פון די פאַרשידענע שריפטען פון תנ״ך און האָט אויפגעשטעלט אַ וויסענשאַפטליכע באַטראַכטונג פון דער אידישער געשיכטע.

אינטערעס איז געוואָרען אַז אינטערעס אין רעליגיעזע אינסטיטוציעס, דעם פּלאַץ פון די אַמאָליגע פיהרער פון פאָלק, די מלכים און די נביאים, פאַר־נעמען איצט די כהנים.

דעם אומבאַקאַנטען פאַרפאַסער — אָדער רעדאַקטאָר — פון אַט דעם גרויסען געשיכטסווערק האָבען מיר בכן צו זוכען אין דער שפּעטערער צייט פון נאָכ'ן גלות. אַזוי ווי די טעג פון נחמיה און עזרא זיינען פאַר איהם שוין אַ פאַרגאַנגענהייט (נחמיה י"ב 26), האָט ער דעריבער געמוזט לעבען לאַנג נאָך זיי, און אַזוי ווי ער דערמאַנט דעם כהן גדול ידוע פון אַלעקסאַנ־דער דעם גרויסען'ס צייט (נחמיה י"ב 22), דאַרפען מיר דערפאַר אַננעמען, אַז ער האָט געלעבט אַרום 300 יאָהר (פאַר קר.). פון זיין פאָרליבע פאַר די נידעריגע גייסטליכע, די לויים און באַזונדערס די משוררים, האָבען די פאָר־שער מיט רעכט אַרויסגעדרונגען, אַז ער גופא האָט געהערט צו די דאָזיגע קרייזען.

די זאַמלונג פון נביאים־ביכער.

די ביכער פון די נביאים האָט מען שוין פון הונדערטער יאָהרען באַ־טראַכט אַלס הייליגע שריפטען. שוין אין גלות בבל האָט מען אָנגעהויבען זאַמלען און צונויפשטעלען די נבואות פון די גרויסע נביאים, וואָס דער חורבן און דער גלות האָבען באַוויזען די אמת'קייט פון זייערע רייד. די דאָזיגע אַרבייט האָט מען פאָרטגעזעצט נאָכ'ן גלות, און די סופרים נאָך עזרא'ן, נאָכדעם ווי זיי האָבען ענדגילטיג אָפּגעשלאָסען דעם חומש און איהם אָפּגעשיידט פון זיין המשך, די נביאים ראשונים, האָבען צוגעשטעלט צו דער דאָזיגער זאַמלונג פון היסטאָריע־ביכער אַ צווייטע זאַמלונג פון רייד פון נביאים, די אַזויגערופענע נביאים אחרונים.

אָבער די דאָזיגע זאַמלונג און צונויפשטעלונג פון דער נביאים־ליטע־ראַטור האָט ניט געקאָנט צושטאַנד קומען אָהן אויסשטרייכונגען, איבער־שרייבונגען און הוספות. שוין דער אויסערליכער צושטאַנד פון די איבער־געבליבענע רעשטלעך פון די נביאים־שריפטען האָט געצוואונגען דערצו. אין מאַנכע שטיקער איז הפּנים שוין דעמאָלט דער נוסח געווען שטאַרק פאַרגרייזט, און מ'האָט געמוזט זיי אויסבעסערען. מאַנכע שטיקער האָט מען געפונען איזאָלירט, און כדי זיי צונויפצובינדען אינאיינעם, האָט מען

געמוזט ארייגשרייבען הוספות אין מיטען. אבער ניט נאר צוליב פארמעלע טעמים האט מען עס געטאן, אויך דער שטודיום פון דעם אינהאלט האט גורם געווען דערצו. עס וועט אונז שפעטער אויסקומען צו דערמאנען, ווי אזוי געוויסע שטעלען אין זכריה זיינען שפעטער געענדערט געווארען, כדי זיי צוצופאסען צו דעם פאקטישען מצב פון דער געגענווארט. פונקט אזוי האט מען זיך ארויסגעהאלפען מיט הוספות אין שטעלען, וואו עס האט אויסגעזעהן, אז די אמאליגע בלייבען פון הינטען לגבי די רעליגיעזע געדאנקען פון דער אינגערער צייט. מ'האט צוגעשטעלט דערווארטונגען, וואו עס האט זיך גערדוכט, אז זיי פעהלען אויס. מ'האט אויך צוגעשטעלט שטיקער, כדי אונטערצוהעלפען די ארגומענטאציעס פון די אמאליגע, וואו עס האט זיך גערדוכט, אז זיי זיינען ניט גענוג שטארק. דארטען וואו עס ענדיגט זיך מיט א נביאות אויף א חורבן און אן אונטערגאנג האט מען צוגעשטעלט הבטחות אויף בעסערע צייטען. אט דער פראצעס פון איבערארבייטען די נביאים־ביכער האט זיך געצויגען לענגער, איבער דער צייט, ביי וועלכער מיר האלטען. ווארים די זאמלונג פון די נביאים־ביכער האט באקומען איהר איצטיגע געשטאלט ניט פריהער ווי אין דער גריכישער עפאכע.

נייע שריפטען פון נביאים.

אבער די פערסישע פעריאדע האט ארויסגעבראכט אויך נייע נביאים־שריפטען, און מיר וועלען דא ארומריידען יעדערע פון זיי באזונדער.

דער ספר חגי, וואס האט זיך אונז דערהאלטען ניט פארגרייזט, אונטערשיידט זיך אויסערליך פון די אנדערע נביאים־שריפטען דערמיט, וואס ער איז ניט נאר א זאמלונג פון רעדעס, ער איז אויך א היסטארישער באריכט וועגען דער טעטיגקייט פון דעם דאזיגען נביא. אט דער היסטארישער צוזאמענהאנג, אין וועלכען די פיער, אגב נאר בקיצור איבערגעגעבענע, רעדעס זיינען אריינגעשטעלט געווארען, און די באצייכענונג „חגי הנביא“, זיינען זיכערע ראיות, אז דאס בוך האט געשריבען ניט חגי גופא, נאר אן אנדער איד פון זיין צייט. אבער דער יסוד זיינען הפנים דאך געווען אויפצייכענונגען פון חגי גופא. דער ספר איז, ווייזט אויס, נאר מיט אייניגע יאהר אינגער פאר דער טעטיגקייט פון דעם מאן, פון וועמען עס ווערט דארטען דערצעהלט (וועגען חגי'ם טעטיגקייט זעה אין באנד 3, ז. 291—294).

אויך דער ספר זכריה*) גיט איבער דעם־נביא'ס ווערטער אין דער פאָרם פון א באריכט, ער אונטערשיידט זיך אָבער פון דעם ספר חגי דער־הויפט מיט דעם, וואָס ער לאָזט דעם נביא גופא ריידען: איך האָב געזעהן, איך האָב געזאָגט, דאָס וואָרט פון יהוה איז געקומען צו מיר. דערפון און פון דער קונסטפולער אָרדענונג, אין וועלכער די אכט וויזיאָנען זיינען אויס־געשטעלט, וואָלט מען געקאָנט ארויסדרינגען, אז זכריה גופא האָט פאַר־פאַסט דאָס בוך, וואָס טראָגט זיין נאָמען. אָבער די דאַטען ביים אנהויב און סוף פונ'ם בוך צווינגען אָנצונעמען, אז אן אנדערער האָט עס צוזאמענ־געשטעלט, דאָך על־כל־פנים לויט אייגענע אויפצייכענונגען פון דעם נביא. די פון אן אנדערען צונויפגעשטעלטע אויפצייכענונגען זכריה'ס זיינען אָבער דערנאָך אין וויכטיגע שטעלען קאָריגירט געוואָרען. זכריה'ס האָפענונג אויף א משיח־קעניג פון דוד'ס הויז, וואָס איז ניט מקוים געוואָרען, איז געענ־דערט געוואָרען אויף אזא אופן, אז די קרוין, וואָס איז באַשטימט געווען פאַר זרובבל'ען, זאָל ארויפגעזעצט ווערען אויפ'ן קאָפּ פון דעם כהן גדול יהושע, אין הסכם מיט די פּאַקטישע צושטענדען, וואָס האָבען דערנאָך גע־הערשט. דער ספר זכריה אין זיין טראַדיציאָנעלען נוסח שטאַמט בכן פון דער צייט, ווען דער כהן גדול איז געווען דער פאָרשטעהער פון די אידען, דאָס הייסט בערך פון דעם פערטען יאהרהונדערט (וועגען זכריה'ס טעטיג־קייט זעה אין באנד 3 ז. 294—300).

דער ספר מלאכי, וואָס קומט פון אן אנאָנימען פאַרפאַסער**), איז א נביאים־שריפט אין אן ענגערען זין, א זאמלונג פון רעדעס, וואָס אנטהאַלטען צום טייל אזהרות און מוסר־רייד און צום טייל גוטע הבטחות. אָבער דאָך אונטערשיידט זי זיך פון די עלטערע נביאים־שריפטען דורך דעם עטוואָס טרוקענעם טאָן פון דיסקוסיעס, אין וועלכע דער פאַרפאַסער לאָזט זיך אריין מיט זיינע געגנער. ער האָט ליב ארויסצוברייגען זיינע געדאַנקען אין א רעדע און א געגענרעדע, און וואייזט דערמיט, אז הגם ער איז געשטאַנען אין לעבעדיגען פאַרקער מיט די מענשען פון זיין צייט און האָט זיך מיט זיי

*) זכריה א—ח. פון ט אָן זיינען אנאָנימע נבואות פון א שפּעטערער צייט און וועלען ארומגערעדט ווערען אין דער ליטעראַטור פון יענער עפּאָכע.

**) זעה וועגען דעם אויבען ז. 39 אין דער באַמערקונג. די באַצייכענונג מלאכי פאַר דעם אנאָנימען מחבר איז הפנים צוגעשטעלט געוואָרען צו דער עלטערער איבערשריפט פונ'ם בוך „משא דבר יהוה אל ישראל". פאַרגלייך זכריה ט 1 און י"ב 1.

מתוכח געווען אין די רעליגיעזע פראבלעמען, רעדט ער אבער אין זיין בוך מעהר ווי א שריפטשטעלער איידער ווי א נביא פון אלטען סטיל.

די שלעכטע צושטענדען אין אידישען לעבען, געגען וועלכע דער פאר־פאסער פון מלאכי טרעט אויף, זיינען די וואס האבען געהערשט אין יהודה פאר נחמיה׳ס רעפארם. דאס בוך שטאמט בכן פון דער ערשטער העלפט פון פינפטען יאהרהונדערט (פאר קר.)*).

צו דער נבואה־ליטעראטור פון דער פעריאדע, ביי וועלכער מיר האל־טען, געהערט אויך די זאמלונג פון נבואות אין ספר ישעיה פון קאפ. נ״ו און ווייטער. די דאזיגע נבואות שטאמען פון פארשידענע אנאנימע נביאים, און זיי זיינען מיט רעכט צוגעשטעלט געווארען צו דער שריפט פון דעם גרויסען אנאנימען נביא פון גלות**), ווייל הגם זיי דערגרייכען ניט די ריינ־קייט און דערהויבענקייט פון סטיל פון יענעם גרויסען נביא, פארטרעטען זיי אבער דיזעלביגע געדאנקען, און מ׳זעהט קלאר, אז זייערע פארפאסער זיינען געווען שטארק באאיינפלוסט פון איהם.

ווען מיר וואלטען געוואוסט מעהר פרטים וועגען דעם אידישען לעבען אין דעם יאהרהונדערט נאך דער גרויסער פריסטערליכער רעפארמאציע, וואל־טען מיר אפשר געווען אינשטאנד צו באשטימען א גענויען דאטום פאר דער קורצער נבואה פון יואל בן־פתואל. ווי אלע נביאים פון דער שפעטערער צייט, האט ער א ברייטען קוק אויף דער וועלט. ער דערווארט נאך, אז אלע צעשפרייטע אידען זאלען זיך צוריקקערען אין זייער לאנד (ד 1). דא־מאלסט וועט קומען דער גרויסער משפט אויף אלע שונאים פון גאט׳ס פאלק, און ירושלים וועט ווערען באריהמט און דערהויבען (ג). אנדערש ווי די נביאים פון נחמיה׳ס צייט, געפינט ניט יואל וואס צו קריטיקירען אין דעם לעבען פון דער געמיינדע. דער בית־המקדש איז דער צענטער פון איהר טעטיגקייט. די פריסטערליכע רעפארמאציע האט, זעהט מען באשיינפער־לעך, זיך פעסט איינגעפונדעוועט. די אנצוהערעניש אויף פרעמדע, וואס ציהען דורך דעם לאנד, מעג זיך באציהען אויף דעם פיינדליכען מארש פון די ארמייען פון ארטאקסערקסעס אכוס, אבער בכלל שטעלט די נבואה פאר א פרידליך בילד. די טעמע פון דער נבואה איז די סכנה פון א היישעריק, וואס מ׳איז איבערגעקומען בשלום. די גרעסטע קלאגע פון יהודה געגען די פעלקער איז דאס, וואס זיי האבען געהאנדעלט רשעות׳דיג מיט אידישע

*) פארגלייך אויבען ז. 11—23.
*) זעה אין באנד 3, ז. 267—272.

געפאַנגענע (ג 2—8). די גריכען פיגורירען ניט אלס מארשירענדיגע עראָ־בערער, נאָר אלס שקלאַפען־הענדלער (ג 6). די נבואה מעג דעריבער זיכער צוגעשריבען ווערען צו די ערשטע יאהרצעהנדליגער פון פערטען יאהרהונ־דערט, נאָך דער איינפיהרונג פון תורת כהנים, ווען שלום און ברכה האָבען געהערשט אינ'ם לאַנד.

יונה און רות.

די צייט, ביי וועלכער מיר האַלטען, האָט אויך אַרויסגעבראַכט צוויי ביכער, וואָס געהערען צו די נאָוועלען פון דער ביבעל, דאָס זיינען יונה און רות. וועגען יונה האָבען מיר שוין אויבען גערעדט באריכות*). צו אורטיי־לען נאָך דער שפּראַך נאָך איז עס פאַרפאַסט געוואָרען אין דעם שפּעטערען טייל פון דער פּערסישער אָדער אין אָנהויב פון דער גריכישער פּעריאָדע. די אידיליע פון רות, וואָס איז באַריהמט מיט איהר קלאַסישער שענקייט און מיט דער פּשוט'קייט פון איהר סטיל, האָט געוויסע אַראַמעאישע אידיאָ־מען, וואָס ווייזען, אַז זי שטאַמט פון נאָכ'ן גלות. הגם די געשיכטע מעג האָבען אלס יסוד אַ זיכערע טראַדיציע, אידעאַליזירט זי אָבער, אויפ'ן שטיי־גער פון די שריפטשטעלער פון נאָכ'ן גלות, די אוראַלטע צייט פון די שופטים, וואָס דינט איהר אלס היסטאָרישער הינטערגרונט פאַר דער דער־צעהלונג.

עובדיה.

פון דער פּערסישער פּעריאָדע שטאַמט אויך דאָס קורצע נביאים־בוך, וואָס טראָגט דעם נאָמען עובדיה. עס באַשטעהט פון צוויי לויז צונויפגע־בונדענע טיילען: פון אַן עלטערער נבואה איבער אדום (1—14) און פון אַ פאַראויסזאָגונג, אַז ס'איז נאָהענט „דער טאָג פון יהוה", דער משפּט פון גאָט איבער אַלע פעלקער, און אַז אין יענעם טאָג וועט ווערען אַ תּל פון עשו'ס הויז און די אידען וועלען אָפּ'ירש'ענען זיין טעריטאָריע (15—21). דער ערשטער טייל באַציהט זיך קענטיג אויף דער פאַרוויסטונג פון אדום דורך די נאַבאַטעער אין אָנהויב פון פינפטען יאהרהונדערט**) און איז אַריינגע־אַרבייט געוואָרען אויך אין ירמיה מ"ט 7—22. די דערוואַרטונג פון דעם

---

*) זעה אויבען ז. 138—140.
**) זעה אויבען ז. 16.

וועלט־משפט איז, ווייזט אויס, צוגעשטעלט געווארען שפּעטער אלס אויס־
טייטשונג פון דער נבואה איבער אדום.

ת ה ל י ם.

מיר האבען אויבען שוין מעהרערע מאל דערמאנט די תהלים־לידער
אלס אויסדרוק פון דער אינערליכער פרומקייט פון דער געמיינדע. צו באַ־
שטימען גענוי, וועלכע לידער געהערען צו דער פערסישער פעריאדע, איז ניט
מעגליך. פונקט ווי מ'מוז צוגעבען, אז אסך לידער זיינען עלטער ווי אט די
צייט, אזוי איז אויך פעסטגעשטעלט, אז אסך פון זיי שטאמען פון דער
גריכישער פעריאדע. זיין איצטיגע געשטאלט האט דער תהלים באקומען
ערשט אין דער צייט נאך די חשמונאים, און ער איז אנטשטאנען פון א
פארשמעלצונג פון פארשידענע, לכתחילה איינע פון די אנדערע אומאפּ־
הענגיגע לידערביכער. די איבערשריפטען קענען אונז ווינציג וואס העלפען
אין באשטימען די צייט פון דער פארפאסונג, מחמת די מעהרסטע פון זיי
זיינען קענטיג צוגעשטעלט געווארען פון שפּעטערדיגע סופרים, וואס האבען
געהאט די רגילות צוצושרייבען אנאנימע שריפטען צו מענער פון דער אל־
טער צייט.

פּאעזיע איז געווען איינע פון די עלטסטע ליטעראטור־פארמען ביי די
אידען, און מוזיק ווערט אסך מאל דערמאנט אין פארבינדונג מיט דעם
גאטסדינסט אין די אלטע צייטען. אבער פון דער שפּראך, די געדאנקען
און די היסטארישע אנדייטונגען פון די תהלים־לידער מוז מען ארויסדרינ־
גען, אז א גאנץ גרויסער טייל פון זיי שטאמען פון די יאהרהונדערטען
נאכ'ן גלות. דער תהלים, פונקט ווי די פריסטערליכע תורה, שטעלען מיט
זיך פאר די פרוכט פון דער נבואה. די לעבענסבאדינגונגען איז און נאך
דעם גלות זיינען געווען באזונדערס גינסטיג פאר דער שאפונג פון לירישער
פּאעזיע. די קלאגלידער פון איכה און די האלב־לירישע שריפטען פון די
מחברים פון ישעיה פון קאפּ. מ אן זיינען באדייטענדע אילוסטראציעס פאר
אט דעם פאקט. אין בבל האבען די אידען זיך אויך באקענט מיט די תפילות
פון זייערע עראבערער, וואס פיעל פון זיי זיינען זעהר ענליך צו די תפילות
פון תהלים. אויב דער גלות האט געגעבען דעם ערשטען שטארקען אנשטויס
צו שרייבען תהלים־לידער, איז די פערסישע פעריאדע געווען די גינסטיגסטע
פאר דעם און זי מוז באטראכט ווערען אלס דער הינטערגרונט פון א גרוי־

סער צאָהל לידער פון אונזער תהלים. אין זיי האָבען די אונטערדריקטע געפיהלען פון די פרומע געפונען אַן אויסדרוק. זייערע אנטוישונגען, זיי־ערע בענקשאַפטען, זייער שנאה אַזוי גוט ווי זייערע פריידען האָבען אָפּגע־קלונגען אין די געזאַנגען פון תהלים. מיר האָבען שוין אויבען געזעהן וואָס פאַר א וויכטיגער עלעמענט דאָס זינגען איז געוועזן אין דער עבודה פון צווייטען בית־המקדש. דאָס האָט נאַטירליך געשאַפען א גרויסע פאָדערונג פאַר ליטורגישער ליטעראַטור. דער חנוכת־הבית פון בית־המקדש, די ווי־דעראויפבויאונג פון דעם מויער אַרום ירושלים, די איינפיהרונג פון תורת כהנים און די רדיפות פון ארטאַקסערקסעס אָכוס — אַט די אַלע געשעהע־נישען האָבען אַרויסגערופען הייליגע לידער, וואָס אנטפּלעקען פאַר אונז דאָס אינערליכע לעבען פון אידישען פאָלק אין יענער צייט.

א י ו ב.

אין דער פּערסישער פעריאָדע איז קענטיג אויך פאַרפאַסט געוואָרען דער ספר איוב, וואָס ווערט געשטעלט ביי דער זייט פון די גרעסטע שאַ־פונגען פון מענשליכען גייסט. עס איז א רעליגיעז־פילאָזאָפיש לעהרגעדיכט, וואָס זיין טעמע איז די אייביגע פראַגע: ווי אַזוי לאָזט זיך פאַראייניגען דאָס ליידען פון גוטע און פרומע מענשען מיט דעם גלויבען אין גאָט'ס גערעכ־טיגקייט?

דער יסוד פון אַט דעם „גרויסען מייסטערווערק" פון דער ביבלישער ליטעראַטור איז אַן אַלטע פאָלקס־מעשה, וואָס האָט, ווייזט אויס, געשטאַמט פון די אדומים. די דאָזיגע פאָלקס־מעשה, וואָס נאָר דער אָנהויב און דער סוף פון איהר זיינען אויפגענומען געוואָרען אין אונזער ספר איוב (אין קאַפּ. א און ב און מ"ב 7—17), האָט דערצעהלט אין א דראַמאַטיש לעבעדיגען סטיל, טיילווייז עפּיש, טיילווייז אין דיאַלאָגען, די געשיכטע פון דעם פרומען און רעכטפערטיגען שעיך איוב, פון די צרות און יסורים וואָס ער איז אויס־געשטאַנען, כדי דערמיט צו ווייזען, ווי אַזוי א באמת גאָטספאָרכטיגער מאַן איז ביכולת בייצושטעהן דעם נסיון פון אַן אומגליק, וואָס איז איבער איהם געקומען, און עס צו דערטראָגען אין געדולד און הכנעה, בעת אנדערע קענען דערביי לייכט געשטרויכעלט ווערען און פאַלען. ביי אידען האָט אַט די פאָלקס־מעשה געמוזט זיין וואויל באַקאַנט שוין אין יחזקאל'ס צייט (פאַר־גלייך יחזקאל י"ד 14, 20).

דער דיכטער פון דעם ספר איוב האט בכן זיך באנוצט מיט דעם אנ־הויב און דעם סוף פון דער דאזיגער לעגענדע, און האט זי ארומגעלעגט ווי א ראם ארום זיין אייגענעם געוואלדיגען ווערק. אבער אויפ'ן ארט פון דעם וויכטיגסטען שטיק, וואו עס איז געווען געשילדערט, ווי אזוי איוב איז גע־בליבען פרום און געטריי צו גאט ניט קוקענדיג אויף אלע שווערע נסיונות און עס איז דערמיט אפגעשלאגען געווארען דעם שטן'ס באהויפטונג, אז עס איז גאר ניטא אויף דער וועלט קיין זעלבסטלאזע פרומקייט — האט ער אריינגעשטעלט זיין געדיכט, וואס ווערט באהערשט פון א גאנץ אנדער רע־ליגיעזער פראגע. אין די געשפרעכען צווישען איוב'ן און זיינע דריי פריינד (קאפ. ג—ל"א) זוכט ער צו לייזען די רעטעניש פון דער מאראלישער וועלט־ארדענונג, די פראגע פארוואס דער צדיק ליידט און דער רשע לעבט אין גליק? זיין העלד איז דעריבער א גאנץ אנדערער איידער דער העלד פונ'ם פאלקסבוך; ניט א פרומער דולדער איז ער, נאר א רעליגיעזער קעמפער. זיך פארלאזענדיג אויף זיין מאראלישען שטרעבען און אויף גאט'ס גערעכ־טיגקייט, הייבט ער אויף א קלאגע געגען א גאט, וואס האט, ווי עס זעהט אויס, געמאכט די מוטוויליגקייט פאר דעם פרינציפ פון זיין וועלטארדענונג. אבער אויך א קלאגע געגען דער אומזיניגקייט פון א גלויבען, וואס זאגט צו שטעמפלען יעדע צרה, וואס קומט אויף איינעם, אלס רעזולטאט פון א זינד און וואגט אפצושאצען דעם מאראלישען ווערט פון א מענשען לויט ווי איהם געהט אויף דער וועלט. די דאזיגע דאגמע פון דעם צוזאמענהאנג צווישען זינד און אומגליק און די פראגע וואס שטעלט זיך, ווען מ'ווייזט די דאגמע צוריק: פארוואס און פון וואנעט קומט דאס שלעכטס אויף דער וועלט? — אט דאס זיינען די ביידע גרויסע פראגען, מיט וועלכע עס ראנגעלט זיך דער דיכטער פון איוב. עס זעהט אויס, אז ער האט ניט געפונען קיין ענד־גילטיגען ענטפער, ווארים ביים סוף פון דעם דרייפאכיגען געשפרעכגאנג צווישען איוב'ן און זיינע דריי פריינד טרעט פלוצלונג אויף א נייער, ביז אהער ניט־דערמאנטער פריינד, אליהוא, און אין א ווארטרייכער רעדע (קאפ. ל"ב—ל"ז) ווייזט ער אויף, אז איוב'ס צרות, ווען מ'באטראכט זיי אלס שטראף־ און לייטערונגס־ליידען, זיינען ניט נאר א גענוגענדער ענט־פער אויף דער פראגע פארוואס דער צדיק ליידט, זיי זיינען גלייכצייטיג אויך די נויטווענדיגע שטראף פאר איוב'ס האפערדיגקייט אין שטעלען זיך געגען גאט. דא נעמט, אויף איוב'ס געוואגטער ארויספאדערונג, גאט גופא דאס ווארט (קאפ. ל"ח 1—מ"ב ט). ער גיט אבער דעם שטאלצען גאטזוכער קיין קלארען ענטפער ניט; ער שטראפט איהם אויך ניט פאר זיין געוואגטקייט

אויפצוטרעטען געגען איהם. נאָר ער מאַכט איהם קלאָר די מענשליכע שוואַכקייט און אָהנמעכטיגקייט לגבי זיין, גאָט׳ס, אַלמעכטיגקייט און מאַ־יעסטעט. און פאַר דער אומדערפאַרשליכער אנטשיידונג פון גאָט, וועלכער איז דערהויבען איבער וועלט און צייט, בייגט זיך איוב אין הכנעה און האָט חרטה אויף זיין צווייפלען אין דער גוטסקייט און גערעכטיגקייט פון זיין באַשעפער, און וועמען ער האַלט זיך איצט נאָך פעסטער ווי פריהער.

מ׳זעהט קלאָר, אַז דאָס זיינען צוויי גאַנץ פאַרשידענע לייזונגען פון דער פראַגע און אַז נאָר די לייזונג וואָס ווערט געגעבען אין גאָט׳ס רעדע געהערט צו דעם דיכטער פון דעם דיאַלאָג צווישען איוב׳ן און די פריינד. וואָרים אין דער דאָזיגער רעדע ווערט די דערקלערונג, וואָס די פריינד גיבען פאַר דעם צדיק׳ס ליידען, א דערקלערונג וואָס האַלט זיך אויף דעם גלויבען, אַז יעדער יחיד ווערט באַלוינט און באַשטראָפט פאַר זיינע אייגענע מעשים — שטילשווייגענדיג צוריקגעוויזען, און דער עיקר ווערט דאָ אויסגעדריקט, אַז צו דעם אַלגעמיין מענשליכען פּראָבלעם פון ליידען מוז מען צוטרעטען מיט א גאַנץ אנדער מאָס איידער מיט דער מאָס פון שטראָף פאַר זינד. גאָט׳ס וועגען זיינען אומדערפאַרשליך און נאָר מיט אַן אומגעבראָכענעם גלויבען אין זיין גוטסקייט און חכמה קען מען איבערקומען די פינסטערע נאַכט פון ליידען און אומגערעכטיגקייט אין דער וועלט.

דאָס איז די לייזונג, וואָס צו איהר שטרעבט אונזער דיכטער און וואָס דורך איהר בלייבט איוב א צדיק, כאָטש ער האָט זיך געקריגט מיט גאָט; וואָרים ער האָט אפילו איין רגע איהם ניט אָפּגעלאָזען. צו דעם דאָזיגען געדאַנק פּאַסען אָבער אליהוא׳ס רעדעס ווי א פּויסט אויפ׳ן אויג, און קען־נען בכן אוממעגליך שטאַמען פון אונזער דיכטער. זיי זיינען שפּעטער אריינגעשטעלט געוואָרען אַלס קאָרעקטור צו דעם דיכטער׳ס באַקעמפונג פון דער וויטפאַרשפּרייטער טעאָריע פון זינד און שטראָף. א ראיה פאַר דעם איז אויך דער אומשטאַנד, וואָס ניט ביים אנהויב און ניט ביים סוף פון גע־דיכט ווערט אליהוא ניט דערמאָנט, און וואָס גאָט׳ס רעדע אין קאַפּ. ל״ח איז א דירעקטער המשך צו קאַפּ. ל״א. לעצטענס האָט מען אויפגעשטעלט א השערה, אַז דער פאַרפאַסער פון דעם געדיכט האָט שפּעטער זיך גופא קאָרי־גירט און האָט אריינגעשטעלט די אליהוא־רעדעס אַלס רייפסטע פרוכט פון זיין אייגענעם, געפּרואווטען לעבען, כדי צו געבען דערמיט א פּאָזיטיווע ליי־

זונג פאר דעם אויפגעוואָרפענעם פּראָבלעם. די דאָזיגע השערה איז אבער ווענינ איבערצייגענדיג*).

ווען האָט דער דיכטער פון איוב געלעבט? די דאָזיגע פראגע צו אנט־שיידען איז ניט גאנץ לייכט, און פאקטיש געהען זיך די פאָרשער ווייט פאַ־נאנדער אין באשטימען די צייט. זיכער איז על־כל־פנים, אז דאָס געדיכט איז ניט קיין ליטעראַרישער פּראָדוקט פון אלט־ישראל, הגם דער זאָרט לי־טעראטור, צו וועלכען עס געהערט, און דער פּראָבלעם, וואָס ווערט דעריין באהאַנדעלט, זיינען זעהר אלט. איבער די ליידען פון דעם גערעכטען האָט מען זיך גע'חקר'ענט אין עגיפּטען און באבילאָניען שוין אין צווייטען יאָהר־טויזענט (פאר דער קריסטליכער ערא). אבער דאָך האָט איוב ניט געקאָנט פאַרפאַסט ווערען פאר'ן גלות; וואָרים דער גלויבען, אז יעדער יחיד ווערט באלוינט און באשטראָפט פאר זיינע אייגענע מעשים, וואָס איז א זעלבסט־פאַרשטענדליכער פאָרבאדינג אין דעם געדיכט — איז ניט געווען קיין רע־ליגיעזער גרונטגעדאנק פאר'ן גלות. אבער פון גלות אַן בלייבט פאר דער סקעפּטיק פון איוב לגבי יענעם דאָגמאטיש פאַרהאַרטעוועטען גלויבען א ווייטער שטח. זי געפינט זיך אין יחזקאל'ס צייט פונקט אזוי גוט ווי אין דער צייט פון די פאַרפאַסער פון דריטען טייל ישעיה און מלאכי, און אין דער תהלים־דיכטונג געפינט זיך אסך, וואָס איז נאָהנט פארוואַנדט מיט דעם גייסט פון ספר איוב. מיט דער שפּעטערער חכמה־ליטעראטור האָט איוב בשותפות דעם אלגעמיין מענשליכען שטריך אין רעליגיאָן, אבער אויך מלאכי ווייסט, אז יהוה איז דער גאָט פון אלע מענשען (מלאכי א 11). עס איז דע־ריבער גלייכער צו בלייבען ביי דער אלגעמיינער באשטימונג, אז דער ספר איוב איז אנטשטאַנען אין דער פערסישער פעריאָדע פון דער אידישער גע־שיכטע. וועגען דער פערזענליכקייט פון דעם דיכטער ווייסען מיר צום באַ־דויערען גאָרנישט. ער בלייבט פאר אונז אן אומבאַקאנטער, איינזאַמער גאָטזוכער.

*) דאָס געדיכט פון איוב ליידט אויך בכלל זעהר שטאַרק פון אלערליי הוספות און באַמערקונגען וואָס זיינען שפּעטער צוגעשטעלט געוואָרען.

7.

צוקונפט־דערווארטונג.

מיט דער צוריקקערונג אין דער אלטער היים האט זיך שטארק צעוואקסען די משיח־האפענונג. אמת טאקע, אז דער גרויסער אנאנימער נביא פון גלות האט געשטעלט כורש'ן אויפ'ן פלאץ פון דעם באפרייער־קעניג, דעם משיח פון דוד'ס שטאם, און שטעלענדיג אומעטום דעם טראפ אויף דער אויסשליסליכער טעטיגקייט פון דעם איינאיינציגען און אלמעכטיגען גאט, וואס וועט אלס קעניג, מיט העראלדען וואס זאגען אן פאראויס זיין קומען, פיהרען זיין פאלק קיין ציון. — האט ער גאר קיין פלאץ ניט געלאזען פאר קיין ערדישען קעניג אין ירושלים. אבער דאך האבען די אידען דערווארט, אז דער צווייג פון דוד'ס שטאם זאל קומען צוריק. מיט איהם האבען זיי געהאפט, וועט קומען פאליטישע זעלבשטענדיגקייט און מאכט, כבוד און גדולה. דאס וואלט ניט געווען פארשטענדליך, ווען אלע משיח־נבואות פון תנ"ך וואלטען געשטאמט ערשט פון דער צייט פון נאכ'ן גלות, ווי אסך פארשער האבען פריהער געהאלטען. באמת אבער זיינען עס געווען אלטע נבואות, וואס האבען איצט זיך צעוואקסען אהן א גרעניץ*). פון דעם בן־דוד, וואס האט געזאלט פאראייניגען אונטער זיין פרידליכער רעגירונג דעם צפון און דעם דרום פון דעם אידישען לאנד, איז געווארען א וועלט־קעניג, וואס וועט פון דער וועלטשטאט ירושלים אונטערווארפען אלע פעלקער און רעגירען איבער זיי, אונטערגעשטיצט פון א פאלק, וואס וועט פון א קליין הייפעל זיך אנטוויקלען צו א גרויסער מאסע, גלייך צו דעם זאמד ביים ברעג ים, וואס קאן ניט געמאסטען און ניט געצעהלט ווערען. עס לעגט זיך דעריבער אויפ'ן שכל צוצושרייבען צו דער פעריאדע, ביי וועלכער מיר האלטען, אלע אזעלכע דערווארטונגען, וואס ציהען זיך דורך די נביאים־שריפטען (פארגלייך הושע ב 1—3; מיכה ה; ירמיה ל"ג פון פסוק 17).

קיין חידוש ניט דעריבער וואס מ'האט אנגעקניפט אזעלכע געדאנקען אן דער פערזאן פון דעם דאמאלסדיגען פחה פון דוד'ס הויז, זרובבל**). און

---

*) פארגלייך אין באנד 2, ז. 148, 149 און 271, 272.

**) חגי ב 21—23; זכריה ד 6, 7; ג פון פסוק 9. וועגען אט דעם לעצטען שטעל, וואס איז שפעטער איבערגעשריבען און געענדערט געווארען, זעה אויבען ז. 155. זעת אויך אין באנד 3, ז. 297, 298.

כאטש מיט איהם איז פארשוואונדען די געשטאלט פון דעם משיח־קעניג און זי האט ווייטער געלעבט נאר אין די קעניגס־לידער, וואס די געמיינדע האט געזונגען און זיי אויסגעטייטשט אויף איהר שטייגער (תהלים כ, כ"א און נאך אנדערע) — האט מען אבער נאך אלץ זיך געהאלטען פעסט אן די נוזמא׳־דיגע דערוואַרטונגען, וואס זיינען פארבונדען מיט איהם, ווי עס איז צו זעהן פון אסך שטיקער נבואה, וואס שטאמען פון דער דאזיגער צייט.

אבער אזא אריינלאזען זיך אין גרעניצלאזע געדאנקען וועגען דער צו־קונפט איז געווען געפעהרליך. עס האט נעקאנט לייכט פיהרען צו צוזאַ־מענשטויסונגען מיט דער הערשענדיגער מאכט און איז געווען א שטערונג צו די אלטעגליכע פליכטען. דאס האבען איינגעזעהן נחמיה און עזרא און זיי האבען לויט דעם געהאנדעלט. די תורה, אויף וועלכער זיי האבען דאס פאלק פארפליכטעט, איז געבויט געווען אויף דער געגענוואַרט; זי וויל גאר־נישט וויסען פון קיין צוקונפט־געדאנקען. זי מאכט דעם כהן גדול פאר דעם „משיח יהוה" און גיט איהם די קרוין און דעם פורפורמאנטעל פון דעם קעניג*).

אט דער באשלוס פון נחמיה׳ן און עזרא׳ן זיך מייאש צו זיין דערוויל פון פאליטישער זעלבשטענדיגקייט האט געהאט א געוואלדיגע באדייטונג. זיי האבען, אמת טאקע, אויפגעגעבען א וויכטיגע שטיק פון די נביאי׳שע האפענונגען און געדאנקען, אבער דער דאזיגער שווערער קרבן האט פאר זיי געעפענט דעם גליקליכען אויסגאנג פון א פארצווייפעלטער לאגע און האט זיי געגעבען ניט נאר ברייטע מעגליכקייטען פאר זייער טעטיגקייט, נאר אויך, ווי מיר האבען שוין אויבען ארומגערעדט**), די מעכטיגע שטיצע פון דער קעניגליכער מאכט, אהן וועלכער זיי וואלטען ניט געקאנט דערגרייכען זייער ציל. די נאכפאלגער און אנהענגער פון די נביאים זיינען דערפאר געווען פארביטערט געגען דעם, און עס האט זיכער געהאט א טיפערען גרונט ווי שוחד פון די געגנער, וועו מיר הערען נחמיה׳ן גופא זיך באקלאגענדיג איבער דער שנאה צו איהם מצד פון די נביאים (נחמיה ו 6־14). וואס נחמיה און עזרא האבען געוואלט, איז ניט געווען די ווידעראויפשטעלונג פון ישראל, אויף וועלכער דער גרויסער אנאנימער נביא פון גלות און צולעצט נאך חגי און זכריה האבען נביאות געזאגט. אפילו די „בני הגולה", וואס זיינען מיט עזרא׳ן געקומען, האבען, קאן זיין, געהאפט אויף מעהר ווי נאר די פארמי־

*) זעה אויבען ז. 108.
**) זעה אויבען ז. 54, 55.

רונג פון א רעליגיעזער געמיינדע. אבער דער ערפאָלג איז געווען אויף נחמיה׳ס און עזרא׳ס זייט.

דאָך אבער איז דער דאָזיגער פּאָליטישער יאוש געווען נאָר א דערוויי־ליגער און אַן אויבענאויפיגער. דער לעצטער ציל פון דער תורה און דער עבודה איז פאָרט געווען, אַז אַמאָל זאָל ישראל דערגרויסט ווערען, אין יענעם טאָג, ווען גאָט וועט זיך זעצען משפט׳ען די פעלקער. די דאָזיגע דערוואַר־טונג פון א „יום יהוה", א טאָג ווען יהוה וועט פאַרטיליגען די אידישע שונאים און גרויס מאַכען די אידען, איז שוין געווען א טייל פון דעם פאָלקס־גלויבען אין עמוס׳עס צייט. עמוס אבער און זיינע נאָכפאָלגער האָבען דער־קלערט, אַז דער טאָג פון יהוה באַדייט גאָר אַן אומגליק פאַר די אידען, א משפט וואָס יהוה וועט ברייגגען איבער זיין זינדיג פאָלק (עמוס ה 18—20; צפניה א 7—18; ב 1—3). אבער נאָכ׳ן חורבן איז דאָס אנדערש גע־וואָרען. שוין יחזקאל, אין זיינע זעהונגען פון דער ענד־צייט, האָט געשיל־דערט דעם אונטערגאַנג פון גוג דעם לעגענדאַרישען מלך פון דעם צפון־פאָלק מגוג אויף די בערג פון ישראל. נאָכ׳ן גלות איז די דערוואַרטונג פון גאָט׳ס משפט איבער די פעלקער געוואָרען א טייל פון דעם אידישען גלויבען (יואל ד). יענער טאָג פון דער ענד־צייט איז געוואָרען א טאָג פון ליכט און פרייד פאַר יהודה, וועמעס גלאַנץ שטעהט אויף דעם טונקעלען הינטערגרונט פון דער פעלקער־קאַטאַסטראָפע. אויף יענעם טאָג האָט מען געוואַרט, מ׳האָט מתפלל געווען און אַלע מיטלען אַנגעווענדט, אַז ער זאָל קומען.

ביי דער זייט פון דער תורה איז אָט די האָפענונג געווען דער שטאַרקער באַנד, וואָס האָט צוזאַמענגעהאַלטען די אידען פון גלות מיט די אידען פון ארץ ישראל: די האָפענונג אויף צוקינפטיגער נאַציאָנאַלער גרויסקייט, אויף דער מלוכה פון גאָט, אויף משיח׳ן, וואָס וועט ברייגגען די גאולה!

די אידען
אונטער דער גריכישער הערשאפט

צייט־טאַבעלע פון די גריכישע מלכים אין עגיפטען און אין סיריען.

די פטאָלעמעער

די עגיפטיש־גריכישע מלכים, די נאָכפאָלגער פון אַלעקסאַנדער׳ס גענעראַל פטאלאמעאוס לאגוס:

פאר דער קריסטליכער ערא

פטאָלעמעאוס I לאַגוס 323 (306)—285

פטאלעמעאוס II פילאדעלפוס 285—246

פטאלעמעאוס III עווערגעטעס 246—222

פטאלעמעאוס IV פילאָפּאַטאָר 222—205

פטאלעמעאוס V עפּיפאנעס 205—181

פטאָלעמעאוס VI פילאָמעטער 181—145

(פון 170 ביז 163 צוזאמען מיט זיין ברודער: פטאלעמעאוס VII פיסקאָן)

פטאלעמעאוס VIII עווערגעטעס II 145—116

די סעלעוקידען

די סיריש־גריכישע מלכים, די נאָכפאָלגער פון אַלעקסאַנדער׳ס גענעראַל סעלעוקוס ניקאַטאָר:

פאר דער קריסטליכער ערא

סעלעוקוס I ניקאַטאָר	282—(306) 312
אנטיוכוס I סאָטער	282—262
אנטיוכוס II טעאָס	262—246
סעלעוקוס II קאַליניקוס	246—226
סעלעוקוס III סאָטער	226—223
אנטיוכוס III דער גרויסער	223—187
סעלעוקוס IV פילאָפּאַטאָר	187—175
אנטיוכוס IV עפּיפאַנעס	175—164
אנטיוכוס V יעופּאַטאָר	164—162
דעמעטריוס I סאָטער	162—150
אלעקסאנדער באַלאַס	150—145
דעמעטריוס II ניקאַטאָר	145—138
אנטיוכוס VI דיאָניסוס	" "
טריפאָ	" "
אנטיוכוס VII סידעטעס	138—128

ערשטע אפטיילונג.

די ערשטע הונדערט יאהר פון דער גריכישער הערשאפט

1.

די עראבערונגען פון אלעקסאנדער.

די לאנג־דערווארטעע איבערקערעניש איז ענדליך געקומען, און די גרויסע פערסישע אימפעריע, וואס איז אין דער צייט פון איהר. אפשוואכונג געווארען די צילבערעט פון אידישער שנאה (פארגלייך ישעיה כ״ד—כ״ז), איז צעפאלען אין פיצלעך פאר די זיגרייכע ארמייען פון אלעקסאנדער'ן. פאר די אידען, וואס האבען ניט געוואוסט פון דער ווירקליכער שוואכקייט פון פערסיען און פון די הכנות וואס זיינען פון לאנג שוין געמאכט געווארען אין מאקעדאניען אונטער דער קלוגער פיהרערשאפט פון פיליפ'ן, איז די ערשיינונג פון אלעקסאנדער'ן געווען דער וואונדערליכסטער אנקוק. א יאהר פון מלחמות אין קליינאזיען האט דערגרייכט די גרעסטע הויך אין זיין איבערוועלטיגענדיגען נצחון איבער דריוש'ן ביי איסוס אין יאהר 333 (פאר קר.), און שוין האט ער געקלאפט אין די טויערן פון סיריען. טריאומפירענדיג האט ער גיך ארופגעמארשירט דעם מזרח־ברעג פון מיטעללענדישען ים, האט עראבערט צפון־סיריען אהן אן ערנסטען ווידערשטאנד, האט צוזאמענגעזאמעלט אומגלויבליכען רויב פון דער רייכער שטאט דמשק און האט באגעגענט דעם ערשטען ערנסטען ווידערשטאנד ביי דער גרויסער האנדעלשטאט — צור. מחמת זיין ערשטער ציל איז געווען צו קריגען דעם קאמערציעלען און דעם שיף־קאנטראל איבער'ן מיטעללענדישען ים, איז ער דערוי־

בער ניט געגאנגען ווייטער ביז ער האט איינגענומען די דאזיגע כמעט אומ־באצווינגבארע פעסטונג, כאטש דאס האט געפאדערט א טעטיגע באלאגע־רונג פון זיבען חדשים. נאך צור איז דער איינציגער שטארקער ווידער־שטאנד געקומען פון דער שטאט עזה, וואס איז געפאלען נאך אן עקשנות'־דיגער פארטיידיגונג.

די טראדיציעס, וואס יוסף פלאוויוס האט דערהאלטען, דייטען אן, אז די שומרונים האבען זיך געאיילט זיך צו אונטערוואַרפען אונטער אלעק־סאנדער'ן בעת ער האט באלאגערט צור (אידישע אלטערטימער י"ב 8 § 4). באלד נאכדעם האט ער געשיקט צום כהן גדול אין ירושלים א פאדערונג פאר הילפס־חיל, פראוויאנט, טריבוט און אונטערוואַרפונג. די אידען, וואס האָ־בען נאך געדענקט די שרעקליכע שטראף, וואס זיי האבען לעצטענס גע־ליטען, ווען זיי זיינען געווארען אומגעטריי צו פערסיען*), האבען נאטירליך זיך ניט געאיילט צו אנערקענען אן אנדער אויבערהאר. די קורצע שטיק אין זכריה ט 1—8 פאסט אם בעסטען אין דער דאזיגער צייט. זי שילדערט גענוי אלעקסאנדער'ס זיגרייכען מארש דורכ'ן טאל פון דעם אראנטעס, די עראבערונג פון דמשק, די אונטערוואַרפונג פון די שטעט ביים ים־ברעג, און זאגט פאראויס, פונקט ווי די אמאליגע נביאים בשעת די אשורישע חיילות זיינען געגאנגען אויף דעמזעלביגען מארשרוט, די עראבערונג און צעשטערונג פון צור, וואס „האט זיך אויסגעבויט א פעסטונג, און האט אנגעזאמעלט זילבער ווי שטויב און גאלד ווי בלאטע פון די גאסען". זי זאגט אויך פאר־אויס דעם פאל פון די פלשתי'שע שטעט און ענדיגט מיט דער פארזיכערונג, אז יהוה „וועט אויפשטעלען זיין לאגער אלם וואך ארום זיין הויז, כדי קיי־נער זאל ניט פארבייגעהן היז און צוריק און קיין אונטערדריקער זאל מעהר ניט פארבייגעהן".

אבער די עראבערונג פון עזה און פון די אנדערע שטעט פון פלשתי'שען טאל האבען באאיינפלוסט די אידען נאכצוגעבען אלעקסאנדער'ס פאדערונג און צו שווערען טרייהייט צו איהם. די טראדיציע, אז ער האט באזוכט ירושלים אין דער דאזיגער צייט און אז ער איז באאיינפלוסט געווארען פון א ווונדערליכען חלום צו שאנעווען די אידען און זיי צו געבען אסך ספע־ציעלע פריווילעגיעס, טראגט אויף זיך אלע כאראקטעריסטישע סימנים פון א שפעטערדיגער מעשה, וואס האט באצוועקט ארויפצוהייבען הויך דאס אי־דישע פאלק (יוסף פלאוויוס, אלטערטימער י"ב § 4, 5; יומא ס"ט עמוד א).

*) זעה אויבען ז. 72—78.

אלעקסאנדער׳ס אמביציעס און פלענער צו עראבערען עגיפטען האבען איהם קיין צייט ניט געלאזען זיך צו פארנעמען אז א זייט צוליב אזא אומבאדייטענדער געמיינדע ווי ירושלים. אפילו די עראבערונג פון אזא וויכטיגער שטאט ווי דמשק האט ער איבערגעגעבען צו איינעם פון זיינע גענעראלען. ירושלים איז דאמאלסט, פונקט ווי אין די פריהערדיגע צייטען פון איהר געשיכטע, געבליבען אומבאריהרט דורך דעם וואס זי האט זיך אונטערגעווארפען, מחמת דער עראבערער איז געווען נייגעריג צו מארשירען וואס גיכער קיין עגיפטען. דאס וואס די אידען האבען זיך ניט געאיילט אראפצוווארפען פון זיך דעם פערסישען יאך האט גיכער זיי אויפגעהויבען איידער זיי דערנידעריגט אין אלעקסאנדער׳ס אויגען. די פאדערונגען, וואס זיינען אין אנהויב געשטעלט געווארען פאר פראוויאנט, הילפס־חיל און דעמזעלביגען טריבוט וואס איז געצאהלט געווארען צו פערסיען, איז מען בלי־ספק געווען געצוואונגען נאכצוגעבען. פון מעהרערע שטעלען אין די שריפטען פון יוסף פלאוויוס (אנטי־אפיאן א, 22) קאן מען זיך אנשטויסען, אז פון איצט אן האבען אידען זיך רעגעלמעסיג געפונען אין אלעקסאנדער׳ס ארמייען. דאס באשטעטיגט די באהויפטונג, אז אסך אידען זיינען מיטגעגאנגען מיט איהם אין זיינע מלחמות (אידישע אלטערטימער י״א 8 § 5). עס האבען אבער הפנים זיך ניט פארשריבען קיין אידען פון די בעסערע קלאסען. דער פאקט, וואס א גרויסע צאהל אידען זיינען געווען צעשפרייט איבער די לענדער, וועלכע אלעקסאנדער האט געהאפט איינצונעמען, און וואס זיי האבען, זייענדיג פלייסיג און אינטעליגענט, ניט געפיהלט קיין צובונד צו די עקזיסטירענדיגע רעגירונגען — האט איהם געמעגט באאיינפלוסען זיי צו געבען געוויסע רעליגיעזע רעכטען, פונקט ווי ער האט עס געטאן צו די עגיפטער און באבילאניער, כדי צו געווינען דורך דעם זייער געטרייע אונטערשטיצונג. אין אלעקסאנדריע, וואו זיין פאליטיק האט זיך אם קלארסטען אויסגעדריקט, האט ער זיי יעדענפאלס באוויליגט ספעציעלע בירגערליכע און רעליגיעזע רעכטען. מאנכע נעמען אויך אן, אז צוליב זייער ענגער פארבינדונג צווישען זיך האט ער זיך געוואלט באנוצען מיט זיי אלס וועגווייזער אין די לענדער, וואס ער האט געהאפט איינצונעמען.

אונטער אלעקסאנדער׳ן האט ווינציג וואס זיך געענדערט דאס לעבען פון דער אידישער געמיינדע אין פאלעסטינע. עס איז פאר די אידען געווען א קנאפע נפקא־מינה, צי זיי האבען געצאהלט טריבוט צו פערסיען אדער צו מאקעדאניען. דער כהן גדול ידוע האט ווייטער אנגעפיהרט די ארטיגע ענינים, זייענדיג אונטערגעווארפען אונטער דעם גריכישען גובערנאטאר.

וואס האט געוואוינט אין שומרון. בשעת אלעקסאנדער איז געווען אין עגיפטען איז אנדראמאכוס, וועמען ער האט באשטימט איבער דער פראווינץ פון קאילע־סיריען*), דערמארדעט געווארען פון די איינוואוינער פון שומרון. אלס שטראף פאר דעם איז (לויט א שפעטערדיגער טראדיציע) א שטיק פון זייער טעריטאריע אוועקגעגעבען געווארען צו די אידען, וואס האבען דורך דעם אויסגעשפרייט זייערע ענגע גרעניצען ווייטער צו צפון־צו. א מאקעדאנישע קאלאניע איז געגרינדעט געווארען אין שומרון, און אסך פון די איינוואוינער זיינען געטויט און פארטריבען געווארען פאר זייער פארברעכען.

די אונטערווארפונג פון עגיפטען איז אנגעקומען אלעקסאנדער'ן זעהר גרינג, מחמת דארטען איז ניט געווען קיין אמת'ע צוגעבונדענקייט צו פערסיען. זיין גרויס ווערק אין דער צייט פון זיין קורצען אויפהאלט אין עגיפטען איז געווען די גרינדונג פון דער שטאט, וואס האט געטראגען זיין נאמען. די צעשטערונג פון צור האט צוגעגרייט דעם וועג פאר דער קאמערציעלער גרויסקייט פון אלעקסאנדריע. ליגענדיג ביים ים, מיט דער אזערע מארעאטים פון הינטען, איז געווען לייכט זי צו פארטיידיגען. פארזארגט מיט א גרויסארטיגען האפען, פארבונדען מיט דעם ניל דורך א קאנאל, און אהן א שטארקען קאנקורענט, האט זי פאקטיש באקומען דעם מאנאפאל איבער דעם האנדעל פונ'ם אריענט. זייענדיג געבויט אויף קעניגליכע קאסטען, לויט דעם פלאן פון דעם ארכיטעקט פון דעם דיאנא־טעמפעל, איז זי געווען איינע פון די שענסטע שטעט אין אלטערטום. איהר באפעלקערונג איז באשטאנען פון עגיפטער, גריכען און אידען, וואס האבען פארנומען באזונדערע קווארטאלען. די אידען האבען געוואוינט אינאיינעם אין דעם צפון־מזרח־טייל פון דער שטאט, און זייער קווארטאל איז געווען ארומגערינגעלט מיט א מויער. אינעווייניג פון דעם דאזיגען מויער האבען זיי געלעבט לויט זייער

*) „קאילע־סיריען“ (די אויסגעהוילטע סיריען) איז לכתחילה געווען א גריכישער נאמען פאר דעם טאל צווישען דעם לבנון און אנטי־לבנון („בקעת הלבנון“, יהושע י"א 17; י"ב 7). ביי די גריכישע שריפטשטעלער האט דער נאמען באקומען שפעטער א ברייטערע אנווענדונג און ער האט אריינגענומען גאנץ דרום־סיריען ביז עגיפטען. ביי מאנכע גריכישע היסטאריקער, ווי אויך אין די אידישע אפאקריפישע שריפטען, ווערט פעניקיען אונטערשיידט פון קאילע־סיריען. אן אנדער מיינונג וועגען דער לכתחילה'דיגער באדייטונג פון דעם נאמען קאילע־סיריען פארטרעט גוסטאוו העלשער אין „קוועלען אונד פארשונגען צור אלטען געשיכטע אונד געאגראפיע, הערויסגעגעבען פאן וו. סיעגלין“, בערלין 1903, ז. 6—12.

תורה און זייערע מנהגים, מיט אן אייגענעם אידישען פּאַרשטעהער, וואָס האָט געטראָגען דעם טיטעל אַלאַבּאַרך*). אַלעקסאַנדער'ס קלוגע פּאָליטיק האָט באַלד צוגעצויגען אהין אַסך אידען, און אונטער די פּטאָלעמעער איז זייער צאָהל נאָך פיעל פאַרגרעסערט געוואָרען. אַזוי ארום איז אַלעקסאַנדריע באַלד געוואָרען דער צווייטער גרעסטער אידישער צענטער אין דער וועלט.

פון עגיפּטען איז אַלעקסאַנדער אין יאהר 331 (פאַר קר.) ארויסגעטראָטען צו פאַרענדיגען די עראָבּערונג פון דער פּערסישער אימפּעריע. ביי אַרבּעלאַ האָט ער אין זעלביגען יאָהר אויסגעקעמפט די אנטשיידענדיגע שלאַכט, וואָס האָט געבראַכען אויף אַלעמאָל די מאַכט פון דריוש'ן. אין פאַרלויף פון די קומענדיגע זיבען יאהר האָט ער אויסגעשפּרייט זיין הערשאַפט ביז צו דעם אָקסוס און דעם אינדוס. אָבער איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט צו באַפעסטיגען זיין גרויסע אימפּעריע איז ער געשטאָרבען אין יאהר 323, נים לאַזענדיג קיין יורש פאַר אַ נאָכפאָלגער. דאָס מערקווירדיגסטע אין זיין וואונדערליכער געשיכטע איז די צוויבערהאַפטיגקייט פון זיינע פּלוצלונג געמאַכטע עראָבּערונגען. דאָס לאָזט זיך דערקלערען דערמיט, וואָס די גריכען האָבען אריבערגעשטיגען דעם אָריענט אין גבורה, כּליזיין און קולטור; וואָס די עראָבּערטע פעלקער זיינען געווען שקלאַפיש־אונטערטעניג; וואָס די גענעראַלען, וואָס האָבען גע'ירש'ענט אַלעקסאַנדער'ס אימפּעריע, האָבען פאַרמאָגט גרויסע מיליטערישע פעהיגקייטען; וואָס אַנשטאָט צו צעשטערען די נאַציאָנען, וואָס ער האָט איינגענומען, האָט אַלעקסאַנדער געזוכט דורך ליבעראַלע קאָנצעסיעס צו געווינען זייער געטריישאַפט; און מעהר ווי אַלץ, לאָזט זיך דאָס דערקלערען דערמיט, וואָס ער האָט געבויט גריכישע שטעט און האָט אריינגעפיהרט גריכישע קאָלאָניסטען און זימען אין דער גאַנצער אימפּעריע. דער אָריענט האָט אַ טבע נאָכצומאַכען; און העלעניסטישע קולטור איז באַלד אריין אין דער מאָדע. דער פּועל־יוצא דערפון איז געווען, אַז דאָס לעבען פון די פעלקער פון דרום־מערב־אזיען און עגיפּטען איז לגמרי איבערגעאַנדערשט געוואָרען. גריכענלאַנד איז אריבערגעפיהרט געוואָרען אין דעם מזרח, און יעדע העלעניסטישע שטאָט האָט געהאַט אַ ווייטע השפּעה. פּאַלעסטינע איז שטאַרק באַריהרט געוואָרען פון דעם. די שטעט ביים ים־ברעג, ווי: עזה, אשדוד, אשקלון, יפו, אַפּאָלאָניאַ און פּטאָלעמאַיס (עכו), זיינען באַלד געוואָרען צענטערס

*) די עטימאָלאָגישע באַדייטונג פון דעם וואָרט, און דערפאַר אויך דער אורשפּרינגליכער כאַראַקטער פון דעם אמט, איז טונקעל.

פון א גריכישער באפעלקערונג און א גריכישען לעבען. אלס צוגאב צו שומרון זיינען אסך שטעט אין עבר־הירדן — היפאס, גאדארא, פעלא, געראזא און פילאדעלפיא (רבת בני עמון) — קאלאניזירט און העלעניזירט געווארען דורך אלעקסאנדער'ס וועטעראנען. אזוי ארום איז די אידישע געמיינדע אין פאלעסטינע פון אנהויב אן פון דער גריכישער עפאכע ארומגערינגעלט געווארען מיט א קייט פון העלעניסטישע שטעט. די עראבערונגען פון אלעקסאנדער'ן האבען פלוצלונג געבראכט די צוויי גרויסע שטראמונגען פון געדאנק און קולטור פון אלטערטום אין דער נאהנטסטער באריהרונג. די ווירקליכע היסטאריע פון דער מענשליכער ציוויליזאציע אין משך פון די קומענדיגע יאהרהונדערטער איז די פארצייכענונג פון די צוזאמענשטויסונגען און פון דער ענדליכער צונויפגיסונג פון די פארבלייבענדיגע עלעמענטען אין יעדערער פון די דאזיגע צוויי שטראמונגען.

2.

די הערשאפט פון די פטאלעמעער (תלמי'ם).

אלעקסאנדער'ס נאכפאלגער האבען גע'ירש'ענט זיינע גרעניצלאזע אמביציעס און שוואכקייטען, אבער ווייניג פון זיינע מעלות. די צונויפגיסונג פון בלוט און ציוויליזאציע פון דעם מזרח און דעם מערב האט פארגרעסערט די פארדארבענקייטען פון ביידען. די אונטערגעווארפענע פעלקער זיינען באלד געווארען דער קרבן אין די מלחמות צווישען אלעקסאנדער'ס גענעראלען. אזוי ווי פאלעסטינע איז געווען דער בריק צווישען אזיען און אפריקע, איז זי ווידער געווארען דער שטרייטפונקט צווישען די גרויסע מאכטען פון דעם מזרח און דעם מערב. מ'האט ניט געקאנט קריגען קיין פרידען אפילו דורך שקלאפישער אונטערוואַרפונג. די ערשטע אטאקע איז געמאכט געווארען ארום יאהר 320 דורך פטאלעמעאוס, דעם ערשטען (סאטער), דעם זוהן פון לאגוס, וואס האט נאך אלעקסאנדער'ס טויט באפעסטיגט זיין ממשלה איבער עגיפטען. עס ווייזט אויס, אז אין דער דאזיגער צייט איז ירושלים, לויט א טראדיציע וואס האט זיך דערהאלטען ביי יוסף פלאוויוס (אידישע אלטערטימער י"ב 1), איינגענומען געווארען דורך א פלוצליכער אטאקע אום שבת, מחמת די אידען האבען ניט געוואלט זיך שטעלען אנטקעגען און פיהרען א מלחמה אין דעם הייליגען טאג. דער ווידערשטאנד פון

די אידען און די שומרונים האט געגעבען פטאלעמעאוס'ן אן אויסרייד אוועקצופיהרען אסך פון זיי קיין עגיפטען. זיי זיינען גענומען געווארען פון די לאנד־דיסטריקטען, פונקט אזוי ווי פון די גרעסערע שטעט. אסך האבען אויך אויסגעוואנדערט קיין עגיפטען מיט'ן גוטען ווילען דורך פטאלעמעאוס'עס אנציהענדיגע אנבאטען.

פארגליכען מיט די נאקעטע בערג פון יהודה, וואס זיינען כסדר אטאקירט געווארען פון אומדערבארימליכע, פאררעטערישע שונאים, האט עגיפטען אונטער דער הערשאפט פון פטאלעמעאוס, מיט איהרע ברייטע מעגליכקייטען צו לעבען דארטען אין שלום און רייכקייט, פארמאגט אזא אנציהונג, וואס מ'האט כמעט ניט געקאנט גובר זיין. אין דער גריכישער עפאכע איז „דער פלייש־טאפ פון מצרים" געווען אן אנגעוועהטאגטער נסיון פאר די אידען און איז געווארען אלץ שטארקער, וואס מעהר די אידישע קאלאניע דארטען איז געווארען גרעסער און איינפלוסרייכער. פטאלעמעאוס ווידער, וואס האט געהאט די אונטערשטיצונג פון לפי־ערך נאר ווייניג גריכען, און איז געשטאנען פנים־אל־פנים מיט דעם שווערען פראבלעם פון אויפהאלטען די ממשלה איבער זיינע ווידערשפעניגע עגיפטישע אונטערטאנען, — האט זעהר קלוג אנערקענט אין די אידען און די שומרונים זיינע בעסטע פארבינדעטע. זיי זיינען געווען אזוי גרינטליך דענאציאנאליזירט, אז זיי זיינען ניט באאיינפלוסט געווען פון קיין אנדער פאליטישען מאטיוו אחוץ די געטריישאפט צו דעם הערשער, וואס באהאנדעלט זיי אזוי איידעל און מילד. זייערע פערזענליכע אינטערעסען האבען זיי אויך געטריבען צו געהן צוזאמען מיט די גריכען איידער מיט די היימישע עגיפטער. אין יענער צייט, ווען עהרליכקייט איז געווען אזא זעלטענע זאך, האט מען זיך געקאנט אויף זיי פארלאזען. זייערע אמביציעס זיינען געווען באשיידען. זיי זיינען געווען פלייסיג און האבען פארמאגט א זעלטענע פעהיגקייט זיך צוצופאסען צו זייער נייער סביבה. אין די גרויסע קאמערציעלע צענטערס פון עגיפטען האט זייער געניוס פאר האנדעל געפונען א פולען אויסדרוק. צוליב זייער שטרענגער מאראליטעט האט מען זיי אנגעטרויט אסך באדייטענדע שטעלעס. זיי זיינען באלד געווארען דער שטארקסטער זייל פון דער פטאלעמעאישער מלוכה; און אזוי ווי די אינדיווידועלע הערשער זיינען געווארען שוואך און פארדארבען, זיינען די אידען געשטיגען אלץ העכער און העכער.

זייער גורל איז אבער פארט ניט געווען אינגאנצען א פרידליכער. די ספעציעלע פריווילעגיעס, פון וועלכע זיי האבען גענאסען, האט ארויסגערופען געגען זיי א שטארקע שנאה מצד דער היימישער באפעלקערונג. זיי זיי־

נען אויך געווארען נאהנטע שכנים מיט די שומרוני'שע קאלאניסטען. דער פועל־יוצא דערפון איז געווען, וואס זייערע געגענזייטיגע אנטיפאטיעס האָבען זיך דארטען אויסגעדריקט נאך אין א ביטערערער פארם איידער אין פאלעסטינע גופא (יוסף פלאוויוס, אלטערטימער י"ב 1). עס זיינען אפט פארגעקומען קאנפליקטען צווישען די אנהענגער פון דעם בארג ציון און די אנהענגער פון דעם בארג גריזים.

אין משך פון די לעצטע יאהרען פון פערטען יאהרהונדערט (פאר קר.) האבען זעהר ביטער געקעמפט איבער פאלעסטינע פטאלעמעאוס און זיין מעכטיגער געגנער אנטיגאנוס. ארום יאהר 315 האט אנטיגאנוס עס פארנומען און געהאלטען, ביז זיין זוהן דעמעטריוס איז אין יאהר 312 צעשלאגען געווארען ביי עזה פון דעם עגיפטישען חיל. יוסף פלאוויוס באריכטעט (זיך שטיצענדיג אויף פסעוודא־העקאטעאוס, אנטי־אפיאן א, 22), אז פטאלעמעאוס האט אין דער דאזיגער צייט באזוכט ירושלים און האט איבערגערעדט אסך אידען צו געהן מיט איהם קיין עגיפטען. צווישען אנדערע איז אויך געווען א געוויסער חזקיה, א מיטגליד פון דעם כהן גדול'ס משפחה, פאר וועמען די אידען האבען געפיהלט גרויס יראת־הכבוד. אין דעם קומענדיגען יאהר אבער איז פאלעסטינע צוגעפאלען צו אנטיגאנוס'ן. ווען פטאלעמעאוס האט, נאך דעם יאהר 306, אנגענומען דעם טיטעל קעניג, האט ער ווידער געזוכט צו עראבערען דרום־סיריען, אבער מיט ווייניג ערפאלג, ביז אנטיגאנוס איז געפאלען טויט אין דער שלאכט פון איפסוס אין יאהר 301. דאמאלסט האט פטאלעמעאוס ווידער באקומען פאלעסטינע, און זיינע נאכפאלגער האבען עס געהאלטען אונטער זייער ממשלה, נאר מיט ווייניג הפסקות, כמעט הונדערט יאהר. ארום יאהר 297 איז דעמעטריוס אריינגעדרונגען אין פאלעסטינע, אבער זיין עראבערונג איז געווען א קורצע. די סעלעוקידען אבער, וואס האבען געי'רש'ענט אנטיגאנוס'עס אימפעריע, האבען ניט אויפגעגעבען זייער תביעה אויף פאלעסטינע יעדעם מאל ווען זיי זיינען געווען באזונדערס שטארק אדער די פטאלעמעער זיינען געווען שוואך. אין די יאהרען צווישען 264 און 248 האט די כוואליע פון מלחמה זיך געווארפען הין און צוריק דורך פאלעסטינע, ברענגענדיג איהרע שרעקען צו די אידען; אבער די געשיכטע האט דערהאלטען ווייניג פרטים. דניאל קאפ. י"א 7—9 גיט פארשלייערטע אנדייטונגען אויף די דאזיגע קאנפליקטען. בכלל האט די להוט'קייט פון די פטאלעמעער און די סעלעוקידען צו באזיצען פאלעסטינע באוואויגען יעדערען זיך צו חנפ'ענען צו די אידען. (סעלעוקוס דער ערשטער, וואס האט געגרינדעט אנטיוכיע ארום יאהר 300 (פאר קר.).

האט זיי באוויליגט אסך פריווילעגיעס, כדי זיי צוצוציהען דערמיט צו זיין נייער הויפטשטאט. לויט יוסף פלאוויוס (אידישע אלטערטימער י"ב 3 § 1) האט ער זיי געגעבען גלייכע רעכטען מיט די מאקעדאניער און גריכען. אז אסך אידען האבען אויסגענוצט אט די געלעגענהייט, איז באוויזען דורך דער גרויסער צאהל אידען, וואס האבען שפעטער זיך געפונען אין אנטיוכיע און אין די שטעט פון קליינאזיען.

די ערשטע דריי פטאלעמעער האבען, אין אלגעמיין גענומען, זיך ארויס־געוויזען אלס טעטיגע און טיכטיגע הערשער. זיי האבען ביסלעכווייז ארויס־גערוקט ווייטער די גרעניצען פון עגיפטען און איהר השפעה, ביז זי האט, ביים טויט פון פטאלעמעאוס דעם דריטען (יעווערגעטעס), אין יאהר 222, אריינגענומען אין זיך ניט נאר פאלעסטינע און קאילע־סיריען, נאר אויך די וויכטיגערע שטעט ביים מזרח־ברעג פון מיטעללענדישען ים. די הערשאפט פון די פטאלעמעער איז געווען פאפולערער ביי די אידען ווי די הער־שאפט פון די סעלעווקידען. פטאלעמעאוס דער צווייטער (פילאדעלפוס) פיגורירט אין דער אידישער טראדיציע אלס דער באשיצער און אונטער־שטיצער פון דעם בית־המקדש, אלס דער הערשער, וואס אונטער זיין אנ־ווייזונג איז די תורה איבערגעזעצט געווארען אין גריכיש און אלס דער בא־פרייער פון אלע אידישע געפאנגענע אין זיין קעניגרייך (יוסף פלאוויוס, אל־טערטימער י"ב 2). פון זיין נאכפאלגער יעווערגעטעס ווערט אויך דער־צעהלט, אז נאך אן ערפאלגרייכען פעלדצוג אין סיריען האט ער געבראכט אסך קרבנות און געשאנקען אין בית־המקדש פון ירושלים (אנטי־אפיאן ב. 4). דער טריבוט, וואס מ'האט געמוזט צאהלען צו די פטאלעמעער, איז, ווי עס ווייזט אויס, ניט געווען קיין צו גרויסער; און ווען ער איז רעגעל־מעסיג געצאהלט געווארען, זיינען די פעלקערשאפטען פון פאלעסטינע געווען פריי צו פיהרען אליין זייערע אייגענע ענינים. די דאזיגע פרייהייט האט ארויסגערופען אטאקעס אויף די אידען פון זייערע פיינדליכע שכנים. יוסף פלאוויוס באריכטעט, אז „אין דער דאזיגער צייט זיינען די שומרונים געווען אין א בליהענדיגען צושטאנד, און האבען אנגעטאן די אידען אסך נגישות, פארכאפענדיג שטיקער פון זייער לאנד און אוועקפיהרענדיג שקלאפען" (אל־טערטימער י"ב 4 § 1). פון א שטעל אין בן־סירא ווייזט אויס, אז די אלטע פיינדשאפט צו די שומרונים און צו די פלשתים איז געווען איצט אזוי ביטער ווי פריהער*).

*) בן־סירא נ 25, 26. ציטירט אויבען ז. 83 אין דער באמערקונג.

3.

די אידען אין די לענדער פון דער צעשפרייטונג.

די נייע צעשפרייטונג.

אין דער פערסישער עפאכע האט דאס יודענטום זיך אנטוויקעלט צו זיין פולער הויך, און אין דער גריכישער עפאכע האט עס געהאט אויסצו־האלטען די פראבע. די פערסישע עפאכע איז געווען פארהעלטענישמעסיג א פרידליכע, די גריכישע עפאכע איז געווען פול מיט מלחמות און פאר־וויסטונגען. אונטער דער גריכישער הערשאפט זיינען אסך אידען ווידער ארויסגעשלעפט געווארען פון דער אפגעזונדערטקייט, אין וועלכער זיי האבען געלעבט אין פאלעסטינע, און זיינען אריינגעווארפען געווארען אין די הויפטשטראמען פון דעם וועלטלעבען. בעת אין די לעצטע הונדערט יאהר פון דער פערסישער תקופה איז אין אידישען לעבען אזוי שטארק געווען די טענדענץ צו צענטראליזירען זיך אין דעם מוטער־לאנד, האט איצט, אין דער גריכישער צייט, געהערשט די פארקערטע ריכטונג פון אויסוואנדערען און זיך צעשפרייטען. געצוואונגענערהייט און מיט'ן גוטען ווילען האבען די אידען זיך אויסגעשפרייט אסך ווייטער און ברייטער איידער פריהער. עס האט לאנג ניט געדויערט און אידישע קאלאניעס האבען זיך געפונען פון דעם אינדוס כמעט ביז די זיילען פון הערקולעס (גיבראלטאר), און פון דעם אינ־דישען אקעאן ביז דעם שווארצען ים. די אידען פון די מעסאפאטאמישע לענדער זיינען כמעט ווי פארשוואונדען אויף עטליכע הונדערט יאהר פון דער היסטארישער סצענע; דערפאר אבער האבען די נייע עמיגראנטען אין עגיפטען, צוזאמען מיט די אידען וואס האבען דארטען שוין פון פריהער געוואוינט*), ווארשיינליך אריבערגעשטיגען אין צאהל די ארץ־ישראל'דיגע אידען און האבען דארטען געבילדעט דעם גרעסטען צענטער פון אידישען לעבען מחוץ פון ארץ ישראל.

יודענטום און העלעניזם אין עגיפטען.

די עגיפטישע אידען האבען, נאטירליך, מיטגענומען מיט זיך קאפיעס פון די הייליגע שריפטען, באזונדערס פון דער תורה, און זיי האבען עס

*) זעה אויבען ז. 97.

פלייסיג געלערענט אין זייערע סינאַגאָגעס, וואָס זיי האָבען אויפגעשטעלט אומעטום וואו זיי זיינען געקומען. זיי זיינען געווען אַזוי נאָהנט צו ירושלים, אַז אונטער די פּטאָלעמעער האָבען פיעל פון זיי אַפּט עולה־רגל געווען אין דער הייליגער שטאָט צו פייערען די גרויסע יעהרליכע ימים־טובים. אָבער ניט קוקענדיג אויף דער נאָהנטער שכנות און פאַרבינדונג מיט זייערע ברי־דער פון יהודה, האָבען די אידען אין עגיפּטען, באַזונדערס אין אַלעקסאַנד־ריע, וואו די מעהרהייט זייערע האָט זיך געפונען, ארויסגעבראַכט אַ נייעם, בריטערען טיפּ פון אידישקייט. זייענדיג באַשעפטיגט מיט מסחר, האָבען זיי נאַטירליך אָנגענומען די דאָמאַלדיגע וועלט־שפּראַך, וואָס איז געווען אַ דיאַלעקט באַקאַנט אַלס העלעניסטישע גריכיש. די קענטשאַפט פון דער דאָ־זיגער שפּראַך, וואָס איז געווען אַ געענדערטע און פאַראייכפאַכטע פאָרם פון קלאַסישער גריכיש, האָט דאָס ערשטע מאָל געעפענט פאַר די אידען די לי־טעראַרישע אוצרות פון העלאַס. די אידען אין אַלעקסאַנדריע, דעם צענטער פון העלעניסטישער קולטור, זיינען דעריבער געקומען באַלד אין אַ אינטי־מער באַריהרונג מיט דעם גריכישען לעבען און דעם גריכישען געדאַנק. צום גליק אָבער האָבען דאָ אויף זיי געווירקט השפעות ניט פון דעם פלאַכען, פון־אויבען־אויף נאָכגעמאַכטען העלעניזם פון סיריען, נאָר פון דעם גריכיש־עגיפּטישען אינטעלעקטועלען לעבען. די אַלעקסאַנדריניישע אידען האָבען שוין דאָמאַלסט אָנגעהויבען שאַפען דעם סינטעז צווישען יודענטום און גריכענ־טום, וואָס האָט שפּעטער געגעבען צו דער וועלט אַ פילאָ יודעאוס (ידידיה האלכסנדרוני).

די סעפּטואַגינטאַ.

די אידען האָבען אין אַלע לענדער פון זייער צעשפּרייטונג געזוכט צו דערהאַלטען זייערע גייסטיגע אוצרות, אָבער ניט אין אַלצדינג האָט זיך זיי דאָס לייכט איינגעגעבען. זייער אַלטע שפּראַך, העברעאיש, האָט שוין אפילו אין פּאַלעסטינע אָנגעהויבען צו מאַכען ביסלעכווייז פּלאַץ אין אַלטעגליכען לעבען פאַר אַ נייער שפּראַך: אַראַמעאיש. ביי די עגיפּטישע אידען אָבער האָט גריכיש באַלד כמעט אינגאַנצען ארויסגעשטופּט העברעאיש. אַרום דעם מיטען פון דריטען יאָהרהונדערט האָט זיך דעריבער געפיהלט אַ נויט־ווענדיגקייט צו איבערזעצען די הייליגע שריפטען אין העלעניסטישער גרי־כיש.

די דאזיגע איבערזעצונג, וואס טראגט דעם נאמען „סעפטואגינטא״ („זיבעציג״) אדער „תרגום השבעים״, איז ארומגעוועבט געווארען פון די אידען מיט אסך לעגענדעס. לויט דעם פסעוודעפיגראפישען בוך „דער בריוו פון אריסטעאס״*) איז זי געמאכט געווארען מיט דער אונטערשטיצונג פון פטאלעמעאוס דעם צווייטען, וואס האט געוואלט ארויסווייזען זיין גוטס־קייט צו די אידען און קריגען אן עקזעמפלאר פון זייערע הייליגע ביכער פאר זיין גרויסער ביבליאטעק אין אלעקסאנדריע. צוערשט, ווערט דערצעהלט, האט דער קעניג אויסגעקויפט פאר א ריזיגער סומע די פרייהייט פון אלע אידישע קנעכט אין עגיפטען און דערנאך האט איהם, אויף זיין בקשה, דער כהן גדול אליעזר פון ירושלים געשיקט צוויי־און־זיבעציג געלערענטע מענער, זעקס פון איטליכען שבט. ווען זיי זיינען אנגעקומען אין אלעקסאנדריע, האט מען זיי געשאפען אלע באקוועמליכקייטען פאר זייער ארבייט, און אין צוויי־און־זיבעציג טעג ארום האבען זיי געהאט פארטיג די גאנצע איבערזעצונג, וואס איז באוואונדערט געווארען פון דעם קעניג און אויך פון אלע אידען. א תלמודישע לעגענדע דערצעהלט, אז תלמי המלך האט פארזאמעלט צוויי־און־זיבעציג זקנים און זיי אוועקגעזעצט אין צוויי־און־זיבעציג באזונדערע הייזער, זיי ניט זאגענדיג אויף וואס. דערנאך איז ער אריינגעגאנגען צו איט־ליכען באזונדער און געזאגט: שרייבט מיר אויף די תורה פון אייער רבי'ן משה'ן. האט גאט ברוך הוא אריינגעגעבען איטליכען אן עצה אין זיין הארץ, און אלע האבען איינגעשטימט צו איין מיינונג (מגילה ט, עמוד א).

די גוזמא'דיגקייט און ניט־ריכטיגקייט פון די דאזיגע לעגענדעס ווארפט זיך יעדערען אין די אויגען. צו מאכען א פולשטענדיגע איבערזעצונג אין אזא קורצער צייט איז געווען אן אוממעגליכקייט. א גרינטליכע קענטעניש פון גריכיש האבען אין יענער צייט געקאנט האבען נאר די שריפטגעלעהרטע פון אלעקסאנדריע, ניט פון ירושלים. די אייגענארטיגקייטען פון דער אי־בערזעצונג גופא זיינען א באווייז, אז זי איז דאס ווערק פון אלעקסאנדרי־נישע אידען. עס איז אויך קלאר צו זעהן, אז די פארשידענע ביכער זיינען איבערגעזעצט געווארען פון פארשידענע מענשען און קענטיג אין פארשידענע צייטען. די ביכער פון דער תורה, וואס האבען נאטירליך געקראגען די ערש־טע אויפמערקזאמקייט, זיינען איבערגעזעצט געווארען גענויער און ווערטער־ליכער איידער די ביכער פון די נביאים. אין מאנכע פאלען האבען די אי־

*) איבערדערצעהלט פון יוסף פלאוויוס אין די אידישע אלטערטימער י״ב 2. זעה אויך אין באנד 3, ז. 126.

בערזעצער ניט געכאַפּט די באַדייטונג פון דעם העברעאישען אָריגינאַל, אין אנדערע פאַלען האָבען זיי געהאַט פאַר זיך אַן אנדער העברעאישען נוסח איי־דער דער וואָס איז אונז געבליבען פון דער מסורה, און ווידער אין אנדערע פאַלען האָבען זיי איבערגעזעצט פריי און האָבען אריינגעבראַכט וואַריאַ־ציעס. די טראַדיציע, וואָס שרייבט צו דעם אָנהויב פון דער איבערזעצ־צונגס־ארבייט צו דער רעגירונגסצייט פון פּטאָלעמעאוס פילאַדעלפוס, איז בלי־ספק היסטאָריש. אָבער מאַנכע ביכער פון תנ"ך זיינען נאָך גאָר דע־מאָלט ניט געווען פאַרפאַסט און האָבען ערשט פיעל שפּעטער געקאָנט אי־בערגעזעצט ווערען. בערך אין יאָהר 130 (פאַר קר.) איז דער איינ־קעל פון יהושע בן־סירא שוין באַקאַנט געווען מיט אַ גריכישער איבערזעצונג פון „דער תורה, די נביאים און די אנדערע שריפטען". די תורה, קאָן גרייליך זיין, איז נאָך ערשינען אין דער צייט פון פּטאָלעמעאוס פילאַדעלפוס.

דאָס דאָזיגע ווערק, גרעסער איידער אַלע וואונדערווערק פון דער אַל־טער וועלט, איז אַ נייע ערשיינונג אין דער וועלטגעשיכטע. אפילו די גרעסטע ליטעראַרישע שאַפונגען זיינען כמעט אַזוי אַן אויסנאַם געבונדען אַן דעם פאָלק, ביי וועלכען זיי זיינען אנטשטאַנען, און זייער השפּעה געהט ניט אריבער דעם גרעניץ פון שפּראַך און ראַסע. אויך האָמער איז געווען אַ פאָלקסבוך און אַ ביבעל נאָר פאַר העלענען. אָבער דער תנ"ך שפּרינגט אריבער דעם מויער, וואָס שיידט די פעלקער פאַנאַנדער, דער גייסטיגער פּראָדוקט פון דעם קליינעם אידישען פאָלק דרינגט אריין אין דער וועלט פון דעם העלעניזם, ווערט שפּעטער דאָס הייליגע בוך פון דעם קריסטענטום, באַהערשט דעם מיטעלאַלטער, און איז עד־היום אַ לעבעדיג בוך פאַר דער גאַנצער וועלט. אַ ווערק, ניט געבונדען אַן פאָלק און צייט, אַ פאָלקסבוך פאַר דער געשיכטע פון דער מענשהייט. זייענדיג געשאַפען לכתחילה פאַר די אידען, האָט עס פון דער קעניגסשטאָט ביים ניל אָנגעהויבען זיין גאַנג דורך דער וועלט, אַ וועגווייזער פאַר די גאָטזוכער פון אַלע פעלקער. פּונקט ווי דער פאַראָס, דער לייכטטורם פון אַלעקסאַנדריע, האָט אַרויסגעשטראַלט זיין ליכט אויף די טונקעלע כוואַליעס פון ים און האָט אָנגעוויזען דעם זי־כערען פאַרט צו די שיפען מיט רייזענדער, וואָס האָבען זיך געפונען אין נויט, אַזוי האָט דאָס בוך פון אַלעקסאַנדריע געגאָסען זיין ליכט אויפ'ן ים פון דער היסטאָריע, כדי אָנצואווייזען אַלע מענשען דעם ריכטיגען וועג פון לעבען.

אידען־האס און אידישע אפאלאגעטיק.

פון שנאה מצד די עגיפטער צו די אידען הערען מיר שוין אין דער פערסישער עפאכע. די דאזיגע שנאה האט געפיהרט צו דער צעשטערונג פון דעם טעמפעל פון יהו אין עלעפאנטין*). עס איז אבער שווער צו אורטיילען פון די עלעפאנטין־פאפירוסען, ווי ווייט די געגנערשאפט צו די אידען איז געווען דעמאלט פארשפרייט ביי דער איינגעבארענער עגיפטישער באפעלקערונג. ווארים די פאפירוסען דערצעהלען אונז אויך פון פריינדליכע באציהונגען און אפילו פון א פאל וואו א איד און אן עגיפטער זיינען זיך מתחתן**). אנדערש אבער איז דאס געווען אין דער גריכישער עפאכע, ווען די אידען האבען געלעבט אין אזא גרויסער צאהל אין עגיפטען און זייער השפעה איז געווען אזוי שטארק אינ'ם לאנד. דאס האט ארויסגערופען ביטערע אטאקעס אויף זיי פון גריכישע און פון געבארענע־עגיפטישע שרייבער. דער מאדערנער אנטיסעמיטיזם געהט צוריק ביז צו יענער צייט און איז געווען דאמאלסט א פראדוקט פון דיזעלביגע קאמערציעלע, פאליטישע און רעליגיעזע סיבות ווי היינט. דער עגיפטישער פריסטער מאנעטהא, וואס האט געלעבט אין דער צייט פון פילאדעלפוס, האט אין זיין געשיכטע פון עגיפטען, וואס ער האט געשריבען אין גריכיש, ארייגעפלאכטען משונה'דיגע, ווילדע מעשיות וועגען דער אנטשטעהונג פון דעם אידישען פאלק, מעשיות וואס האבען לאנג נאך געפונען א גלויבען אין דער היידניש געבילדעטער וועלט. צווישען פיעל אנדערעס האט מאנעטהא דערצעהלט, אז די אידען זיינען ארויסגעטריבען געווארען פון מצרים, ווייל זיי זיינען געווען מצורעים; און זייער פיהרער, אן עגיפטישער פריסטער א מצורע, וואס האט געהייסען אסאריף און האט שפעטער זיך איבערגעלעגט דעם נאמען אויף משה, האט זיי געגעבען א תורה, וואו ער האט זיי אנגעזאגט אלס דריי וויכטיגסטע געבאטען: ניט צו דינען צו קיין געטער, צו שעכטען די חיות, וואס זיינען געווען הייליג ביי די עגיפטער און זיך ניט צו מישען מיט קיין פרעמדע. אסך אנדערע שריפטשטעלער האבען נאכגעפאלגט מאנעטהא'ס ביישפיל. די אידען האבען אבער ניט אראפגעשלונגען שטילערהייט די אלע בלבולים און באשולדיגונגען. עס איז געקומען צו א ליטעראַרישען שטרייט.

*) זעה אויבען ז. 91.

**) זעה אויבען ז. 90.

אזוי ארום האָט דער אידען־האס אין דער העלעניסטישער וועלט ארויסגע־בראכט זיין געגענשטיק: די אידישע אפאלאָגעטיק.

די אידען האָבען צוערשט ניט געפיהרט קיין אָפענע פאָלעמיק מיט מאנעטהאָ'ן, נאָר האָבען געזוכט צו ווייזען דער וועלט דאָס אמת'ע בילד פון זייער פארגאנגענהייט. דאָס איז שוין טיילווייז געשעהן דורך דער אי־בערזעצונג פון די הייליגע שריפטען. העלעניסטישע אידען האָבען ביים סוף פון דריטען יאהרהונדערט (פאר קר.) געשריבען ביבלישע געשיכטעס אין א מדרש־סטיל. די אידען האָבען אָבער זיך באלד ארומגעזעהן, אז די גויים לייענען ניט די אידישע שריפטען אָדער זיי גלויבען זיי ניט. מ'האָט דער־פאר זיך אויסגעקליבען פרעמדע פאר פארטיידיגער. אינ'ם הויף פון דעם ערשטען פטאָלעמעאוס האָט געלעבט א געשיכטסשרייבער העקאטעאוס פון אבדערא. אין זיין עגיפטישער געשיכטע איז איהם אויסגעקומען צו ריידען אויך וועגען דעם אידישען פאָלק. אזוי ווי אין זיין צייט זיינען די גויים נאָך ניט געווען אייפערזיכטיג אויף די אידען, האָט העקאטעאוס דעריבער געשריבען וועגען זיי רוהיג און זאכליך. די באדייטונג פון דעם דאָזיגען באריכט פון העקאטעאוס האָבען די אידען ערשט אנערקענט נאָכדעם ווי מאנעטהאָ איז ארוים מיט זיינע בלבולים געגען זיי. אָבער דער אינהאלט פון העקאטעאוס'עס שריפטען האָט ניט געקלעקט אָפצושלאָגען אינגאנצען מאַ־נעטהאָ'ן. די אידען האָבען דערפאר זיך גענומען די פרייהייט איבערצואַר־בייטען און צו מאכען פולער דעם באריכט פון העקאטעאוס'ן וועגען זיי. די דאָזיגע ליטעראַרישע אָפנאַרעריי האָט קענטיג אין מאנכע פאלען געהאט אַ ערפאָלג, ווארים די אידען האָבען ארויסגעגעבען אַ גרעסערע צאָהל פון אַזעל־כע שריפטען און האָבען אפילו אריינגעלעגט פערזען אינ'ם מויל פון דעם אָדער יענעם באריהמטען גריכישען פאָעט. דאָס ווייזט ווי גרינגליך די אידען אין די פרעמדע לענדער זיינען דעמאָלט באקאנט געווען מיט דער גריכישער ליטעראַטור.

פארשידענע קלאַסען צווישען די אידען אין די פרעמדע לענדער.

הגם מיר האָבען גערעדט וועגען דעם אידישען לעבען אין פרעמדע לענ־דער בדרך כלל, טאָרען מיר אָבער דערביי ניט פארגעסען, אז די אידען זיי־נען דאָרטען ניט געווען קיין איינהייטליכע מאַסע, נאָר האָבען זיך שטאַרק אונטערשיידט צווישען זיך. קודם כל האָבען זיי זיך אונטערשיידט עקאָ־

נאַמיש. זיי האָבען דאָרטען כמעט אַלע געהערט צו דער גרויסשטעטישער באַפעלקערונג. איינער אבער איז רייך געוואָרען פון מסחר, דער אנדערער האָט אַלס בעל־מלאכה ניט געוואוסט פון קיין דחקות, דער דריטער האָט אַלס לוינארבייטער זיך קוים מפרנס געווען. די פאַרשידענקייט אין דעם מאַטעריעלען מצב פון דער אידישער באַפעלקערונג אין די העלעניסטישע צענטערס האָט זיך אָבער אויך געמוזט אָפּרופען אויף איהר קולטורעלען לע־בען. נאָר די העברעע קרייזען האָבען געקאָנט נעמען אַן אמת׳ען אנטייל אין די קולטור־אוצרות פון די גריכען. דער העברערער קלאַס האָט דערפאַר געמוזט זיין מעהר העלעניזירט איידער דער מיטעלשטאַנד און דער פּראָ־לעטאַריאַט.

ניט קוקענדיג אָבער אויף די דאָזיגע חילוקים, איז אין דער פרעמד קיינמאָל און אין ערגעץ ניט געקומען צו אַ צוזאמענשטויס צווישען יודענ־טום און העלעניזם; בעת דער היפּוך צווישען אַט דיביידע ריכטונגען האָט אינדערהיים אַרויסגערופען אַ קאַמף אויף לעבען און טויט.

4.

דאָס אידישע לעבען אין יהודה.

די מאַכט פון דעם כהן גדול.

אונטער דער גריכישער הערשאַפט האָבען די אידען קענטיג באַקומען מעהר פּאָליטישע אויטאָנאָמיע, און דאָס האָט געבראַכט אַ וויכטיגע ענדערונג אין דער קאָנסטיטוציע פון יהודה. די עגיפּטישע מלכים האָבען ניט גע־האַלטען זייערען אַ גובערנאַטאָר אין ירושלים, ווי די פּערסער, נאָר דער כהן גדול איז געווען אויך דער פּאָליטישער פאַרשטעהער פון די אידען און דעם קעניג׳ס פאַרטרעטער אין דעם לאַנד. עס ווייזט אויס, אַז בשעת דער כהן גדול פלעגט באַטרעטען דעם אַמט פון דער כהונה גדולה, פלעגט ער, שוין אונטער די פּטאָלעמעער, באַשטימט ווערען פון דעם קעניג אַלס פּאָלי־טישער פאַרשטעהער פון יהודה, און ער פלעגט צאָהלען פאַר אַט דעם וועלט־ליכען אַמט אַ באַזונדערע יעהרליכע שטייער פון צוואַנציג טאַלענטען זיל־בער. אַט די נייע מאַכט פון דעם כהן גדול האָט געפיהרט שפּעטער צו גרויסע רעזולטאַטען און צו געוואַלדיגע היסטאָרישע געשעהענישען.

די גערוזיא און די פאָלקספאַרזאַמלונג.

ביי דער זייט פון דעם כהן גדול איז געשטאַנען די גערוזיא אָדער דער ראַט פון די עלטסטע אין ירושלים. די דאָזיגע קערפּערשאַפט ווערט דערמאַנט דאָס ערשטע מאָל אין פאַרבינדונג מיט די קאָנצעסיעס, וואָס אנטיוכוס דער גרויסער האָט באַוויליגט צו די אידען (יוסף פלאַוויוס, אַלטערטימער י"ב 3 § 4). שוין אין דער פּערסישער תקופה האָבען די פאָרשטעהער פון די פאַמיליעס („זקנים", אַראַמעאיש „שבים") געהאַט די דעה אין דער געמיינדע*). איצט אָבער האָבען די דאָזיגע אַריסטאָקראַטען געבילדעט אַן אָרגאַניזירטע און אנערקענטע קערפּערשאַפט, וואָס איהר גע־זעצגעבערישע און אויספיהרענדיגע מאַכט איז כסדר געוואַקסען.

אָבער עס זיינען נאָך אויך געבליבען מאַנכע דעמאָקראַטישע אינסטי־טוציעס אין יהודה. אויך איצט פלעגען נאָך פאַרקומען פאָלקס־פאַרזאַמלונ־גען צו באַטראַכטען פראַגען, וואָס זיינען נוגע דעם גאַנצען כלל. פון אַזאַ פאַרזאַמלונג האָט יוסף בן־טוביה באַקומען די פולמאַכט פון די אידען צו ווע־רען זייער פאַרטרעטער ביי דעם קעניג**).

די כהנים גדולים פון אַלעקסאַנדער ביז אנטיוכוס עפּיפאַנעס. שמעון הצדיק.

פון די שריפטען פון יוסף פלאַוויוס ווייסען מיר די נעמען פון די כהנים גדולים אין דער גריכישער עפּאָכע. די דאָזיגע ליסטע איז אָבער ניט קיין זיכערע און מיר קאָנען אויך ניט באַשטימען גענוי די צייט ווען די כהנים גדולים האָבען רעגירט.

בשעת אַלעקסאַנדער האָט איינגענומען ירושלים איז דער כהן גדול גע־ווען ידוע בן־יוחנן***). זיין נאָכפאָלגער איז געווען זיין זוהן חוניו דער ערשטער. חוניו'ס נאָכפאָלגער איז געווען זיין זוהן שמעון דער ערשטער אָדער שמעון הצדיק (אַלטערטימער י"ב 2 § 5). צו איהם ווערט צוגע־

---

*) זעה אויבען ז. 106, 107.

**) זעה וויי־טער ז. 203. פאַרגלייך אויך אויבען ז. 107.

***) אַזוי לויט יוסף פלאַוויוס. לויט דער תלמודישער טראַדיציע איז דעמאָלט געווען כהן גדול ידוע'ס אייניקעל שמעון הצדיק.

שריבען דער שפרוך: „אויף דריי זאכען באשטעהט די וועלט: אויף דער תורה און אויף דער עבודה און אויף גמילות חסדים“ (פרקי אבות א, 2). יהושע בן־סירא דערצעהלט אונז פון איהם, אז ער האט צורעכטגעמאכט און באפעסטיגט דעם בית־המקדש און די שטאט און האט זי באווארענט מיט וואסער (בן־סירא נ 1-4). ער איז זעהר באליבט געוועזן ביים פאלק, ווייל ער האט תמיד פאר איהם געזארגט*). יהושע בן־סירא האט ניט גענוג ווער־טער אפצושילדערען דעם הדרת־פנים און דעם אימפאזאנטען אויפטריט פון דעם דאזיגען פרומען כהן גדול, בשעת ער פלעגט טאן די עבודה אין בית־המקדש, איינגעהילט אין זיינע פראכטיגע מלבושים און באגלייט פון זיינע ברידער די כהנים (בן־סירא נ 5-24).

נאך שמעון דעם ערשטען איז געוועזן כהן גדול זיינער א ברודער, אליעזר**). אלס אליעזר'ס נאכפאלגער ווערט דערמאנט שמעון דעם ערשטען'ס א פעטער מיט'ן נאמען מנשה, און אלס מנשה'ס נאכפאלגער — שמעון דעם ערשטען'ס זוהן, חוניו דער צווייטער. נאך חוניו'ן ווערט דער־מאנט אלס כהן גדול זיינער א זוהן, שמעון דער צווייטער***), און נאך שמעון'ען זיין זוהן חוניו דער דריטער, דער לעצטער געזעצליכער כהן גדול פון צדוק'ס הויז, וועלכער שפילט א ראלע אין דער פארגעשיכטע פון דעם חשמונאים־אויפשטאנד.

העלעניסטישע השפעות.

ווען מ'איז געקומען פון אלעקסאנדריע קיין ירושלים האט מען זיך גע־פיהלט עפעס אין אן אנדער סביבה. דא האט נאך געהערשט די טראדיציע

---

*) „הדואג לעמו מחתף ומחזק עירו מצר“, בן־סירא נ 4.

**) אליעזר'ן האט פלאוויוס גענומען פון דעם צוויופעלהאפטען אריסטעאס־בריוו. מאנכע פארשער רעכענען איהם דעריבער גארניט צווישען די כהנים גדולים.

***) לויט מאנכע פארשער איז ער עס געוועזן שמעון הצדיק, ניט זיין זיידע שמעון דער ערשטער. פארקערט ווידער זיינען מאנכע פארשער בספק, צי עס איז איבערהויפט גאר געוועזן א כהן גדול שמעון דער צווייטער. זיי נעמען אן, אז פלאוויוס האט דא א טעות געמאכט, אז דער דאזיגער שמעון איז ניט געוועזן קיין כהן גדול, נאר דאס איז געוועזן שמעון, דער זוהן און נאכפאלגער פון יוסף בן־טוביה, וועלכער ווערט דערמאנט אין צווייטען ספר חשמונאים קאפ. ג, ד. פארגלייך ווייטער ז. 209-211. זעה אויך אין דר. ביכלער'ס „די טאביאדען און די אניאדען“ 1899, ז. 39—42 און אין הערמאנן גוטהע'ס „געשיכטע דעם פאלקעס איזראעל“ 1914, ז. 317, 318.

מיט איהר גאַנצער מאַכט; דאָ האָט מען נאָך געשפּירט דעם גייסט פון נחמיה און עזרא. און דער עיקר: דאָ, אפילו אין די מויערן פון דער הויפּטשטאָט, זיינען די מאַסען פון פאָלק ניט באַשטאַנען פון סוחרים, וואָס פאַרקערען מיט דער פרעמד און נעמען דאָס פרעמדע אויף אין זיך; נאָר פויערים זיינען זיי געווען, וואָס ווייסען פון דער ווייטער וועלט נאָר פון דעם, וואָס מ'הערט ווען ניט ווען דערצעהלענדיג.

הגם אָבער דער העלעניזם האָט אין דער צייט פון דער פּטאָלעמעער־הערשאַפט ניט געשלאָגען קיין טיפע וואָרצלען אין ירושלים און ער איז ניט געווען קיין סכנה פאַר דעם ארץ ישראל'דיגען יודענטום, האָבען דאָך גע־בלאָזען נייע ווינטען אויך אין יהודה. וואָרים ירושלים איז געלעגען נאָר איינינע טעג רייזע פון אלעקסאַנדריע, און ארום האָבען זיך געפונען אַסך נייע העלעניסטישע שטעט*). מאַסען אידען פלעגען קומען פון די דאָזיגע שטעט עולה־רגל זיין אין ירושלים און פלעגען מיטברייענגען מיט זיך די אַט־מאָספערע פון אַן אַנדער וועלט. גריכישע השפעות און גריכישע געדאַנקען האָבען דעריבער געמוזט אריינדרינגען אויך אין יהודה.

5.

חכמה־ליטעראַטור.

אַ גריכישע השפעה איז אויך פאַראַן אין מאַנכע שטעלען פון דער חכמה־ליטעראַטור, וואָס האָט אַזוי שטאַרק אויפגעבליהט אין דער פּערסיש־גריכישער צייט. מ'האָט איצט, נאָכ'ן אונטערגאַנג פון דער נבואה, געלע־רענט און דערצויגען דאָס פאָלק דורך ווערטלעך פון חכמה, דורך משלים**). צו דער דאָזיגער חכמה־ליטעראַטור געהערען: משלי, בן־סירא, קהלת, אַ רייה קאַפּיטלען תהלים, און, אין אַ ברייטערען זין, אויך איוב. אַ המשך צו דער

*) זעה וועגען די העלעניסטישע שטעט אין פּאַלעסטינע אויבען ז. 173, 174.

**) „משל" אַ שפּריכוואָרט; אַ קורצער, קלוגער זאַץ; אַ גלייכעניש; אַ ליד מיט אַ טיפערען זין. מ'מוז אָבער אונטערשיידען די דאָזיגע פּאָעטיש־קינסטלע־רישע משלים פון די אַלטע פאָלקסטימליכע שפּריכווערטער, וואָס מאַנכע פון זיי האָ־בען זיך דערהאַלטען אין תנ"ך (זעה שופטים ח 21; מלכים א, כ 11; יחזקאל ט"ז 44).

חכמה־ליטעראטור פון דער ביבעל איז „פרקי אבות" (שפרוכען פון די פאָטערס) אין דער משנה. אָט די אַלע חכמה־ספרים זיינען געשריבען אין העברעאיש. די אידען האָבען אָבער דעמאָלט געהאט אַ בוך פון חכמה אויך אין אראמעאיש: דעם ספר אחיקר, וועגען וועלכען מיר וועלען שפּעטער ריידען. דערצו האָבען די עגיפּטישע אידען פאַרפאַסט חכמה־ביכער אין גריכיש.

מ ש ל י.

חכמים, וואָס האָבען אויסגעדריקט זייערע עצות און געדאַנקען אין דער פאָרם פון אַ קורצען, ריטמישען שפּרוך, זיינען געווען ביי די אידען אין אַלע צייטען און זיינען פון אַלע מאָל באַקאַנט געווען אויך ביי אַנדערע פעלקער. די אידישע טראַדיציע, וואָס שרייבט צו די חכמה־ליטעראטור צו שלמה'ן און נעמט אָן, אַז ער האָט זי אריינגעפיהרט אין ישראל (מלכים א, ה 9-14), — האָט טאַקע מעגליך אַ היסטאָרישען יסוד. עס איז ניט אויסגעשלאָסען, אַז אין די עלטערע טיילען פון מ ש ל י*) געפינען זיך שפּרוכען, וואָס שטאַמען פון שלמה'ס און חזקיה'ס סביבה**). אָבער דער ספר משלי אין זיין היינטיגער געשטאַלט, בפרט נאָך דער ערשטער טייל זיינער (קאַפּ. א—ט), וואָס אַנטהאַלט ניט אַזוי איינצעלנע שפּרוכען, ווי גיכער אַ לעהררייכע אָפּהאַנדלונג אין אַ צוזאַמענהאַנג, — געהערט צו דער צייט, ביי וועלכער מיר האַלטען. אַ ראיה פאַר דעם איז די שכל'דיגע באַגרינדונג פון דער מאָראַל און נאָך מעהר די פּערזאָניפיצירונג פון דער חכמה (קאַפּ. ח, ט), וואו עס הערט זיך דער אָפּקלאַנג פון גריכישע געדאַנקען און באַגריפען.

שוין אין אַלטע צייטען איז געווען ביי די אידען, פּונקט ווי ביי אַנדערע פעלקער, אַ קלאַס פון חכמים, וואָס פלעגען לערנען ריין מענשליכע לעבענס־קלוגשאַפט***). זיי האָבען קיין שייכות ניט געהאַט צו דער קולטישער תורה פון די כהנים, אויך ניט צו דער רעליגיעז־מאָראַלישער לעהרע פון די נביאים, נאָר זיי האָבען געלערענט, ווי אַזוי זיך אויפצופיהרען אין פּראַקטישען לעבען. אין די קעניגליכע הויפען האָבען זיך געפונען אַלס „יועצים" אַזוינע

*) משלי איז אַ גרעסערע צוזאַמענשטעלונג פון קלענערע, פריהערדיגע זאַמלונגען. דאָס זעהט מען קלאָר פון די פאַרשידענע איבערשריפטען אין פאַרשידענע שטעלען פון דעם בוך: א 1; י 1; כ"ד 23; כ"ה 1; ל 1; ל"א 1.
**) פאַרגלייך אין באַנד 3, ז. 124.
***) זעה אין באַנד 1, ז. 23.

חכמים, וואָס האָבען געוואוסט זיך פאַנאַנדערצוקלייבען און צו געבען עצות אין אַלע סיטואַציעס. פון דער דאָזיגער וועלטליכער לעבענס־חכמה זיינען אונז געבליבען ביישפּילען אין משלי*). אָט די חכמה ווייסט ניט פון קיין נאַציאָנאַלע גרעניצען, נאָר איז אַלגעמיין מענשליך און אינטערנאַציאָנאַל. איהרע טרעגער האָבען אויך געקאָנט זיין די באַריהמטע אַלטעגיפּטישע חכמים אַני און פּטאַה־האָטעפּ**). ביים סוף פון משלי שטעהען טאַקע משלים צוגעשריבען צו אַגור בן־יקה און למואל, מלכים פון משא, אין צפון־אַראַביען (בראשית כ"ה 14). וואָרים פּונקט ווי די עגיפּטער, אַזוי זיינען אויך די „בני קדם" (די קינדער פון די מזרח־געגענדען) געווען ווייט באַריהמט מיט זייער חכמה (בראשית מ"א 8; מלכים א, ה 10; ירמיה מ"ט 7). אויך איוב און זיינע חברים זיינען פון די „בני קדם".

אָבער דער ספר משלי שעפּט זיך ניט אויס מיט אָט דער וועלטליכער חכמה. ער ווייסט אויך פון חכמים, וואָס זיינען רעליגיעזע לעהרער. זיי זאַמלען אַרום זיך אַ קרייז פון תלמידים („בנים", זיהן) און פיהרען זיי אַריין אין זייער גייסטיגער וועלט. אָבער אויך די רעליגיעזע לעהרער פון משלי זיינען ניט קיין סופרים***) אין אַן ענגערען זין. זיי דערמאַנען אין ערגעץ ניט דעם בית־המקדש און די עבודה. אויך די תורה, פון וועלכער זיי ריידען, איז ניט די געשריבענע תורה פון חומש, נאָר די מינדליכע אָנווייזונג פון די חכמים****). זעלבסטפאַרשטענדליך שטעהען זיי פעסט אויף דעם באָדען פון יודענטום. עס איז דאָ נאָר איין גאָט, און ער באַצאָהלט יעדען איינצעלנעם

---

*) די עלטסטע זאַמלונג פון משלי (קאַפּ. כ"ה—כ"ז) באַשטעהט אין עצם פון פּראַקטישער לעבענסקלוגשאַפט.

**) פּטאַה־האָטעפּ איז געווען אַ וועזיר אונטער דעם קעניג עסע, אַרום 2600 פאַר קר. דער פּאַפּירוס מיט זיינע קלוגע שפּרוכען, וואָס מ'האָט אין פאָריגען יאָהר־הונדערט אַנטדעקט, איז געשריבען געוואָרען אַרום 2000 פאַר קר. — דער פּאַפּירוס מיט דער שפּרוכזאַמלונג פון אַני שטאַמט פון דער צייט פון דער 21טער דינאַסטיע (אַן ערך 1100—950 פאַר קר.). די טעקסטען ביי: Gressmann, Altorientalische Texte und Bilder, S. 201 און ביי: Budge, The Literature of the Ancient Egyptians, p. 224-231.

***) זעה אויבען ז. 113—115.

****) מיט דער אויסנאַם פון ל 5, 6, וואָס האָט פּאַראַלעלען אין תהלים אָבער ניט אין דער עלטערער חכמה פון משלי. די דאָזיגע צוויי פסוקים ווערען דערפאַר אָנגענומען פון די מאָדערנע מבארים אַלס הוספה פון אַ פרומען איבערשרייבער צו די סקעפּטישע געדאַנקען פון פסוק 1—4.

אויף דער־וועלט — פון א יענע־וועלט ווערט ניט דערמאנט — פאר זיינע מעשים. די רעליגיאן איז דעריבער דער יסוד פון זייער חכמה. „גאטס־פארכטיגקייט איז דער אנהויב פון חכמה" (משלי א 7; ט 10). אבער זייער פרומקייט איז ניט באשרענקט אויף די געשריבענע דינים פון דער תורה. זיי זיינען בכן אן ענליכער טיפ פון בעלי־מוסר, פון רעליגיעז־מאראלישע לעה־רער, ווי די אמאליגע נביאים, נאר אהן דעם שוואונג פון זייער ווארט און אהן דעם עקסטאז פון זייער נשמה. פונקט ווי די נביאים, אזוי האבען אויך זייערע נאכפאלגער, די חכמים, געהייסען געהן אין גאט'ס וועג. אבער דער הויכער מאראלישער שוואונג פון די נביאים איז פארוואנדעלט געווארען ביי די חכמים אין פאפולערער קלוגשאפט.

בן־סירא.

אבער וואס מעהר די אויטאריטעט פון דער געשריבענער תורה האט זיך איינגעווארצעלט אין אידישען לעבען, אלץ אידיש־רעליגיעזער איז געווארען די חכמה און אלץ מעהר האט דער חכם זיך דערנעהנטערט צום סופר. אז די חכמה קומט פון גאט, דאס האבען אלע חכמים אנגענומען. אבער ווי אזוי און אויף וועלכען וועג האט גאט אנטפלעקט זיין חכמה צו די מענשען? דער ענטפער איז פאר דעם פרומען אידען געלעגען נאהנט ביי דער האנט: דורך זיין תורה, וואס ער האט אנטפלעקט צו משה'ן, און דורך זיין ווארט, וואס ער האט אנטפלעקט צו די נביאים. אזא ענטפער האבען די פריהער־דיגע חכמים ניט געגעבען (איוב כ"ח 12); מיר געפינען איהם אבער אין אסך שטעלען אין תהלים און צום קלארסטען אין בן־סירא. די קאסמישע חכמה פון די פריהערדיגע חכמים (משלי ח; איוב ט 7, 8) איז ביי בן־סירא אלץ־איינס מיט דער תורה: זי איז עס פון לכתחילה אן געווען ביי גאט נאך איידער די וועלט איז באשאפען געווארען, איז אבער דערנאך אראפגעשטיגען צו די מענשען און האט צווישען אלע פעלקער זיך אויסגעקליבען דאס פאלק ישראל פאר איהר וואוינארט (קאפ. 24). אויך פון דער עבודה האט בן־סירא זעהר א הויכע מיינונג, אבער נאר ווייל גאט האט אזוי אנגעזאגט (ל"ב 6). ער שטעלט בכן מיט זיך פאר א שפעטערע צייט איידער די חכמים פון משלי, א צייט ווען דער חכם איז געווארען א סופר.

יהושע בן־סירא האט געלעבט אין ירושלים ארום דעם סוף פון דריטען יאהרהונדערט (פאר קר.) און האט געשריבען זיין חכמה־בוך אין העברע־

איש*) על־כל־פנים נאָך פאר דעם אויסברוך פון דעם חשמונאים־אויפשטאַנד. לויט זיינע אייגענע רייד האָט ער געהאט אין ירושלים א „בית־מדרש", אַן אַקאַדעמיע, וואו ער האָט דערצויגען די אידישע יוגענד אין דעם גייסט פון תורה און חכמה**). עס ווייזט אויס, אז מיט זיין טעטיגקייט אלס לעהרער איז ער אויסען געווען צו דערוויטערען זיינע תלמידים פון דער פרעמדער, גריכישער, חכמה און זיי אַריינצופיהרען אין דער העברעער אידישער חכמה. „שעם דיך ניט מיט דער תורה פון דעם אויבערשטען און דאָס זאָל תמיד זיין דיין געשפרעך", זאָגט ער זיינע תלמידים אָן (ט 15; מ"ב 2). אויך בן־סירא'ס אידעאַל איז די חכמה, אבער דאָס איז ניט די אלגעמיין מענשליכע חכמה פון די חכמים פון פריהערדיגען דור, נאָר די חכמה פון דעם סופר, פון דעם געלעהרטען אין די היילינע שריפטען. אמת טאַקע, אז אלע האָבען א חלק אין דער חכמה, אבער מיט די פרומע איז זי שוין אין מוטערלייב באַשאַפען געוואָרען (א 10, 14). געגען דער אידישער תורה קאן דערפאר די גריכישע חכמה זיך ניט שטעלען. ער זעהט אין איהר נאָר „כל'ערליי גע־דאַנקען פון די מענשענקינדער און שלעכטע פאַרשטעלונגען וואָס פיהרען פון וועג אַראָפּ"***).

דאָס אידישע לעבען לויט דעם ספר בן־סירא.

בן־סירא האָט פארמאָגט א שאַרפע אויג צו באָאַבאַכטען דאָס לעבען אַרום. זיינע חכמה־שפּרוכען לאָזען אונז דערפאַר אַריינבליקען אין דעם אי־

*) זיין אייניקעל איז ארום יאהר 130 געקומען קיין עגיפּטען און האָט דאָרטען איבערגעזעצט דאָס בוך אין גריכיש מיט א הקדמה פאַראויס. פון דער דאָזיגער גריכישער איבערזעצונג זיינען געמאַכט געוואָרען שפּעטער אלע אנדערע איבערזעצונגען (אַחוץ די סירישע, וואָס איז געמאַכט געוואָרען פון העברעאישען אָריגינאַל). די אידען האָבען ניט אריינגענומען דעם ספר בן־סירא אין די „כתבי קדש", הגם ער ווערט אַסך מאָל געבראַכט אין תלמוד. ר' סעדיה גאון (אין צעהנ־טען יאהרהונדערט) האָט נאָך געהאט פאר זיך דעם העברעאישען אָריגינאַל. שפּע־טער איז ער פאַרשוואונדען. ערשט אין די לעצטע יאהרען פון פאָריגען יאהר־הונדערט זיינען אין דער „גניזה" פון א שול אין קאַאירא אנטדעקט געוואָרען טיילען (אַרום צוויי דריטעל) פון דעם העברעאישען טעקסט.

**) „סכלים פּנו אלי ולינו בבית מדרשי" (איהר נאַרען, ווענדט זיך צו מיר און האלט זיך אויף אין מיין בית־מדרש). קאַפּ. נ"א 23.

***) „כי רבים עשתוני בני אדם ודמיונות רעות מתעות", קאַפּ. ג 24.

נערליכען מצב פון ירושלים, נאכדעם ווי זי איז געשטאנען איבער הונדערט יאהר אונטער דער גריכישער הערשאפט.

די סופרים זיינען געווארען א באזונדערער קלאס. די בילדונג פון דעם סופר איז א פיעלזייטיגע. ניט נאר מוז ער קענען די דינים פון דער תורה, ער מוז אויך זיין קלאר אין דער טיפער חכמה און אין דער גאנ־צער ליטעראטור פון די פריהערדיגע דורות. ער מוז אויך זיין באקאנט מיט פירשטליכע הויפען און זיין בארייזט אין פרעמדע לענדער, כדי צו פארשטעהן די מענשען. ווער עס וויל באזיצען די חכמה פון א סופר, מוז איננאנצען זיך אפגעבען מיט זיין שטודיום און טאר ניט האבען קיין אנדערע עסקים, לויט בן־סירא׳ס מיינונג. אמת טאקע, אז אויף די פויערים און בעלי־מלאכות האלט זיך די וועלט און מ׳קאן אהן זיי ניט אויסקומען; אבער קיין חכמה דערגרייכען קאנען זיי ניט, מחמת זיי זיינען איננאנצען פארטאן אין זייער ארבייט. דעריבער פארלאנגט מען נאר די סופרים אין דער פאלקסבאראטונג, נאר זיי זאגען א ברייטע דעה אין דער פארזאמלונג פון דער געמיינדע, זיצען אויף דעם שטול פון די שופטים, טייטשען אויס די תורה און זאגען קלוגע משלים, אבער ניט די פויערים און די האנטווערקער (בן־סירא ל״ח 24 — ל״ט 5).

בן־סירא דערמאנט אויך אנדערע פראפעסיעס און באשעפטיגונגען, מיט וועלכע עס האבען זיך אפגעגעבען געבילדעטע אידען, וואס האבען ניט פאר־מאגט די פרייע צייט און די פעהיגקייט צו ווערען סופרים. מיר הערען פון רופאים און פון אפטייקערס, וועלכע האבען צוגעגרייט די מיקסטורען וואס די רופאים האבען פארשריבען*). מ׳דארף אננעמען, אז די רופאים הא־בען דעמאלט פראקטיצירט אויף׳ן גריכישען שטייגער. אסך אידען האבען געקוקט אויף׳ן רופא מיט חשד. בן־סירא עצה׳ט דעריבער דעם חולה, אז ער זאל תשובה טאן און מתפלל זיין צו גאט און מקריב זיין רייכע קרבנות, אבער ער זאל אויך רופען דעם רופא, ווארים אויך ער האט זיין חכמה פון גאט. אי דעם רופא, אי די רפואות האט גאט באשאפען, און א קלוגער טאר זיי ניט פאראכטען.

צווישען די, וואס זיינען תמיד פארטאן אין זייער ארבייט, דערמאנט בן־סירא דעם פויער, „וואס האלט דעם אקער און שמועסט מיט די אקסען״; דעם בויארבייטער און בוימייסטער, „וואס ארבייטען ביי טאג און ביי נאכט״; דעם גראווירער, „וואס מאכט אויס פארשידענארטיגע בילדער אויף

---

*) „רוקח עושה מרקחת״, ל״ח 8.

שטעמפעל־רינגעו" ; דעם שמיד (מעטאַל־אַרבייטער), „וואָס זיצט ביים שמיד־קלאָץ און אונטערזוכט די אייזערנע געצייג, וואָס דער רויך פון דעם פייער מאַכט אויפשפּרינגען זיין פלייש, די קלאַפּעריי פון דעם האַמער מאַכט טויב זיין אויער און זיינע אויגען זיינען אַנגעקלעפּט אַן דעם מאָדעל פון דער כלי" ; דעם טעפער, „וואָס דרעהט די שויב מיט זיינע פיס און איז תמיד פאַרזאָרגט וועגען זיין מלאכה". בעת ביי די גריכישע אַריסטאָקראַטען איז געווען דער אידעאַל ניט צו טאָן קיין פיזישע אַרבייט, איז עס ביי די אידען געווען אַ כבוד. „פאַראַכט ניט די האַרעוואַניע און די ערדאַרבייט וואָס גאָט האָט געגעבען", זאָגט אַן בן־סירא (ז 15). מ'זעהט אָבער פון דעם דאָזיגען שפּרוך, אַז דעם אידישען פויער האָט זיך דאַמאָלסט ניט געלעבט לייכט. ניט קיין קליינע שולד האָט דערין געהאַט דער דרוק פון שטייערן, וואָס איז נאָך שווערער געוואָרען אונטער דער הערשאַפט פון די סעלעוקידען. עס איז דערפאַר גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס אידישע פויערים האָבען אין יענער צייט פאַרלאָזען דעם אַקער און עמיגרירט אין פרעמדע לענדער, וואו זיי האָבען געקאָנט זיך גרינגער מפרנס זיין פון האַנדעל און האַנטווערק.

דאָס בילד, וואָס בן־סירא גיט אונז פון דעם סאָציאַלען לעבען פון זיין צייט, איז ניט קיין אַנציהענדעס. גאָלד איז פאַראַן אַסך אין יהודה, פּונקט ווי אין אַלעקסאַנדריע. מיט אַ רייכען זיך אַנצוהייבען האָט מען מורא, וואָרים זיינע מתנות פאַרבלענדען אַלעמענ'ס אויגען (ח 2 ; כ 29). „פּונקט ווי דער ווילדער אייזעל איז די רויב פון דעם לייב, אַזוי זיינען די אָרימע די פּאַשע פון דעם רייכען" (י"ג 19). אַלע יאָגען זיך דעריבער נאָך געלט און מ'טוט אַלץ אין דער וועלט נאָר עס צו קריגען (כ"ז 1). עס געפינען זיך אפילו מע־נער, וואָס האָבען חתונה מיט רייכע יורש'טעס צוליב זייער געלט. בן־סירא זאָגט דערפאַר, אַז „קנעכטשאַפט און שאַנד איז אַ פרוי, וואָס האַלט אויס איהר מאַן" (כ"ה 22).

בן־סירא גיט אונז אויך אַ טריי בילד פון דעם אידישען פאַמיליענלע־בען. דער מאַן איז דער שטרענגער הערשער אין זיין הויז. קינדער טאָר מען ניט זשאַלעווען קיין ריטער, מ'טאָר ניט זיין צערטליך צו זיי און זיי ניט געבען קיין פרייהייטען, אויב מ'וויל ניט האָבען פון זיי שפּעטער קיין חרפּות־ביושים (כ"ב 6 ; ל 1־13). מאַן און פרוי לעבען גליקליך צוזאַמען, אָבער קיין גלייכקייט הערשט ניט צווישען זיי. „פּונקט ווי די זון שיינט אויף אין הימעל, אַזוי די שענקייט פון אַ גוטער פרוי אין דעם איינגעאָרד־נעטען הויז פון אַ מאַן" (כ"ו 16). אַ שלעכטע פרוי מוז מען האַלטען אונ־טער אַ שטרענגער השגחה (מ"ב 6). „גיב דעם וואַסער אַ פרייען דורכבורך

און גיב די ממשלה א שלעכטער פרוי" (כ"ה 25). ווען א פרוי האָט ניט געפאָלגט איהר מאַן, האָט ער זי געקאָנט גט'ן (כ"ה 26). די מעהרסטע פרויען, וואָס בן־סירא האָט געקענט, זיינען, ווייזט אויס, געווען אייפערזיכטיגע, האָבען געהאַט גרויסע מיילער און האָבען געטריבען רכילות, און מאַנכע האָבען אויך געשיכור'ט און זיינען געווען אויסגעלאַסען (כ"ה 16־26; כ"ו 5־12). פונקט ווי אין היינטיגען אָריענט, אַזוי איז דעמאָלט דער מאַן באַטראַכט געוואָרען פאַר דעם איינציגען וויכטיגען מיטגליד פון דער געזעלשאַפט, און פרויען, קינדער און קנעכט זיינען געווען זיינע מטלטלין. אַ מאַן האָט דעריבער געפונען אמת'ע חבר'שאַפט נאָר אין דער געזעלשאַפט פון מענער.

אָרום און אָרום האָט דאָס סאָציאַלע און הויזליכע לעבען ניט געקאָנט דעמאָלט באַגייסטערען די אידען. די איינציגע כוחות, וואָס האָבען זיי אייפגעהאַלטען און האָבען אריינגעגעבען אין זיי מוט און ענטוזיאַזם, זיינען געווען די נאַציאָנאַלע ערינערונגען און האָפנונגען.

קהלת.

בן־סירא איז דער פאָרטרעטער פון די פרומע חכמים, וואָס קיין שום פרעמדע השפעה האָט ניט געקאָנט צעטרייסלען זייער פרומע, אידישע וועלטבאַטראַכטונג. אָבער עס זיינען אויך געווען דעמאָלט אידישע חכמים, וואָס האָבען זיך באַקענט מיט גריכישע געדאַנקען און האָבען דורך דעם פאַרלאָרען זייער אינערליכען גלייכגעוויכט. אַזאַ זאָרט חכם איז געווען ק ה ל ת*), אַ לעהרער פון חכמה און אַ דיכטער פון משלים אין ירושלים (י"ב 9) בערך אין דער צייט, ביי וועלכער מיר האַלטען איצט.

ק ה ל ת טרעט אויף אין זיין בוך אין אַ דורכזיכטיגער מאַסקע אַלס קעניג שלמה, דער לעגענדאַרישער אורטיפ פון אַ חכם. ער איז געווען רייך, האָט אַרומגערייזט איבער דער וועלט און האָט דאָרטען אַסך זיך אָנגעזעהן

*) לויט מאַנכע פאָרשער באַדייט „קהלת" אַ קהל פון חכמים, (ווי „סופרת" — אַ געזעלשאַפט פון סופרים, עזרא ב 55) און אויך אַ חכם וואָס טרעט אויף אין אַזאַ פאַרזאַמלונג. אַנדערע ווידער נעמען אָן, אַז קהלת איז אַ פסעוודאָנים אָדער ביינאָמען פונ'ם מחבר. פונקט אַזוי איז דער פערסישער דיכטער שעמס עדין מוהאַמעד געגאַנגען אונטער'ן נאָמען האַפיז (האַפיז באַדייט דער וואָס האַלט אין זכרון, וואָס געדענקט דעם קאָראַן; אַ באַצייכענונג פאַר אַ דערוויש וואָס האָט זיך אויסגעלערנט דעם קאָראַן אויף אויסווענינג).

און אַנגעהערט. דאָס נייע, וואָס ער האָט אין זיך אריינגעזאַפּט, האָט זיך ניט געקאָנט אין איהם פאַראייניגען מיט דעם אלטען, און ער איז געבליבען מיט „צוויי הערצער אין איין ברוסט", אַ צווייפלער און אַפּט אויך אַ פאַר־צווייפעלטער. דאָס מענשליכע לעבען איז אַהן אַ צוועק און אַ ציל, אַ יאַגע־ניש נאָך ווינט, אַן אייביגע בייטעניש, וואָס פיהרט ניט ווייטער און שאַפט ניט עפּעס נייעס, וואָס איז פריהער שוין ניט געווען און וועט שפּעטער ניט ווידער זיין. אויך די מעלה פון דעם חכם, וואָס ער האָט זיינע אויגען אין קאָפּ, שיצט איהם ניט פון דעם גורל פון דעם נאַרען, וואָס לעבט אין דער פינסטערניש; צווישען מענשען און בהמות איז גאָר ניט פאַראַן קיין חילוק. אַלע מוזען זיי שטאַרבען, און דערמיט איז אַלצדינג געענדיגט. הייסט צו־וואָס די יאַגעניש און מאַטערניש? אויך פון אַ גערעכטער אָרדענונג אין דער וועלט קאָן קיין רייד ניט זיין: צו אָפּט לעבען די רשעים אין גליק און שטאַרבען אין עהרע, מיט אַ שענער קבורה, בעת צדיקים קומען אום אין עלענד און ווערען פאַרגעסען. אַזוי אַרום קומט ער צו דעם סך־הכל, אַז „די טויטע, וואָס זיינען שוין געשטאָרבען, זיינען גליקליכער פאַר די לעבע־דיגע, וואָס לעבען נאָך; און בעסער פון ביידען איז דעם, וואָס איז נאָך ניט געבאָרען געוואָרען, וואָס האָט נאָך ניט געזעהן די שלעכטע טואונג, וואָס ווערט געטאָן אונטער דער זון" (ד 2, 3).

אָבער קיין פּעסימיסט איז קהלת נאָך אַלעמען ניט. ניט קוקענדיג אויף זיין נאַקעטען סקעפּטיציזם, איז זיין שטעלונג צום לעבען דאָך אַ פּאָזיטיווע. ער וואָלט וועלען, אַז די וועלט זאָל זיין אַ בעסערע, אַז פרומקייט און גע־רעכטיגקייט זאָלען באַלוינט ווערען. ער בענקט ניט נאָכ'ן טויט; אדרבה, עס כאַפּט איהם אַ גרויל פאַר דער נישטיגקייט פון דעם טויט. אויך צו דעם שטרעבען נאָך חכמה האָט ער אַ פּאָזיטיווע שטעלונג. פּונקט ווי די חכמים פון משלי און ווי בן־סירא איז ער שטאָלץ דערמיט, וואָס ער באַזיצט די חכמה, הגם אין דער טעאָריע דערקלערט ער זי פאַר נוצלאָז.

קהלת גלויבט אויך, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט און אַז אַלץ קומט פון איהם. דאָס איז ביי איהם אַ פאַרבאַדינג. אפילו דאָס וואָס אַ מענש געניסט עפּעס אַ ביסעל פון זיין געמאַטערטען לעבען איז אויך פון גאָט'ס האַנט. אָבער קהלת'ס גאָט איז די אַלמעכטיגע נויטווענדיגקייט, דער אייזערנער שיקזאַל. מ'קען דערפאַר קיין קשיות ניט פרעגען אויף אַזאַ גאָט און ניט פאָדערען פון איהם קיין יושר אין זיין וועלט־פיהרונג. גאָט איז אויפ'ן הימעל און דער מענש אויף דר'ערד, און עס לוינט ניט זיך אויסצו'טענה'ען מיט אַ שטאַר־קערען. קהלת פיהלט דעריבער לגבי גאָט נאָר מורא און אָפּהענגיגקייט. עס

פעהלט איהם די ספעציפיש אידישע פרומקייט: די פערזענליכע באציהונג צו גאט, דער בטחון אין איהם, דער גלויבען אין א באלוינונג און א באַשטראפונג פאר דעם מענשען'ס מעשים. א געוואלדיגער מרחק שיידט איהם אפ פון יענע פרומע דיכטער, וואס האבען אויסגעדריקט זייער הארציגע פרומקייט אין די תהלים-לידער, אדער פון דעם דיכטער פון איוב, מיט זיין געפיהל פון צוזאמענזיין מיט גאט.

קהלת איז געווען אינערליך א צעריסענער מענש, און צעריסען איז אויך זיין סטיל. ער גיט ניט קיין סיסטעמאטישע אפהאנדלונג, קיין לאגישען געדאנקענגאנג. לויט זיין שטימונג אין דעם מאמענט האט ער אויסגעדריקט אין אפאריזמען זיינע באטראכטונגען און גריבלונגען. עס איז דערפאר קיין חידוש ניט וואס ער איז זיך אזוי אפט סותר. דער ספר קהלת האט בכן א גרויסע היסטארישע באדייטונג, ווייל ער ווייזט אונז די צעריסענקייט און דעם אינערליכען נשמה-קאמף פון מאנכע געבילדעטע אידישע קרייזען אין דער גריכישער עפאכע.

דער ספר אחיקר.

צו דער וועלטליכער חכמה-ליטעראטור פון די אידען אין יענער צייט געהערט אויך דער ספר אחיקר, וואס זיין הויפטצוועק איז ניט אזוי דער ראמאן פון אחיקר'ן, ווי די קלוגע שפּרוכען, וואס ווערען צוגעשריבען צו איהם. דער קיצור פון דער מעשה איז אזוי:

אחיקר, א קלוגער מיניסטער ביי סנחריב'ן און אסר-חדון'ען, האט ניט קיין אייגענע קינדער. ער דערציהט דעריבער זיין פּלעמעניק נדאן און פיהרט איהם אריין דורך קלוגע שפּרוכען אין דער חכמה, וואס ער באדארף, כדי מצליח צו זיין, ווען ער וועט ווערען זיין נאכפאלגער אלס וועזיר. נדאן פיהרט אבער א שלעכט לעבען און אחיקר נעמט צו זיך צו נדאן'ס אינגערען ברודער. נדאן איז זיך נוקם אז אחיקר'ן, און דורך פאלשע בריף מאכט ער אויף איהם א בלבול, אז ער האט געוואלט פאררעטען סנחריב'ן. דער קעניג פאר'משפט איהם צום טויט, נאר דער תליון שאנעוועט איהם און באַהאלט איהם אונטער דר'ערד. שפעטער אבער באדארף סנחריב א גרויסען חכם. ער דערגעהט, אז אחיקר לעבט נאך. ער לאזט איהם רופען צו זיך, און אחיקר קריגט ווידער זיין אמאליגע גדולה. ער נעמט איצט נדאן'ען געפאנגען און האלט פאר איהם א לאנגע דרשה פון מוסר, פארגלייכענדיג

זיין הנהגה מיט דער נארישער אויפפיהרונג פון פארשידענע חיות. נאדאן בעט איהם דעמאָלט, אז ער זאָל איהם מוחל זיין, נאר אחיקר ענטפערט איהם מיט אלערליי קלוגע שפרוכען. נאדאן ווערט סוף־כל־סוף געשוואָלען ווי א לאָגעל און פּלאצט אוועק און שטאַרבט. ווארים „ווער עס גראָבט א גרוב פאר אן אנדערען, פאלט אליין אריין" (פארגלייך משלי כ"ו 27; בן־סירא כ"ז 26).

די דאָזיגע געשיכטע האָט זיך דערהאַלטען אין א סירישען, ארמענישען און סלאווישען נוסח, אויך אין אן אראבישען אין די הוספות צו טויזענט און איין נאכט. די גריכען האָבען עס איבערגעטראָגען אויף עזאפ'ן. לעצ־טענס האָט מען אנטדעקט פראגמענטען פון אן אראמעאישען נוסח צווישען די פאפירוסען פון עלעפאנטין*). א טייל פארשער נעמען אָן, אז דער מקור פון דעם אחיקר־בוך איז געוועזן א העברעאישער. לויט אנדערע איז דער אָריגינאל געוועזן אן אראמעאישער. נאר אויך אין דעם פאַל דאַרף מען אננעמען, אז עס האָט עקסיסטירט אין יענע צייטען א העברעאישער נוסח. על־כל־פנים איז די מעשה פון אחיקר געוועזן פאָפולער ביי די אידען אין דער העלעניסטישער צייט, ווארים דער מחבר פון דעם ספר טוביה באַ־ציהט זיך אסך מאָל אויף איהר און מאכט טוביה'ן פאר אחיקר'ס א פלע־מעניק (א 21, 22; ב 10; י"א 17; י"ד 10).

6.

אַפּאָקאַליפּטישע ליטעראַטור.

דער פלאם פון דער נבואה איז שוין געוועזן פארלאָשען. ווען ניט ווען האָבען זיך נאָך באוויזען קינסטליכע נאָכמאכונגען פון דעם ליטעראַרישען סטיל פון די אמאָליגע נביאים, אָבער די לעבעדיגע טעטיגקייט פון דעם נביא האָט אויפגעהערט נאָך עזרא'ס רעפאָרם. עס האָבען זי איבערגענומען: דער כהן, וואָס איז דורך דער עבודה געוועזן דער פארמיטלער צווישען דעם

*) זעה אויבען ז. 88, 89.

מענשען און גאט; דער סופר, וואס האט אויסגעטייטשט גאט׳ס געשריבענע תורה; און דער חכם, וואס האט געלערענט דעם פאלק אלגעמיינע רעליגיעז־מאראלישע פרינציפען.

אבער דער נביא איז געווען זעהר פיעלזייטיג. לעבענדיג אינגאנצען מיט דער געגענווארט און זוכענדיג צו ווירקען אויף איהר, האט ער זיך גלייכצייטיג אויך אפגעגעבען מיט דעם געדאנק וועגען דעם וועלטענד. זעהר אפט האבען די נביאים גערעדט וועגען „יענעם טאג“ אדער „דעם ענד פון די טעג“ („ביום ההוא“ אדער „באחרית הימים“). די פארשטעלונגען וועגען דעם וועלטענד, וועגען דעם אומגליק און דעם גליק וואס וועלען דאן מאלסט קומען, זיינען געווען אלגעמיין אריענטאלישע. די נביאים האבען זיי ניט באשאפען, נאר זיי האבען דעם געפונענעם מאטעריאל געמאכט ברייטער און טיפער, האבען ארייגעגאסען אין איהם אן עטיש־מאנאטעאיס־טישען אינהאלט און זיך מיט איהם באנוצט אלס הינטערגרונט פאר דעם גראנדיעזען בילד, וואס זיי האבען געמאלט פון גאט׳ס מאראלישער הער־שאפט איבער דער וועלט.

אט די פונקציע פון די נביאים, צו שילדערען דעם וועלטענד און דעם וועלטאונטערגאנג, האבען איצט, נאכ׳ן אונטערגאנג פון דער נבואה, אי־בערגענומען א ספעציעלער זארט שריפטשטעלער, וועמען מ׳באצייכענט מיט א גריכישען ווארט אלס „אפאקאליפטיקער“ (אפדעקער, אנטפלעקער). זיי ריידען אין דער שפראך און מיט די בילדער פון די נביאים, אבער אהן זייער שארפער אריגינאליטעט, זייער לעבעדיגער פרישקייט און זייער מא־ראלישער קראפט. אנשטאט דעם מאראלישען פאטאס פון די נביאים גיבען די אפאקאליפטיקער קינסטליכע ספעקולאציעס און משונה׳דיגע פאנטאזיעס. פון דעם נביא׳ס מויל האט דירעקט גערעדט גאט׳ס שטים; דער אפאקאליפ־טיקער אבער באנוצט זיך מיט חלומות, זעהונגען און מיטטיילונגען פון מלאכים, און אפט רעדט ער מיט סימבאלישע בילדער. מיט די דאזיגע מיטלען אנטפלעקט ער די סודות פון דעם הימעל און דער ערד. דער נביא האט אבער געזוכט קלאר צו מאכען אלצדינג, בעת ער האט געשילדערט די קומענדיגע קאטאסטראפע; ווארים די גאנצע זאך איז געווען פאר איהם ניט מעהר ווי א מיטעל צום ציל: צו מוסר׳ען די מענשען פון זיין צייט, צו ווירקען אויף יעדען יחיד, אז ער זאל קריגען א שטרענגע מאראליש־רעליגיעזע באציהונג צו די גרויסע געשעהענישען, וואס וועלען פארקומען „אין יענעם טאג“. פאר דעם אפאקאליפטיקער אבער איז דאס שילדערען דעם וועלט־

ענד ניט א מיטעל, נאָר א ציל פאַר זיך. ער זוכט דעריבער ניט קיין קלאָר־קייט, נאָר טונקעלקייט. ניט באַלייכטען וויל ער די וועלט־קאַטאַסטראָפע, וואָס ער שילדערט, נאָר אדרבה: ער ליבט זי איינצוהילען אין א מיסטישען שלייער, כדי דער לעזער זאָל בלייבען ווי געפּלעפט פון די מורא'דיגע, טונ־קעלע און אומפאַרשטענדליכע בילדער, וואָס ווערען פאַר איהם אָפּגעמאָלט פון יענער שרעקליכער צייט, וואָס דאַרף באַלד קומען.

דעם אָנהויב פון דעם אַפּאָקאַליפּטישען סטיל געפינט מען שוין ביי יחזקאל און זכריה. אויך יואל קאַפּ. ג איז אן אַפּאָקאַליפּסע. צוערשט האָבען די אַפּאָקאַליפּטיקער ארויסגעלאָזען זייערע שריפטען אָהן א נאָמען. שפּעטער פלעגען זיי אַריינלעגען זייערע ווערטער און זעהונגען אינ'ם מויל פון א גרויסען מאַן פון די אַמאָליגע צייטען: דניאל, חנוך, נח, ברוך בן־נריה, עזרא*).

אַן אַנאָנימע אַפּאָקאַליפּסע — איינע פון די שענסטע אין דער גאַנצער אַפּאָקאַליפּטישער ליטעראַטור — פון דער צייט פון אלעקסאַנדער און זיינע נאָכפאָלגער איז אַנטהאַלטען אין ישעיה קאַפּ. כ"ד—כ"ז. מיט א רייכער שפּראַך און מיט לעבעדיגע בילדער שילדערט דער אַפּאָקאַליפּטישער דיכטער גאָט'ס וועלט־משפט און וועלט־הערשאַפט, וואָס האַלטען אין קומען**). אַזוי אָבער ווי עס געהערט צום סטיל פון די אַפּאָקאַליפּסעס צו ריידען מיט טונ־קעלע רמזים, איז דעריבער שווער צו זאָגען וואָסערע געשעהעניִשען אין יע־נער צייט האָבען באַוואויגען דעם פאַרפאַסער צו שרייבען זיין אַפּאָקאַליפּסע. לויט אַסך פאָרשער געהערט אויך אין דער תקופה, ביי וועלכער מיר האַל־טען, די זאַמלונג אַנאָנימע אַפּאָקאַליפּסעס פון צווייטען טייל זכריה (פון קאַפּ. ט אָן). זיכער איז דאָס אָבער ניט. איהר בליהונגסצייט האָט על־כל־פּנים די אַפּאָקאַליפּטישע ליטעראַטור דערגרייכט ערשט שפּעטער, ווען די צייטען זיינען געוואָרען שטורמדיגער און די משיח־האָפענונג האָט זיך ברייט צע־פלאַקערט ביי גרויסע קרייזען פון אידישען פאָלק.

---

*) פון דער דאָזיגער אַפּאָקאַליפּטישער ליטעראַטור איז נאָר דניאל אריינגע־קומען געוואָרען אין תנ"ך. די איבעריגע ביכער געהערען צו די אַפּאָקריפען און פּסעוודעפּיגראַפען און האָבען זיך דערהאַלטען אין איבערזעצונגען.

**) אין מיטען דער אַפּאָקאַליפּסע זיינען אריינגעשטעלט שטיקער, וואָס האָ־בען מיט איהר קיין פאַרבינדונג ניט און אונטערברעכען זי.

צווייטע אפטיילונג.

די פארגעשיכטע פון דעם חשמונאים־אויפשטאַנד

(פאַלעסטינע אונטער דער הערשאַפט פון די סעלעווקידען).

1.

אנטיוכוס דער גרויסער און זיינע נאָכפאָלגער (223־187 פאר קר.).

די פּאָליטישע ירידה פון די פּטאָלעמעער האָט זיך אָנגעהויבען מיט דער טראָנבאַשטייגונג פון פּטאָלעמעאוס דעם פערטען (פילאָפּאַטאָר) אין עלטער פון פיער־און־צוואנציג. ער האָט פון אָנהויב אָן אריבערגעכאַפּט די מאָס אין דער שענדליכער פיהרונג פון זיין פאַרדאָרבענעם הויף. ער האָט זיך לחלוטין ניט געקימערט וועגען זיינע אייגענע אינטערעסען און די אינ־טערעסען פון זיינע אונטערטאַנען און איז באַהערשט געווען פון הויף־אינ־טריגאַנטען. דער פּועל־יוצא דערפון איז געווען, וואָס דער גרויסער פּרעס־טיזש פון עגיפּטען איז פּלוצלונג געפאלען. פּטאָלעמעאוס'עס קאָנקורענט איז געווען אנטיוכוס דער דריטער, מיט רעכט אָנגערופען „דער גרויסער", וואָס האָט באַשטיגען דעם טראָן פון די סעלעווקידען אין עלטער פון איין־און־צוואנציג יאהר (223 פאר קר.). אין איהם האָבען אין א געוויסער מאָס ווידער אויפגעלעבט די אמביציעס און די ענערגיע פון אלעקסאנדער דעם גרויסען. הגם ער האָט געהאט קאָנספּיראַציעס אין זיין הויפּטשטאָט, האָט ער זיך ניט געקימערט וועגען דעם, נאָר האָט גלייך ארויסגעמאַרשירט צו

עראָבערען סיריען און פּאַלעסטינע, אָהן וועלכע זיין קעניגרייך האָט ניט געקאָנט זיין זיכער און פולקום. ער האָט באַגעגנט וועניג ווידערשטאַנד, אַחוץ פון מאַנכע שטעט מיט פעסטונגען, ווי ע ז ה. אונטערגעהאַלפען דורך דעם פאַרראַט פון פּטאַלעמעאוס'עס גענעראַל, וואָס האָט פאַרראַטען די שטעט און דאָס מיליטער אונטער זיין קאָמאַנדע, האָט אַנטיוכוס, אַרום יאָהר 218, געהאַט אונטער זיין ממשלה סיריען און פּאַלעסטינע. אין אַ יאָהר אַרום אָבער האָט איהם פּילאָפּאַטאָר לגמרי צעשלאָגען (דניאל י"א 11, 12) ביי ראַפיא אויפ'ן גרעניץ פון עגיפּטען, און האָט איהם אין די קומענדיגע פערצעהן יאָהר ניט אַריינגעלאָזען אין פּאַלעסטינע. נאָך דעם דאָזיגען נצחון זאָל פּילאָפּאַטאָר האָבען באַזוכט ירושלים און זאָל האָבען געוואָלט אַריינגעהן אין בית־המקדש. ער האָט מסתמא זיך אָפּגעשראָקען פאַר די געשרייען און יללות פון פּאָלק. אין דריטען ספר חשמונאים ווערט דערצעהלט אַ מעשה, ווי אַזוי ער האָט געוואָלט פאַרטיליגען זיינע אידישע אונטערטאַנען אין עגיפּטען. מ'מעג לכל־הפחות אַרויסדרינגען פון דער דאָזיגער לעגענדע, אַז ער האָט אָפּגעשטויסען די אידען פון זיך דוקא אין אַ צייט, ווען זייער טרייהייט האָט געמוזט געשטעלט ווערען אויף דער פּראָבע.

באַלד ווי פּילאָפּאַטאָר איז געשטאָרבען, אין יאָהר 205, לאָזענדיג זיין טראָן פאַר זיין זוהן, אַ קינד פון פינף יאָהר, האָט אַנטיוכוס אַריינגעמאַרשירט אין פּאַלעסטינע און האָט עס אין יאָהר 202 צוריק איינגענומען. אַן עגיפּטישע אַרמיי איז געשיקט געוואָרען אונטער דעם גענעראַל סקאָפּאַס; אָבער אין אַ שלאַכט ביים פוס פון באַרג חרמון, אין יאָהר 198, איז סקאָפּאַס סוף־כל־סוף צעשלאָגען געוואָרען פון אַנטיוכוס'עס חיל.

פון איצט אָן האָט פּאַלעסטינע שוין מעהר קיינמאָל זיך ניט צוריקגעקערט צו דער עגיפּטישער הערשאַפט. אין יאָהר 193 האָט אַנטיוכוס נאָמינעל אָוועקגעגעבען די שטייערן פון קאָילע־סיריען און פּאַלעסטינע אַלס נדן צו זיין טאָכטער צו איהר חתונה מיט פּטאָלעמעאוס דעם פינפטען; אָבער די טעריטאָריע גופא האָבען געהאַלטען פעסט סירישע גובערנאַטאָרען און גאַרניזאָנען.

אַנטיוכוס האָט געשטרעבט אויפצובויען אַן אימפּעריע, וואָס זאָל פאַרהאַלטען דעם מאַרש פון די רוימער אין דעם מזרח; אָבער אין דער גרויסער שלאַכט פון מאַגנעזיע אין יאָהר 190 איז ער גופא געצוואונגען געווען זיך צו בייגען פאַר די נייע וועלט־עראָבערער. ער האָט געמוזט צאָהלען אַ גרויסע קאָנטריבוציע צו די רוימער, און איז דער'הרג'עט געוואָרען, בעת ער האָט געזוכט צו באַרויבען אַ טעמפּעל ווייט אין מזרח, כדי אָנצופילען זיין לעדיגע

קאסע (דניאל י"א 18, 19). זיין זוהן און נאכפאלגער סעלעווקוס דער פערטער (187—175) האט ניט געהאט קיין אמביציעס זיך קונה־שם צו זיין דורך נצחונות און עראבערונגען. נאר ער האט געזוכט די מיטלען צו באפרידיגען זיין געשמאק פאר לוקסוס און צו צאהלען דעם טריבוט צו רוים, וועמעס מעכטיגער איינפלוס האט פון איצט אן באשטימט די פאלי־טיק פון דרום־מערב־אזיען.

סעלעווקוס איז דערמארדעט געווארען און דעם טראן האט פארכאפט זיין ברודער אנטיוכוס דער פערטער (עפיפאנעס). מיט איהם הייבט זיך אן דער סוף פון דער גריכישער עפאכע און דער איבערגאנג צו דער נייער עפאכע פון די חשמונאים. כדי צו פארשטעהן אט דעם וויכטיגען קאפיטעל אין דער אידישער געשיכטע: די פארגעשיכטע פון דעם חשמונאים־אויפ־שטאנד, מוזען מיר פריהער באטראכטען, ווי אזוי די אידען האבען זיך אפ־גערופען אויף די פאליטישע געשעהענישען פון יענער צייט, ווען פאלעסטינע איז איבערגעגאנגען פון דער עגיפטישער צו דער סירישער מלוכה.

יוסף פלאוויוס דערצעהלט, אז די אידען האבען דעמאלט שרעקליך פיעל געליטען, מחמת זיי זיינען געווען א רויב פארביידע פיינדליכע ארמייען. ער פארגלייכט זייער גורל צו א שיף אין א שטורם, וואס ווערט געווארפען פון די כוואליעס אהין און אהער. אסך אידען זיינען אוועקגעשלעפט געווארען אלס שקלאפען און נאך מעהרער האבען זיך געראטעוועט דורכ'ן אנטלויפען (אלטערטימער, י"ב § 3, 3, 4).

אבער דאס גיט אונז נאר א טונקעלע פארשטעלונג וועגען דעם אידישען מצב בכלל, און עס דוכט זיך פון אויבען אויף, אז ער איז געווען ענליך צו די צושטענדען מיט הונדערט יאהר צוריק, אין דער צייט פון די מלחמות צווי־שען אלעקסאנדער'ס גענעראלען*). באמת אבער הייבט זיך אן מיט אנטיר־כוס דעם דריטען א נייע ערא אין דער אידישער געשיכטע. ביז דעמאלט זיינען די אידען געווען פאסיווע צוקוקער אין די צוזאמענשטויסונגען פון די וועלטמאכטען. אין די מלחמות צווישען אלעקסאנדער'ס גענעראלען זיינען די אידען אין יהודה ניט ארויסגעטראטען פון זייער טונקעלקייט, ווייל זיי האבען אליין געוואוסט זייער באדייטונגסלאזיגקייט און זייער מיליטערישע שוואכקייט. אנדערש אבער איז געווען אין יאהר 220, ווען אנטיוכוס דער דריטער האט ארויסגעמארשירט צו עראבערען פאלעסטינע. די דאזיגע אונ־טערנעמונג האט צום ערשטען מאל אויפגעוועקט א ווידערקלאנג אין יהודה

*) זעה אויבען ז. 174—176.

און האט ארויסגערופען א פאליטישע באוועגונג, וואס האט פארכאפט דאס גאנצע לאנד און האט געפיהרט שפעטער, אונטער אנטיוכוס עפיפאנעס, צו אויסערגעוועהנליכע היסטארישע פאסירונגען.

2.

יוסף בן־טוביה און זיינע זיהן.

די געשיכטע פון יוסף בן־טוביה.

די צענטראלע פיגור אין אט די נייע אינערליך־פאליטישע צושטענדען איז יוסף בן־טוביה, וועגען וועמען יוסף פלאוויוס דערצעהלט פאלגענדיגע געשיכטע:

אין דער צייט פון פטאלעמעאוס און קלעאפאטרא האט דער כהן גדול חוניו דער צווייטער, וואס איז געווען אן ענגהארציגער און א קארגער, זיך אנטזאגט צו צאהלען דעם קעניג די שטייער פון צוואנציג טאלענטען זילבער, וואס זיינע פאטערס האבען געצאהלט פון זייער אייגענעם פארמעגען. דער קעניג האט געשיקט קיין ירושלים א ספעציעלען שליח מיט'ן נאמען אטהעניאן, וואס האט געסטראשעט, אז אויב די שטייער וועט ניט באצאהלט ווערען וועט ער דאס גאנצע לאנד קאלאניזירען מיט עגיפטישע סאלדאטען. חוניו איז איבער זיין להוט'קייט נאך געלט געבליבען טויב צו דעם קעניג'ס אזהרות, נאר דאס פאלק איז געווארען שטארק אויפגערודערט. דא האט זיך אריינגעמישט דער זוהן פון חוניו'ס א שוועסטער מיט'ן נאמען יוסף דער זוהן פון טוביה. דער דאזיגער יונגערמאן האט צוזאמענגערופען א פאלקספארזאמלונג און האט באקומען פון איהר די פולמאכט צו פארטרעטען די אידישע געמיינדע פאר דעם קעניג. ער האט באהויגט דעם קעניגליכען שליח מיט א היפשער מתנה און האט איהם געזאגט ביי זיין אפרייזע, אז ער וועט איהם באלד נאכפאהרען. דאס האט ער אויך געטאן, נאכדעם ווי ער האט געליהען אין שומרון צוואנציג טויזענט דראכמען. אויפ'ן וועג האט ער זיך געטראפען מיט די מאגנאטען פון קאילעסיריען, וואס זיינען אויך געגאנגען קיין אלעקסאנדריע; ווארים אלע יאהר פלעגט מען דארטען פארדינגען די שטייערן צו די מאגנאטען פון יעדער שטאט. זיי האבען געקוקט מיט וועניג אכטונג אויף דעם אידען און זיינען דערפאר געווען ניט ווינציג דערשטוינט,

ווען זיי האבען איהם געזעהן אלס גאסט אין הויף. ער האט אבער געהאט א רעקאמענדאציע פון אטהעניאן און האט, דורך זיין אויפטרעטען און זיינע רייד, געוואונען דעם קעניג פאר זיך. ביי דער ליציטאציע פון די שטייערן האט די סומע פון די איינצעלנע אנבאטען פון די קאילע־סירישע מאגנאטען באטראפען 8,000 טאלענטען. יוסף האט געבאטען פאר דער גאנצער טאקסע 16,000 און ער האט זי באקומען. מיט 500 טאלענטען, וואס ער האט געליהען אין אלעקסאנדריע, און מיט 2000 סאלדאטען איז ער אוועק איינמאנען די שטייערן. די איינוואוינער פון אשקלון האבען ניט געוואלט צאהלען, האט יוסף געטויט צוואנציג חשוב'ע בירגער פון שטאט, האט קאנפיסקירט זייער פארמעגען און עס אוועקגעשיקט צום קעניג. דאס אייגענע האט ער געטאן אין סקיטאפאליס. דאס איז געפעלען דעם קעניג און האט געמאכט א רושם אויף די שטעט; זיי האבען איצט געצאהלט יוסף'ן דאס וואס ער האט פון זיי געפאדערט. אזוי ארום האט ער געמאכט א גרויסען פארמעגען און האט אנגעהאלטען זיין שטעל 22 יאהר, ביז זיין טויט. — נעבען זיבען עלטערע זיהן האט יוסף געהאט נאך א יונגען זוהן פון א ברודער'ס א טאכטער. ער האט געהייסען הורקנוס. ער איז געווען יוסף'ס ליבלינג, ווייל ער איז געווען קליגער און געראטענער פאר זיינע ברידער, און זיי האבען איהם דערפאר פיינד געהאט. אז מ'האט געדארפט גראטולירען אין קעניגליכען הויף צו דער געבורט פון א פרינץ, איז יוסף שוין צו אלט געווען. די ברידער אבער האבען ניט געוואלט געהן קיין אלעקסאנדריע און האבען געראטען צו שיקען הורקנוס'ן. ער איז געגאנגען אהין, מיט אן אנווייזונג צו אריאן, יוסף'ס פארוואלטער, ביי וועמען ער האט געהאלטען 3000 טאלענטען. גלייך ווי הורקנוס איז אנגעקומען אין אלעקסאנדריע האט ער פארלאנגט 1000 טאלענטען, און אזוי ווי אריאן האט ניט געוואלט געבען, האט הורקנוס איהם געלאזט שמידען אין קייטען. אויפגעפאדערט פאר פטאלעמעאוס'ן, האט ער אזוי קלוג זיך פארענטפערט, אז ער האט גלייך באקומען חן ביי דעם קעניג אין די אויגען. אזוי ארום האט ער געקראגען די טויזענט טאלענטען, האט מיט זיינע טייערע געשאנקען געשטעלט אין שאטען אלע אנדערע גראטולאנטען און האט געוואונען אויף זיין צד די הויפלייט, פאר וועמען די ברידער האבען אנגערעדט געגען איהם רכילות. מיט בריף פון דעם קעניג צום פאטער און די ברידער און צו די באאמטע פון קאילע־סיריען האט ער זיך צוריקגעקערט אהיים. די ברידער, וואס זיינען מיט זייער פאטער'ס ידיעה ארויסגעגאנגען איהם אנטקעגען מיט געוועהר אין די הענט, האט ער באזיגט און צוויי פון זיי געטויט. אזוי אבער ווי ער האט

אין ירושלים זיך ניט געקאָנט האַלטען, איז ער אָוועק אין עבר־הירדן, האָט זיך אויסגעבויט ניט ווייט פון ח ש ב ו ן א פעסטען שלאָס און האָט כסדר געפיהרט קריג מיט די אַראַבער. ער האָט געהערשט איבער דער דאָזיגער געגענד צווישען אַראַביען און יהודה זיבען יאָהר, ביז צום טויט פון סעלעווקוס דעם פערטען. הגם ער האָט געהאַט אין ירושלים א פּאַרטיי, וואָס איז געשטאַנען אויף זיין צד, האָט ער אָבער פאָרט זיך ניט צוריקגעקערט קיין ירושלים, ווייל די הערשענדיגע מאַיאָריטעט און דער נייער כהן גדול שמעון זיינען געווען געגען איהם. אויס מורא, אַז אַנטיוכוס עפּיפאַנעס וועט איהם שטראָפען פאַר זיינע מעשים געגען די אַראַבער, איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, און אַנטיוכוס האָט קאָנפיסקירט זיין פאַרמעגען.

די דאָזיגע געשיכטע אַנטהאַלט, אין דער באַפּוצונג פון א ראָמאַן, עכטע ערינערונגען, וואָס ווערען באַשטעטיגט דורך דעם צווייטען ספר חשמונאים. מעהר ניט, דער אורשפּרינגליכער פאַרפאַסער פון אָט דער דערצעהלונג, וואָס יוסף פלאַוויוס האָט אַריינגעשטעלט אין זיינע „אַלטערטימער", איז געווען הפנים א נאַאיווער שריפטשטעלער. ער שטעלט אַוועק אַלצדינג אויף פּערזענליכע מאָטיווען, זוכט צו שילדערען באריכות די מעלות פון זיינע העלדען, יוסף און הורקנוס, און פאַרנאַכלעסיגט איבער דעם די פּאָליטישע געשעהענישען, פון וועלכע זיי, די העלדען זיינע, זיינען דער מיטעלפּונקט.

די געשיכטע ווי אַזוי יוסף בן־טוביה איז געוואָרען דער שטייערמאַנער פון קאָילע־סיריען איז ניט קיין פּערזענליכער ראָמאַן, נאָר א גרויסע נאַציאָנאַלע געשעהעניש, וואָס מאַכט אַן עפּאָכע אין דער אידישער געשיכטע פון יענער צייט. פאָרגעקומען איז דאָס בערך אַרום דעם יאָהר 220 (פאַר קר.), בשעת אַנטיוכוס דער דריטער האָט דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעמאַרשירט צו עראָבערען פּאַלעסטינע און האָט, מיט דער הילף פון דעם פאַרראַט פון פּטאָלעמעאוס'עס גענעראַל, איינגענומען דעם צפון־טייל פון'ם לאַנד ביז'ן עמק יזרעאל*). די אידען אין ירושלים זיינען געשטאַנען ווי געפּלעפט און האָבען ניט געוואוסט וואָס דאָ וועט זיך אויסלאָזען דערפון:

*) זעה אויבען ז. 201. די געשיכטע פון יוסף בן־טוביה איז פול מיט כראָנאָלאָגישע סתירות. פלאַוויוס האָט קענטיג ניט געפונען אין זיין קוואַל, פון וועלכען ער האָט געשעפּט, קיין כראָנאָלאָגישע ידיעות און ער האָט אַריינגעשטעלט די דאָזיגע פּאַסירונגען אין אַן איינענעם, און דורכאויס א פאַלשען, כראָנאָלאָגישען ראַם. די צייט מוז דעריבער אַרויסגעדרונגען ווערען פון דער דערצעהלונג גופא. באריכות וועגען דעם אין דר. ביכלער'ס „די טאָביאַדען און די אָניאַדען" ז. 43—74; זעה אויך אין וועלהויזען'ס „איזראַעליטישע אונד יודישע געשיכטע", 1914, ז. 231.

צי אנטיוכוס וועט ווערען זייער נייער הערשער אדער זיי וועלען ווייטער פארבלייבען אונטער עגיפטען. חוניו האט פאראויסגעזעהן, אז פאלעסטינע וועט סוף־כל־סוף ווערען א טייל פון דער סעלעוקידישער מלוכה, און ער האט דעריבער זיך אנטזאגט צו שיקען קיין אלעקסאנדריע די 20 טאלענטען, וואס ער פלעגט צאהלען יעהרליך פאר זיין פאליטישען אמט אלס צייכען פון אונטערוואָרפענקייט אונטער דעם קעניג*). ניט ענגהאַרציגקייט און קארג־קייט האבען דא באוואויגען חוניו'ן, נאר פאליטישע פארזיכטיגקייט. און ניט איבער אזא אומבאדייטענדער סומע ווי 20 טאלענטען זילבער האט פטאָ־לעמעאוס געשיקט א ספעציעלען באפולמעכטיגטען קיין ירושלים און גע־סטראשעט, אז ער וועט פארטיילען דאס לאנד צווישען עגיפטישע סאלדאַ־טען. נייז, דא האט זיך געהאנדעלט וועגען אסך א וויכטיגערען עניז, וועגען דעם: צי די אידען זאלען בלייבען געטריי צו איהם אדער זאלען צושטעהן צו אנטיוכוס'ן.

אבער יוסף בן־טוביה איז געווען נאך ווייטזעהעוודיגער פאר חוניו'ן. ער האט איינגעזעהן, אז די עגיפטישע הערשאפט איבער פאלעסטינע וועט נאך אזוי גיך ניט פאלען. ער האט דערפאר באקומען פון דער פאלקספאר־זאמלונג די פולמאכט און איז אוועקגעפאהרען קיין אלעקסאנדריע אלס דער נייער אידישער פארטרעטער אנשטאט דעם כהן גדול**). אלס דער רעגענט פון יהודה האט ער איבערגענומען די שטייערפאכט פון גאנץ קאילע־סיריען און איז געבליבען אין דער היסטארישער ערינערונג אלס דער מעכ־טיגער אידישער שטייערמאנער. אבער ניט דערין ליגט זיין היסטארישע באדייטונג, ווי די מעהרסטע געשיכטסשרייבער שטעלען פאר, נאר אין דער שפאלטונג פון דעם ביזאיצטיגען דאפעלטען אמט פון דער כהונה גדולה. דער כהן גדול איז געבליבען דער גייסטליכער פארשטעהער פון דעם פאלק און

---

*) די 20 טאלענטען זיינען ניט געווען די שטייערן פון יהודה. אז די אידען זאלען האבען געצאהלט אזא קליינע יעהרליכע טאקסע, איז אומגלויבליך. וויבאלד די שטייערמאנער האבען געבאטען אין אלעקסאנדריע אכט טויזענט טאלענטען פאר גאנץ קאילעסיריען, איז אוממעגליך, אז די פראפארציע פאר יהודה זאל האבען געווען 20 טאלענטען. עס איז אויך ניט ווארשיינליך, אז דער כהן גדול איז געווען דער שטייערפארוואלטער פון יהודה. עס ווייזט גיכער אויס, אז דאס פלעגט פאר־דונגען ווערען צו די פארשידענע שטייערפעכטער פון קאילעסיריען.

**) עס קאן גרוילעך זיין, אז יעדערער כהן גדול פלעגט אויך אויסגעקליבען ווערען פון דער פאלקספארזאמלונג אלס דער וועלטליכער פירשט פון יהודה און דער־נאך באשטעטיגט ווערען אין דעם דאזיגען אמט פון דעם קעניג.

האָט פאַרטראַטען זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסען, און איהם ביי דער זייט איז איצט געשטאַנען יוסף בן־טוביה אַלס צווייטער אידישער פאַרשטעהער, אַלס וועלטליכער רעגענט פון דעם לאַנד, וועלכער האָט נאָר געזוכט צו גע־ווינען דעם פולען צוטרוי פון דעם קעניג, אָבער איז געווען אינגאַנצען גלייכ־גילטיג צו די אידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסען. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז עס האָבען געמוזט פאַרקומען שטענדיגע רייבונגען צווישען דעם כהן גדול און דעם וועלטליכען רעגענט, וואָס איז געווען דער פולשטענדיגער הערשער איבער דעם פאָלק*).

יוסף האָט זיך אַרויסגעוויזען אַלס אַ גוטער ווערקצייג אין די הענט פון דעם הויף אין אַלעקסאַנדריע צו העלפען אויפהאַלטען די עגיפטישע הער־שאַפט איבער פאַלעסטינע. ער האָט שטרענג באַשטראָפט סקיטאָפאָליס (בית־שאן) און אשקלון, וואָס האָבען קענטיג געוואָלט צושטעהן צו אַנטיו־כוס'ן, און האָט 22 יאָהר טריי געדינט די עגיפטישע אינטערעסען אין קאָי־לעסיריען.

אָבער די פאַרפּלאָנטערטע באַציהונגען פון די הויפען אין אַלעקסאַנדריע און אַנטיוכיע איינע צו די אַנדערע און צו ירושלים האָבען געבראַכט אַ שפּאַלטונג אויך אין דעם הויז פון יוסף בן־טוביה. דאָס איז פאַרגעקומען בשעת אַנטיוכוס האָט, נאָך פילאָפּאַטאָר'ס טויט, ווידער אַרויסגעמאַרשירט צו עראָבערען פאַלעסטינע. אין ירושלים האָט זיך געבילדעט אַ סירישע פּאַרטיי. פאַרוואָס אַסך אידען זיינען צוגעשטאַנען צו אַנטיוכוס'ן, איז ניט קלאָר. עס קאָן זיין, אַז אין מאַנכע אידישע קרייזען האָט מען געוואָרפען אַן אומ'חן אויף עגיפּטען איבער פילאָפּאַטאָר'ס שלעכטער באַציהונג צום בית־המקדש**). עס איז אויך מעגליך, אַז אויף די אידען האָט געמאַכט אַ שלעכ־טען איינדרוק דאָס וואָס דער גענעראַל סקאָפּאָס האָט אריינגעשטעלט אַן עגיפּטישען גאַרניזאָן אין ירושלים. דער מחבר פון דניאל זאָגט וועגען דעם: „און אין יענע צייטען וועלען אַסך זיך שטעלען געגען דעם קעניג פון דרום (פּטאָלעמעאוס) און די קינדער פון די געוואַלדטעטיגע פון דיין פאָלק וועלען זיך אויפהייבען צו דערפילען אַ נביאות און זיי וועלען געשטרויכעלט ווערען" (י"א 14). עס זעהט דערפון אויס, אַז געוויסע אידען האָבען זיך געשטעלט

*) זעה אויבען ז. 184. ערשט יונתן החשמונאי האָט (אין יאָהר 153 פאַר קר.) ווידער פאַראייניגט אין זיין פּערזאָן די ביידע אַמטען פון דעם כהן גדול.

**) זעה אויבען ז. 201.

אויף אנטיוכוס'עס צד, ווייל זיי האבען זיך געשטיצט אויף א נבואה פון די אלטע צייטען (ישעיה, ל ?). אזוי ארום דארף מען זיך פארשטעלען, אז אין ירושלים האט זיך געקאכט אין די קרייזען פון דער עגיפּטישער און דער סירישער פּארטיי. עס ווייזט אבער אויס, אז אנטיוכוס האט צוגעצויגען אויף זיין צד, צווישען אנדערע מאגנאטען פון קאילעסיריען, אויך די פאמיליע פון יוסף בן־טוביה. זיינע עלטערע זיהן, צווישען זיי שמעון, מענעלאאוס און ליזימאכוס, וועמען מיר קענען פון צווייטען ספר חשמונאים, זיינען גע־ווארען די אנפיהרער פון דער סירישער פּארטיי. דער אינגסטער זוהן אבער, הורקנוס, האט אנגעפיהרט די עגיפּטישע פּארטיי. קיינער פון די עלטערע ברידער האט דעריבער ניט געוואלט פאהרען קיין אלעקסאנדריע צו גראטו־לירען דעם קעניג, נאר הורקנוס האט זיך דאס אונטערגענומען. ווען ער איז געקומען צוריק איז סקאפּאס שוין געווען צעשלאגען, און מיט דער עראבע־רונג פון פּאלעסטינע דורך אנטיוכוס'ן האט שוין געהאלטען ווייט. יוסף'ס עלטערע ברידער זיינען דערפאר עפענטליך ארויסגעטראטען פאר סיריען, און עס איז געקומען צו א באוואפענטען קאמף צווישען זיי און הורקנוס'ן, עס הייסט: צווישען דעם סעלעווקידישען און דעם פּטאלעמעאישען צד. די סעלעווקידישע פּארטיי האט געזיגט. ירושלים האט זיך איבערגעגעבען צו אנטיוכוס'ן, די אידען האבען איהם געהאלפען ארויסטרייבען דעם עגיפּטי־שען גארניזאן פון ירושלים, און הורקנוס איז אנטלאפען אין עבר־הירדן.

אנטיוכוס דער גרויסער און די אידען.

אנטיוכוס האט הפנים פארגיטיגט די אידען פאר זייער הילף און האט זיי באוויליגט ספּעציעלע פּריווילעגיעס. יוסף פלאוויוס באריכטעט, אז מחמת ירושלים האט פארלארען אסך פון איהר באפעלקערונג דורך די פאר־וויסטונגען, וואס זי האט לעצטענס דורכגעמאכט, האט אנטיוכוס דעריבער אנגעווענדט געוויסע אנציהונגסמיטלען, כדי עס זאלען צוריקקומען אין איהר די וואס זיינען צעשפּרייט געווארען אין אלע זייטען. מלוכה־געלדער זיינען פרייגעבינ באשטימט געווארען אויף צו דעקען די הוצאות פון דער עבודה אין בית־המקדש און צורעכטצומאכען דעם הייליגען בנין. די באאמטע פון פאלק און די דינער פון בית־המקדש זיינען באפרייט געווארען פון צאהלען די קאפּ־שטייער, און די געמיינדע פון יהודה אלס גאנצע איז באפרייט גע־ווארען פון אלע טאקסעס אויף א משך פון דריי יאהר, ביז זי וועט זיך דער־הוילען און קריגען איהר פריהערדיגע באפעלקערונג און איהרע נאטירליכע

רייכטימער, און נאך יענער צייט איז זי געווען באפרייט פון א דריטעל פון איהרע פריהערדיגע שטייערן. אלע, וואס זיינען פארקויפט געווארען פאר שקלאפען, האבען באקומען זייער פרייהייט און זייערע פריהערדיגע פאר־מעגענס. מ'האט אויך פארזיכערט די אידען פולע רעליגיעזע פרייהייט, און די שטרענגע אפהיטונג פון דער תורה איז דורכגעפיהרט געווארען דורך א קעניגליכען דעקרעט (יוסף פלאוויוס, אלטערטימער י"ב 3 § 3, 4). אמת טאקע, אז די גרויסמוטיגקייט פון מאנכע פון אט די קאנצעסיעס דערוועקען א חשד, אז דער אידישער היסטאריקער האט דא שטארק מגזם געווען; אבער די באהויפטונגען פאסען אזוי גוט צו דער סיטואציע, אז זיי מוזען האבען אלס יסוד עפעס וועלכע אמת'ע פאקטען. עס איז זיכער געלעגען אין אנטיוכוס'עס אינטערעסען צו געווינען די טרייהייט פון די אידען, וויפיעל דאס האט ניט געמעגט קאסטען. ער האט אויך אין זיינע אנדערע האנד־לונגען ניט ארויסגעוויזען די עקסטרעמע להוט'קייט נאך געלט פון זיינע נאכפאלגער, וואס וואלט געמאכט אסך פון די וויכטיגערע קאנצעסיעס פאר אוממעגליך. מאנכע מילדע האנדלונגען, ווי די פריהער דערמאנטע, דערקלע־רען, פארוואס ער האט געהאט אזויפיעל חן אין די אויגען פון די שפעטער־דיגע אידען. עס ווערט אויך דערצעהלט, אז ער האט דעפארטירט צוויי טוי־זענט אידישע פאמיליעס פון מעסאפאטאמיען און בבל און האט זיי באזעצט אין די אויפגעשטאנענע פראווינצען פון פריגיען און לידיען, כדי זיי זאלען דארטען שטיצען די קעניגליכע אינטערעסען. לאנד־אייגענטום, און די בא־פרייאונג אויף צעהן יאהר פון אלע שטייערן, און תבואה אויף זאט, און שפייז גענוג אויף דערווייל — זיינען צו זיי באוויליגט געווארען. זיי הא־בען אויך געקראגען פולע בירגערליכע און רעליגיעזע פרייהייט. מ'זעהט בא־שיינפערלעד, אז פונקט ווי די פטאלעמעער, אזוי האבען אויך די סעלעווקי־דען געפונען אין די אידען נוצליכע אונטערטאנען.

הורקנוס, זיין ברודער שמעון און דער כהן גדול חוניו. העליאדאר אין ירושלים.

גענוי ווען יוסף בן־טוביה איז געשטארבען, ווייסען מיר ניט. מיר ווייסען אויך ניט, צי ער גופא איז אויך אריבערגעגאנגען צו די סעלעווקידען. אדער ער איז אין יענעם מאמענט שוין געווען טויט. מיר ווייסען אבער יא, פון צווייטען ספר חשמונאים, אז אונטער סעלעווקוס דעם פערטען האט

יוסף'ס אמט אלס רעגענט פון יהודה געהאט זיין זוהן שמעון*), און אז עס איז פארגעקומען דעמאלט א צוזאמענשטוים צווישען איהם און דעם כהן גדול חוניו (דעם דריטען). אין בית המקדש האבען זיך געפונען די אוצרות פון הורקנוס'ן. הפנים אז חוניו איז געווען געניייגט צו דער עגיפטישער פארטיי און צו איהר פיהרער הורקנוס'ן. שמעון, הורקנוס'עס פאליטישער געגנער, האט דערפאר גע'מסר'ט אפאלאניוס'ן, דעם גענעראלגובערנאטאר פון קאילעסיריען, אז די קאסע פון בית־המקדש איז פול מיט אומגלויבליכע רייכטימער**). דער קעניג האט געשיקט זיין קאנצלער העליאדאר קיין יהודה מיט א באפעהל צוצונעמען דעם אוצר. דער כהן גדול האט, אויף העליאדאר'ס נאכפראגע, געענטפערט, אז דער אוצר איז ניט געווען גרויס, אז ער איז באשטאנען פון פקדונות פון אלמנות און יתומים און אז א טייל פון איהם האט געהערט צו הורקנוס'ן. העליאדאר האט דאך געפאדערט אין דעם קעניג'ס נאמען, אז מ'זאל איהם איבערגעבען דאס גאנצע געלט עס אוועקצושיקען אין דער קעניגליכער קאסע. די מעגליכקייט, אז טאמער וועט פארשוועכט ווערען די הייליגקייט פון בית־המקדש, האט ארויסגערופען פראטעסטען פון דער גאנצער באפעלקערונג. ווען העליאדאר האט באטראכטען דאס הייליגטום צו פארכאפען זיין אוצר, איז איהם אנטקעגען געקומען א וואונדערליכע ערשיינונג, און ער איז ארוים צוריק דערשראקענערהייט. אזוי דערצעהלט די לעגענדע פון צווייטען ספר חשמונאים.

אז סעלעווקוס דער פערטער האט, ביי זיין גרויסען דוחק אין געלט, טאקע פרובירט בעראבעווען די אידען, ווערט באשטעטיגט דורך דעם מחבר פון דניאל, וועלכער זאגט אויף דעם דאזיגען קעניג, אז „ער וועט לאזען א געלט־ארויספרעסער („נוגש") דורכגעהן דורך דער פראכט פון דעם קעניג־רייך" (י"א 20); און אז העליאדאר האט זיך צוריקגעצויגען, לאזענדיג אומבאריהרט דעם אוצר פון בית המקדש, ווייסען מיר דערפון, וואס שפעטער

---

*) אז שמעון איז געווען א ברודער פון מענעלאוס, ווייסען מיר פון צווייטען ספר חשמונאים ד 23, און אז מענעלאוס איז געווען א זוהן פון יוסף בן־טובי'ה זעהט מען באשיינפערלעך פון ערשטען פאראגראף אין די אידישע מלחמות פון יוסף פלאוויוס.

**) עס ווייזט אוים, אז דער בית־המקדש פלעגט קריגען ביישטייערונגען פון דעם קעניג, און זיין פאליטישער פארטרעטער האט דעריבער אויך געהאט א דעה אין דער פינאנציעלער פארוואלטונג פון בית־המקדש. שמעון ווערט דערפאר באצייכענט אלס דער פארשטעהער פון דער טעמפעל־פארוואלטונג (חשמונאים ב, קאפ. ג 3, 4).

מיט עטליכע יאהר האט איהם אוועקגערויבט אנטיוכוס עפיפאנעס. דער מאַ־טיוו אָבער, וואָס האט באוואויגען העליאָדאָר'ן נאָכצוגעבען די אידען, איז הפנים געווען א פּאָליטישער. ווארים אין סעלעווקוס'עס הויף איז געווען אַ פּאַרטיי, וואָס האט געדינט די עגיפּטישע אינטערעסען, און איהר פיהרער איז געווען דערזעלביגער העליאָדאָר. די עגיפּטישע אינטערעסען האט אויך הורקנוס געדינט. העליאדאר האט בכן ניט געריהרט דעם אוצר פון בית־המקדש, ווי נאָר ער האט זיך דערוואוסט פון חוניו'ן, אז הורקנוס האט דאָר־טען זיין געלט.

אָבער דער קאמף צווישען שמעון'ען און חוניו'ן, וואָס איז געווען ניט קיין פּערזענליכער, נאָר א קאמף צווישען פיהרער פון פּאַרטייען פאר דער הערשאפט, האט מיט העליאָדאָר'ס צוריקצוג זיך ניט איינגעשטילט, נאָר איז אדרבה פאָרטגעזעצט געוואָרען נאָך מיט מעהר ביטערקייט. שמעון, וואָס האט געהאט אויף זיין צד דעם גענעראלגובערנאטאָר אפּאָלאָניוס, האט פאר־מסר'ט חוניו'ן, אז ער איז א געגנער פון דער רעגירונג, קענטיג ווייל ער האט געהאלטען אין בית־המקדש הורקנוס'עס געלט. זעהענדיג, אז פון שמעון'ס צד הייבט מען אָן באַגעהן מאָרדטאַטען, האט חוניו קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי פארלאָזען ירושלים און געהן קיין אַנטיוכיע, כדי וואָס אויסצור־פּועל'ען אין דעם קעניגליכען הויף אנטקעגען שמעון'ען (חשמונאים ב, ד 1־6).

באלד אָבער האט די גאנצע לאַגע זיך געענדערט. העליאָדאָר האט דערמאָרדעט סעלעווקוס'ן און האט, אין נאָמען פון דעם מינדעריעהריגען פּרינץ, געוואָלט אליין פארכאפּען די הערשאפט. אָבער דעם טראָן, ווי מיר האָבען שוין אויבען דערמאָנט, האט סוף־כל־סוף פארכאפּט סעלעווקוס'עס ברודער אנטיוכוס דער פערטער.

3.

דער גרויסער קריזיס אונטער אנטיוכוס עפּיפאנעס.

כדי ריכטיג אויפצופאסען די געשעהענישען אונטער אנטיוכוס עפּיפאַ־נעס, וואָס האָבען געפיהרט צום חשמונאים־אויפשטאַנד, איז נייטיג צו פארשטעהן דריי זאכען: דעם כאַראַקטער פון דער סעלעווקידישער מלוכה אין אזיען להיפּוך צו דער פּטאָלעמעאישער מלוכה אין עגיפּטען; דעם אי־נערליכען קאמף צווישען די פּאַרטייען איןיהודה; און דעם כאַראַקטער פון אנטיוכוס עפּיפאנעס.

דער כאראקטער פון דער סעלעוקידישער מלוכה.

די מלוכה פון די פטאלעמעער איז געווען אן איינהייטליכע, אן עגיפּ־טישע און האט קיין מורא ניט געהאט פאר אן אינערליכער צעברעקלונג. די הײמישע אונטערטעניגע באפעלקערונג האט מען געהאלטען שטרענג אפּגע־שיידט פון די רעגירענדיגע קלאסען, די מאקעדאנער און די גריכען, און עס איז נאר קיין רייד ניט געווען פון א פארשמעלצונג פון די נאציאנאליטעטען, פון ארויפצווינגען אויף די אונטערטאנען די נייע העלעניסטישע וועלט־קולטור. כל־זמן פאלעסטינע איז געשטאנען אונטער דער פטאלעמעאישער הערשאפט האבען דעריבער די אידען געמעגט ארייננעמען אין זיך גריכישע גייסטיגע השפעות; אבער קיין פאליטישע באדייטונג האט דאס העלעני־זירען־זיך ניט געהאט. די רעגירונג איז לחלוטין ניט געווען פאראינטערע־סירט אין דעם, און מ׳האט ניט געקאנט שפּילען דערמיט קיין פאליטיק אין ירושלים. אנדערש אבער איז געווען אין דער מלוכה פון די סעלעוקידען אין אזיען. זי האט הויפטזעכליך געליטען פון אומאיינהייטליכקייט. זי איז באשטאנען פון אסך פארשידענע לאנדשאפטען און פעלקערשאפטען, וואס האבען תמיד געשטרעבט צו גרעסערער זעלבשטענדיגקייט, און זי האט ניט געקאנט קומען צו קיין פעסטען צושטאנד. די סעלעווקידען האבען דער־פאר געשטרעבט צוזאמענצוהאלטען און צוזאמענצושמעלצען די פארשידענע עלעמענטען פון זייער מלוכה דורך דער אוניווערסאלער העלעניסטישער קול־טור. העלעניזם איז בכן געווען אין אזיען א טייל פון דער פאליטיק פון דער רעגירונג און האט דארטען באדייט געטריישאפט צו דער מלוכה.

דער סירישער העלעניזם.

דער סירישער העלעניזם איז אבער ניט געווען אזן אינטעלעקטועלער, ווי דער אלעקסאנדריניִשער, נאר א פארמעלער, אן אויבענאויפיגער. ער האט נאר אנגעריהרט די הויט, אבער האט זיך ניט געלעגט אין די ביינער. אט דער אויבענאויפיגער העלעניזם איז איצט, אונטער דער הערשאפט פון די סע־לעווקידען, ארייגעדרונגען אויך אין יהודה. ווארים די סירישע פארטיי האט לויט איהר פאליטישער ריכטונג אליין שוין געמוזט זיין העלעניסטיש, מחמת זיי זיינען געווען שטרענגע אנהענגער פון דער סעלעווקידישער מלוכה,

האבען די דאזיגע אידען געמוזט מאכען דעם העלעניזם פאר א טייל פון זייער פאליטישען פראגראם. דער העלעניזם איז אבער געלעגען אויך אין זייערע עקאנאמישע אינטערעסען. דער מזרח האט דעמאלט, ניט קוקענדיג אויף אלע אומרוהען, דורכגעלעבט א צייט פון רייכקייט און שפע. האנדעל און מלאכה האבען אויפגעבליהט. מאנכע אידען האט עס דעריבער געצויגען ארויסצוגעהן פון דער פרומער אפגעזונדערטקייט און צו נעמען אן אנטייל אין דעם רייכען לעבען פון דער ברייטער וועלט ארום (חשמונאים א, א 11). אזעלכע אידען ווי יוסף בן־טוביה'ס פאמיליע, ווי יאזאן, אלקימוס און זייערגלייכען זיינען געקומען אין נאהנטע באציהונגען צו קעניגליכע און פירשטליכע הויפען און הויפגעזעלשאפטען. זיי האבען זיך אויסגעלערענט די קונסט פון פיהרען פאליטיק און פון רעגירען. די גלענצענדיגע פארב פון דער פרעמדער קולטור האט זיי פארבלענדט, דער לוקסוס און דאס פארגעניגען האבען זיי אנגעצויגען. די וועלט האט זיי איינגעלאדען, און זיי האבען זיך מיטגעזעצט ביים טיש. אזוי ארום איז אנטשטאנען א נייע אידישע אריסטאקראטיע מיט סיריש־העלעניסטישע נייגונגען.

די פארטייען אין יהודה.

אבער קיין טיפע ווארצלען האט די סיריש־העלעניסטישע פארטיי ניט געשלאגען אין יהודה. ווארים די ברייטע מאסע פונ'ם פאלק איז באשטאנען פון פויערים, און זייערע אינטערעסען זיינען געגאנגען פונקט אין א להיפוכ'דיגער ריכטונג: זיי זיינען געווען אי געגען דער סירישער הערשאפט און אי געגען דעם העלעניזם. די סעלעוקידען האבען, צוליב זייער דוחק אין געלט, ארויפגעלעגט כסדר נייע שטייערן אויף זייערע אונטערטאנען, און דעם גרעסטען טייל דערפון האבען די פויערים געהאט צו צאהלען. אחוץ פערזענליכע אפצאהלונגען, ווי קאפגעלט און קרוינגעלט (א סומע וואס האט באטראפען די ווערדע פון א קרוין, וואס מ'פלעגט שיקען צו די מאנארכען), האט דער פויער געהאט צו צאהלען א טאקסע, וואס האט באטראפען א דריטעל פון זיין אפגעשניטענער תבואה און א העלפט פון דער פרוכט פון זיינע ביימער*). ווען מ'דערמאנט זיך, אז דער אידישער פויער האט נאך געהאט צו צאהלען מ ע ש ר און ת ר ו מ ה און נאך אנדערע רעלי־

*) פארגלייך פלאוויוס, אלטערטימער, י"ב, 3 § 4; חשמונאים א, ז 29—45.

גיעזע שטייערן, איז ניט שווער זיך פארצושטעלען וואס פאר א שווערע לאסט ער האט אויף זיך געטראגען. דער פויער איז דערפאר געצייגט גע־ווען צו עגיפטען איבער דעם, וואס די סירישע הערשאפט האט ארויפגעלעגט אויף איהם שווערערע אפצאהלונגען. דא איז אבער אחוץ דעם נאך צוגע־קומען א גייסטיג־רעליגיעזער פאקטאר. דער אידישער פויער איז, ווי דער פויער ביי אלע פעלקער און אין אלע צייטען, געווען קאנסערוואטיוו, האט זיך געהאלטען שטרענג אן די אלטע מנהגים און דעם אלטען שטייגער פון לעבען, און האט ניט געוואלט וויסען פון די נייע העלעניסטישע מאדעס. ער איז דעריבער אויך פון א רעליגיעזען מאטיוו געווען געגען דער סירישער און פאר דער עגיפטישער הערשאפט. דער פאליטישער היפוך צווישען דער עגיפ־טישער און דער סירישער פארטיי האט בכן זיך צונויפגעגאסען מיט דעם היפוך צווישען די פרומע און די העלעניסטען.

דער כאראקטער פון אנטיוכוס עפיפאנעס.

אבער דער אינערליכער פארטיי־קאמף אין יהודה וואלט פון זיך אליין זיך אויסגעברענט און וואלט על־כל־פנים קיין גרויסען רושם ניט געלאזען, ווען עס מישט זיך ניט אריין אזא דעספאטישער הערשער ווי אנטיוכוס עפי־פאנעס. די אידען האבען איהם באטראכט פאר אן אומדערבארימליכען אכזר, וואס זיין גאנצער פארגעניגען איז געלעגען נאר אין פארראט און בלוטפארגיסונג (דניאל ח 23-25; י"א 21). לויט די גריכישע היסטאריקער איז ער געווען אן אומרוהיגער און ענערגישער מאן, א גרויסער בעל־גאוה און אהן אן אינערליכען באלאנס, געטריבען דורך אמביציע און קאפריז צו אונטערנעמונגען, וואס זיינען געווען איבער זיינע כוחות. ער איז נתפעל געווארען ווי א קינד פון פאראדען און אויסערליכען גלאנץ. פון צוריקהאלטען זיך האט ער ניט געוואוסט. זיינע האנדלונגען זיינען צייטענווייז געווען אזוי מאדנע, אז אסך האבען איהם אנגענומען פאר חסר־דעה*). ער איז געווען א הייסער פארקעמפער פון אלץ וואס איז געווען גריכיש. ער האט פיעל פארשענערט אנטיוכיע, און אונטער זיין הערשאפט איז זי געווארען א צענ־טער פון העלעניסטישער בילדונג. ער האט געלאזט אויפשטעלען עפענט־

---

*) דער פאלקסוויץ האט פארביטען זיין צונאמען פון „עפיפאנעס", דער גאט וואס דערשיינט, אויף „עפימאנעס", דער משוגע'נער.

ליבע געביידעס אין אטען, און פיעל אנדערע גריכישע שטעט האבען עדות געזאגט אויף זיין ליבע צו קונסט און אויך אויף זיין ליבע צו ווארפען זיך פערזענליך אלעמען אין די אויגען. זיין צארן, ווען מ'האט זיך איהם געשטעלט אנטקעגען, איז געווען א פארשטענדליכע זאך ביי א ליידענשאפטליכען, אומדיסציפלינירטען הערשער, וואס איז, ווי ער, דערצויגען געווארען אין רוים, זייט ביי זייט מיט די צעלאזענע זיהן פון די רוימישע אריסטאקראטען, וואס האבען באהערשט די וועלט. ארומגערינגעלט מיט חונפים און אינטריגאנטען, און ניט באשאנקען מיט דער פעהיגקייט צו פארשטעהן די פעלקער, וואס האבען געלעבט אונטער זיין הערשאפט, איז ער געווען עלול זיך צו פארפלאנטערען פון איין פעהלער אין דעם אנדערען.

יאזאן, דער ברודער פון חוניו.

ווען אנטיוכוס עפיפאנעס האט באשטיגען דעם טראן איז פארגעקומען אן איבערקערעניש אין דער אינערליך־פאליטישער לאגע פון די אידען. חוניו'ס צד האט צייטווייליג געזיגט געגען יוסף־בן־טוביה'ס פאמיליע. דער פריהערדיגער רעגענט שמעון איז אראפגעזעצט געווארען און זיין שטעלע האט באקומען אן אנדער אידישער אריסטאקראט, א העלעניזירטער כהן, א ברודער פון חוניו'ן, מיט'ן נאמען ישוע, וואס ער האט איבערגעלעגט אין גריכיש אויף יאזאן*). פון א פאליטישען שטאנדפונקט האט אויסגעזעהן, אז חוניו האט געזיגט געגען די זיהן פון יוסף־בן־טוביה דער־

*) די געשיכטס־שרייבער פון דער אלטער צייט ביז אויף היינט האבען אנגענומען, אז יאזאן האט ארויסגעשטופט פון אמט זיין ברודער חוניו'ן. דער דאזיגער טעות איז געקומען דערפון, וואס מ'האט פארביטען די צוויי אמטען, וואס זיינען אין דער גריכישער עפאכע געווען אין אנהויב פארבונדען מיט דער כהונה גדולה. באמת זיינען יאזאן, מענעלאוס און אלקימוס געווען דעם קעניג'ס פאליטישע פארטרעטער, אבער מיט דעם רעליגיעזען אמט פון דעם כהן גדול האבען זיי לחלוטין ניט געהאט צו טאן (זעה אויבען ז. 206, 207). זיי הייסען ארכיערעאוס אין די געשיכטס־קוועלען, אבער דער דאזיגער טיטעל איז ניט געווען קיין פריסטער־ליכער, נאר דער כהן גדול האט איהם געטראגען אלס דער וועלטליכער פירשט פון יהודה. יאזאן איז בכן געווען דער נאכפאלגער ניט פון חוניו'ן, נאר פון מענעלאוס'עס ברודער שמעון. עס איז דער גרויסער פארדינסט פון דעם אידישען געלעהרטען דר. א. ביכלער (אין זיין בוך „די טאביאדען אונד דיא אניאדען“) צו האבען אנטדעקט אט דעם אמת'ען גאנג פון די געשעהענישען.

מיט וואס זיי האבען פארלארען די הערשאפט און זיין אייגע־נער ברודער האט עם באקומען. פון א רעליגיעזען שטאנדפונקט אבער האט די פרומע פארטיי געליטען א מפלה דורך דעם, וואס יאזאן איז עולה לגדולה געווען. ווארים יאזאן, פונקט ווי זיינע נאכפאלגער, מענעלאוס און אלקי־מוס, האט געהערט צו דעם קרייז אידישע העלעניזירטע אריסטאקראטען, וואס האבען געשטרעבט צו רייכקייט און פאליטישער מאכט און זיינען גע־ווען אינגאנצען גלייכגילטיג צו די אידישע רעליגיעזע אינטערעסען. די שטעלע פון ארכירעאוס האט יאזאן באקומען, ווייל ער האט פארשפראכען א פיעל גרעסערע סומע פאר דעם אמט איידער זיין פארגעהער; דערצו האט ער פארגעשלאגען פאר דעם קעניג צו העלעניזירען ירושלים. מיט גרויסע סומעס געלט האט מען געקענט אסך פועל'ען ביי די סעלעווקידישע הערשער, אבער נאך מעהר האט יאזאן געוואונען דעם קעניג מיט זיינע העלעניסטישע פלענער, מחמת דערמיט האט ער ארויסגעוויזען זיין פאליטישע כשרות, אז ער איז גרייט צו ארבייטען אין די אינטערעסען פון דער סעלעווקידישער מלוכה.

עס זעהט אויס, אז נאכדעם ווי הורקנוס איז באגאנגען זעלבסטמארד, און צווישען סיריען און עגיפטען האט אייניגע יאהר געהערשט פרידען, האט דער פארטיי־קאמף אין ירושלים פארלארען אויף א ווייל זיין שארפקייט, און עס האט זיך געבילדעט אין ירושלים א צענטער־פארטיי, וואס איז גע־שטאנען צווישעןביידע פארטייען און האט געזוכט זיי צו פאראייניגען. יאזאן איז קענטיג געווען דער פשרה־קאנדידאט פון דער דאזיגער צענטער־פארטיי, און פאר אנטיוכוס'ן האט זיך איצטער געלוינט איהם איבערצו־געבען די הערשאפט, כדי זיך צו קענען שטיצען ניט אויף אן אויסגעשפרא־כענער, קליינער סיריש־העלעניסטישער פארטיי, נאר אויף דער ברייטערער מאסע פון דער באפעלקערונג. יאזאן האט טאקע געהאט אויף זיין זייט די מאיאריטעט, צי פון דעם פאלק, אדער פון דער גערוזיא (פלאוויוס, אלטער־טימער י"ב 5 § 1). ער איז אויך גאר ניט געווען קיין שטרענגער העלע־ניסט. די יסודות פון דעם אידישען רעליגיעזען לעבען האט ער ניט אנגע־ריהרט. ער האט נאר געוואלט, אז ירושלים זאל קריגען א פנים ווי די העלעניסטישע שטעט ארום און אז די אידען זאלען אננעמען יענע גריכישע זיטען, וואס וועלען זיי געבען די מעגליכקייט צו פארקערען מיט זייערע גוי'אישע שכנים (חשמונאים א, א 11). ער האט פאר דעם צוועק אויסגע־בויט א גימנאזיום אין ירושלים און האט איינגעפיהרט גריכישע שפילען. די אידישע יונגעלייט זיינען געווארען שטארק פארקאכט אין דער דאזיגער

גריכישער זיטע; אפילו כהנים האָבען פאַרנעגלעסיגט די עבודה אין בית־המקדש און זיינען געלאָפען זיך באַטייליגען אין די אַטלעטישע שפּילען. אַ ליידענשאַפט פאַר גריכישע מלבושים, גריכישע זיטען און גריכישע נעמען האָט ארומגעכאַפּט דאָס פאָלק, און כדי צו קענען גענישען אין אַ פולער מאָס פון אַט די פרעמדע פּריווילעגיעס, האָבען אַסך אידען זיך פאַרשריבען פאַר „בירגער פון אנטיוכיע“. מאַנכע אידען, ערשיינענדיג אויף דער ארענא, האָבען זיך געשעמט מיט דעם אידישען סימן אין זייער לייב און האָבען געזוכט אָפּ־צואווישען אלע זיינע שפּורען. כדי צו ווייזען, אז די אידען נעמען אויך אַן אנטייל אין דעם אלגעמיינעם העלעניסטישען לעבען, האָט יאַזאָן געשיקט אַ רייכען געשאַנק פאַר קרבנות צום גרויסען פעסט אין צור לכבוד דעם גאָט הערקולעס. די שלוחים אבער האָט ניט געלאָזט דאָס הארץ צו טאָן אַזאַ אומאידישע זאַך און זיי האָבען אוועקגעגעבען דאָס געלט פאַר דער קעניג־ליכער פלאָטע (חשמונאים ב, קאַפּ. ד).

אין יאַזאָן'ס געמעסיגטען העלעניזם איז ניט געלעגען קיין סכנה פאַר די יסודות פון אידישען לעבען. אבער יאַזאָן האָט געגעבען אַ שלעכטען פּרע־צעדענט צו טרייבען עפענטליך פּאָליטיק אין ירושלים מיט העלעניזם, און ער האָט אַנגעוויזען אנטיוכוס'ן אַ וועג, אויף וועלכען ער, דער קעניג, וואָלט גאָר אפשר אליין ניט געוואַגט צו געהן.

מענעלאָוס, דער זוהן פון יוסף בן־טוביה.

יאַזאָן האָט זיך געהאַלטען אויף זיין שטעלע אלס ארכיערעאוס פון יהודה דריי יאָהר (175—172). דאַ האָט זיך אבער געענדערט די פּאָלי־טישע אַטמאָספערע אין אנטיוכיע, און דאָס האָט געמוזט פיהרען צו אַ פּאָ־ליטישער ענדערונג אויך אין יהודה. אנטיוכוס האָט דערהערט, אז פּטאָ־לעמעאוס פילאָמעטער גרייט זיך צו אַ מלחמה געגען איהם. דאָס איז געווען אַ געלעגענהייט פאַר דער סירישער פּאַרטיי צו קריגען ווידער די הערשאַפט אין איהרע הענט. אין אַ צייט פון אַ מלחמה געגען עגיפּטען האָט אנטיוכוס זיך ניט געקאָנט פאַרלאָזען אויף אַ צענטער־פּאַרטיי אין ירושלים. ער האָט דעריבער איבערגעגעבען די הערשאַפט צו דער עקסטרעמער סיריש־העלעניס־טישער פּאַרטיי און האָט באַשטימט שמעון'ס ברודער מענעלאָוס (מנחם) אויף יאַזאָן'ס שטעלע. מענעלאָוס האָט ניט געקאָנט צוזאַמענגעמען פון שטייערן די גרויסע סומע, וואָס ער האָט פאַרשפּראָכען דעם קעניג, און ער

האט דערפאר אנגעהויבען רויבען דעם אוצר פון בית־המקדש. דאס האט שטארק אויפגערעגט די ברייטע מאסען אין ירושלים, וואס האבען געזעהן, אז מענעלאוס געהט אין די דרכים פון זיין ברודער שמעון, און זיי האבען זיך צעבונטעוועט. מיט שטיינער, שטאנגען אייזען און אש פון מזבח האבען זיי צעשלאגען און צעטריבען דעם חיל פון דריי טויזענט מאן, וואס ליזי־מאכוס, מענעלאוס'עס ברודער און שטעלפארטרעטער, האט מאביליזירט, און ליזימאכוס'ן גופא האבען זיי דער'הרג'עט. אנטיוכוס האט אפגעהאלטען א משפט ווענען דעם אין צור. די גערוזיא פון ירושלים האט געשיקט אהין א דעפוטאציע פון דריי זיך צו פארטיידיגען און צו פארקלאגען מענעלאוס'ן. אבער מענעלאוס האט זיך געראטעוועט דורך א גרויסער סומע געלט, וואס ער האט געגעבען דעם קעניג'ס א פריינד, און די דעפוטאטען זיינען פאראור־טיילט געווארען צום טויט. דורך אזעלכע האנדלונגען מענעלאוס'עס האט די באגייסטערונג אין ירושלים פאר'ן העלעניזם זיך געמוזט שטארק אפ־קיהלען. דאס האט אבער אויך באדייט א רעאקציע געגען דער סירישער הערשאפט. די סימפאטיע פאר עגיפטען האט ווידער אויפגעוואכט, און די אנהענגער פון די פטאלעמעער האבען הפנים געווארט אויף א געלעגענהייט צו קענען אריבערגעהן צוריק צו דער עגיפטישער הערשאפט. די דאזיגע געלעגענהייט איז באלד געקומען, און מיט איהר האט זיך אנגעהויבען דאס בלוטיגע שפיל אין ירושלים.

דער ערשטער פעלדצוג פון אנטיוכוס'ן געגען עגיפטען.

אין יאהר 172 (פאר קר.) האט פטאלעמעאוס דער זעקסטער געפאדערט קאילעסיריען און פאלעסטינע אלס די נדן פון זיין מוטער קלעאפאטרא*). און אז אנטיוכוס האט זיך אנטזאגט עס אפצוגעבען, האט פטאלעמעאוס זיך אריינגעריסען אין סירישער טעריטאריע. אלס רעזולטאט דערפון איז אויס־געבראכען א מלחמה צווישען אנטיוכוס'ן און זיין פלימעניק. אין זיין ערש־טען פעלדצוג געגען עגיפטען, אין יאהר 169, האט אנטיוכוס צעשלאגען די ארמיי פון פטאלעמעאוס'ן (דניאל י"א 25). בעת אנטיוכוס איז געווען אין עגיפטען האט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז ער איז געשטארבען. די עגיפ־טישע פארטיי אין ירושלים האט געמיינט, אז עס איז געקומען דער גינסטי־

*) זעה אויבען ז. 201.

גער מאמענט צו בייטען דעם סירישען רעזשים אויף דעם עגיפטישען. יאזאן, וואס איז געווען אנטלאפען אין עבר־הירדן און האט דארטען קענטיג געזאמעלט אן ארמיי און געווארט אויף א געלעגענהייט ווען אנטיוכוס וועט צעשלאגען ווערען כדי צו פארכאפען ירושלים פאר פטאלעמעאוס'ן, איז איצט געקומען מיט א קליינעם חיל פון טויזענט מאן, האט באזעצט ירושלים און איינגעשלאסען מענעלאוס'ן אין ציטאדעל. זיך דערוויסענדיג, אז אנטיוכוס האלט זיך אין צוריקקערען פון עגיפטען, איז יאזאן ווידער אנטלאפען*). אנטיוכוס האט צוגעמארשירט דירעקט צו ירושלים און האט איבערגעגעבען די שטאט אין די הענט פון זיינע סאלדאטען מיט א באפעהל צו הרג'ענען די אנהענגער פון דער עגיפטישער פארטיי (פלאוויוס, אלטערטימער י"ב 5 § 3). אבער מ'האט ניט געמאכט קיין אונטערשייד צווישען שולדיגע און אומשולדיגע, און א בלוטיגע שחיטה איז פארגעקומען אין ירושלים. אבער דאס איז נאך ניט געווען אלצדינג. אנגעפיהרט פון מענעלאוס'ן איז אנטיוכוס אריין אין בית־המקדש און האט אוועקגערויבט זיין גרויסען אוצר, וואס האט באטראפען (לויט דעם צווייטען ספר חשמונאים) אכצעהן הונדערט טאלענטען זילבער. ער האט אויך צוגענומען דעם גאלדענעם מזבח און די מנורה און אלע אנדערע הייליגע כלים און צירונגען פון גאלד. ירושלים איז געבליבען קלאגענדיג אין זעק און אין אש, און מענעלאוס איז געבליבען דער הערשער, געשטיצט אויף די סירישע געוועהר (דניאל י"א 28; חשמונאים א, קאפ. א).

---

*) וואס חוניו'ס סוף איז געווען, איז ניט זיכער. די „אידישע מלחמות" און די „אידישע אלטערטימער" פון יוסף פלאוויוס זיינען זיך אין דעם פרט סותר. מאנכע פארשער האלטען פאר היסטאריש דעם באריכט אין צווייטען ספר חשמונאים (קאפ. ד), אז חוניו איז אומגעבראכט געווארען אין אנטיוכיע דורך מענעלאוס'עס אן אגענט. דעם בית־המקדש אין לעאנטאפאלים (בית־חוניו) האט לויט דעם געבויט אן אנדער חוניו. דאס שטימט מיט דעם באריכט פון יוסף פלאוויוס וועגען דעם דאזיגען בית־המקדש און זיינע אלטערטימער, י"ג 3 § 1. אנדערע פארשער ווידער ברענגען ראיות, אז דער באריכט וועגען חוניו'ס טויט אין אנטיוכיע איז ניט קיין ריכטיגער. זיי שטיצען זיך נאך דערביי אויף די אידישע מלחמות פון יוסף פלאוויוס, וואו עס ווערט דערצעהלט אין צוויי שטעלען (א 1, § 1; ז 10 § 2), אז אט דער אייגענער כהן גדול חוניו פון ירושלים איז אנטלאפען קיין עגיפטען און דארטען אויסגעבויט דעם בית־המקדש אין לעאנטאפאלים. א פולע דיסקוסיע וועגען דעם אין וועלהויזען'ס „איזראעליטישע אונד יודישע געשיכטע" (1914) ז. 234, 235 און אין דר. ביכלער'ס „די טאביאדען אונד די אניאדען" ז. 275, 276 אין דער באמערקונג.

דער צווייטער פעלדצוג פון אנטיוכוס'ן געגען עגיפטען.

אבער דאס ערגסטע האט נאך געזאלט קומען. אין יאהר 168 האט אנטיוכוס ווידער געמאכט א פעלדצוג געגען עגיפטען. לויט זיינע ערפאלגען אין זיינע פריהערדיגע קריגס-עקספעדיציעס איז ער איצט געווען זיכער צו קריגען די הערשאפט איבער עגיפטען. אבער רוים האט זיך צוגעהערט צו דעם רוף פון די פטאלעמעער נאך הילף, און א רוימישער שליח האט איבערגעגעבען אנטיוכוס'ן א געשריבענעם באפעהל פון סענאט אין רוים אויפצוגעבען דעם קריג. אנטיוכוס האט געבעטען מ'זאל איהם געבען צייט זיך אן עצה צו האלטען מיט זיינע פריינד ביז ער וועט געבען אן ענטפער. פאפיליוס, דער רוימישער באפולמעכטיגטער, האט געמאכט מיט זיין שווערד א צירקעל אינ'ם זאמד ארום דעם סירישען קעניג און האט איהם באפוילען נים ארויסצוגעהן פון דעם עיגול איידער ער האט געמאכט א באשלוס. אנטיוכוס האט קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי זיך צוריקצוציהען, און צו זיינע פלענער וועגען באהערשען עגיפטען האט אויף אלעמאל געקומען א סוף.

אנטיוכוס האט איצט געזוכט צוזאמענצונעמען זיינע כוחות און צו מאכען פון זיין פיעלפארביגען קעניגרייך אן איינהייטליכע, פעסטע מלוכה, צוזאמענגעשמידט דורך דער שותפות'ער העלעניסטישער קולטור. באזונדערס וויכטיג איז געווען פאר איהם צו מאכען יהודה פאר אן ארגאנישען טייל פון זיין אימפעריע, כדי צו זיין זיכער מיט דעם גרעניץ צו עגיפטען צו. אלע אנדערע אראמעאיש-שפרעכענדיגע פעלקער האבען איהם נאכגעגעבען און זיך העלעניזירט. דאס היידענטום האט זיך גוט פארטראגען מיט דעם העלעניזם, עס האט געקאנט זיך איינהילען אין זיינע פארמען און בלייבען וואס עס איז געווען. עס איז זיכער ניט געווען אנטיוכוס'עס שולד, וואס ער האט ניט געוואוסט דעם חילוק צווישען יודענטום און היידענטום.

וואס דעמאלט איז פארגעקומען אין ירושלים, שטעהט אין ערגעץ ניט. נאר מיר דארפען זיך פארשטעלען, אז די רעאקציע געגען דעם העלעניזם איז געוואקסען און אז די סיריש-העלעניסטישע פארטיי האט צוזאמענגעשרומפט אויף א קליינער צאהל פון אידישע אריסטאקראטען, וואס האבען זיך איינגאנצען אידענטיפיצירט מיט די אינטערעסען פון דער סירישער מלוכה און זיינען, ווי אמאל מנשה מלך יהודה, גרייט געווען צוליב פאליטישע מאטיווען אפילו אריינצושטעלען געצען אין בית-המקדש. עס קען אויך זיין,

אז די אידען האבען ווידער זיך אויפגעהויבען געגען מענעלאוס'ן און זיין רעזשים.

געצוואונגענע העלעניזירונג.

אנטיוכוס האט איינגעזעהן, אז מיט גוטען וועלען די אידען זיך ניט העלעניזירען, און די אידישע געמיינדע אין יהודה וועט בלייבען א פרעמדער גליד אין דעם ארגאניזם פון זיין מלוכה, און ער האט באשלאסען צו העלע־ניזירען די אידען מיט געוואלד. א סירישער גארניזאן אונטער א בארבאר פון פריגיען מיט'ן נאמען פיליפ איז שוין פון פריהער ארייגעשטעלט גע־ווארען אין ירושלים. איצט האט אנטיוכוס געשיקט אפאלאניוס'ן מיט א גרויסער ארמיי צו מאכען א סוף צו דעם קולט פון יהוה דורכ'ן אויסראטען אלעמען, וואס זיינען געבליבען געטריי צו איהם און דורכ'ן קאלאניזירען יהודה מיט העלעניזירטע אונטערטאנען. מאכענדיג א פרידליכען אנשטעל, איז אפאלאניוס אנגעפאלען אויף די איינוואוינער פון ירושלים און האט זיי געשאכטען אהן רחמנות (חשמונאים א, א; חשמונאים ב, ה). דער בית־המקדש איז פארוויסט געווארען, און כדי צו פארגרעסערען זיינע הכנסות זיינען פרויען און קינדער פארקויפט געווארען אין שקלאפעריי. די מויערן פון שטאט זיינען ארונטערגעריסען און אסך הייזער אויסגערויבט און אונ־טערגעצונדען געווארען. אלע וואס האבען געקאנט אנטלויפען פון ירושלים זיינען אנטלאפען ענטוועדער אין עגיפטען אדער אין באהעלטענישען אין יהודה, און אנשטאט זיי זיינען פרעמדע געבראכט געווארען, וואס וועלען זיין אין סימפאטיע מיט מענעלאוס'ן און די סיריער. נאר איין פלאץ איז אויפ־געבויט געווארען, — די אקרא, די ציטאדעל אין דוד'ס שטאט („עיר דוד"). זי איז איצט אזוי באפעסטיגט געווארען, אז זי האט געקראגען דעם פולען קאנטראל איבער דעם בית־המקדש און דער שטאט, און א שטארקער גארניזאן פון סיריער און פון העלעניסטישע אידען איז אין איהר ארייגגע־שטעלט געווארען. פון איצטער אן איז די ציטאדעל געווען א שטענדיגער טטראשונאק פאר דער שטאט, ביז זי איז ערָאבערט געווארען דורך שמעון החשמונאי אין יאהר 141 (פאר קר.).

די אפשטעלונג פון דער עבודה אין בית־המקדש. אנטיוכוס'עס דעקרעט אפצושאפען דאס יודענטום.

אנטיוכוס'עס באפעהלען זיינען דורכגעפיהרט געווארען מיט א שווידער־ליכער גרינטליכקייט. אין חודש כסלו אין יאהר 168 (פאר קר.) איז א

קלײנער מזבח פאר זעװס־יופיטער, „די װיסטע אומװירדיגקײט“ („שקוץ משומם“), אױפגעשטעלט געװארען אויף דעם גרױסען „מזבח העולה“. אין די הױפען פון בית־המקדש זײנען באלד פראקטיצירט געװארען אלע אומ־מאראלישע מנהגים, װאס זײנען געװען פארבונדען מיט א הײדנישען הײ־ליגטום אין יענער דעגענערירטער צײט. סאלדאטען האבען דארטען געהור־ליעט מיט זונות, און מ'האט ארײנגעטריבען אהין חזירים און זײער טמא בלוט געשפריצט אויף די הײליגסטע ערטער (חשמונאים ב, ו; יוסף פלא־װיוס, אלטערטימער י"ב 5 § 4). דאס פאלק האט מען געצװאונגען צו נעמען אן אנטײל אין די דאזיגע געצענדינערישע קרבנות, און אינספעקטארס זײנען אנגעשטעלט געװארען אכטונג צו געבען, אז אין אלע טײלען פון'ם לאנד זאל הערשען דיזעלביגע אײנפארמיגקײט אין גאטסדינסט. אפילו דער בית־המקדש פון יהוה אויף'ן בארג גרזים איז פארװאנדעלט געװארען אין א טעמפעל פאר זעװס. קײן קרבנות צו יהוה האט מען מעהר ניט געטארט מקריב זײן. דורך א קעניגליכען דעקרעט איז פארבאטען געװא־רען אונטער טױטשטראף צו היטען שבת און יום־טוב און צו פראקטיצירען ברית־מילה. אלע ספר־תורות און אנדערע הײליגע שריפטען, װאס די סאל־דאטען האבען געקאנט קריגען אין זײערע הענט, זײנען פארברענט געװארען. הײדנישע מזבחות און טעמפלען זײנען אױפגעשטעלט געװארען אין דעם גאנצען לאנד יהודה, און מ'האט גענײט יעדען אידען צו ברײנגען עפענטליך א קרבן צו די אפגעטער, חזיר־פלײש אדער דאס פלײש פון אן אנדער טמא בהמה; און אז ס'איז געקומען דער יום־טוב פון װײן־גאט דיאניסעס האט מען געצװאונגען יעטװידערען אידען אין ירושלים צו מארשירען אין דער פראצעסיע מיט בלומען־קראנצען אויף'ן קאפ לכבוד דעם אפגאט (חשמונאים א, א, חשמונאים ב, ו). מענעלאוס האט געהאט ניט קײן קלײנעם טײל אין דעם אלעמען (יוסף פלאװיוס, אלטערטימער י"ב 9 § 7). מיט דער שטאט אין פולען קאנטראל פון די סיריער און די עקסטרעמע סיריש־הע־לעניסטישע אידען, מיט די פרומע צעשפרײט איבער אלע טײלען פון'ם לאנד — האט ער געקאנט גראטולירען אנטיוכוס'ן צו דעם ערפאלג פון זײן װערק. עס איז קײן װאונדער ניט װאס אסך אידען האבען זיך איבערגע־געבען צום הײדנישען קולט. עס איז געװען א צײט פון שװערע נסיונות, אבער אויך א צײט פון ערװאכונג. די מאסקע איז אראפגעפאלען פון הע־לעניזם. זײן גרױסע קולטור איז אין תוך געװען פאלש און גאטלאז. מיט אלץ װאס זי האט אנגעבאטען אין דעם מאטעריעלען לעבען, איז אבער איהר אטמאספערע געװען פול מיט דעם גיפט פון מאראלישער פארדארבענקײט.

אזוי, לכל הפחות, האבען געטראכט די פרומע, וואס זיינען אנטלאפען אין די באהעלטענישען פון די בערג און אין מדבר, און האבען דארטען פארשטארקט זייער מסירת־נפש פאר דער תורה און באשלאסען גיכער צו שטארבען איי־דער אוועקצואווארפען זייער גלויבען (חשמונאים א, א). די פארניכטונג פון די הייליגע ספרים האט נאך אסך אויפגעהויבען זייער חשיבות אין די אויגען פון די אידען, און דאס האט, קאן גרייליך זיין, זיי געגעבען דעם אנשטויס אנצוהייבען זאמלען — נאכדעם ווען די תורה און די נביאים זיי־נען שוין געווען אפגעשלאסען — א דריטע זאמלונג פון הייליגע ביכער, די „כתובים" פון אונזער תנ"ד.

די אידישע מארטירער.

אזא געגנערשאפט האט נאטירליך אנגעצונדען אנטיוכוס'עס ברענענדי־גען צארן. ער האט אנגעווענדט אלע תחבולות, וואס מענשליכע אכזריות האט נאר געקאנט אויסטראכטען, כדי ארויפצוצווינגען זיין ווילען אויף די אידען. יוסף פלאוויוס דערצעהלט אונז (אלטערטימער י"ב 5 § 4), אז מענשען „זיינען געשמיסען געווארען מיט ריטער, זייערע קערפערס זיינען צע־ריסען געווארען אויף שטיקער און זיי זיינען אנגעשלאגען געווארען אן קרייצען, ווען זיי האבען נאך געלעבט און געאטעמט"; און אלס אן אפשרע־קענדיגען ביישפיל, וואס עס וועט קומען פאר ווידערשפעניגען געגען דעם באפעהל וואס פארבאט ברית־מילה, זיינען מאנכע פרויען, וואס האבען גע־לאזט מל זיין זייערע קינדער, געשלעפט געווארען דורך די גאסען פון ירושלים מיט זייערע עופה'לעך הענגענדיג אויף זייער האלז, און דערנאך זיינען זיי אראפגעשליידערט געווארען פון א הויכען מויער און גע'הרג'עט געווארען (חשמונאים א, א; חשמונאים ב, ו).

אין דער דאזיגער צייט געהערען אויך די מארטירער־געשיכטעס פון צווייטען ספר חשמונאים. צי זיי זיינען יא אדער ניט אמת אין אלע זיי־ערע פרטים, שפיגלען זיי אבער אפ דעם אכזריות'דיגען גייסט פון דעם סירישען העלעניזם. איינער אן אלטער סופר אליעזר האט זיך אנטזאגט צו עסען חזיר־פלייש, און אז מ'האט איהם געהייסען מאכען אן אנשטעל און עסען אייגענע כשר'ע פלייש, כדי די לייט ארום זאלען מיינען, אז ער עסט עם פונ'ם קרבן צום אפגאט, האט ער דערקלערט, אז „ער מוזען לאזען א שענעם ביישפיל פאר דעם יונגער דור צו שטארבען מיט פרייד פאר גאט'ס

תורה", און האט אומדערשראקען זיך געלאזט פייניגען. די אנדערע גע־שיכטע איז פון א מוטער און איהרע זיבען זיהן, וואס זיינען איינער נאכ'ן אנדערען געשטארבען מיט די שרעקליכסטע יסורים, און אין איטליכען פאל האט די פיין נאר געשטארקט און דערמוטיגט די זעל צו העלדישער מסירת־נפש פאר'ן גלויבען. מיט אזעלכע גייסטער האט אנטיוכוס איצט געהאט צו טאן. א קורצע צייט האבען זיי געווארט, גלייך ווי געפלעפט פון דעם מורא'דיגען קלאפ, וואס האט זיך אראפגעלאזען אויף דער שטאט און דעם בית־המקדש. זיי האבען זיך אויך אונטערגעווארפען אין אנהויב אונטער דעם פחדנות'דיגען שפיצעל פון די סיריער, זיי צו באפאלען אום שבת, און טויזענט פון זיי זיינען אומגעקומען און האבען זיך ניט געשטעלט אנטקעגען (חשמונאים א, ב). אבער ווי פארצווייפעלט עס האט ניט אויסגעזעהן און ווי דאס איז ניט געווען אין הסכם מיט דער לאנגער רגילות פון אונטער־ווארפען זיך, איז אבער פארט ניט געווען קיין אנדער וועג אויסצומיידען א שענדליכען און אכזריות'דיגען טויט, ווי צו נעמען דעם שווערד און צו דערווארטען הצלחה פון גאט, וואס האט אין די אמאליגע צייטען „געלערענט זייערע הענט צום שטרייט און זייערע פינגער צום קריג". אבער ווער האט זיי געזאלט פיהרען? זיכער ניט די אריסטאקראטיע, וואס האט זיך ארוים־געוויזען פאר באנקראט, וואס האט געפיהרט א סירישע אדער אן עגיפטי־שע, אבער קיינמאל ניט קיין נאציאנאל־אידישע פאליטיק; זיכער ניט די אלטע משפחה פון די כהנים גדולים, וואס איהרע לעצטע פארטרעטער, חוניו און יאזאן, האבען געהאט אין זינען נאר זייערע אייגענע דינאסטישע אינ־טערעסען. נייז, ניט קיין מיוחס, נאר א פשוט'ער, פרומער כהן, א מאן פון פאלק, איז איצט אויפגעשטאנען אלס פיהרער און האט געעפענט איינעם פון די גלענצענדיגסטע קאפיטלען אין דער געשיכטע פון דעם אידישען פאלק.

4.

דער ספר דניאל און זיין באדייטונג.

א טיפען אריינבליק אין דער שטימונג פון יענע טעג און אין די אינערלי־כע איבערלעבונגען און האפענונגען ביי מאנכע קרייזען פון די פרומע גיט אונז דאס בוך, וואס איז דעמאלט אין יענע קרייזען געשאפען געווארען. דאס איז דער ספר דניאל, דאס גרעסטע ווערק אין דער אפאקאליפטישע ליטע־

ראטור, דער מוסטער פאר אלע שפעטערדיגע אפאקאליפסעס*). אסך פעל־קער האבען דורכגעמאכט, און מאכען נאך איצט דורך, נאציאנאלע נויטען, אבער קיין אנדער פאלק, אחוץ די אידען, האט אין זיין נאציאנאלען קריזיס ניט געשאפען אזא געשטאלט ווי דניאל, וואס לאזט זיך ווארפען אין לייבענגרוב, און די לייבען וואגען ניט איהם אנצוריהרען.

דער ספר דניאל באשטעהט פון פארשידענע עלעמענטען און האט א לאנגע געשיכטע הינטער זיך. דער יסוד זיינער איז אן אלטע לעגענדע, וואס איז ארומגעגאנגען שוין אין יחזקאל'ס צייט און האט מסתמא דערצעהלט, ווי אזוי דער פרומער ד נ י א ל איז, פונקט ווי נ ח און א י ו ב, געראטעוועט געווארען פון מורא'דיגע סכנות (יחזקאל י"ד 14, 20). אחוץ מיט זיין פרומקייט איז דניאל, ווי ס'איז צו זעהן פון יחזקאל כ"ח 3, בארימט געווען אויך מיט זיין חכמה. פון דעם דאזיגען אוראלטען לעגענדארישען דניאל האט מען שפעטער געמאכט א פרומען אידישען זעהער, וואס זאל האבען געלעבט אין און נאך דעם גלות־בבל, און מ'האט איהם אריינגעפלאכטען אין די פאפולערע מעשיות פון אריענטאלישער געשיכטע, אשטייגער ווי די לעגענדארישע פיגור פון דעם חכם אחיקר**). די היסטארישע געשעהענישען זיינען דא לגמרי פארדרעהט. דאך אבער בלייבט אין א געוויסער מאס דער אויסערליכער סקעלעט פון דער היסטאריע, הגם דער סדר פון די מלכים איז אפט צעמישט. אזוי, למשל, ווערט בלשאצר געמאכט פאר א זוהן פון נבוכדנאצר'ן. נאך בלשאצר'ן קומט כורש (ה 2, 18 ; ו 29 ; ט 1).

אבער ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס דער ספר דניאל אנטהאלט אסך אלטע מאטעריאלען, און אפשר אויך מאנכע עלטערע אראמישע נוסחאות, מינדערט דאס אויף א האר ניט די זעלבשטענדיגקייט און ליטערארישע גרויסקייט פון דעם פארפאסער. אדרבה, מיר מוזען נאך מעהר באוואונדערען די אייגענארטיגקייט און שטארקייט פון זיין פערזענליכקייט, וואס

---

*) וועגען אפאקאליפטישער ליטעראטור זעה אויבען ז. 197-199. צי עס זיינען געבליבען אויך תהלים־געזאנגען פון דער דאזיגער צייט, צי תהלים מ"ד, ע"ד, ע"ט, פ"ג באציהען זיך אויף די געשעהענישען אונטער אנטיוכוס עפיפאנעס אדער אויף א פריהערדיגער קאטאסטראפע (אין דער צייט פון ארטאקסערקסעס אכוס, זעה אויבען ז. 68-79), איז א פראגע, וואס קיינער קאן מיט זיכערקייט ניט אנטשיידען.

**) זעה אויבען ז. 196, 197.

האט פון אזא מיש־מאש פון פארשידענע מאטעריאלען דאך געשאפען אן איינהייטליך ווערק.

די מעשיות.

די ערשטע קאפיטלען באשטעהען פון א סעריע מעשיות וועגען דעם שענעם. פרומען און מיט באזונדערער חכמה באשאנקענעם דניאל און זיינע דריי חברים: חנניה, מישאל און עזריה. אלס אינגלעך זיינען זיי פארטריבען געווארען אין בבל און זיינען דארטען אויסגעבילדעט געווארען אלס פאזשען אין נבוכדנאצר'ס הויף. זיי געפינען זיך אין אן ענליכער, שלעכטער לאגע ווי די אידען אין אנטיוכוס'עס צייט. זיי מוזען אסך ליידען און ביישטעהן אסך נסיונות, כדי צו בלייבען פרום, כדי ניט צו עסען קיין טריפע שפייז און ניט צו בוקען זיך צו קיין געצען. אבער זיי בלייבען שטאנדהאפטיג. מ'ווארפט זיי אין פייערדיגע אויוועגס און אין לייבענגריבער, אבער גאט העלפט אומעטום זיינע פרומע, און דניאל און זיינע חברים קומען ארויס אומבאשעדיגט. דאס איז דער מוסר־השכל, וואס דער מחבר וויל געבען מיט די דאזיגע מעשיות צו די אידען פון זיין צייט.

די אפאקאליפסעס.

נאך די דערצעהלונגען קומען די אפאקאליפטישע זעהונגען. אין בילדער פון ווילדע חיות, וואס שטעלען מיט זיך פאר די וועלט־מלוכות, און אין א שפראך פול מיט סודות ווערט דניאל'ן אנטפלעקט די צוקונפט, דער גאנג פון דער גאנצער וועלטגעשיכטע פון גלות בבל אן ביז דעם צווייטען פעלדצוג פון אנטיוכוס עפיפאנעס געגען עגיפטען, ווען די חיילות פון דעם מלך דעם עזות־פנים (אנטיוכוס) וועלען פארשוועכען דאס היילגטום, וועלען אפשאפען דעם קרבן־תמיד און אויפשטעלען די וויסטע מיאוס'קייט, דעם מזבח פאר דעם גאט זעוס („שקוץ משומם“, (י"א 31). אבער די פרומע דארפען ניט פארצווייפלען. אלץ וואס פאסירט איצט אונטער אנטיוכוס'ן איז שוין פאראויס באשטימט געווארען; דאס האט געמוזט קומען. פיער גרויסע אימפעריעס האבען געמוזט באהערשען די וועלט (בבל, מדי, פרס, יון). אבער באלד קומט דער סוף צו דער פערטער און לעצטער מלוכה. אין הימעל ווערט אפגעהאלטען א משפט. דער אורא־לטער אין טעג, דער

אייביגער גאט, זיצט אויף זיין הימלישען טראן ארומגערינגעלט פון טויזענטער מלאכים. מ׳עפענט די ביכער, און די פערטע בעסטיע, די גריכישע ממשלה, פון וועלכער עס איז ארויסגעשטיגען דער עלפטער קליינער הארן מיט דעם לויזען מויל (אנטיוכוס עפיפאנעס), ווערט איבערגעגעבען צו דעם פייער. אבער איינער, וואס זעהט אויס ווי א מענש („כבר אנש"), קומט מיט די וואלקענס פון הימעל און קומט צו ביז צו גאט אליין, און איהם ווערט איבערגעגעבען די אייביגע הערשאפט איבער אלע פעלקער, די מלוכה פון משיח (קאפ. ז.).

פון ירמיה ווייסט דער פארפאסער, אז נאך זיבעציג יאהר פון דעם חורבן פון ירושלים וועט קומען די גאולה (כ"ה 11; כ"ט 10). די דאזיגע יאהרען זיינען לאנג שוין פארגאנגען. אבער דער מחבר פון ספר דניאל מאכט פון זיי יאהרוואכען (490 יאהר*). אין דער צווייטער העלפט פון דער לעצטער יאהרוואך, ווען די עבודה אין בית־המקדש וועט זיין אונטערגעבראכען (א צייט, צוויי צייטען און א האלבע צייט, עם הייסט 3½ יאהר, א האלבע יאהרוואך) וועט קומען דער קץ (קאפ. ט). אנטיוכוס וועט מאכען א דריטע מלחמה געגען עגיפטען. ער וועט אויפשטעלען זיינע פאלאץ־געצעלטען צווישען דעם ים און דעם בארג פון דער הייליגער צירונג („ציון"). ער וועט האבען גרויס הצלחה, אבער אויפ׳ן שפיץ פון זיין מאכט, ווען ער וועט האלטען אין אנטאן די אידען נאך גרעסערע צרות, וועט אויף דעם ארץ־ישראל׳דיגען באדען קומען א סוף צו איהם**), און עס וועלען זיך אנהייבען די גליקליכע טעג פון משיח׳ס מלוכה.

דער מחבר פון דניאל — און קענטיג יענער קרייז פרומע, צו וועלכען ער געהערט — שטעהט אן־א־זייט פון אלע פאליטישע טעטיגקייטען און

---

*) פארגלייך וועגען די יאהרוואכען אויבען ז. 129. מ׳דארף ניט זוכען אריינצופאסען די דאזיגע יאהרוואכען אין דער פאקטישער כראנאלאגיע, ווארים דער מחבר פון דניאל, וואס האט געוואוסט זעהר גוט די געשיכטע פון זיין עפאכע, די עפאכע פון די פטאלעמעער און די סעלעוקידען, האט געהאט זעהר א מטושטש׳ען באגריף וועגען די עלטערע צייטען פון די פערסער און די כשדים. פארגלייך אויבען ז. 36, 37 אין דער באמערקונג.

**) דאס איז דעם פארפאסער׳ס א וויזיע פון דער צוקונפט, וואס איז ניט מקוים געווארען. קיין דריטע מלחמה געגען עגיפטען האט אנטיוכוס קיינמאל ניט געמאכט. מ׳קאן העכסטענס זאגען, אז דער מחבר האט געהאט א ידיעה, אז אנטיוכוס קלייבט זיך מאכען א דריטען פעלדצוג. געשטארבען איז אנטיוכוס על־כל־פנים גאר אין א פעלדצוג געגען פערסיען. דערפון איז צו זעהן, אז דער פארפאסער האט געענדיגט זיין בוך פאר אנטיוכוס׳עס טויט.

דערוואָרט די אמת'ע הילף נאָר פון גאָט אליין. פון די חשמונאים, וועמען ער רופט אָן „די קלוגע פון פאָלק", האלט ער ניט פיעל. נאָר עפּעס א הילף, זאָגט ער, וועלען זיי ברייינגען, און אסך וועלען צושטעהן צו זיי מיט פאַר־שטעלטקייט (י"א 33—35). דאָס ווייזט אונז, אז דער פאַרפאַסער האָט געשריבען זיין בוך נאָך די ערשטע נצחונות פון די חשמונאים. אז ער זאָל האָבען שוין דערלעבט אויך דעם „חנוכת הבית" אונטער יהודה המכבי און אויך דאָס זאָל ער האָבען באַצייכענט אלס „עפּעס א הילף", ווי אסך פאַר־שער נעמען אָן — לעגט זיך ניט אויפ'ן שכל.

מיר זעהען בכן פון ספר דניאל, אז די חשמונאים האָבען ניט פאָראויי־ניגט אַרום זייער פאָן אלע פרומע, וואָס זיינען געווען פיינד פון העלעניזם. מאַנכע — ווי די „חסידים", וועגען וועלכע מיר וועלען שפּעטער ריידען — זיינען נאָר צייטווייליג צוגעשטאַנען צו זיי, און מאַנכע פרומע, פון דעם טיפּ ווי דער מחבר פון ספר דניאל, האָבען איבערהויפּט ניט געהאלטען פון דעם גאַנצען אויפשטאַנד און האָבען זיך פאַרלאָזען נאָר אויף גאָט אליין (פאַרגלייך אויך תהלים קי"ח 5—16).

די ווירקונג פון דעם ספר דניאל אויף זיין צייט קאָן ניט לייכט אָפּגע־שאַצט ווערען. ער האָט זיכער באַגלייט אָפּט די מאַרטירער אין דעם טויט און די קעמפער אין זייער געפאַהר. און אז די נויט איז פאַרביי, אנטיוכוס עפּיפאַנעס איז געשטאָרבען און דער בית המקדש און די אידישע געמיינדע אין ירושלים זיינען געבליבען, איז דערמיט אַרויפגעלעגט געוואָרען אויף דעם דאָזיגען בוך דער געטליכער שטעמפּעל אלס דאָס וואָרט פון א נביא און עס איז אַריינגענומען געוואָרען אין די הייליגע ספרים.

אחוץ אלס היסטאָרישער דאָקומענט בכלל, וואָס גיט אונז די מעגליכ־קייט טיפער אַריינצוקוקען אין דעם אידישען לעבען ביים אויסברוך פון דעם חשמונאים־אויפשטאַנד, האָט דער ספר דניאל אויך א ספּעציעלע גרויסע באַדייטונג פאַר דער געשיכטע פון דער אידישער רעליגיאָן, פון די אידישע רעליגיעזע השגות און גלויבונגען.

דער גלויבען אין תחית־המתים.

אין דניאל באַגעגנען מיר צום ערשטען מאָל א פולען, קלאָר אויסגע־דריקטען גלויבען אין תחית־המתים פון דעם יחיד. ווען די נויט וועט דער־גרייכען איהר העכסטען פונקט, וועט דעמאָלט זיך אויפשטעלען מיכאל, דער

גרויסער האר וואס באשיצט דאס פאלק ישראל, און דער רעזולטאט וועט זיין, אז אלע וואס זיינען פארשריבען אין דעם בוך פון לעבען*) וועלען גליקליך איבערקומען די קאטאסטראפע און וועלען זוכה זיין ארייגצוקומען אין גאט׳ס מלוכה. אבער ניט נאר זיי אליין: „אסך פון די וואס שלאפען אין דער ערד וועלען אויפוואכען, די איינע צו אן אייביגען לעבען און די אנדערע צו אן אייביגער שאנד" (י"ב 1, 2). ביז דניאל הערען מיר נאר פון א תחית-המתים פון גאנצען פאלק. אויך אין דער אפאקאליפסע פון ישעיה כ"ו**), וואו עס שטעהט: „זאלען אויפלעבען דיינע מתים, מיינע טויטע קערפער זאלען אויפשטעהן. וואכט אויף און זינגט איהר וואס ליגט אין דער ערד, ווארים א טוי פון ליכט איז דיין טוי און דאס לאנד פון די טויטע געבערט." אויך דא רעדט זיך נאך אלץ וועגען דעם גאנ־צען פאלק, וואס וועט פארשטארקט און פארמעהרט ווערען אויף אן איבער־נאטירליכען אופן. דער אפאקאליפטיקער מאכט דא נאר איין טריט ווייטער ווי יחזקאל. דאס וואס ביי יחזקאל׳ען, אין זיין בילד פון דעם טאל מיט די פארטריקענטע ביינער, איז נישט מעהר ווי א וויזיע, שילדערט דער אפאקאליפטיקער אלס א ווירקליכקייט, וואס האלט ביים מקוים ווערען. דער יחיד אבער און זיין הנהגה אויף דער וועלט קומט דא אלץ ניט אין באַ־טראכט. אנדערש איז דאס אין דניאל, וואו עס ווערט פול ארויסגעזאגט דער גלויבען אין א טאפעלטער תחית-המתים פאר די צדיקים און די רשעים אלס באלוינונג און באשטראפונג פאר זייערע מעשים.

מיר האבען שוין אויבען געזעהן***), ווי די זינגער פון תהלים און דער דיכטער פון איוב שטעהען שוין אויפ׳ן שוועל פון א גלויבען אין א לעבען

---

*) שוין פון די עלטערע צייטען אן האבען די אידען געהאט א גלויבען אין א „ספר החיים", א בוך פון דעם לעבען אדער פון די לעבעדיגע, וואס אנטהאלט די נעמען פון אלע וואס לעבען אדער זיינען צום לעבען באשטימט. גאט אליין פיהרט דאס דאזיגע בוך; און אז איינער דארף שטארבען, מעקט גאט אויס זיין נאמען (זעה שמות ל"ב 32). שפעטער איז די דאזיגע פארשטעלונג, ווי אסך אנדערע, אריבער־געטראגען געווארען אויף דער צייט פון דעם קץ: אין דעם בוך פון לעבען זיינען פארצייכענט אלע די, וואס זאלען איבערקומען די צרות פאר דעם קץ און זוכה זיין צו לעבען אייביג. אזוי דא אין דניאל און אזוי אויך אין ישעיה ד 8.

**) זעה וועגען דער דאזיגער אפאקאליפסע אויבען ז. 199.

***) אויף ז. 141, 142.

נאכ׳ן טויט אינאיינעם מיט גאט. די אידען האבען סוף־כל־סוף געמוזט אריבערטרעטען דעם שוועל, כדי אויסצוגלייכען דעם גלויבען אין גאט׳ס גערעכטיגקייט מיט דער פאקטישער אומגערעכטיגקייט, וואס הערשט אויף דער וועלט. אבער דער גלויבען אין תחית־המתים, אין לעבען א צווייטען מאל אין א קערפערליכער פארם, האט זיך איינגעווארצעלט פריהער איידער דער גלויבען אין עולם־הבא, אין א דירעקטען המשך פון דעם גייסטיגען לעבען נאכ׳ן טויט; מחמת מיט תחית־המתים קומט צו זיין רעכט און קריגט זיין באלוינונג ניט נאר יעדער איינצעלנער פרומער, נאר אויך דאס אידישע פאלק אלס גאנצעס.

מיר זעהען בכן ווי דער גלויבען אין א לעבען נאכ׳ן טויט האט גאנץ לאנגזאם זיך דורכגעבראכען א וועג ביי די אידען און איז געווען א נויטווענדיגער פועל־יוצא פון דער אנטוויקלונג פון דעם אינערליכען אידישען לעבען. עס איז דעריבער ניט נייטיג צו זוכען דא השפעות פון דרויסען.

פרעמדע השפעות.

אנדערש איז אבער, בנוגע פרעמדע השפעות, מיט דעם גלויבען אין מלאכים, וואס שפילט אין דניאל א גאנץ אנדערע ראלע איידער אין אלע אנדערע ביכער פון תנ״ך. ערשטענס איז דא די צאהל פון די מלאכים א מורא׳דיג גרויסע: טויזענט מאל טויזענט און צענטויזענט מאל צענטויזענט רינגלען ארום גאט׳ס טראן (ז 10). דערצו נאך טרעפען מיר דא די מלאכים אין א נייער פונקציע: אלס באשיצער פון באזונדערע פעלקער. יעדעם פאלק האט זיין מלאך, זיין שר אין הימעל. אזוי טרעפען מיר דארטען א „שר פרס״, א „שר יון״ און דעם אויבער׳מלאך מיכאל, דעם שר פון ישראל (י 13, 20; י״ב 1). די דאזיגע שרים פיהרען אין הימעל א מלחמה צווישען זיך, און פון דעם רעזולטאט פון זייער הימעלשען קאמף הענגט אפ דער גורל פון די פעלקער אויף דער ערד. דאס זיינען אלץ נייע השגות און פארשטעלונגען. ניי איז אויך די איינטיילונג פון די מלאכים אין העכערע און נידעריגערע ראנגען, די נעמען וואס זיי טראגען און די אויספיהרליכע באשרייבונג פון א מלאך (י 5, 6).

אמת טאקע, אז דער גלויבען אין מלאכים איז געווען, ווי מיר האבען שוין אויבען געזעהן*), א נויטווענדיגער פועל־יוצא פון דער אנטוויקלונג פון

*) אויף ז. 142—145.

דער גאנצער השנה וועגן גאט און זיין פארהעלטעניש צו דער וועלט. אבער די נייע שטריכן אין דעם מלאכים־גלויבן, וואס מיר טרעפן אין דניאל, לאזן זיך זעהר שווער דערקלערן פאר אן אינערליך־אידישער זאך, און מ׳מוז זעהן אין זיי השפעות פון דרויסן.

דער געטליכער משיח.

נאך א זיכערע פרעמדע השפעה טרעפן מיר אין דניאל אין דער פאר־שטעלונג פון א געטליכן משיח, וואס וועט אראפשטייגן מיט די וואלקענס פון הימעל איבערצונעמען די אייביגע וועלטהערשאפט (ז 13). אמת טאקע, אז מיר געפינען דעם דאזיגן היידנישען געדאנק פון א גאט־משיח אויך אין אנדערע שטעלן אין תנ״ך, שטעלן וואס אפילו אויב זיי שטאמען פון נאכ׳ן גלות, זיינען זיי אבער על־כל־פנים עלטער פון ספר דניאל (מיכה ה 1; ישעיה ט 5). אבער דארטן ווערט דאס דערמאנט נאר פארבייגע־הענדיג, און דערצו נאך עפעס ווי פארבונדען מיט דעם אידישען משיח בן־דוד; בעת אין דניאל ווערט משיח־בן־דוד לחלוטין ניט דערמאנט, און זיין פלאץ פארנעמט א געטליכע משיח־געשטאלט, וואס קומט אראפ פון הימעל.

אריענטאליזם געגען העלעניזם.

ניט אידיש און פרעמד איז אויך דאס שילדערן גאט ווי אן אוראלטען מאן מיט א געוואנד וויים ווי שניי און מיט האר אויפ׳ן קאפ ריין ווי וואל (ז 9). אין אט די פארשטעלונגען און השגות מוז מען זעהן א השפעה פון דרויסן, באזונדערס פון דער אלטפערסישער רעליגיאן פון זאראטהוסטרא. עס זעהט אויס, אז עס האט איצט ווידער אריינגעשטראמט אין יודענטום א היידנישע כוואליע פון די אריענטאלישע רעליגיאנען ארום, און דער מחבר פון דניאל, וועלכער איז געווען אזוי פיינדליך געגען דעם העלעניזם, האט גאר ניט געהאט געגען דעם, אריינצונעמען אין זיין בוך אסך היידנישע עלע־מענטען פון דעם אריענט. דאס שטעלט פאר אונז דעם ספר דניאל, און אפשר דעם גאנצען חשמונאים־אויפשטאנד, אין א גאנץ נייעם, וועלט־היסטארישען ליכט: אלס א טייל פון א גרויסער און אלגעמיינער רעאקציע פון דעם אריענטאלישען דענקען און גלויבען געגען דער קולטור פון דעם העלענענטום.

דריטע אפטיילונג.

די חשמונאים און זייער קאַמף

1.

דער אויסברוך פון דעם אויפשטאנד. מתתיהו און זיינע זיהן.

צווישען די קאלכשטיינערנע בערג פון יהודה, ארום צוואנציג מייל אין צפון־מזרח־זייט פון ירושלים, איז געלעגען דאס קליינע שטעטל מודעין אויף דעם שיפּוע פון א בערגל, א מייל אוועק צו צפון צו פון דעם אלטען שליאך, וואס האט געפיהרט פון דער הויפּטשטאט צו לוד. דער ארט גופא איז ניט געווען קיין שענער, אבער מ'האט פון איהם געהאט א ווייטען ארויסבליק איבער דעם שרון־טאל און דעם „ים הגדול". אין דעם דאזיגען פארוואָרפענעם פלאץ האט מתתיהו, אן אלטער כהן פון דעם ארדען יהויריב*), געהאט די נחלה פון זיינע אבות, און אז עס האבען זיך אנגעהויבען די מהומות אין ירושלים האט ער, מיט זיינע פינף זיהן, זיך צוריקגעצויגען אהין, אין טרויער איבער דער שרעקליכער פארשוועכונג פון דער הייליגער שטאט און דעם בית־המקדש. זיי זיינען געווען פעסט אין זייער באשלוס בעסער צו שטארבען, היטענדיג די געזעצען פון דער תורה, איידער צו לעבען אזוי שפל'דיג ווי דער צושטאנד אין ירושלים האט געפאדערט (חשמונאים א, ב; אלטערטימער י"ב 6).

עס האט ניט לאנג געדויערט און אנטיוכוס'עס באאמטע זיינען געקומען אין מודעין אויסצופיהרען זיין דעקרעט, אז אלע זאלען מקריב זיין חיידנישע קרבנות. אין דעם געזעמל, וואס האט זיך שנעל פארזאמעלט ארום די באַ־

---

*) זעה אויבען ז. 109 וועגען די 24 אָרדענס אָדער אַפּטיילונגען, אין וועלכע די כהנים זיינען געווען איינגעטיילט. פארגלייך אויך דברי הימים א, כ"ד 7.

אמטע, זיינען אויך געווען מתתיהו און זיינע זיהן. די באַאמטע האָבען זיך געווענדט צו דעם געעהרטען און רעספעקטירטען כהן, אַז ער, אַלס אַ מאַן מיט אַ שטאַרקער השפעה, זאָל דינען אַלעמען פאַר אַ מוסטער צו פאָלגען דעם קעניג׳ס באַפעהל. „דו און דיין הויז וועלען דעמאָלט גערעכענט ווערען צווישען דעם קעניג׳ס פריינד, און דו און דיינע זיהן וועלען קריגען פון איהם גאָלד און זילבער און אסך מתנות“ (חשמונאים א, ב). אסך מאָל האָט דער דאָזיגער צוזאָג געמאַכט אַ רושם. אַ דער זאָרט פריינד פון דעם קעניג האָבען עס דעמאָלט געוואוינט אין ירושלים און שומרון און איבער׳ן גאַנ־צען לאַנד. דאָס פאָלק האָט גוט געוואוסט וואָס עס האָט באַדייט זיך צו אַנטזאַגען פון דער דאָזיגער אַנגעבאָטענער פריינדשאַפט. אָבער דער, וואָס האָט צעריסען די קליידער און זיך אָנגעטאָן אַ זאַק מיט אַש איבער דער שאַנד פון ירושלים, האָט ניט געהאַט קיין אויער פאַר די פאַרפיהרערישע אַנציהונגען פון אַ וואולגאַרען העלעניזם. „מעגען אַלע פעלקער וואָס זיינען אונטער דעם קעניג׳ס ממשלה איהם פאָלגען, און יעטווידער איינער מעג אויפהערען דינען דעם גאָט פון זיינע פאָטערס; איך אָבער און מיינע זיהן און מיינע ברידער וועלען לעבען לויט דעם בונד וואָס גאָט האָט געשלאָסען מיט אונזערע פאָטערס. מיר וועלען חלילה ניט פאַרלאָזען גאָט׳ס תורה און זיינע געבאָטען. מיר וועלען דערום ניט האָרכען צו דעם קעניג׳ס רייד, אַז מיר זאָלען זיך אָוועקקערען פון אונזערע געזעצען אויף רעכטס אָדער אויף לינקס“. ער האָט קוים געענדיגט ריידען, ווען אַ איד, וואָס האָט געוואָלט אַרויסווייזען פאַר אַלעמען זיין סימפּאַטיע פאַר׳ן העלעניזם אָדער האָט גע־וואָלט ראַטעווען דעם דאָרף פון דעם גרימצאָרן פון די סיריער, איז אַרויס־געטראָטען מקריב צו זיין דעם אומווערדיגען קרבן. מתתיהו, אין זיין וויל־דען, אויפגעברויזטען צאָרן, איז כהרף־עין צוגעלאָפען צום מאַן און האָט איהם דער׳הרג׳עט. דערנאָך האָט ער זיך גענומען צום קעניג׳ס קאָמיסאַר, און איידער נאָך דער מאַן האָט געקאָנט זיך פאַרטיידיגען האָט ער איהם געטויט נעבען דעם מזבח, וואָס איז גלייך צעבראָכען געוואָרען אויף שטיק־לעך (חשמונאים א, קאַפּ. ב).

מתתיהו׳ס טאַט איז פּאַקטיש געווען אַ רוף צו אַ מלחמה. אין אַ מאָ־מענט, וואָס מ׳האָט וועגען איהם פאַראויס ניט געדאַכט און ניט געטראַכט, האָט זיך אָנגעהויבען איינער פון די נאָבעלסטע און העלדישסטע קאַמפען אין דער גאַנצער וועלטגעשיכטע פאַר דער פרייהייט פון דעם מענשען׳ס געוויסען. נאָכדעם ווי מתתיהו האָט גערופען אַלעמען, וואָס זיינען געטריי געווען צו גאָט׳ס תורה און זיין בונד, איז ער, צוזאַמען מיט זיינע זיהן, אַנטלאָפען אין

די בערג, און זיי האבען זיך דארטען באהאלטען אין הייהלען. די נייעס פון דער געוואגטער טאט איז מודעין האט זיך שנעל פארשפרייט איבער די דערפער און אסך, „וואס האבען געזוכט רעכט און גערעכטיגקייט" האבען פארלאזען זייערע היימען און האבען אויך, טרייבענדיג זייערע בהמות פאראויס, געזוכט א באהעלטעניש אין מדבר. א חיל, וואס איז אויף גיך ארויסגעשיקט געווארען פון ירושלים, האט אין אנהויב געהאט ערפאלג, מחמת די אידען האבען ניט געוואלט זיך פארטיידיגען אום שבת. אבער מתתיהו און זיינע זיהן האבען באשלאסען צו שטעלען די נויטווענדיגקייט איבער דעם שטרענגען דין וועגען דעם הייליגען טאג און צו קעמפען יעדעס מאל, ווען מ'וועט זיי אטאקירען (חשמונאים א, ב).

מיט יעדען פרישען באשלוס זיך צו שטעלען אנטקעגען מיט געווער אין דער האנט איז אלץ שטארקער געווארען די באגייסטערונג פאר דער תורה. די פרומע פויערים אויפ'ן לאנד, וואס האבען אנערקענט אין מתתיהו'ן דעם געווינשטען מוטיגען פיהרער, האבען זיך פארזאמעלט ארום איהם און אנגעהויבען א גארילא־קריג, וואס איז לייכט געווען צו פיהרען אין דער בערגיגער געגענד ארום זיי. זיי פלעגען מאכען פלוצליכע אנפאלען אויף די דערפער און פלעגען ניט נאר ארונטעררייסען די היידנישע מזבחות, נאר אויך טויטען די אידען, וואס האבען פארראטען זייער גלויבען, און צווינגען מ'ל צו זיין אלע קינדער אין די פאמיליעס פון די דאזיגע אידען. צייטענווייז זיינען זיי געווען בכוח צו צעטרייבען א קאמפאניע סירישע סאלדאטען. זייער ערפאלג האט פארשטארקט זייער האפענונג און זיי זיינען געווארען אזוי זיכער מיט זייערע כוחות, אז זיי האבען זיך געקאנט ריהמען, אז זיי האבען „געראטעוועט די תורה פון דער האנט פון די גויים און פון דער האנט פון מלכים און האבען ניט געלאזט דעם זינדיגען טריאומפירען"; דאס הייסט: זיי האבען באשיצט די, וואס האבען אפגעהיט די תורה, און זיי האבען ניט געלאזט דעם העלעניזם זיך ווייטער אויסשפרייטען.

2.

די „חסידים".

צווישען די וואס האבען זיך אנגעשלאסען אן מתתיהו'ן ווערען אויך דערמאנט די „חסידים". ווער די דאזיגע חסידים זיינען געווען, שטעהט

ניט. די געלעהרטע האבען געשאפען פארשידענע טעאריעס וועגען דעם. אזוי אבער ווי אונזערע ידיעות זיינען אין דעם פונקט זעהר מאגער, איז דעריבער יעדע טעאריע ניט מעהר ווי גלאט אזוי א סברא. דאס בעסטע, וואס מיר קאנען טאן דערביי, איז ברייגנען די שטעלען אין די געשיכטס־קוואלען, וואו עס רעדט זיך וועגען די חסידים, און זעהן ווי זיי לאזען זיך אויסטייטשען.

דער ערשטער שטעל, וואס קומט דא אין באטראכט, געפינט זיך אין ערשטען ספר חשמונאים, קאפ. ב 42. עס ווערט דארטען דערצעהלט, אז נאך דעם מארטירער־טויט פון די געטרייע אידען, וואס האבען זיך באהאלטען אינ׳ם מדבר, האבען זיך אנגעשלאסען אן מתתיהו׳ן א קאמפאניע „חסידים״, מענער מיט א גרויסער השפעה אין ישראל, אזעלכע וואס זיינען געווען איי־בערגעגעבען צו דער תורה. אין א צווייטען שטעל לייענען מיר, אז בשעת אלקימוס איז באשטימט געווארען פאר א כהן גדול און דער גריכישער גע־נעראלגובערנאטאר באקכידעס איז געקומען אין יהודה מיט א פריידליכען אנ־באט, זיינען א גרופע ס ו פ ר י ם געקומען צו זיי און האבען פארגע־בראכט זייערע טענות. „און די ח ס י ד י ם זיינען געווען די ערשטע צווישען די אידען, וואס האבען געזוכט פרידען מיט זיי; ווארים זיי האבען געזאגט: „א כהן פון די קינדער פון אהרן איז דאך געקומען מיט דעם חיל, און ער וועט אונז ניט שאדען טאן״ (ערשטער ספר חשמונאים, קאפ. ז 13, 14).

פון די דאזיגע צוויי שטעלען ווייזט אויס, אז ביים אנהויב פון דעם חשמונאים־אויפשטאנד האט א שטארקע גרופע, וואס האט שוין פון פריהער עקסיסטירט און איז געווען באקאנט אונטער׳ן נאמען „חסידים״, געגעבען אפיציעל איהר שטיצע צו די רעבעלען פון מ ו ד ע י ן; אבער דערנאך, אז ס׳איז געקומען א געזעצליכער כהן גדול, האבען זיי איהם אנערקענט און זיך אונטערגעווארפען אונטער זיין אויטאריטעט.

אין צווייטען ספר חשמונאים, קאפ. י״ד 6 ענטפערט אלקימוס אויף דער פראגע פון דעם קעניג דעמעטריוס מיט אט די ווערטער: „די אזויגע־רופענע חסידים צווישען די אידען וואס יהודה המכבי איז זייער אנפיהרער, מאכען כסדר אן מלחמות און מהומות און לאזען ניט דאס לאנד זיך באַ־רוהיגען״. עס איז לייכט צו זעהן, אז דאס איז ניט קיין סתירה צו די אויי־בען געבראכטע צוויי שטעלען פון ערשטען ספר חשמונאים, מחמת אט די ווערטער ווערען דא אריינגעלעגט אין אלקימוס׳עס מויל, און דער מחבר וויל דערמיט ווייזען, ווי אלקימוס האט בכיוון צעדרעהט די פאקטען. אויך פון דעם

שטעל קען מען נאר ארויסלערנען, אז אזא באשטימטע קערפערשאפט האט אונטער דעם דאזיגען נאמען שוין עקסיסטירט פאר דעם חשמונאים־אויפשטאנד.

חסידים ווערען אויך דערמאנט אין פארשידענע שטעלען אין תהלים, און אין איין שטעל (קמ"ט) ווערט בפירוש גערעדט וועגען א „קהל חסידים", וואס מיט זייער האלז זינגען זיי לויבלידער צו גאט און אין זייער האנט האלטען זיי א שארפען שווערד צו נעמען נקמה פון די פעלקער, א בילד וואס פאסט זעהר גוט פאר דער חשמונאים־צייט. אבער דאך קען מען ניט זיין זיכער, צי דער נאמען חסידים באציהט זיך דא אויף א געוויסער ארגאניזירטער קערפערשאפט אדער ער באדייט ניט מעהר ווי „פרומע" בכלל (ווי אשטייגער „קהל מרעים" אין כ"ו 5). עס בלייבט בכן, אז מיר קענען זיך דא שטיצען נאר אויף די אויבען געבראכטע שטעלען פון די חשמונאים־ביכער.

ווער זיינען געווען די חסידים? עס קען קיין שום ספק ניט זיין, אז זיי זיינען ניט אלץ־איינס מיט די סופרים. דאס זעהט מען בפירוש פון ערשטען ספר חשמונאים קאפ. ז, וואו זיי שטעהען אלס גרופע פאר זיך ביי דער זייט פון די סופרים. פונקט אזוי איז אויך קלאר, אז זיי זיינען עס ניט געווען די פארטיי־אנהענגער פון די חשמונאים; ווארים זיי האבען ערשט שפעטער זיך אנגעשלאסען אן מתתיהו'ן, און נאך כמעט אין אנהויב פונ'ם קאמף האבען זיי פארלאזען יהודה המכבי, לכל הפחות אויף א געוויסער צייט. עס שטעהט אויך, אז זיי זיינען געווען זעהר פרום, איבערגעגעבען צו דער תורה. דאס הייסט, אז זיי זיינען געשטאנען אין א שטרענגער אפאזיציע צום העלעניזם.

בסך־הכל זעהען מיר דערפון, אז אין דעם דור פאר דעם אויסברוך פון דעם חשמונאים־אויפשטאנד, האט דער העלעניזם, וואס איז דעמאלט אריינגעדרונגען אין פיעל רייכע, אריסטאקראטישע שיכטען פון די אידען אין ארץ ישראל, ארויסגערופען אן ארגאניזירטע אפאזיציע. די געגנער פון העלעניזם האבען זיך ארגאניזירט אין אן ארדען אדער, מעגליך, אין גרופעס און האבען זיך גערופען חסידים, פרומע. זיי זיינען געווען זעהר שטרענג אין אפהיטען די תורה און האבען געקעמפט געגען יעדער נייער גריכישער איינפיהרונג.

דער אנשלוס פון די חסידים אן מתתיהו'ן האט איהם געבראכט אסך פארשטארקונג און באגייסטערונג. די מרידה האט איצט אנגענומען אזעלכע פראפארציעס, וואס האבען געפאדערט צו שטעהן תמיד אויף דער וואך.

די פיהרערשאפט איז געווען צופיעל פאר דעם אלטען מתתיהו. אין יאהר 167 איז ער געשטארבען, נאכדעם ווי ער האט א יאהר געקעמפט פאר גאט'ס תורה, „און גאנץ ישראל האט געמאכט א גרויסען קלאג נאך איהם“. מ'האט איהם מקבר געווען אין מודעין (חשמונאים א, ב).

3.

דער ערפאלגרייכער קאמף פון יהודה המכבי פאר רעליגיעזער פרייהייט.

עס איז געווען א גרויסער גליק, וואס דער אויפשטאנד איז אויסגע־בראכען ניט געפלאנגעוועטערהייט און וואס אויפגעהויבען האט איהם א פרומער מאן מיט אזא ריינעם כאראקטער; ניט קיין קלענערער גליק איז אויך געווען, וואס ער האט נאך זיין טויט געלאזען א העלדישע גרופע פון פינף זיהן, וואס האבען אלע געטיילט זיינע פרינציפען און זיינען געווען גרייט פארטצוזעצען דעם קאמף אהן א הפסקה אויף א רגע. די דאזיגע פינף זיהן; יוחנן, שמעון, יהודה, אלעזר און יונתן זיינען באקאנט געווען אלס „מכבים“, פון דעם צונאמען פון יהודה, וועלכער איז אנגערופען געווארען מאקאבע־אוס, און אלס „חשמונאים“, פון זייער עלטערזיידען חשמן*). אט די זיהן זיינע האט מתתיהו פארזאמעלט ארום זיך פאר זיין טויט און האט זיי דערמוטיגט צו בלייבען געטריי צו דער תורה. שמעון, דער צווייטער זוהן, איז, צוליב זיין קלוגשאפט, רעקאמענדירט געווארען פון פאטער צו זיין

*) געוועהנליך ווערט היינט דערקלערט דער נאמען מאקאבעאוס אלס דער גבור, דער האמערער, פון „מקבה“ אדער „מקבת“, א האמער. אין פריהערדיגע צייטען פלעגט מען אויסטייטשען מ כ ב י אלס א ראשי־תבות פון „מי כמוכה באלים יהוה“. דאס וואלט זיך געלעגט אויפ'ן שכל, ווען דאס ווארט וואלט געווען א לאזונג פון דער פארטיי. עס איז אבער פון לכתחילה געווען א צונאמען פון יהודה'ן. מאנכע פארטייטשען „מכבי“ — דער פארלעשער, דאס הייסט: דער פארטיליגער פון זיינע פיינד (לויט ישעיה מ"ג 17). אבער די ערשטע דערקלערונג איז זיכער די בעסטע. אין דער תלמודישער ליטעראטור הייסט די מאקאבעאישע פאמיליע „בני חשמונאי“ אדער „בני חשמוני“, אויך „בית חשמונאי“. דעם דאזיגען נאמען טראגט די פאמיליע אויך אין אסך שטעלען ביי יוסף פלאוויוס. אין צווייטען ספר חשמונאים ווערט מתתיהו לגמרי ניט דערמאנט. אין ערשטען ספר חשמונאים (קאפ. ב, 1) שטעהט „מתתיהו דער זוהן פון יוחנן דער זוהן פון שמעון“. עס איז וועל־הויזען'ס א השערה, אז „חשמן“ איז געווען מתתיהו'ס זיידע, און „בן שמעון“ איז פארגרייזט געווארען פון „בן חשמן“.

דער הויפט, און יהודה, דער דריטער זוהן, איז באשטימט געווארען אלס זייער גענעראל. עס איז כאראקטעריסטיש פאר די דאזיגע פינף מענער, וואס זיי האבען זיך אריינגעווארפען אין דער ארבייט, וואס איז איבערגעגעבען געווארען אין זייערע הענט, אהן וועלכער קנאה־שנאה. יהודה האט תיכף איבערגענומען די קאמאנדע און האט זיך באלד ארויסגעוויזען אלס איינער פון די גרעסטע גבורים אין מלחמה, וואס דאס אידישע פאלק האט ווען געהאט. זיינע דערהויבענע געפיהלען, זיינע קלוגע מעטאדען און זיינע שטארקע האנדלונגען האבען באלד באגייסטערט זיין קליינעם חיל און איהם געגעבען די מעגליכקייט אפצוהאלטען נצחונות, וואס זיינען ניט ווייט פון וואונדער.

יהודה׳ס ערשטע נצחונות.

אין אנהויב האט יהודה זיך געהאלטען אן זיין פאטער׳ס טאקטיק. ער פלעגט אנפאלען פלוצלונג אויף די דערפער ארום, אדער ער פלעגט מאכען אן אטאקע אויף זיי ביי נאכט, און האט אנגעפיהרט אויף דעם אופן א קריג, וואס האט געווארפען א שרעק אויף אלעמען ארום. אזוי ווי די פראווינץ יהודה איז געשטאנען אונטער׳ן רשות פון אפאלאניוס, דעם גובערנאטאר פון שומרון, האט ער ארויסגעמארשירט מיט א חיל געגען יהודה המכבי. יהודה איז, אפווארטענדיג א גוטע געלעגענהייט, אנגעפאלען אויף די מארשירענדיגע סיריער און האט זיי צעשלאגען. אפאלאניוס איז געטויט געווארען און יהודה האט צוגענומען דעם שווערד פון דעם סירישען גענעראל פאר זיין אייגענעם געברויך. די נייעס פון דער מפלה האט זיך באלד דערהערט אין צפון, און סעראן, דער קאמאנדיר פון דער פראווינץ קאילע־סיריען, האט באשלאסען צו דערשטיקען די מרידה. מיט פולער זיכערקייט אין א לייכטען נצחון האט סעראן ארויסגעמארשירט צו דרום צו מיט א גרויסער ארמיי. ביי בית־חורן — א דורכגאנג צווישען בערג, נאהנט צו מודעין, וואס ציהט זיך פון טאל צו דער צענטראלער בערג־קייט — האט ער זיך צוזאמענגעטראפען מיט יהודה המכבי און איז דארטען פולשטענדיג צעשלאגען געווארען. ווען די אידען האבען געקוקט אראפ־צו־צו אויף דעם גרויסען חיל וואס קומט געגען זיי, האט זיך זיי געדוכט, אז זיי האבען קליינע אויסזיכטען צו זיגען און זיי האבען געוואלט זיך צוריקציהען. אבער יהודה׳ס א רעדע, וואס איהרע קורצע זאצען אנטפלעקען זיין פעסטען גלויבען, האט באגייסטערט דעם קליינעם חיל, און מיט אן אימפעט, וואס האט אלץ מיט

שטורם גענומען, איז די שלאכט געוואונען געווארען. סעראן איז געפאלען, און מיט איהם, לויפענדיג בארג אראפ אין טאל, אכט הונדערט פון זיינע סאלדאטען. די איבעריגע זיינען אנטרונען געווארען אין דעם פלשתים־לאנד. אזעלכע צוויי נצחונות האבען געמאכט יהודה המכבי א גרויסען נאמען און אנטיוכוס'ן — שטארק אומרוהיג.

דער סירישער קעניג האט איצט באשלאסען אויסצוראטען לגמרי די אידען און צו צעשטערען ירושלים פון גרונט אויס. אבער ער גופא האט ניט געקאנט מארשירען קיין יהודה, מחמת זיין קאסע איז געווען לעדיג, און געלט האט ער געמוזט האבען אי צו זיין פרייגעביג און אי צו צאהלען זיינע זעלנער. ער האט דערפאר געמאכט אן עקספעדיציע קיין פערסיען און האט איבערגעלאזען פאר זיין גענעראל־גובערנאטאר ליזיאס צו באשטראפען די אידען און צו זיין דער אפיטרופוס פאר זיין זוהן. כדי זיך צו באווארענען געגען א מפלה, האט מען געמאכט גרויסע הכנות געגען דעם קליינעם, מוטי־גען חיל פון יהודה המכבי. פערציג טויזענט פוסגעהער און זיבען טויזענט רייטער זיינען געשטעלט געווארען אונטער דער קאמאנדע פון דריי געניטע גענעראלען, — פטאלעמעאוס, ניקאנאר און גארגיאס. די דאזיגע ארמיי, מיט אן אפטיילונג פון העלפאנטען, האט אראפגעמארשירט דעם שרון־טאל און האט, זיך פארנעמענדיג בארג ארויף, אויפגעשטעלט דעם לאגער ביי עמאוס, ארום צוואנציג מייל אין צפון־מערב־זייט פון ירושלים. יהודה המכבי האט מאביליזירט זיינע כוחות אין מצפה, אן אלטער הייליגער ארט, עטליכע מייל אין צפון־מערב־זייט פון ירושלים. פון שפיץ בארג האט מען דא א וזייטען ארויסבליק אויף די בערג פון יהודה, און עס איז לייכט צו זעהן ירושלים. אין דעם טאג, ווען יהודה המכבי האט זיך צוגעגרייט צו דער אנטשיידונגס־שלאכט, האבען די אידען געפאסט, און געריסען קריעה, און געטראגען זעק מיט אש אויף זייערע לענדען. זיי האבען דארטען גע־בראכט פאר גאט אלע צייכענס פון זייער נאציאנאלען קריזיס: די ספר־תורות וואס די גויים האבען געזוכט צו פארברענען, די קליידער פון די כהנים, די ביכורים, די מעשר, און די נזירים, וואס די טעג פון זייער נזירות האט זיך געענדיגט. טייטענדיג מיט דער האנט אויף די דאזיגע אלע היי־ליגטימער, האבען זיי געוויינט און תפילה געטאן. זייער תפילה איז געווען ניט אזוי א געבעט ווי א דערקלערונג צו גאט: זעה, אלע פעלקער זיינען אויפגעשטאנען צו מאכען פון אונז א כליה. ווי קאנען מיר זיך שטעלען געגען זיי, אויב דו זאלסט אונז ניט העלפען! (חשמונאים א, ג).

נאך דער תפילה האט יהודה המכבי געלאזט בלאזען מיט די טראמ־

פייטען און, נאכדעם ווי ער האט אפגעלאזען אהיים אלע די, וואס האבען ארגאניזירט זיינע לייט און זיי צוגעגרייט צו דער שלאכט. דערנאך האט געהאט א רעכט אויף דעם לויט דעם דין פון דער תורה (דברים כ), האט ער ער געהאלטען פאר זיי א קורצע רעדע, אין וועלכער ער האט זיי געגעבען די לאזונג: זיגען אדער שטארבען אויפ'ן שלאכטפעלד.

דער סירישער גענעראל גארגיאס האט, וועלענדיג איבערפאלען פלוצלונג די אידען, ארויפגעמארשירט ביי נאכט מיט פינף טויזענט פוסגעהער און טויזענט רייטער פון עמאוס צו מצפה צו. ווי איבערראשט איז אבער גארגיאס געווען, ווען ער האט ניט געפונען ניט איין אידען אין מצפה. ער איז געווען זיכער, אז דאס האבען די אידען זיך דערשראקען און זיינען אנטלאפען ווייטער ארויף אויף די בערג. באמת איז דאס אבער געווען א סטראטעגישער צוג פון יהודה המכבי צו פארפיהרען די סיריער; ווארים ווי נאר יהודה האט זיך דערוואוסט, אז גארגיאס האט צעטיילט זיינע קרעפטען, איז ער גלייך ארונטערגעשטיגען פון מצפה צו די בערגלעך אין דרום־זייט פון עמאוס. דאס האט ער געטאן כדי אנצופאלען פלוצלונג אויפ'ן סירישען לאגער, האנדערדיג צו איבערראשען דערמיט גארגיאס'ן, ווען ער וועט זיך צוריקקערען פון מצפה. כדי צו דערמוטיגען זיינע סאלדאטען, אז זיי זאלען ווידער מאכען איינעם פון זייערע שטורמדיגע אטאקעס, האט ער געהאלטען פאר זיי א קורצע רעדע און דערנאך געגעבען א קאמאנדע אנצוגרייפען. א ווײלע האבען די גריכען זיך געשטעלט אנטקעגען, אבער באלד האבען זיי אנגעהויבען אנטלויפען צום טאל צו. די אידען האבען זיי נאכגעיאגט אזוי ווייט ווי ביז אשדוד, און די סיריער האבען פארלארען דריי טויזענט טויטע. יהודה'ס סאלדאטען האבען שוין געוואלט כאפען די רייכע רויב פון דעם פארלאזענעם סירישען לאגער, וואס וואלט זיי שטארק צוניץ געקומען; אבער יהודה האט זיי געווארענט אין צייט, אז באלד קומט גארגיאס צוריק פון מצפה און זיי מוזען זיין גרייט איהם צו באגעגענען. ער האט נאך ניט געענדיגט ריידען, און אויף די בערג אויבען האט זיך באוויזען גארגיאס מיט זיין דיוויזיע. זעהענדיג זייער לאגער אין די הענט פון די אידען, איז אויסגעבראכען ביי זיי א פאניק, און זיי זיינען האסטיג אנטלאפען. דער נצחון איז געווען פארהעלטענישמעסיג א לייכטער, און יהודה'ס לייט זיינען דורך איהם נתעשר געווארען, ווארים אסך גאלד און זילבער און זייד און כלי־זיין און שפייז איז ארייננעפאלען אין זייערע הענט. זיי האבען אויך געקראגען נאר דאס געלט, וואס עס האבען געפיהרט מיט זיך די פעניקישע שקלאפענהענדלער, וועלכע האבען באגלייט די סירישע ארמיי. גארגיאס און ניקא־

נאר זיינען אזוי זיכער געווען מיט זייער נצחון, אז זיי האבען געלאזט מודיע זיין אין די האנדעלסשטעט ביים מיטעללענדישען ים, אז יעדערער קאן קויפען ניינציג אידען פאר א טאלענט זילבער.

דער גרויסער נצחון ביי עמאוס איז אפגעהאלטען געווארען אין יאהר 166 (פאר קר.). אין קומענדיגען הערבסט פון יאהר 165 האט ליזיאס גופא זיך געשטעלט אויפ'ן שלאכטפעלד מיט זעכציג טויזענט פוספאלק און פינף טויזענט רייטער — אז ארמיי, וואס האט זיך אנגעדוכט גענוג גרויס צו מאכען א תל פון יהודה המכבי'ס קליינעם חיל. אבער די סיריער זיינען געצוואונגען געווען צו קעמפען אין א בארגיגען לאנד געגען אפגעקליבענע סאלדאטען, וואס אלע זיינען זיי געווען באגייסטערט פאר זייער זאך און גרייט צו שטארבען איידער נאכצוגעבען. כדי אויסצומיידען די געפעהרליכע צוגענג צו די בערג פון מערב־זייט, האט די פרעמדע ארמיי זיך פארנומען ווייטער צו דרום און איז ארויפגעשטיגען אויף דער צענטראלער בערגקייט פון דרום־מערב. יהודה האט אויסגעקליבען זיין פאזיציע ביי בית־צור, ארום פיער מייל אין צפון־זייט פון חברון. עס איז געווען א סטראטעגישער ארט, און דער צוטרוי פון די אידען צו זייער פיהרער האט זיי געמאכט נייגעריג אנצוגרייפען דעם פיינד. מיט א תפילה צו גאט האט יהודה המכבי זיי געפיהרט אין שלאכט, און ווידער זיינען די סיריער צעשלאגען געווארען, לאזענדיג פינף טויזענט טויטע אויפ'ן פעלד. ליזיאס האט זיך שנעל צוריקגעצויגען קיין אנטיוכיע, כדי זיך בעסער צוצוגרייטען געגען זיין מוטיגען שונא (חשמונאים א, ד).

חנוכת הבית.

א גרויסע ענדערונג איז איצט איינגעטראטען אין דעם גייסט פון די אידען אלס פועל־יוצא פון די דאזיגע נצחונות. ביז אהער האבען זיי זיך פארטיידיגט; איצט אבער זיינען זיי געווען גרייט צו אוואנסירען ווייטער אין זייערע אייגענע אינטערעסען. זיי זיינען נאך ניט געווען גענוג שטארק ארויסצוטרייבען דעם סירישען גארניזאן פון ירושלים, אבער זיי האבען געקאנט רייניגען דעם בית־המקדש און ווידער איינשטעלען אין איהם דעם ריכטיגען סדר פון דער עבודה. ווען יהודה המכבי האט פארגעשלאגען זיך צו נעמען דערצו, האבען איהם אלע איינשטימיג אונטערגעשטיצט. דער זיגרייכער, קליינער חיל איז געקומען פון בית־צור אין ירושלים. דא האבען זיי

געטראָפען זעהר א טרויעריגען בילד. די טויערן פון בית־המקדש זיינען גע־ווען פארברענט און ארום איז ווילדע גראָז געווען אָנגעוואקסען. קופּעס שטיינער פון די צעבראָכענע ווענט און די צעשטערטע קאַמערן פון די כהנים האָבען פול געמאכט דעם בילד פון פארוויסטונג. אין הכנעה און צער איז דאָס פאָלק געפאלען מיט די פּנים׳ער צו דער ערד און געשריען צום הימעל (חשמונאים א, ד). יהודה האָט, אוועקשטעלענדיג א וואך זיך צו באשיצען געגען אן אָנפאל פון ציטאדעל, זיך גענומען רייניגען דעם הייליגען פּלאַץ. אויסקלייבענדיג פאר דעם כהנים וואָס זיינען געבליבען טהור. די שטיינער פון דעם מזבח־העולה, וואָס איז טמא געוואָרען, האָט מען אראָפּגעריסען און אוועקגעלעגט אָן א זייט „ביז עס וועט אויפשטעהן א נביא צו זאָגען וואָס עס זאָל מיט זיי געטאָן ווערען״; און יעטווידע זאך וואָס איז געווען טמא איז ארויסגעטראָגען געוואָרען. מ׳האָט אויסגעבויט א נייעם מזבח, צורעכט־געמאכט די צעבראָכענע ווענט און נייע כלים ארייננגעשטעלט. ענדליך האָט מען אין 25טען טאָג פון חודש כסלו, (אין יאהר 165 פאר קר.), פּונקט דריי יאָהר נאָכדעם ווי דער ערשטער קרבן איז געאָפּפערט געוואָרען צום אָלימ־פּישען זעוס, — געבראכט א קרבן אויפ׳ן נייעם מזבח לויט׳ן דין פון דער תורה, און די בערג ארום האָבען אָפּגעקלונגען מיט די געזאַנגען, מיט וועלכע דאָס פאָלק האָט געלויבט און געדאנקט גאָט פאר דער הילף, וואָס ער האָט זיי געשיקט. אכט טעג האָט מען געפייערט די באנייאונג פון מזבח מיט דער פרייד פון סוכות און עס איז באשטימט געוואָרען צו פייערען די דאָזיגע צייט פון יאהר צו יאָהר אלס דעם חנוכה־יום־טוב, און שפּעטער אויך אלס דעם יום־טוב פון ליכט (חשמונאים א, ד; חשמונאים ב, י).

קריגסעקספּעדיציעס אין די געגענדען ארום.

אין די קומענדיגע אנדערהאלבען יאהר נאָך דעם חנוכת־הבית פון בית־המקדש (פון ווינטער 165 ביז זומער 163 פאר קר.) איז יהודה המכבי גע־בליבען דער האר אין יהודה. די סירישע צענטראלע־רעגירונג האָט זיך וויינ־ציג וואָס געקימערט מיט די פארהעלטענישען דאָרטען, ווייל זי איז געווען פארנומען מיט אנדערע, פאר איהר וויכטיגערע ענינים. יהודה המכבי האָט בכן געקאָנט אומגעשטערט באפעסטיגען זיין הערשאפט. ער האָט אויסגע־בויט ארום דעם באנייטען הייליגטום הויכע מויערן מיט שטאַרקע טורמס, אין וועלכע ער האָט ארייננגעשטעלט א וואך. ער האָט אויך באפעסטיגט

בית־צור, כדי צו זיין באשיצט געגען וויטערדיגע אטאקעס פון דרום און דרום־מערב. באזונדערס אבער האט ער אונטערגענומען קריגס־עקספעדי־ציעס אין די נאהנטע געגענדען. ווארים די קליינע מדינה יהודה איז געווען ארומגערינגעלט פון שכנים, וואס זייער אלטע שנאה צו די אידען איז איצט נאך פארשטארקט געווארען דורך דעם ערפאלגרייכען אויפשטאנד פון די חשמונאים און דורך דער באנייאונג פון דער עבודה אין בית־המקדש. יהודה המכבי האט איצט ארויסגעמארשירט צו דרום צו, האט באגעגענט די אדומים „ביי דעם בארגדורכגאנג פון די שקארפיאנען" („מעלה העקרבים"), גראד אין דרום־מערב־זייט פון ים־המלח, און האט זיי גרינטליך צעשלאגען. דערנאך האט ער צוגעווענדט זיין אויפמערקזאמקייט צו „די זיהן פון באיאן", א באנדע רויבער אויפ'ן דרום־גרעניץ, און האט זיך גוט אפגערעכענט מיט זיי. פון דארטען איז ער אויף גיך אריבער דעם ירדן און האט זיך גענומען צו די עמונים. הגם זיי האבען צונויפגעזאמעלט א חיל אונטער א געוויסען סירישען אפיציר מיט'ן נאמען טימאטעאוס, האט ער זיי מעהרערע מאל צעשלאגען, און נאכדעם ווי ער האט איינגענומען די שטאט יעזר האט ער זיך צוריקגעקערט קיין יהודה (חשמונאים א. ה). ווי נאר ער האט דער־גרייכט ירושלים איז געקומען צו איהם די ידיעה פון אן אנפאל אויף די אי־דען אין ג ל ע ד, און איידער נאך יהודה און זיינע ברידער האבען גע־ענדיגט לייענען די טרויעריגע בריף פון גלעד, זיינען אנגעקומען שלוחים פון די אידען אין ג ל י ל, אז אויב זיי קריגען ניט קיין באלדיגע הילף, וועלען די גויים פון ארום מאכען פון זיי א כליה. עס איז געווען א צייט פון שרעק פאר אלע אידען, וואס האבען געוואוינט אין דער טעריטאריע פון די גויים, און יהודה המכבי האט געפיהלט, אז מ'מוז אננעמען שנעלע און אנטשיידענדיגע מיטלען, אניט וועלען טויזענטער אידען אויסגע'הרג'עט ווע־רען. אסך זייגען טאקע שוין געווען אומגעקומען. יהודה האט אפגעהאלטען א בעראטונג און עס איז אנגענומען געווארען אט דער פלאן: שמעון, יהודה'ס ברודער, זאל אוועקמארשירען מיט דריי טויזענט מאן אין גליל; יהודה און יונתן זאלען מיט אכט טויזענט געהן קיין גלעד, און יוסף און עזריה, צוויי אפיצירען פון דעם אידישען חיל, זאלען בלייבען מיט די אי־בעריגע אידישע סאלדאטען צו באוואכען דאס לאנד, אבער זיי זאלען ניט מאכען קיין אטאקעס אויף די גויים ארום אין יהודה המכבי'ס אפוועזענ־הייט. דער פינפטער קאפיטעל פון ערשטען ספר חשמונאים איז געווידמעט צו דעם באריכט פון די דאזיגע עקספעדיציעס.

שמעון האט, נאך מעהרערע נצחונות, נאכגעיאגט דעם פיינד ביז די

טויערן פון עכו. דערנאך האט ער זיך צוריקגעקערט קיין יהודה און האט מיטגענומען מיט זיך די אידען פון גליל מיט זייער האב־און־גוטס. אבער יהודה המכבי׳ס אונטערנעמונג איז ניט געווען קיין לייכטע. ער האט געמוזט אריבערגעהן דעם ירדן־טאל און מארשירען דורך א פיינדליכען לאנד, ניט זייענדיג באווארענט מיט פראוויאנט, און עס האט זיך געפאדערט פון איהם גרויס אנשטרענגונג צו דערגרייכען פארשידענע פונקטען ווייט איינער פון אנדערען. אבער ער האט דורכגעפיהרט אלצדינג מיט דערזעלביגער פלינקייט און קראפט, וואס האט אויסגעצייכענט זיינע העלדישע אויפטרעטונגען אין יהודה. א פריינדליכער שבט פון די נאבאטעער*), וואס זיי האבען באגעגענט אויפ׳ן דריטען טאג פון זייער מארש אין מזרח־זייט פון ירדן, האט דערצעהלט פון דער פארצווייפעלטער לאגע פון די אידען אין ב צ ר ה. יהודה האט אין א שנעלען מארש דערגרייכט די דאזיגע שטאט, וואס איז געלעגען זעכציג מייל אין מזרח־זייט פון ירדן, אויף דעם אלטען שליאך פון דמשק קיין מואב, האט זי איינגענומען און איגגאנצען צעשטערט. אויך אנדערע שטעט נאך זיינען געפאלען פאר דעם טריאומפירענדיגען מארש פון דעם אידישען חיל. דער גאנצער פעלדצוג איז געווען א גלענצענדיגער ערפאלג.

צוליב דעמזעלביגען טעם וואס שמעון האט אריבערגעבראכט די אידען פון גליל, האט יהודה המכבי צונויפגענומען אלע אידען פון גלעד און זיי מיטגענומען מיט זיך אינ׳ם לאנד יהודה. ווארים זיי זיינען מעהר ניט געווען זיכער אין יענע ווייטערע געגענדען צווישען די גויים. בעת ער האט געהאלטען אין צוריקקערען זיך אהיים מיט די דאזיגע פליכטלינגען האט א שטאט מיט׳ן נאמען ע פ ר ו ן זיך אנטזאגט איהם דורכצולאזען פרידליך דורך איהרע גאסען. א קאמאנדע איז תיכף געגעבען געווארען זיך אפצושטעלען און זיך צוצוגרייטען צו אן אטאקע. אויף מארגען האט די מחנה דורכגעמארשירט דורך די גאסען פון שטאט איבער די טויטע קערפערס פון איהרע איינוואוינער (חשמונאים א, ה). עס איז קיין וואונדער ניט וואס „זיי זיינען געקומען אין לאנד יהודה זינגענדיג תהלים־לידער און הימנעס אויפ׳ן וועג און מיט אזא שמחה ווי אין א טריאומף־מארש“ (יוסף פלאוויוס, אלטערטימער י״ב 8 § 5).

קומענדיג אהיים האט יהודה זיך דערוואוסט, אז איין טייל פון זיין

*) זעה וועגען די נאבאטעער אויבען ז. 16 און אין באנד 3 ז. 198.

פלאן איז דורכגעפאלען איבער דער גאוה'דיגער אמביציע פון יוסף און עזריה. זיי האבען, ווענדענדיג זיך קונה שם זיין, געמאכט אן אטאקע אויף י ב נ ה און זיינען צעשלאגען געווארען מיט א גרויסען פארלוסט דורך גארגיאס, וועלכער איז זינט דער שלאכט ביי עמאום געבליבען אין פלשתים־לאנד. דער פארפאסער פון ערשטען ספר חשמונאים זעהט אין דער דאזיגער מפלה די פארדינטע שטראף פאר'ן דערוועגען זיך ארויסנעמען פון די הענט פון די חשמונאים, די אויסגעקליבענע פון גאט, דאס ווערק פון באפרייען זייער פאלק (חשמונאים א, ה). די געפעהרליכע דערוועגעניש איז באמת געלעגען אין פרואווען זיך שטעלען אין אפענעם פעלד געגען א פעהיגען גענעראל. יהודה המכבי גופא וואלט עס קיינמאל ניט פרובירט טאן. ביי־דערליי, די ערפאלגען און די מפלה, האבען דעריבער גרויס געמאכט דעם נאמען פון די חשמונאים. אויב מ'קאן זיך פארלאזען אויף די פרטים, וואס ווערען דערצעהלט אין צווייטען ספר חשמונאים קאפ. י"ב, האט יהודה איצט ווידער ארויסגעמארשירט געגען אדום, מסתמא זיך אפצורעכענען מיט גארגיאס'ן, דעם קאמאנדיר פון יענעם ראיאן, פאר זיין נצחון ביי יבנה. יהודה האט איינגענומען חברון, האט צעשטערט איהרע באפעסטיגונגען און האט שיער ניט געכאפט גארגיאס'ן גופא, וועלכער איז אנטרונען געווארען קיין מ ר ש ה (חשמונאים ב, י"ב). יהודה האט איהם שנעל נאכגעיאגט, און דורכ'ן איינגעמען מרשה האט ער אריינגעקראגען אין זיין רשות די רייכע געגענד ארום. מארשירענדיג פון דארטען ווייטער אראפ אין דעם פלשתים־טאל, איז ער באפאלען אזאטוס, די אלטע א ש ד ו ד, און האט געלאזען איהר געצען־טעמפעל און מזבח אין רויכערענדיגע חורבות (חשמונאים א, ה).

דער טויט פון אנטיוכוס עפיפאנעס.

יהודה המכבי איז איצט געשטאנען אויף דעם העכסטען שטאפעל פון זיין מאכט. פאר זיין נאמען האט מען געפיהלט א יראת־הכבוד אין אנטיריע און א מורא אין אלע געגענדען ארום דעם לאנד יהודה. דורך דעם גע־ניום פון זיין פיהרערשאפט איז די עבודה אין בית־המקדש צוריק אויפגע־שטעלט געווארען, און די האפענונג פון דעם אידישען פאלק אויף א בעסערער, ליכטיגער צוקונפט האט ווידער אויפגעלעבט און צעטריבען די פינסטערע כמארעס, וואס האבען די לעצטע דריי יאהר באדעקט די הייליגע

שטאָט. פלוצלונג האָט זיך דערהערט די נייעס, אז אנטיוכוס עפּיפאנעס איז געשטאָרבען אויף זיין עקספּעדיציע אין ווייטען מזרח. ווי דאָס וועט זיך אָפּרופען אויף דער אידישער לאַגע, האָט קיינער ניט געקאָנט פאָראויס־זאָגען, ביז מ'האָט ניט געוואוסט פון אנטיוכיע מיט וועמען יהודה וועט דאָ איצט האָבען צו האנדלען. די נייעס איז זיכער געווען פון גרעסטען אינ־טערעס פאר אלעמען, וועמען דער דאָזיגער דעספּאָט און מאניאק האָט אונ־טערגעדריקט. די בעסטע ראיה פאר דעם דאָזיגען אינטערעס געפינט מען אין די פארשידענע דערקלערונגען, וואָס מ'האָט געגעבען וועגען זיין טויט. פּאָליביוס דענקט, אז דאָס איז געווען א שטראָף פארוואָס ער האָט פרובירט אויסרויבען דעם טעמפּעל פון דער געטין ארטעמיס — דער לעצטער אויפטו פון זיין שענדליכען לעבען (פּאָליביוס 31, 2). יוסף פלאַוויוס פארוואָרפט דעם דאָזיגען געדאנק און דערקלערט, אז דאָס איז זיכער געווען א שטראָף פאר'ן פארשוועכען און אויסרויבען דעם בית־המקדש אין ירושלים (אלטער־טימער י"ב 9 § 1). די ביטערע איבערלעבונגען פון זיין אייגענעם דורכפאל און די ענליכע איבערלעבונגען פון זיינע גענעראלען אין לאנד יהודה האָבען בלי־ספק פארערגערט די שמערצליכע קראנקהייט, וואָס האָט געמאַכט א סוף צו זיין לעבען אין יאהר 164 (פאר קר.).

אנטיוכוס יעווּפּאַטאָר און ליזיאס.

אויף זיין טויט־בעט האָט אנטיוכוס באשטימט פיליפּ'ן, איינעם פון זיינע גענעראלען, אלס רעגענט פון זיין אימפּעריע און אפּיטרופּוס פאר זיין זוהן (חשמונאים א, ו). אָבער דיזעלבינע שטעלע האָט פאקטיש שוין גע־קראָגען ליזיאס, בשעת אנטיוכוס האָט זיך געגרייט צו זיין עקספּעדיציע אין מזרח. א פּאָליטישע מהומה איז דאָ געווען אומפארמיידליך, א מהומה וואָס האָט געזאָלט אונטערגראָבען די מאַכט פון דער סעלעוקידישער מלוכה. ליזיאס האָט אָנגעהויבען באשטעהן אויף זיינע רעכטען מיט'ן לאָזען קרוינען דעם יונגען פּרינץ אלס אנטיוכוס יעווּפּאַטאָר. אָבער דעמעטריוס, דער זוהן פון סעלעווקוס דעם פערטען, דעם ברודער און פאָרגעהער פון אנטיוכוס עפּי־פאנעס, וואָס איז זינט יאהרען שוין געזעסען אלס לעבעדיגער משכון אין רוים, האָט געבעטען די רוימער צו אנערקענען זיין רעכט אלס געזעצליכער יורש פון סירישען טראָן. אין דער דאָפּעלטער ריוואליטעט, וואָס די דאָ־זיגע נעמען — פיליפּ, ליזיאס, יעווּפּאַטאָר, דעמעטריוס — האָבען פארגע־

וואס איז הונדערט און פופציג יאהר געווען אזוי מעכטיג.
שטעלט, האבען זיך אנגעהויבען די לעצטע קאנוואולסיעס פון דעם קעניגרייך.

פאר יהודה המכבי'ס שארפען אויג איז די קריטישע לאגע אין סיריען געווען גענוג קלאר. איצט איז געווען זיין צייט צו געהן פארווערטס. די ציטאדעל אין ירושלים — יענע העלעניסטישע פעסטונג אין דעם סאמע צענטער פון יודענטום — האט געמוזט ערָאבערט ווערען. זינט דעם חנוכת־הבית פון בית־המקדש איז מען אסך צרות אויסגעשטאנען פון דער דאזיגער ציטאדעל. פיעל אידען זיינען געטויט געווארען געהענדיג אין בית־המקדש דורך פלוצליכע אנפאלען פון דארטען, און זי איז געווען א שטענדיגע סכנה פאר דעם בית־המקדש גופא. יהודה האט זיך גענומען מיט מוט צו דער שווערער אויפגאבע, און עס איז הפנים געווען א גוטע אויסזיכט אויף ערפאלג. אבער עטליכע העלעניסטישע אידען האבען זיך ארויסגע'גנב'עט ביי נאכט פון פעסטונג און זיינען געקומען צום קעניג בעטען הילף. ליזיאס האט קענטיג איצט איינגעזעהן די שטארקייט פון זיין פיינד, ווארים ער האט ארויסגעמארשירט קיין יהודה מיט אן ארמיי פון הונדערט טויזענט פוסגעהער און צוואנציג טויזענט רייטער, צוזאמען מיט אן אפטיילונג פון צוויי־און־דרייסיג העלפאנטען איינגעלערענטע פאר מלחמה. ליזיאס האט, באגלייט פון דעם יונגען קעניג, געפיהרט די דאזיגע חיילות ביים ים־ברעג, און ארויפשטייגענדיג פון דרום־מערב האט ער ווידער זיך אויפגעשטעלט ביי בית־צור און האט באלאגערט די דאזיגע פעסטונג. דער אידישער גארניזאן האט העלדיש געקעמפט, אבער עס איז ניט מעגליך געווען זיך צו שטעלען נעגען אזא אומגעהייער גרויסער מאכט ווי ליזיאס האט איצט געהאט אונטער זיין קאמאנדע, און בית־צור איז ארומגערינגעלט געווארען פון אלע זייטען. ליזיאס האט דעמאלט אוועקגעמארשירט צו בית־זכריה, ניין מייל ווייטער צו צפון, וואו יהודה המכבי האט, אויפגעבענדיג די באלאגערונג פון דער ציטאדעל אין ירושלים, אויפגעשטעלט זיין לאגער. דער דאזיגער ארט האט באהערשט אלע צוגענג צו ירושלים פון מזרח, מערב און דרום און איז געווען די לעצטע פארטיידיגונגס־ליניע אין דרום־זייט פון דער שטאט. דער גרויסארטיגער מארש פון דער געוואלדיגער ארמיי האט געמאכט א טיפען רושם אויף די אידען; אבער צו אפט האבען זיי זיך שוין צוזאמענגעשטויסען מיט סירישע ארמייען זיך צו לאזען איצט איינשרעקען פון דעם מיליטערישען גלאנץ, און אין דער ערשטער אטאקע, וואס יהודה המכבי האט געמאכט, זיינען זעקס הונדערט פון דעם קעניג'ס קריגער געפאלען טויט אויפ'ן שלאכטפעלד. אלעזר, יהודה'ס ברודער, האט געמיינט, אז ער האט אנט־

דעקט דעם העלפאנט, אויף וועלכען דער יונגער קעניג האט געריטען, און האט איינער אליין זיך דורכגעפּאַכטען א וועג צו דער חיה, איז ארונטערגע־קראָכען אונטער איהר, האט זי דערשטאָכען צום טויט און איז אליין גע־בליבען ליגען אונטער איהר, צעדריקט פון איהר שווערען פאל. אבער די גרעסטע גבורה און געוואַגטקייט האט דא גארניט געקאנט העלפען געגען דער אריבערוועגענדיגער מאכט פון דער סירישער ארמיי, און יהודה המכבי איז געווען געצוואונגען זיך צוריקצוציהען.

די ווידעראויפשטעלונג פון דער רעליגיעזער פרייהייט דורך ליזיאס׳ן.

ליזיאס האט איצט אהן אן עיכוב מארשירט אויף ירושלים און האט באלאגערט די באפעסטיגונגען ארום דעם בית־המקדש. באלד ווי מ׳האט זיך דערוואוסט פון יהודה׳ס מפּלה ביי בית־זכריה האט בית־צור זיך אונטערגע־געבען, און די סיריער האבען, לויט א פריהערדיגען אפמאך, דערלויבט די איינוואוינער אפצוציהען פריי פון שטאט. עס איז געווען א פינסטערע שעה פאר דעם יודענטום. עס האט זיך געדוכט, אז זיין העלדישער קאמף וועט זיך ענדיגען מיט א דורכפאל. אלס צוגאב צו דער סירישער ארמיי אינ׳ם לאנד איז נאך געווען א דוחק אין שפייז, ווארים ס׳איז גראד געווען א שמיטה־יאהר, ווען מ׳האט קיין תבואה ניט געזעעט, און די אנגעלאפענע אידען פון גליל און גלעד האבען נאך ערגער געמאכט די לאגע. אסך פון די באלאגערטע האבען דעזערטירט, און עס האט זיך געדוכט, אז דער ביטערער סוף שטעהט נאהנט ביי דער טיר. אבער דא האט מיט איינמאל די גאנצע סיטואציע זיך געביטען דורך איינער פון יענע פלוצליכע ענדערונגען, אין וועלכע גלויביגע זעהען גאט׳ס האנט. גלייך ווי גאט וואלט געוואלט זאגען צו זיין פאלק, „פארלאזט זיך ניט אויף קיין פירשטען, אויך ניט אויף העל־דישע פיהרער, נאר אויף מיר“, איז די אנטשיידונג געקומען ניט דורך יהודה המכבי׳ס חכמה, אויך ניט דורך דער גבורה פון זיינע סאלדאטען, נאר דורך די רייסערייען אין דעם הויף פון אנטיוכיע. גאנץ ווייט פון ירושלים האָ־בען כוחות געווירקט לטובה פון די אידען און האבען געבראכט דעם לאנד יהודה די רעליגיעזע פרייהייט, פאר וועלכער זי האט אזוי בלוטיג געקעמפט.

בשעת ליזיאס האט געהאלטען אין באלאגערען דעם פלאץ פון בית־המקדש איז געקומען צו איהם די ידיעה, אז פיליפּ, מיט דער ארמיי פון אנטיוכוס עפיפאנעס, מארשירט קיין אנטיוכיע איבערצונעמען די רעגירונג.

אין הסכם מיט דעם וואונש, וואס דער קעניג האט אויסגעדריקט פאר׳ן שטארבען. ליזיאס האט, ניט וועלענדיג אויפגעבען די בכבוד׳יגע שטעלע וואס ער האט פארנומען, באשלאסען זיך תיכף צוריקצוקערען קיין אנטיוכיע. כדי צו קענען זיך צוריקציהען, האט ער אנגעבאטען צו די אידען פרידען. האט זיי גאראנטירט, אויב זיי וועלען זיך אונטערגעבען, די פרייהייט צו לעבען לויט די געזעצען פון זייערע פאטערס. ער האט אויך פארשפראכען צו לאזען אומבאריהרט די פעסטונגען ארום בית־המקדש. די אידען האבען מיט שמחה אנגענומען די באדינגונגען און האבען עוואקואירט דעם בית־המקדש. ליזיאס אבער האט, זעהענדיג אז דער בית־המקדש איז צו שטארק באפעסטיגט, געבראכען דעם צווייטען פונקט פון דעם אפמאך; ער האט ארונטערגעריסען די פעסטונגען פון ארום דעם בית־המקדש און האט אוועקגעמארשירט מיט זיין ארמיי.

מיט ליזיאס׳עס צוריקצוג האט זיך געענדיגט דער ערשטער קאפיטעל אין דער געשיכטע פון די חשמונאים. פון איצט אן ביז דעם צווייטען חורבן (אין 232 יאהר ארום) איז די עבודה אין בית־המקדש מעהר ניט געשטאנען אין סכנה צו ווערען אונטערגעבראכען און מ׳האט מעהר ניט געפרואווט ארויפצווינגען אויף די אידען העלעניזם מיט גוואלד. דער קאמף צווישען העלעניזם און יודענטום איז פארטגעזעצט געווארען, אבער ער איז איצט געווען אן אינערליכער קאמף צווישען די אידען גופא.

4.

דער לאנגער קאמף פאר פאליטישער פרייהייט.

דאס יאהר 162 (פאר קר.) באצייכענט דעם סוף פון דער רעליגיעזער מלחמה פון די אידען. פון איצט אן און ווייטער איז דער עצם קאנפליקט געווען ניט א רעליגיעזער, נאר א פאליטישער, ווי פאר דער צייט פון דעם חשמונאים־אויפשטאנד. נאך דער צוריקציהונג פון דער סירישער ארמיי זיינען געבליבען אין יהודה צוויי הויפט־פארטייען; ניט א סיריש־העלעניסטישע און אן עגיפטיש־קאנסערוואטיווע, ווי פריהער*), נאר א העלעניסטישע און

*) פארגלייך אויבען ז. 213, 214. די פיהרער פון דער עגיפטישער פארטיי אין ירושלים זיינען צוזאמען מיט חוניו׳ן אנטלאפען אונטער דער צייט קיין עגיפטען.

א נאציאנאלע, אדער גענויער: א העלעניסטיש־אריסטאקראטישע פארטיי, אנגעפיהרט פון דער העלעניזירטער אריסטאקראטיע, און א נאציאנאל־דעמאקראטישע פארטיי, אנגעפיהרט פון די חשמונאים. די ערשטע פארטיי האט געהאט איהרע אנהענגער אין ירושלים און צווישען די שטאטישע איינוואוינער בכלל. דער באדען פון דער צווייטער פארטיי איז געווען דער דארף. דער חיל פון די חשמונאים האט קענטיג זיך רעקרוטירט ניט פון ירושלים, נאר פון דעם אפענעם לאנד.

דער נייער רעגענט אלקימום.

אט די צוויי פארטייען האבען נאך געהאט צו לייזען זעהר וויכטיגע פראגען. די ערשטע פראגע איז געווען בנוגע דעם אמט פון כהן גדול; עס הייסט: ווער עס זאל בלייבען דעם קעניג'ס פארטרעטער און זאל שטעהן אין שפיץ פון דער רעגירונג פונ'ם לאנד. ווען דער קעניג האט אפגערייזט קיין אנטיוכיע, האט ליזיאס איהם צוגערעדט, אז ער זאל מיטנעמען מענעלאוס'ן מיט זיך. ער האט דערמיט געוואלט זיך באווארענען געגען צוקינפטיגע אומרוהען צווישען די אידען. אנטיוכוס דער פינפטער האט פארשיקט מענעלאוס'ן, און באלד נאכדעם האט ער איהם געלאזט היגריכטען אלס דעם פאראורזאכער פון אידישען אויפשטאנד (חשמונאים ב, י"ג; פלאוויוס, אלטערטימער י"ב, 9 § 7). דער נייער פיהרער פון דער העלעניסטישער פארטיי איז איצט געווארען א כהן מיט'ן גריכישען נאמען אלקימוס*), און דער קאמף צווישען די צוויי פארטייען איז געווארען א קאמף צווישען זייערע צוויי פיהרער: אלקימוס און יהודה המכבי, ווער פון זיי ביידען זאל ווערען דער רעגירער פון דעם לאנד.

איידער אבער דאס איז אנטשידען געווארען זיינען דערווייל פארגעקומען איבערראשענדיגע ענדערונגען אין דעם סירישען הויף. אנטיוכוס און ליזיאס זיינען געווען ערפאלגרייך אין זייער שטרייט מיט פיליפ'ן, אבער באלד האט געשלאגען זייער לעצטע שעה. דעמעטריוס, דער זוהן פון סעלעווקוס דעם פערטען, וועלכער איז געזעסען אלס לעבעדיגער משכון אין רוים,

---

*) זיין אידישער נאמען איז געווען אליקים. לויט דער תלמודישער טראדיציע איז דער דאזיגער אידישער פיהרער, וועמען זי רופט „יקים איש צרדה", געווען א פלעמעניק פון יוסי בן־יועזר איש צרדה, וועלכער איז אונז באקאנט פון פרקי אבות (פרק א) אלס דער ערשטער פון די זוגות.

איז אנטלאָפען פון איטאַליען און האָט געלאַנדעט אין טריפּאָלים ביים פּע־ניקישען ים־ברעג. די סירישע ארמיי האָט זיך גלייך געשטעלט אויף זיין צד און ער האָט אריינגעמארשירט אין אנטיוכיע, „אין דעם פּאַלאַץ פון זיינע פּאָטערס". אנטיוכוס און ליזיאס זיינען הינגעריכטעט געוואָרען.

צו דעם דאָזיגען נייעם הערשער איז איצט געקומען אלקימוס און אַ גרופּע העלעניסטישע אידען. זיי האָבען ארויסגערופען דעם איינדרוק ביים קעניג, אז יהודה און זיינע ברידער האָבען ניט נאָר אונטערגעדריקט און פארטריבען אסך אזעלכע אידען ווי זיי, נאָר זיי זיינען אויך פאררעטער דערמיט, וואָס זיי האָבען געטויט דעם קעניג'ס אנהענגער. די דאָזיגע רייד האָבען געמאכט די געוואונשטע ווירקונג אויף דעמעטריוס'ן. ער האָט באַ־שטימט אלקימוס'ן פאר א כהן גדול*) און האָט געשיקט א סירישען חיל אונטער דער פיהרונג פון באקכידעס'ן, דעם גענעראלגובערנאַטאָר פון סי־ריען, צו אונטערשטיצען אלקימוס'ן אין זיין אמט מיט געוואלד, אויב עס וועט נייטיג זיין, און צו באַשטראָפען דעם קעניג'ס פיינד.

די סופרים און די חסידים און זייער שטעלונג צו אלקימוס'ן.

אלקימוס איז אנגעקומען איז ירושלים מיט באקכידעס'ן און זיין חיל, און באלד האָט זיך אָפּגעקלערט די סיטואציע. יהודה המכבי און זיינע אַנ־הענגער האָבען ניט געוואָלט הערען פון קיין שלום און האָבען ניט אויפגע־געבען זייער קריגערישע שטעלונג צו דעם נאָכפאָלגער פון מענעלעאוס'ן. אָבער ענליך ווי אין יאזאָן'ס צייט האָט אויך איצט זיך געבילדעט א צענ־טער־פּארטיי אין ירושלים, וואָס איז נוטה געווען צו אַ פרידען מיט דער העלעניסטישער פּארטיי און איהר נייעם פיהרער. ווארים שוין פון לאַנג איז מען געווען צוגעוואוינט צו דעם, אז די העלעניסטישע פּארטיי איז די רעגירונגס־פּארטיי און איהר פיהרער איז דעם קעניג'ס פּארטרעטער אין דעם לאַנד. באקכידעס און אלקימוס האָבען גערופען א פארזאמלונג פון סופרים און חסידים**) צו פארהאַנדלען מיט זיי וועגען אַ שלום. די דאָזיגע אַנטי־

*) עס איז ניט זיכער פון די געשיכטסקוועלען, צי אלקימוס איז ערשט פון דעמעטריוס'ן באַשטימט געוואָרען פאר א כהן גדול אָדער שוין פון אנטיוכוס יעווּפּאַטאָר, באלד נאָך דער הינריכטונג פון מענעלאוס'ן, און דעמעטריוס האָט איהם נאָר באַשטעטיגט אין זיין אמט.

**) זעה אויבען ז. 113, 114 און ז. 234—236.

העלעניסטישע עלעמענטען פון דער שטאטישער באפעלקערונג האבען איצט, נאך דער צוריקאויפשטעלונג פון דער אידישער רעליגיעזער אויטאנאמיע, ניט געהאט קיין גרונט צו באקעמפען דעם קעניג'ס רעגענט, נאכדעם ווי ער האט פארשפראכען זיי צו באשיצען. זיי זיינען געווען זיכער, אז א רעגענט א כהן, פון אהרן'ס שטאם, וועט ניט געהן אין מענעלאוס'עס דרכים און וועט ניט געברויכען קיין סירישע סאלדאטען געגען זיינע אייגענע ברידער (חשמונאים א, ז 12—14). אלקימוס איז פון זיי אנערקענט געווארען און, ווי אמאל יאזאן, האט ער אויך געהאט אויף זיין זייט די מאיאריטעט פון די ירושלים'ער איינוואוינער*). עס האט אבער לאנג ניט געדויערט פאר די סופרים און חסידים איינצוזעהן, אז זייער פאליטיק איז געווען א פאלשע. ווארים ווי נאר אלקימוס האט זיך געפיהלט זיכער אין זאטעל, האט ער באלד אנגעהויבען מיט טעראר און האט, ברעכענדיג זיין ווארט, געלאזט הינריכטען זעכציג פון די חסידים. יוסף פלאוויוס מאכט באק־כידעס'ן פאר דעם שולדיגען אין דעם דאזיגען בלוטיגען אקט (אלטערטימער י"ב 10 § 2). אבער גאר אינגאנצען אומשולדיג איז על־כל־פנים אלקימוס אויך ניט געווען**).

מיט דער הינריכטונג פון די זעכציג חסידים האט זיך אבער דער בלו־

---

*) זעה אויבען ז. 216.

**) לויט אן אגדה אין מדרש איז צווישען די דאזיגע הינגעריכטעטע געווען אויך אלקימוס'עס אייגענער פעטער, יוסי בן־יועזר, און עס ווערט דערצעהלט (אין מדרש רבה, בראשית ס"ה) א שענע לעגענדע וועגען דעם: יקים איש־צרדה האט געריטען אום שבת אויף א פערד און נעבען איהם האט מען געפיהרט יוסי בן־יועזר איש צרדת מיט א תלית איהם אויפצוהייגען. האט יקים געזאגט צו זיין פעטער יוסי בן־יועזר: קוק וואס מיין האר, וועמען איך דין, דער סירישער קעניג, גיט מיר (א טייערען פערד), און וואס דיין האר, וועמען דו דינסט, גאט, גיט דיר (א תליה). האט יוסי געענטפערט: אויב רשעים קריגען אזויפיעל גוטס, הייגט וויפיעל וועלען שוין קריגען די וואס טוען זיין ווילען? האט יקים געזאגט: האט נאך ווער געטאן גאט'ס ווילען מעהר ווי דו? האט יוסי געענטפערט: אויב די וואס טוען זיין ווילען שטראפט גאט אזוי, הייגט וויפיעל וועט ער שוין שטראפען די וואס דערצארענען איהם? די דאזיגע ווערטער זיינען אריינגעדרונגען אין יקים'ען ווי די גיפט פון א שלאנג, און ער איז תיכף אוועקגעגאנגען און זיך אליין אנגעטאן אלע פיער מיתות בית־דין: סקילה, שריפה, הרג און חנק. אין דער רגע, ווען יקים איז באגאנגען זעלבסטמארד אוים תשובה פאר זיינע זינד, האט יוסי דערוויל איינגעדרעמעלט און האט געזעהן אין חלום ווי יקים'ס ארון פליהט אין דער לופ־טען. האט יוסי געזאגט: מיט איין קורצער רגע האט ער מיר פארכאפט דעם וועג און איז אריין אין גן־עדן פריהער פאר מיר.

טיגער טעראָר ניט געענדיגט. באקכידעס האָט אויפגעשטעלט זיין לאגער אין בעזעטא, א פאָרשטאָט פון ירושלים, און „האָט געלאָזט כאפּען אסך דע־זערטירער*) און אנדערע פון דעם פאָלק און האָט זיי געלאָזט טויטען און אריינוואַרפען אין דער גרויסער גרוב" (חשמונאים א, ז 19). באקכידעס האָט געמיינט, אז אָט די בלוטיגע אקטען זיינע וועלען שוין האלטען אלעמען אין מורא און זיין אנוועזענהייט אין יהודה איז איצט ניט מעהר נייטיג. ער האָט געלאָזען אלקימוס'ן א שטאַרקע אַפּטיילונג מיליטער און האָט אליין זיך צוריקגעקערט קיין אנטיוכיע.

אלקימוס האָט איצט פאַרלאָרען די אונטערשטיצונג פון די בעסערע קלאסען, וואָס זיינען פריהער צוגעשטאַנען צו איהם, און האָט זיך ארומגע־רינגעלט מיט די ערגסטע עלעמענטען פון דער באַפעלקערונג. יהודה המכבי אָבער און זיינע ברידער זיינען אנטלאָפען אויפ'ן לאנד, האָבען ווידער באַ־קומען א גרויסע אַנהענגערשאַפט און האָבען פון־דאָס־ניי אנגעהויבען דעם גאַרילאַ־קריג. אלקימוס האָט זיך באלד געפונען אין אזא געדריקטער לאגע, אז ער האָט אליין געמוזט אוועק קיין אנטיוכיע אפּעלירען צום קעניג נאָך הילף. דעמעטריוס האָט אראָפּגעשיקט ניקאנאָר'ן, א גרויסען גענעראַל און א גרויסען שונא־ישראל, מיט דעם אויפטראַג צו נעמען געפאַנגען יהודה'ן און זיינע ברידער.

יהודה'ס נצחון איבער ניקאנאָר.

ניקאנאָר האָט תחילת געזוכט צו באַזיגען יהודה'ן מיט אן אנשטעל פון פריידליכע פאַרהאַנדלונגען, אָבער יהודה איז געווען צו קלוג זיך צו לאָזען ארייננאַרען פון איהם. ניקאנאָר האָט דעריבער קיין אנדער ברירה ניט גע־האַט ווי זיך שטעלען געגען יהודה'ן אין אָפענער שלאַכט, און דער צו־זאַמענשטויס איז פאָרגעקומען ביי כ פ ר ־ ש ל מ ה. וואו דער דאָזיגער אלטער דאָרף האָט זיך געפונען, איז ניט זיכער, אָבער עס ווייזט אויס, אז ער

---

*) דעזערטירער, וואָס זיינען אריבערגעגאַנגען איצט צו דער רעגירונג און וואָס באקכידעס האָט מאַנכע פון זיי ניט געוואָלט פאַרגעבען געוויסע טאַטען, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען פריהער אין דעם אויפשטאַנד. מאַנכע געלעהרטע טייטשען עס אויס, אז באקכידעס האָט געלאָזט כאפּען אסך פון די, וואָס זיינען פריהער אריבער־געגאַנגען צו איהם און איצט האָבען זיי איהם פאַרלאָזען און ווידער דעזערטירט צו יהודה המכבי.

איז געלעגען אין טאָל אונטער מודעין. ניקאַנאָר איז צעשלאָגען געוואָרען, און ער איז צוריקגעפאלען אויף ירושלים, וואו ער האָט געקאָנט האבען די שטיצע פון דעם גארניזאן אין ציטאדעל. ווען ער איז אריבערגעגאנגען פון ציטאַדעל צום בית־המקדש זיינען כהנים ארויס איהם באַגריסען. זיי האָבען איהם דערצעהלט וואָסערע געטרייע אונטערטאָנען זיי זיינען דעם קעניג און האָבען איהם געוויזען דעם קרבן, וואָס זיי זיינען מקריב פאר זיין געזונט. אָבער ניקאַנאָר איז געווען אין א שלעכטער שטימונג נאָך זיין מפּלה אויפ'ן שלאַכטפעלד. ער האָט זיך אויסגעלאכט פון זייערע הייליגע צערעמאָניעס און האָט געשטראשעט, אז אויב מ'וועט ניט איבערגעבען יהודה'ן און זיינע אנהענגער אין זיינע הענט, וועט ער פארברענען דעם בית־המקדש אויף אַש. די כהנים האָבען זיך צוריקגעקערט צום מזבח און האָבען גע־וויינט און תפילה געטאָן צו גאָט, ער זאָל נקמה נעמען פון דעם דאָזיגען אי־דישען שונא, וואָס האָט איהם געלעסטערט (חשמונאים א, ז).

זייער תפילה איז באלד געענטפערט געוואָרען. ניקאַנאָר האָט אוועק־געמאַרשירט צו בית־חורן, אין צפון־מערב־זייט פון ירושלים, צו וואַרטען דאָרטען אויף נייע פאַרשטאַרקונגען פון סיריען. יהודה האָט אויפגע־שטעלט זיין לאגער ביי אדאסא, ארום פיער מייל אין צפון־זייט פון ירושלים, ביי דעם פונקט אויפ'ן הויכלאנד וואו עס קומען צוזאַמען די וועגען פון צפון און פון בית־חורן. דער אָרט האָט, אקוראט ווי בית־זכריה, ניט גע־קאנט לייכט געריגנגעלט ווערען און איז געווען א פעסטע פּאָזיציע. יהודה האָט געהאט דריי טויזענט מאַן (יוסף פלאוויוס זאָגט, אז איין טויזענט), און ניקאַנאָר ניין טויזענט. די אומגלייכקייט אין צאָהל איז געווען אזא, וואָס האָט מעהר ווי איין מאָל אריינגעגעבען מוט די אידען צו קעמפען נאָך מיט מעהר גבורה. דעם דרייצעהנטען טאָג אין אדר, אין־דער־פריה, (אין יאהר 161 פאר קר.), האָט זיך צעפלאַקערט די שלאַכט. די אידישע טראַ־דיציע האָט געזוכט צו פארשענערען יהודה'ס נצחון מיט לעגענדעס פון זע־הונגען, וואָס זיינען געקומען צו יהודה'ן פאר דער שלאַכט. עס ווערט דער־צעהלט, אז ער האָט געזעהן אין חלום, ווי דער פאַרשטאָרבענער פרומער כהן גדול חוניו האָט געהאלטען אויסגעשפּרייט זיינע הענט פאר גאָט און האָט תפילה געטאָן פאר זיין פאָלק ישראל, און נעבען איהם איז געשטאַנען די מאַיעסטעטישע געשטאַלט פון א גרייזגראָהען מאַן איינגעהילט אין א געט־ליכער ליכטיגקייט. און חוניו האָט געזאָגט: דער זקן, וועמען דו זעהסט דאָ, איז ירמיה, דער נביא פון גאָט, וואָס פון גרוים ליבשאַפט צו זיינע ברי־דער בעט ער רחמים פאר זיין פאָלק און פאר דער הייליגער שטאָט. און

ירמיה האט געהאלטען א גאלדענעם שווערד אין זיין רעכטער האנט, און ער האט דערלאנגט דעם שווערד יהודה׳ן און געזאגט: נעם אט דעם שווערד און צעשלאג מיט איהם דיינע פיינד (חשמונאים ב, ט״ו).

ניקאנאר איז געפאלען טויט אין דעם טומעל פון דער שלאכט. אז זיינע סאלדאטען האבען דאס געזעהן, האבען זיי אוועקגעווארפען די געוועהר און האבען גענומען האסטיג אנטלויפען. זיי נאכיאגענדיג, האבען יהודה׳ס סאלדאטען געבלאזען מיט טראמפייטען, צו געבען סיגנאלען צו די פויערים פון די דערפער אין דעם בערגלאנד, אז זיי זאלען העלפען אפשניידען פאר דעם פיינד דעם וועג אויף צוריק. פון אדאסא אויף אראפ דורך דעם טאל אילון ביז גזר זיינען די טויטע קערפער פון די סירישע סאלדאטען געלעגען צעשפרייט איבער די רוקענס פון די בערג. עס איז געווען א געוואלדיגער און אנטשיידענדיגער נצחון, וואס איז פון דאמאלסט אן געפייערט געווארען פון יאהר צו יאהר אלס „ניקאנאר׳ס טאג״*).

די פארבינדונג מיט רוים.

יהודה המכבי האט איצט באהערשט די סיטואציע און איז פאקטיש געשטאנען בראש פון דער אידישער געמיינדע אין יהודה. זיין פלאן איז געווען ארויסצושטויסען די העלעניסטישע פארטיי פון דער רעגירונג און צו מאכען זיין נאציאנאלע פארטיי פאר דער אנערקענטער הערשענדיגער און ממילא זיך אליין פאר דעם אנערקענטען רעגענט פון דעם לאנד. די געשעהענישען אין די לעצטע יאהרען האבען איהם געלערענט, אז דאס איז נאר געווען מעגליך ביי פולער אומאפהענגיגקייט פון דער סירישער מלוכה. ווארים דער סירישער קעניג האט דאך נאר וואס געוואלט מיט מיליטערישער געוואלד זיכערען פאר דער העלעניסטישער פארטיי די הערשאפט אין יהודה. עס איז בכן ניט געווען קיין אנדער ברירה ווי אראפווארפען איינגאנצען פון זיך דעם סירישען יאך. כדי דאס צו דערגרייכען האט יהודה המכבי זיך געווענדעט נאך דער הילף פון די רוימער. דער נאמען פון רוים איז פון לענגער שוין באקאנט געווען צווישען די בערג פון יהודה. שוין אין דער שלאכט פון מאגנעזיא**) (190 פאר קר.) האט זי געוויזען, אז זי קאן מעהר

---

*) יום ניקנור, מגילת תענית י״ב.

**) זעה אויבען ז. 201.

ווי זיך שטעלען געגען דער מאכט פון סיריען, און פון דאמאלסט אן האט זי גוט אכטונג געגעבען אויף אלץ, וואס די סירישע מלכים האבען געטאן. יהודה המכבי האט זיכער געוואוסט, אז דער הויף אין אנטיוכיע איז מעהר ווי איין מאל שוין געצוואונגען געווען צו ענדערען זיין פאליטיק אויף א באפעהל פון רוים. עס איז ניט געווען קיין אמת'ע פריינדשאפט צווישען די צוויי מלוכות. דעמעטריוס גופא איז אנטלאפען פון איטאליען, און הגם די רוימער האבען איהם דערנאך אנערקענט אלס קעניג, זיינען זיי אבער פארט געווען גרייט צו פארקריפלען זיין מאכט, באזונדערס דורך אזעלכע מיטלען ווי פארבינדונגען מיט אונטערגעווארפענע פעלקער. אלע אומשטענ־דען זיינען געווען גינסטיג פאר א רוף נאך הילף צו דער גרויסער מאכט פון מערב. ווען יהודה המכבי וואלט געקאנט זעהן פאראויס וואס דער דאַ־זיגער רוף וועט סוף־כל־סוף באדייטען פאר דאס אידישע פאלק, וואלט ער, ווי א נביא אין די אמאליגע צייטען, אליין אויפגעהויבען זיין שטים געגען דעם. אבער ער האט קיינמאל ניט געקאנט חלומ'ען ווי דעגענערירט זיין אייגענע פאמיליע וועט ווערען און וועלכע אינערליכע רייסערייען עס וועלען אנטשטעהן, רייסערייען וואס וועלען ברענגען די רוימישע גובערנאטארען אין די נעהנטסטע פארהעלטענישען מיט דעם גורל פון זיין פאלק.

באלד נאך דער שלאכט פון אדאסא האט יהודה המכבי געשיקט צוויי מענער, יעוופאלעמוס, דעם זוהן פון יוחנן, און יאזאן דעם זוהן פון אליעזר, אלס שלוחים צו דעם רוימישען סענאט, מיט אינסטרוקציעס צו מאכען א בונד פון פריינדשאפט און פאראייניגונג, וואס זאל באפרייען די אידען פון סירישען יאך (חשמונאים א, ח). דער סענאט האט זיי געגעבען א הארציגע אויפנאמע און האט זיי צוריקגעשיקט מיט אן אפמאך איינגעקריצט אויף בראנזענע טאוולען. די הויפטפונקטען פון דעם אפמאך זיינען געווען, אז די אידען און די רוימער זאלען זיך געגענזייטיג העלפען אין צייטען פון מלחמה, אבער ניט אונטער גאנץ גלייכע באדינגונגען, און על־כל־פנים לויט ווי די אומשטענדען וועלען פאדערען. עס איז לייכט צו זעהן, אז די רוי־מער האבען זיך געלאזען די פרייע ברירה צו האנדלען לויט ווי זיי וועט אויסקומען.

באלד ווי דער אפמאך איז געשלאסען געווארען האבען די רוימער גע־שיקט א שרייבען צו דעמעטריוס'ן, אז ער זאל אויפהערען מיט זיינע נגישות געגען די אידען, וואס זיינען די פארבינדעטע פון רוים.

יהודה׳ס טויט.

אבער דער וועג ביז רוים און צוריק איז געווען א ווייטער, און איידער נאך די נייעס פון דעם בונד האט דערגרייכט אנטיוכיע און ירושלים איז א טרויעריגע ענדערונג געקומען אין אידישען לעבען. דעמעטריוס האט איצט, נאכדעם ווי איהם האט זיך איינגעגעבען צו אונטערדריקען דעם אויפשטאנד אין מזרח־זייט פון פרת, געקאנט אויפטרעטען געגען די אידען מיט זיין פולער מאכט; און דא האט זיך ארויסגעוויזען וואס פאר א קראפט עס איז נאך געלעגען אין דער מלוכה פון די סעלעוקידען, ניט קוקענדיג אויף אלע איהרע נויטען. אין פריהיאהר 160 (פאר קר.) האט באקכידעס באקומען דעם באפעהל ארויסצומארשירען געגען די רעבעלען אין יהודה מיט צוואנציג טויזענט פוסגעהער און צוויי טויזענט רייטער — צאהלען וואס זיינען ניט שטארק גוזמא׳דיג. די אידען האבען אנגעהויבען מיד ווערען פון די ארמייען, וואס האבען איינע נאך דער אנדערער זיך באוויזען געגען זיי. די מעסיגע עלעמענטען זיינען בכלל געווארען קיהלער צו דעם קאמף, וואס האט איצט געטראגען א ריין פאליטישען כאראקטער, און פאר יהודה המכבי איז אנגעקומען שווער איינצוהאלטען ארום זיך א מיליטערישע קראפט, וואס זאל זיין גענוג זיך צו שטעלען אנטקעגען די סיריער (חשמונאים א, ט). די קליינע צאהל פון אכט הונדערט מאן, וואס זיינען איהם געטריי געבליבען, האבען אומזיסט זיך באמיהט איהם אפצורייידען פון א שלאכט. ער האט ניט געוואלט באפלעקען ניט זיין און ניט זייער עהרע דורכ׳ן אנטלויפען; און הגם די קליינע קאמפאניע פון אכט הונדערט מאן האבען געקעמפט מיט פארצווייפלונג א גאנצען טאג און האבען געהאט מאנכע ערפאלגען, איז אבער דער סוף געווען דער, פאר וועלכען מ׳האט זיך געשראקען. ניט נאר זיינען די אידען לגמרי צעשלאגען געווארען, אויך יהודה המכבי גופא איז געפאלען טויט אויפ׳ן שלאכטפעלד. אונטער א פאהן פון וואפענשטילשטאנד האט מען ארויסגענומען זיין קערפער פון די רייהען פון דעם פיינד און איהם געבראכט צו דער קבורה אין מודעין.

אזוי איז אומגעקומען אין דעם היינט אומבאקאנטען ארט עלאסא איינער פון די העלדישסטע און איבערגעבענסטע גייסטער, וואס די וועלט האט ווען געזעהן. פון דעם טאג אן ווען מתתיהו האט איהם גערופען צו שטעהן מיט איהם פאר דער תורה, האט ער מיט אלע זיינע כוחות געארבייט, געליטען און געקעמפט פאר דער הייליגער זאך און האט ארויסגעריסען פון דער שטארקער האנט פון סיריען דעם אומשאצבארען אוצר פון רעליגיעזער

פרייהייט. זיין טויט איז געווען די קרוין פון די ליידען פון יענע עטליכע יאהר. ער האט געבראכט טרויער אין אסך אידישע הייזער, און דורכ'ן גאנצען לאנד איז געווען א גרויסער קלאג נאך איהם (חשמונאים א, ט).

יונתן און באקכידעס.

די קראפט פון דער נאציאנאלער פארטיי איז דורך יהודה'ס טויט אינ־גאנצען געבראכען געווארען. די העלעניסטישע פארטיי, אונטער דער פיה־רערשאפט פון אלקימוס'ן, האט איצט באקומען די פולע, אומבאגרעניצטע הערשאפט איבער דעם לאנד. אלע רעגירונגס־שטעלעס אינ'ם לאנד זיינען באזעצט געווארען פון אידען מיט העלעניסטישע בייגונגען. די דאזיגע רשעים, ווי דער ערשטער ספר חשמונאים רופט זיי, האבען געזוכט און גע־נישטערט אומעטום נאך די פריינד פון יהודה המכבי און זיי געבראכט צו באקכידעס'ן, וועלכער האט זיך נוקם געווען אן זיי.

אבער די אנהענגער פון יהודה המכבי האבען בשום אופן נאך נים גע־וועלט אויפגעבען דעם ווידערשטאנד. זיי האבען זיך צונויפגעזאמעלט ארום יהודה המכבי'ס ברידער און האבען אויסגעקליבען יונתן'ען, דעם אינגסטען פון זיי, פאר זייער פיהרער. יונתן איז געווען א גאנץ אנדער טיפ איידער זיין ברודער יהודה. ער איז געווען קלוג און דיפלאמאטיש. זיינע ערפאל־גען זיינען געווען גיכער פון א פאליטיקער איידער פון א גבור אין מלחמה, הגם ער האט מיטגעמאכט און האט געמוזט מיטמאכען די אומאנגענעמע פליכטען פון א סאלדאט אין קריג.

באקכידעס איז געווען באזונדערס נייגעריג צו כאפען יעדען מיטגליד פון מתתיהו'ס פאמיליע, און ער האט גלייך אנגעווענדט זיין ענערגיע צו כאפען יונתן'ען. יונתן איז אנטלאפען אין מדבר תקוע (אין דרום־מזרח־זייט פון בית־לחם) און האט אויפגעשטעלט זיין לאגער נעבען אן אזערע וואס יוסף פלאוויוס רופט אן אספאר (אלטערטימער י"ג 1 § 2). כדי צו זיין פריי פון די מטלטלין, וואס זיין חיל האט געפיהרט מיט זיך, האט ער זיי אוועקגעשיקט אונטער דער השגחה פון זיין ברודער יוחנן צו די נאבא־טעער אויף דער אנדערער זייט ירדן, וואס זיינען געווען באפריינדעט מיט די חשמונאים. די קאמפאניע, וואס האט געפיהרט די זאכען, איז אטאקירט געווארען פון א רויבערישען שבט נעבען מ י ד ב א, און יוחנן איז גע־הרג'עט געווארען. כדי זיך נוקם צו זיין פאר דעם, האט יונתן אויסגע־

נוצט די געלעגנהייט פון א גרויסן חתונה־פעסט אין דעם דאזיגן שבט. ער איז באפאלן פלוצלונג די פרעהליכע פראצעסיע און האט אויסגע־הרג׳עט אלע, וואס האבן ניט געקאנט אנטרונען ווערן אין די בערג. גע־הענדיג צוריק פון דער דאזיגער עקספעדיציע האט ער צום ערשטן מאל זיך צוזאמענגעשטויסן מיט באקכידעס׳ן, וואס האט איהם אפגעווארט אויפ׳ן מזרח־ברעג פון ירדן. ניט קוקענדיג אויף דעם וואס ס׳איז געווען שבת, און באגרייפענדיג די פארצווייפעלטע לאגע, אין וועלכער ער האט זיך גע־פונען, האט יונתן געמאכט אן אטאקע, און נאכדעם ווי ער האט צוריקגע־טריבען די סיריער מיט גרויסע פארלוסטען, איז ער אנטרונען געווארען מיט זיינע באגלייטער דורכ׳ן אריבערשווימען דעם ירדן (חשמונאים א, ט). באק־כידעס האט איצט געביטען זיין טאקטיק. אנשטאט זיך צו יאגען נאך א באנדע אין די בערג און אין מדבר, האט ער באשלאסען צו באדעקען דאס לאנד מיט א נעץ פון פעסטונגען, פון וועלכע מ׳וועט קענען זיכער אנפאלען אויף די אידען, און צו נעמען די זיהן פון די אידישע מנהיגים אלס לעבע־דיגע משכנות און זיי פארשפארען אין ציטאדעל אין ירושלים. אין אזעלכע פעסטונגען האט ער פארוואנדעלט יריחו, עמאוס, בית־חורן, בית־אל, תמנת, פאראטאני, טעפאן, בית־צור, תקוע און גזר. אזוי ווייט ווי עס לאזט זיך מיט זיכערקייט באשטימען וואו די דאזיגע ערטער זיינען געלעגען, זיינען זיי געווען גרעניץ־שטעט און האבן פארגעשטעלט מיט זיך א שטארקע פאר־טיידיגונגס־ליניע.

מיט אט דעם מיטעל האט באקכידעס אויסגעפיהרט מעהר ווי אלע זיינע פארגעהער, און די העלעניסטען זיינען געווען פריי צו טאן אלץ וואס זיי איז געפעלען. אלקימוס איז געווען דער פארשטעהער פון דעם פאלק, און דע־מעטריוס׳עס הויפט־אינטערעס איז געווען צו קריגען רעגעלמעסיג די טאק־סעס. אין דער דאזיגער צייט האט אלקימוס אנגעהויבען רעפאראטורען אין בית־המקדש, וואס האבן ארויסגערופען א פארביטערטקייט געגען איהם איבער׳ן גאנצען לאנד. ער האט אראפגעריסען די וואנט ארום דער „עזרה“ און האט דערמיט פריי געמאכט פאר גויים דעם צוטריט צו דעם הייליגען פארהויף פון בית־המקדש. מעהר האט ניט געזאלט זיין קיין מחיצה צווישען איד און גוי אין דער עבודה פון בית־המקדש. פאר א פאלק, וואס דער עיקר פון זיין שטאלץ איז געלעגען אין זיין אפגעזונדערט פון די גויים ארום, איז אזא האנדלונג געווען אן אומפארשעמטע חוצפה. עס איז דערפאר געווען ניט מעהר ווי נאטירליך, אז ווען אלקימוס איז באלד נאכ־דעם געשטארבען, איז דאס אויסגעטייטשט געווארען אלס גאט׳ס שטראף

פאר זיין רשעות. די שטעלע פון א כהן גדול, עם הייסט: פון א פארשטע־הער פון דעם פאלק, איז איצט ניט געווען פארנומען און איז אזוי געבליבען ביז יונתן גופא — א מערקווירדיגע איבערקערעניש! — האט זי באקומען פון דעמעטריוס'ן אין יאהר 153 (פאר קר.).

אזוי ווי דאס לאנד איז איצט געווען פארהעלטענישמעסיג בארוהיגט, און א רעגענט, וועמען צו אונטערשטיצען, איז נים געווען, האט באקכידעס ניט געהאלטען פאר נייטיג צו בלייבען לענגער אין יהודה און האט דערפאר זיך צוריקגעקערט קיין אנטיוכיע. עס קומט איצט א צווישענצייט פון זי־בען יאהר (153—160 פאר קר.), איבער וועלכע דער ערשטער ספר חשמונאים באריכטעט כמעט גארנישט. אבער אין די דאזיגע זיבען יאהר האט די נאציאנאלע פארטיי פון די חשמונאים געמוזט געוואלדיג שטארק ווערען. וואריםביים סוף פון אט דער צייט איז זי שוין א רעגירונגספעהיגע פארטיי, וואס האט פאקטיש דאס לאנד אין איהרע הענט, און וואס די מלכים פון סיריען זוכען צו קריגען איהר שטיצע. נאר דורך איין עפיזאדע ווערט באלויכטען די טונקעלקייט פון דער דאזיגער צייט אין דעם באריכט פון דעם ערשטען ספר חשמונאים. צוויי יאהר נאכדעם ווי באקכידעס האט זיך צוריקגעצויגען, דאס איז בכן אין יאהר 158 (פאר קר.), האבען די פיה־רער פון דער העלעניסטישער פארטיי שוין געזעהן, ווי די הערשאפט גליטשט זיך ארויס פון אונטער זייערע פיס, און זיי האבען ווידער גערופען באקכידעס'ן. זיי האבען געהאט א פארטיגען פלאן ווי צו כאפען יונתן'ען מיט א פלוצליכען איבערפאל. יונתן אבער האט באקומען גענויע ידיעות וועגען אלצדינג, און פון דעם פלאן איז גארנישט ניט געווארען; יונתן און זיין ברודער שמעון זיינען אנטלאפען אין מדבר. צו באצווינגען בעטבאסי*). וואו זיי האבען זיך באפעסטיגט, האט זיך באקכידעס'ן ניט איינגעגעבען. דערפאר אבער האט זיך איינגעגעבען יונת'ען זיך דורכצוברעכען און צו מאכען מעהרערע ערפאלגרייכע רויבצוגען. באקכידעס האט דעריבער בא־שלאסען אויפצוגעבען די באלאגערונג און צו געהן אהיים. זיין אנטוישונג און ערגערניש איבער דעם דורכפאל פון זיין עקספעדיציע, צו וועלכער ער איז פארפיהרט געווארען דורך דער העלעניסטישער פארטיי, זיינען געווען א גוטע געלעגענהייט פאר דעם קלוגען יונתן איחם אנצובאטען פרידען. ער האט פארגעשלאגען באקכידעס'ן א בכבוד'יגען וועג ווי אזוי זיך ארויסצו־דרעהען פון אן אומבאקוועמער לאגע: צו מאכען א פריינדליכען בונד פאר

*) דער ארט איז פון אנדערשוואו ניט באקאנט.

זייער געגענזייטיגער טובה. באקכידעס האט אנגענומען דעם פארשלאג, און נאכדעם ווי זיי האבען זיך אויסגעביטען מיט די געפאנגענע האט ער אויף תמיד פארלאזען דאס לאנד (חשמונאים א, ט).

יונתן אין מכמש.

דער דאזיגער פרידען האט באדייט, אז די גריכישע רעגירונג האט אויפגעהערט צו באטראכטען די העלעניסטישע פארטיי פאר דער איינציגער רעגירונגספעהיגער, אויף וועלכער זי קאן זיך שטיצען. די נאציאנאלע פארטיי פון די חשמונאים איז לעגאליזירט געווארען, און יונתן, איהר פיהרער, האט אלץ מעהר און מעהר ארייגעקראגען די הערשאפט אין זיין האנט. „און עס האט גערוהט דער שווערד אין ישראל, און יונתן איז געזעסען אין מ כ מ ש; און ער האט אנגעהויבען צו משפט'ען דאס פאלק און צו פארטיליגען די רשעים פון ישראל", זאגט די קורצע נאטיץ אין ערשטען ספר חשמונאים וועגען די קומענדיגע פינף יאהר. דאס קאן נאר אויסגעטייטשט ווערען, אז אין ירושלים האט נאך געהערשט די העלעניסטישע פארטיי, צו וועלכער עס האבען געהערט די מיטגלידער פון דער גערוזיא*); נאר גלייכצייטיג האט יונתן געמאכט מ כ מ ש, ארום זיבען מייל אין צפון־זייט פון דער הויפטשטאט, פאר דעם צענטער פון דער נאציאנאלער פארטיי און האט דארטען דערמיט אויפגעשטעלט א מין נעבענרעגירונג, וואס האט בימלעכווייז אויסגעשפרייט איהר השפעה איבער'ן גאנצען לאנד. ווארים ווי באלד נאר די נאציאנאלע פארטיי איז לעגאליזירט געווארען, און צו זיין געגען דער העלעניסטישער פארטיי האט מעהר ניט באדייט צו זיין געגען דער סירישער מאכט, האט די העלעניסטישע פארטיי געמוזט פארלירען יעדען באדען ביי די ברייטערע מאסען. די חשמונאים האבען דעריבער געהאט באלד דאס פאלק הינטער זיך. האבען נאר די סירישע מלכים ניט געהאט מעהר דעם כוח ארויפצוצווינגען א העלעניסטישע רעגירונג אויף דעם פאלק, האבען די חשמונאים געמוזט באלד ווערען די פון אלעמען אנערקענטע אידישע פיהרער.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואס אין יאהר 153, ווען די געשיכטע עפענט זיך ווידער, ערשיינט יונתן אלס דער אידישער פיהרער אנערקענט פון סירישען הויף, וואס יעדערער פון די פרעטענדענטען אויפ'ן סי־

*) זעה אויבען ז. 216.

רישען טראַן זוכט צוצוציהען איהם אויף זיין צד און צו קריגען זיין אונ־טערשטיצונג.

5.

די דערגרייכונג פון אומאָפהענגיגקייט.

י ו נ ת ן ו ו ע ר ט ב אַ ש ט י מ ט פ ו ן אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר ב אַ ל אַ ס פ אַ ר אַ כ ה ן ג ד ו ל א ו ן אַ ר ע ג ע נ ט.

אין סיריען איז מען געגאנגען דאמאָלסט שפּילען אן אומפּארגלייכליכע קאָמעדיע, און יונתן איז איינגעלאדען געוואָרען צו שפּילען אין איהר אַ וויכ־טיגע ראָלע. א יונגער מאן פון סמירנא, מיט'ן נאָמען באַלאַס, פון אַ פּראָס־טען יחוס, אָבער מיט זעהר אַן ענליכען אויסזעהן צו אנטיוכוס יעוופּאַטאָר, האָט זיך אויסגערופען פאר אַ זוהן פון אנטיוכוס עפּיפאנעס, און האָט גע־מאַכט פּרעטענזיעס אויפ'ן טראָן אין אנטיוכיע. אטאַלוס, דער קעניג פון פּערגאמוס, וועלכער האָט געגעבען דעם יונגען פּרעטענדענט דעם נאָמען אלעקסאנדער, פּטאָלעמעאוס פילאָמעטער פון עגיפּטען און אריאַראַטעס פון קאַפּאַדאָקיען האָבען אונטערגעשטיצט זיין פּרעטענזיע. אחוץ דעם האָט ער געקראָגען די אַנערקענונג פון רוים, וואָס איז צו יעדער צייט געווען מוכן־ומזומן צו מאַכען מהומות אין סיריען. די צייט איז געווען רייף פאר אן ענדערונג אין סיריען גופא. וואָרים דעמעטריוס איז געוואָרען אַ געמיינער שיכור, און דורך זיין אַפּגעלאָזענקייט און זיין האַרטער שטרענגקייט האָט ער דערוויטערט פון זיך זיין אייגען פאָלק. ווען אלעקסאנדער איז אָנגע־קומען אין פּטאָלעמאַיס (עכו), האָבען דעריבער די סאָלדאטען איבערגעגע־בען די שטאָט אין זיינע הענט, און דער קאמף פאר דעם טראָן האָט זיך אָנגעהויבען. דעמעטריוס האָט צו גוט געקענט די שטאַרקייט פון די אידישע שטרייט־כוחות, און אין זיין בהלה איז איינער פון זיינע ערשטע פּלענער גע־ווען: זיי צו מאַכען פאר זיינע פריינד. ער האָט אַוועקגעשיקט שלוחים צו יונתן'ען, איהם באַוויליגט דאָס רעכט צו זאמלען אַ חיל און איבערגע־געבען אין זיינע הענט די לעבעדיגע משכנות, וואָס באַקכידעס האָט

איינגעשלאָסען אין דער ציטאַדעל. יונתן איז אַנגעקומען מיט דער פּולער מאַכט אין ירושלים, און האָט אויסגענוצט די צייט אויף צו באַפעסטיגען די שטאָט און דעם באַרג פון דעם בית־המקדש. אַלע באַשיצער פון די פאַר־שידענע פעסטונגען, מיט דער אויסנאַם פון די וואָס זיינען געווען אין דער ציטאַדעל פון ירושלים און אין בית־צור, זיינען אַנטלאָפען קיין אַנטיוכיע, און יונתן׳ס פּאָזיציע איז אַסך פאַרשטאַרקט געוואָרען. דאָס איז אָבער נאָר געווען דער אָנהויב פון אַ רייהע קאָנצעסיעס, וואָס האָבען געמאַכט יהודה כמעט אינגאַנצען אומאָפּהענגיג. באַלאַס האָט דערהערט פון דעמעטריוס׳עס הבטחות און אויך וועלכע זיינען, און ער האָט באַשלאָסען, אַז דעמעטריוס זאָל איהם דאָ נישט אַרויסשטייגען. ער האָט געשיקט צו יונתן׳ען שלוחים מיט אַ בריף, אין וועלכען ער האָט איהם באַשטימט אַלס כהן גדול, און מיט אַ פּורפּור־מאַנטעל און אַ גאָלדענער קרוין, די צייכענס פון זיין צוקינפטיגען פירשטליכען ראַנג. יונתן האָט אַלצדינג אָנגענומען, און צו סוכות אין יאהר 153 (פאַר קר.) האָט ער צום ערשטען מאָל אָנגעטאָן די פּראַכט־מלבושים פון דעם כהן גדול (חשמונאים א, י). יונתן האָט בכן ווידער באַקומען דעם פולען ראַנג, וואָס דער כהן גדול האָט פאַרנומען אין די פריהערדיגע צייטען פאַר יוסף־בן־טוביה. ער האָט ווידער פאַראייניגט אין איין פּערזאָן דעם אַמט פון דעם גייסטליכען פאַרשטעהער און פון דעם וועלטליכען פירשט פון יהודה*). מיט איינמאָל און אָהן אַנשטרענגונג פון זיין זייט האָט ער געוואונען דאָס וואָס האָט זיך יהודה המכבי נישט איינ־געגעבען נאָך אַ לאַנגען, העלדישען קאַמף. ער איז אָבער נאָך פאַרט נישט געווען דער פולשטענדיגער באַלעבאָס איבער יהודה. די ציטאַדעל איז נאָך געווען אין די הענט פון זיינע געגנער, און די שטייערן זיינען נאָך נישט געווען נאָכגעלאָזען. דאָך אָבער, אויב ער האָט זיך נאָר געקאָנט האַלטען, האָט ער געהאַט געמאַכט אַ לאַנגען טריט אויפ׳ן וועג צו אומאָפּהענגיגקייט.

אָבער דאָס יאָגען זיך נאָך דער אידישער אונטערשטיצונג איז נאָך נישט געווען געענדיגט. דעמעטריוס האָט עס נאָך אַמאָל פּראָבירט, און אין זיינע הבטחות האָט ער אַריינגעשטעלט יענע באַדינגונגען, וואָס וואָלטען געמאַכט יונתן׳ען לגמרי אומאָפּהענגיג; דהיינו: באַפרייאונג פון שטייערן, אָפּטרע־טונג פון דער ציטאַדעל, פאַרגרעסערונג פון דער טעריטאָריע און אַ יעהרליכע סומע אויף די הוצאות פון דער עבודה אין בית־המקדש. ווי גלענצענדיג די דאָזיגע צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע אָנבאָטען זיינען נישט געווען, האָבען

*) זעה אויבען ז. 206, 207.

יונתן און דאס פאלק זיי דאך צוריקגעוויזען, ווייל זיי האבען ניט געטרויט
דעמעטריוס׳ן. און זיי האבען דערמיט גוט געטאן, ווארים אין דער ערשטער
שלאכט צווישען די צוויי קאנקורענטען איז דעמעטריוס צעשלאגען און גע־
טויט געווארען. די העלעניסטען האבען איצט געמוזט שווייגען, און דער
גאנג פון די געשעהענישען האט באלד באוויזען, ווי זיכער יונתן׳ס פאזיציע
איז געווען. אין יאהר 150 איז פארגעקומען אין עכו די חתונה פון אלעק־
סאנדער׳ן מיט קלעאפאטרא׳ן, די טאכטער פון פטאלעמעאוס פילאמעטער,
און יונתן איז געווען איינגעלאדען אלס הויך־געעהרטער גאסט, איז געווען
אנגעטאן אין פורפור און איז געזעסען ביים קעניג׳ס זייט. מאנכע פון דער
העלעניסטישער פארטיי האבען באטראכט די צייט פאר פאסיג פארצובריינ־
גען באשולדיגונגען געגען יונתן׳ען. דער קעניג האט ניט נאר זיך אנטזאגט
זיך צוצוהערען צו זיי, נאר ער האט קלאר געמאכט, אז זיי וועלען ביי קיי־
נעם ניט נושא־חן זיין מיט קלאגעס געגען יונתן׳ען, און זיי זיינען דערום
אנטלאפען פון שטאט. אלעקסאנדער האט נאך דארטען באעהרט יונתן׳ען
מיט דעם טיטעל „גענעראל און גובערנאטאר פון א ראיאן“, קענטיג פון
יהודה, און יונתן האט זיך צוריקגעקערט קיין ירושלים און האט פארבראכט
א יאהר אומגעשטערט, אין באפעסטיגען זיין נייע מאכט, וואס ער האט
פלוצלונג באקומען. ביים סוף פון יענער צייט איז ער געווען בכוח צו שטע־
לען, ווען מ׳האט איהם גערופען, צעהן טויזענט גוט צוגעגרייטע סאלדאטען
אין פעלד.

צו גיך האט דער קעניג, וועמעס אומבארעכטיגטע תביעות יונתן האט
אונטערגעשטיצט, ארויסגעוויזען זיין אמת׳ען כאראקטער. זיין אומפעהיג־
קייט, אויסגעלאסענקייט און שענדליכקייט האבען איהם געמאכט פאראכ־
טעט ביי א גרויסען טייל פון זיינע אונטערטאנען. יונתן איז דריבער אין
יאהר 147, ווען דעמעטריוס דער צווייטער, דער זוהן פון דעמעטריוס דעם
ערשטען, האט זיך באוויזען אויף דעם סירישען ים־ברעג, אלס דעם קעניג׳ס
א קאנקורענט, געבליבען דער איינציגער פרעמדער אונטערשטיצער פון בא־
לאס׳ן אין זיין קריטישער לאגע, און זיין געטריישאפט האט איהם שיער
ניט געבראכט אן אומגליק. אפאלאניוס, דער גובערנאטאר פון קאילע־
סיריען, האט זיך דערקלערט פאר דעמעטריוס׳ן און איז באשטימט געווארען
אלס קאמאנדיר פון דעם גאנצען ים־ברעג ביז צום גרעניץ פון עגיפטען.
אויפשטעלענדיג זיין לאגער ביי י ב נ ה, האט ער געשיקט אן אויפגע־
בלאזענע ארויספאדערונג צו יונתן׳ען איהם צו טרעפען אין טאל. יונתן
האט אנגענומען די ארויספאדערונג, האט פארכאפט י פ ו, וואו עס איז גע־

זעסען אפּאלאָניוס׳עס א גובערנאטאָר, און האָט מאַרשירט דערנאָך דירעקט צו דרום צו, עס האָט זיך געדוכט: אין דער פּאסטקע אריין, וואָס איז גע־ווען צוגעגרייט פאר איהם, ווארים טויזענט מאן זיינען געלעגען באהאלטען אנצופאלען אויף איהם פון הינטען און אפּצושניידען זיין וועג אויף צוריק. דער פּלאן איז קענטיג געווען גוט אויסגעלעגט און האָט פארשפּראָכען די סיריער א נצחון, אָבער די אידישע סאָלדאטען זיינען אויסגעשטעלט גע־וואָרען אין א קוואדראט־פאָרם און האָבען א גאנצען טאָג צוריקגעשטויסען מיט גבורה יעדע אטאקע. נעגען אָוועגט איז שמעון, מיט א באזונדערער אָפּטיילונג געהאלטען אָן א זייט פאר אָט דעם צוועק, אנגעפאלען אויף אפּאָ־לאָניוס׳עס אויסגעמאטערטע סאָלדאטען און האָט זיי אזוי צעשלאָגען, אז זיי זיינען אנטלאָפען אין א פּאניק צו אזאָטוס (אשדוד). יונתן האָט זיי נאכגעיאגט, האָט אונטערגעצונדען אשדוד און איהר היידנישען טעמפּעל און האָט צעשטערט א גרויסען טייל פון סירישען חיל. דער גרויסער נצחון האָט איהם אריינגעבראכט ניט נאָר אסך רויב, נאָר אויך פון דעם דאנק־בארען באלאס א גאָלדענע בראָש פאר זיין מאנטעל און די פּלשתי׳שע שטאָט ע ק ר ו ן מיט איהר טעריטאָריע, ארום אלס קוואל פון הכנסה.

די פּארשער האָבען פארשידענע מיינונגען וועגען דעם מאָטיוו, וואָס האָט געבראכט פּטאָלעמעאוס׳ן אין סיריען אין דער דאָזיגער צייט. דער פארפאסער פון ערשטען ספר חשמונאים דערקלערט, אז עס איז געווען זיין אמביציע צו פארכאפּען אלעקסאנדער׳ס קעניגרייך. פארקערט ווידער יוסף פלאוויוס באהויפּטעט, אז ער האָט צוגעגרייט זיינע כוחות אויף דער יבשה און אויפ׳ן ים צו געהן העלפען אלעקסאנדער׳ן. דער אמת איז, ווייזט אויס, ווי די אָראָום שטעלט עס פאָר, אז ביים ארויסטריט האָט ער געהאַט אן עהרליכע כונה צו העלפען זיין איידים, נאָר אויסגעפינענדיג, נאָך זיין אָנ־קומען אין סיריען, דעם אמת׳ען צושטאנד, האָט ער חרטה געקראָגען. נאָר וואָס דער מאָטיוו זאָל ניט האָבען געווען, איז אבער על־כל־פנים זיין אומ־געטריישאפט געווען א גרויסער אומגליק פאר אלעקסאנדער׳ן, וועלכער איז, אין דער שלאכט וואָס איז פארגעקומען נעבען אנטיוכיע, צעשלאָגען געוואָרען, און פּטאָלעמעאוס איז אזוי שטארק פארוואונדעט געוואָרען, אז ער איז באלד נאָכדעם געשטאָרבען. אלעקסאנדער׳ס עלענדע קאריערע האָט זיך געענדיגט אין אראביען דורך דער האנט פון א מערדער, און דעמעטריוס דער צווייטער איז געוואָרען קעניג אין יאהר 145 (פאר קר.).

יונתן אונטער דעמעטריוס׳ן.

נאך זיין נצחון איבער אפאלאניוס׳ן האט יונתן זיך געפיהלט זיכער אין זיינע כוחות צו פרובירען מאכען א סוף צו יענעם דארן אינ׳ם פלייש פון די אידען — די ציטאדעל אין ירושלים. מ׳האט געמאכט גרויסע הכנות און מ׳האט אנגעהויבען אז ענערגישע באלאגערונג, ווען „געוויסע אידישע פאררעטער״ פון דער העלעניסטישער פארטיי האבען געשיקט א מסירה וועגען דעם צו דעמעטריוס׳ן. מיט צעהן יאהר פריהער וואלט דאס גענוג געווען צו ברייננגען א מעכטיגע סירישע ארמיי אין יהודה. איצט אבער איז יונתן נאר געוופען געווארען קיין עכו צו געבען א דערקלערונג וועגען זיין האנדלונג. יונתן האט, ניט אויפהייבענדיג די באלאגערונג, גע־פאלגט און האט מיטגענומען מיט זיך ניט נאר א גרופע זקנים און כהנים, נאר אויך אסך טייערע מתנות; און עס האט זיך איינגעגעבען דעם קלוגען פיהרער צו געווינען די פולע סימפאטיע פון דעמעטריוס׳ן. עס קאן גע־מאלט זיין, אז ער האט פאנאנדערגעלעגט פאר איהם די שוואכקייטען פון דער העלעניסטישער פארטיי, און אלס צוגאב האט ער איהם דערמאנט ווי וועדטפול ער איז געווען פאר זיינע פארגעהער. אויף יעדען פאל איז ער אוועק פון דארטען מיט אסך מעהר ווי פארגעבונג. דעמעטריוס האט באַ־שטעטיגט אלע פריהערדיגע פריווילעגיעס, וואס זיינען איהם געגעבען גע־ווארען, האט זיך אנטזאגט צוצוהערען צו די באשולדיגונגען פון די העלע־ניסטען געגען איהם און האט, צולעגענדיג צו יהודה די דריי גרעניץ־ראיאנען פון שומרון — אפרים, לוד און רמתים — באפרייט אי זיי און אי יהודה פון שטייערן. יונתן האט פארשפראכען פאר דעם דריי הונדערט טאלענ־טען זילבער*) און זיין פריינדשאפט. פון דער ציטאדעל ווערט אינגאנצען ניט דערמאנט. נאר עס זעהט אויס, אז אט די אלע קאנצעסיעס זיינען געווען דער פרייז, פאר וועלכע יונתן האט פארשפראכען אויפצוהייבען די באלאגערונג.

אין דעם דאזיגען בונד, וואס יונתן האט געשלאסען מיט דעמעטריוס׳ן, זיינען צוויי פאקטען קלאר און בולט: די וואקסענדיגע מאכט פון דער אידי־שער מדינה און דער אומזיכערער, וואקעלדיגער מצב פון דער סעלעווקידישער דינאסטיע. ביידע פאקטען זיינען נייטיג, כדי צו דערקלערען אזעלכע קאנ־צעסיעס צו די אידען ווי די נאר וואס דערמאנטע.

---

*) צי נאר איין מאל אדער אלע יאהר, שטעהט ניט אין ספר חשמונאים.

דעמעטריוס און דער יונגער אנטיוכוס
(אנטיוכוס VI).

יונתן האט ניט געהאט לאנג צו ווארטען אויף א געלעגענהייט ארויס־צואווייזען זיין פריינדשאפט. די ארמיי אין אזא קעניגרייך ווי סיריען איז געווען דעם הערשער'ס רעכטע האנט, און קורצזיכטיג באמת איז געווען דער קעניג, וואס האט, צוליב פערזענליכע פניות אדער צוליב דער עקאנאמיע פונ'ם לאנד, אפגעשוואכט איהר מאכט. דעמעטריוס האט ארויסגערופען די פאר־ביטערטקייט פון זיין ארמע ניט נאר דורך זיין שטרענגקייט, אויך דורכ'ן פארפעהלען זיי צו באצאהלען אין צייטען פון פרידען און דורך זיין געבען אפען דעם פארצוג צו געדונגענע סאלדאטען. אט דאס אלצדינג האט א גע־וויסער טריפאן, א געוועזענער גענעראל פון אלעקסאנדער'ן און א פאררע־טער אויך צו איהם באריכטעט צו דעם אפיטרופוס און ערציהער פון אנטיו־כוס, דעם יונגען זוהן פון אלעקסאנדער, און האט איהם איינגערעדט, אז ער וואלט געקאנט מאכען דעם אינגעל פאר א קעניג אויף דעמעטריוס'עם פלאץ. בעת טריפאן איז געווען אפוועזענד אויף דער דאזיגער שליחות, האט א פאלקס־אויפשטאנד אין אנטיוכיע, וואס זיין סיבה איז אויך געלעגען אין דער שנאה פונ'ם פאלק צו דעמעטריוס'ן, געמאכט דעם קעניג פאר אן ארעס־טאנט אין זיין פאלאץ. די נייעס, אז די אומצופרידענהייט וואקסט כסדר אין דער סירישער הויפטשטאט, האט באוואוגען יונתן'ען פארצושלאגען דע־מעטריוס'ן עטוואס וואס וועט זיין פאר זיין טובה און זיכער פאר דער טובה פון די אידען: די צוריקציהונג פון די גארניזאנען פון אלע פעסטונגען אין יהודה. דעמעטריוס איז גרייט געווען צו פארשפרעכען אלץ אין דער וועלט, אויב יונתן וועט איהם נאר העלפען. דריי טויזענט סאלדאטען זיינען תיכף געשיקט געווארען קיין אנטיוכיע און זיינען אנגעקומען אקוראט אין צייט צו פארטיידיגען דעם קעניג געגען דעם המון. זיי האבען אפגערייניגט די גאסען, מאכענדיג דערביי א שרעקליכע שחיטה, און האבען געצוואונגען די איינוואוינער צו בעטען חסד פון דעם קעניג. דעמעטריוס איז געווען דאנק־באר פאר דעם, אבער ניט קוקענדיג אויף דעם האט ער זיך ניט געשעמט זיך אפצוזאגען פון אלע הבטחות וואס ער האט געמאכט (חשמונאים א, י"א).

באמת האט יעדער סירישער קעניג אין יענער צייט זיך ניט געקאנט פארגינען צו ברעכען זיין ווארט, וואס ער האט געגעבען א דינסטוויליגען פארבינדעטען; אבער דעמעטריוס האט ווינציג געוואוסט ווי געדריקט זיין

לאנגע ספעציעל איז געווען. ווי נאר זיין הויפטשטאט איז רוהיג געווארען האט טריפאן זיך באוויזען מיט אנטיוכוס'ן, וועלכער איז אויפגעטראטען אלס קעניג און האט ארויפגעזעצט די קרוין אויפ'ן קאפ. די אומצופרידענע סאלדאטען האבען זיך פארזאמעלט ארום דעם נייעם טראנספרעטענדענט, און די טעג פון דעמעטריוס'עס קעניגטום זיינען געווען געצעהלטע. אין זיין ערשטער שלאכט מיט טריפאנען איז ער צעשלאגען געווארען, און אנטיוכיע איז אריבער אין די הענט פון אנטיוכוס'ן. דער יונגער קעניג האט באשטעטיגט יונתן'ען אלס כהן גדול און גובערנאטאר פון יהודה און אויך פון די נייע ראיאנען. וואס דעמעטריוס האט איהם צוגעלעגט, און האט איהם געשיקט קעניגליכע געשאנקען, וואס זיינען געווען א פולע אנערקענונג פון דער חשיבות און דעם הויכען ווערט פון זיין פיהרערשאפט. שמעון, דער עלטערער ברודער, איז באשטימט געווארען אלס דעם קעניג'ס מיליטערישער קאמאנדיר פון דעם לייטער פון צור ביז צום גרעניץ פון עגיפטען. יונתן האט מיט באגייסטערונג זיך איינגעשטעלט פאר אנטיוכוס'ן און האט ארויסגעמארשירט צו ברייינגען גאנץ פאלעסטינע און סיריען, אזוי וויט ווי דמשק, אונטער זיין קאנטראל. די געגענד פון עבר־הירדן האט די ערשטע זיך אונטערגעגעבען, און דערנאך האט יונתן זיך גענומען צום פלשתים־לאנד. אשקלון האט גלייך אנערקענט דעם נייעם קעניג, אבער עזה האט זיך אנטזאגט דאס צו טאן און עס איז נייטיג געווען א באלאגערונג, כדי צו צווינגען די פאר'עקשנ'טע שטאט נאכצוגעבען. ארום דער דאזיגער צייט האט דעמעטריוס זיך געהאט דערהוילט פון זיין ערשטער נידערלאגע, און זיינע גענעראלען האבען זיך באוויזען אין אויבער־גליל (גליל העליון) מיט א גרויסער ארמיי, כדי צו באזייטיגען יונתן'ען אלס אנטיוכוס'עס א העלפער. אין אנהויב האט עס אויסגעזעהן, אז זיי וועלען האבען ערפאלג, ווארים עס האט זיך זיי איינגעגעבען איינצוקלאמערען ביי חצור, אין מערב־זייט פון מי־מרום. דעם אידישען חיל צווישען צוויי פייערן, אזוי אז א גרויסע צאהל פון די אידישע סאלדאטען זיינען אנטלאפען. אבער סוף־כל־סוף האבען די אידען אויסגעהאלטען די אטאקעס פון דעם פיינד און האבען ניט נאר געוואונען די שלאכט, נאר האבען אפגעהאלטען אן אנטשיידענדיגען נצחון און האבען נאכגעיאגט די סיריער ביז קדש. שמעון איז אויך אונטער דער צייט געווען ערפאלגרייך אין דער באלאגערונג פון בית־צור, וואו ער האט אריינגעשטעלט א אידישען גארניזאן (חשמונאים א, י"א).

יונתן באנייט פריינדשאפט מיט רוים.

עס ווייזט אויס, אז כדי צו באפרידיגען זיין אייגענעם זין פאר פיה־רערשאפט און כדי צו ווייזען זיינע פריינד און פיינד צוגלייך זיינע באַציהונגען מיט פרעמדע מאכטען, האט יונתן איצט באנייט זיין פריינדשאפט מיט רוים. ער האט געשיקט שלוחים אויך אין אנדערע ערטער פאר דעמ־זעלביגען צוועק. עס זעהט זיך א אידישער שטאלץ אין דער באהויפּטונג פון דעם ערשטען ספר חשמונאים, אז די אידען האבען זיך ניט גענייטיגט אין קיין מאטעריעלער הילף, נאר האבען געזוכט צו באנייען אן אלטע פריינדשאפט. אין דעם בריף צו די שפארטאנער דערמאנט יונתן דעם פאקט, וואס שוין דער שפארטאנישער קעניג ארעאוס האט געשיקט אמאל א פריינדשאפטליכע צושריפט צו דעם כהן גדול חוניו (הפנים חוניו דעם ערשטען, אין דער צייט פון די מלחמות צווישען אלעקסאנדער׳ס נאכפאל־גער). אי רוים און אי שפארטא האבען הארציג אפגעענטפערט, באזונדערס שפארטא, וואס האט אין איהר באגריסונגס־בריף פרעטענדירט אויף ברודער־שאפט מיט די אידען אויף דעם איבערראשענדיגען סמך, אז זיי זיינען אויך פון אברהם׳ס שטאם, א פארשטעלונג וואס איז ניט פאראיינצעלט אין דער העלעניסטישער עפאכע. עס איז אינטערעסאנט צו באמערקען, אז יונתן האט, ווי יהודה האט עס שוין פריהער געטאן, געשיקט אידען מיט גריכישע נעמען; און עס איז אויך כדאי צו באמערקען, אז, פונקט ווי יהודה, האט אויך יונתן ניט דערלעבט צו זעהן די שלוחים צוריק.

ווידער האט דעמעטריוס געהאלטען אין אריינרייסען זיך מיט א חיל אינ׳ם לאנד, און יונתן האט אויף גיך אוועקגעמארשירט צו צפון צו, כדי ניט צוצולאזען, אז דער פייער פון מלחמה זאל זיך צעפלאקערען אין זיין אייגענער טעריטאריע. די ארמייען האבען זיך צוזאמענגעטראפען ביי ח מ ת, אין טאל פון דעם אראנטעס, אבער קיין געפעכט איז ניט געווען. ווארים ווען די סיריער האבען זיך דערוואוסט, אז זייער פלאן צו מאכען א נאכט־אטאקע איז אנטדעקט און צו־נישט געווארען, האבען זיי זיך אין דער שטיל צוריקגעצויגען אונטער דער פארדעקונג פון זייערע לאגער־פייערן. מ׳האט זיי אבער ניט געקאנט געפינען, הגם יונתן האט זיי אויף מארגען נאכגעיאגט אזוי ווייט ווי ביז דעם טייך עלעווטהערוס — אן אלטער גרעניץ צווישען פאלעסטינע און סיריען. זיך פארקירעווענדיג צו מזרח צו, האט ער צוערשט באשטראפט די זאבאדעער, א רויבער־שבט אין אראבישען מדבר, און האט דערנאך מארשירט ווייטער אויף דעם וועג פון דמשק צו ירושלים.

בעת יונתן איז געווען אין צפון, האט שמעון אכטונג געגעבען דערוויל אויף די פעסטונגען אין דרום. אלס צוגאב צו די שטארקע גארניזאנען, וואס ער האט אריינגעשטעלט אין אשקלון און אין יפו, האט ער אויך באפעסטיגט ח ד י ד אין דער שפלה, אין מערב־זייט פון לוד. נאך די דאזיגע צו־גרייטונגען איז געווען ווינציג וואס מורא צו האבען, אז דעמעטריוס זאל קאָ־נען דערגרייכען ירושלים פון דער ים־זייט (חשמונאים א, י"ב).

די צייט איז איצט געקומען ווידער א טראכט צו טאָן וועגען ירושלים. דורך די דאזיגע יאהרען פון פארשטארקונג און אויסשפרייטונג איז נאך אלץ די פארהאסטע ציטאדעל ניט אונטערגעווארפען געווארען פון די אידען. אויף א זיצונג פון דער גרוזיא איז באשלאסען געווארען אויפצושטעלען צוריק די צעבראכענע מויערן ארום דער שטאט און ארום דעם בית־המקדש און אויפ־צובויען אן אנדער וואנט, וואס זאל לגמרי אפשניידען די ציטאדעל פון דער שטאט. דער צוועק דערפון איז געווען אויסצוהונגערען דעם גארניזאן און איהם צו צווינגען זיך אונטערצוגעבען.

יונתן'ס טויט.

יונתן'ס מאכט האט איצט דערגרייכט איהר העכסטען פונקט, ווען אן אנדער פאררעטערישער פלאן פון די סיריער האט איהם אריינגעכאפט אין זיין נעץ און געמאכט א סוף צו זיין לעבען. טריפאן האט געוואלט ווערען קעניג פון סיריען. עס איז ניט שווער צו גלויבען, אז דאס איז שוין געווען זיין אמביציע פון זינט אז ער האט אויסגעזוכט דעם יונגען אנטיוכוס. איצט האט ער פשוט אראפגעווארפען די מאסקע פון זיך. איינער פון די זעהר ניט זיכערע פאקטארען אין דער פארווירקליכונג פון זיין פלאן איז געווען יונתן, וועלכער איז געווען א פריינד צו אנטיוכוס'ן און האט אחוץ דעם גע־האט מעהר מורא צו האבען פאליטיש פאר טריפאן'ען איידער פאר דעם יונגען קעניג. טריפאן איז געקומען אין ב י ת ־ ש א ן איז דעם טאל יזרעאל, און דארטען האט איהם יונתן באגעגענט מיט אן ארמיי פון פער־ציג טויזענט אויסגעקליבענע סאלדאטען. עס איז כדאי צו באמערקען דורך־אגב, ווי מעכטיג די אידישע מדינה האט דעמאלט געמוזט זיין, ווען זי האט געקאנט שטעלען אזא גרויסע ארמיי. טריפאן אבער איז ניט געקומען מלחמה צו האלטען. דאס צו טאן האט ער ניט געוואגט, און דערהויפט האט ער געוואלט אריינקריגען דעם פיהרער, ניט דעם חיל. ער האט דער־

ריבער אַנגעהויבען אויסלעגען יענעם פאררעטערישען נעץ, וואָס דער איינציגער איבערראשענדיגער וואונדער דערביי איז, וואָס יונתן גופא האָט עס ניט דערקענט. פאַרזיכערונגען פון פריינדשאַפט, גרויסמוטיגע מתנות, די הבטחה איהם אוועקצוגעבען עכו און אנדערע פעסטונגען, צווישען וועלכע די ציטאַדעל פון ירושלים איז געווען אריינגערעכענט, און א בונד פון פריינדשאַפט אויף ווייטער, — אָט דאָס זיינען געווען די מיטלען, מיט וועלכע טריפאָן האָט איינגערעדט יונתן'ען אַפצולאָזען די ארמיי און איהם צו באַגלייטען קיין ע כ ו נאָר מיט טויזענט מאַן. עס קאָן זיין, אַז יונתן'ען האָט זיין אַמביציע בלינד געמאכט. אַחוץ דעם איז דאָס ניט געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס מ'האָט איהם אַנגעבאָטען ע כ ו אלס מתנה. די קאָנספּיראַציע האָט זיך צו גוט איינגעגעבען. ווען יונתן איז אַנגעקומען אין שטאָט האָט מען איהם געפאַנגען גענומען און זיין חיל האָט מען אויסגע'הרג'עט. טריפאָן האָט דערנאָך געזוכט צו פאַרניכטען אַן אנדער אָפּטיילונג פון צוויי טויזענט, וואָס איז געשיקט געוואָרען פון יונתן'ען קיין גליל. דערביי האָט ער געהאַט א דורכפאַל און די נייעס איז געבראַכט געוואָרען אין ירושלים וועגען דעם גורל פון יונתן'ען און זיינע טויזענט סאָלדאַטען. נאַטירליך האָט מען געמיינט, אַז יונתן איז געטויט געוואָרען, און דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען אין טרויער. אין אַ משך פון אכצעהן יאָהר איז כסדר געוואַקסען דער צוטרוי פון פאָלק צו זיין פיהרערשאַפט. איצט האָבען די אידען ווידער באַקומען אזא קלאַפּ ווי בשעת יהודה איז געפאַלען אויפ'ן שלאַכטפעלד, און די אויפרעגונג און באַפרידיגונג, וואָס די נייעס וועגען אָט דעם אומגליק האָט ארויסגערופען צווישען אלע גויים ארום, איז געווען אַ גוטער באַוויז פאַר יונתן'ס מאכט און גרויסער באַדייטונג (חשמונאים א, י"ב).

ז

פון די חשמונאים איז געבליבען איין ברודער, און, אין מאַנכע פּרטים, דער נאָבעלסטער פון זיי אלעמען, — שמעון. ער איז געווען עלטער פאַר יונת'ען, אָבער מיט דערזעלביגער עניוות און מסירת־נפש, וואָס צייכענט אוים זיין האנדלונג אין דעם דאָזיגען קריטישען מאָמענט, האָט ער זיך אונטערגעוואָרפען אונטער יונתן'ען. ער האָט אבער פאַרמאָגט א ברייטע געניטקייט הן אין ציווילע און הן אין מיליטערישע ענינים. זעהענדיג ווי נייטיג עס איז געווען צו באַשליסען גלייך אויפ'ן שטעל וואָס צו טאָן, האָט ער צוזאַמענגערופען א פאַרזאַמלונג פון פאָלק און האָט אין א רעדע פול מיט גייסט און איבערגעבענקייט זיך אַנגעבאָטען אלס פיהרער. ער האָט עס געטאָן, ניט מחמת ער האָט געזוכט כבוד, נאָר ווייל ער האָט געוואָלט זיך מוסר־

נפש זיין פאר זיין פאָלק, און אלס אזעלכער איז זיין אָנבאָט אנערקענט און איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען (חשמונאים א, י"ג). שמעון'ס מיטוויר־קונג מיט זיין ברודער אין אלע פלענער פון נאציאָנאלער פארטיידיגונג און אויסשפּרייטונג האָט איהם פעהיג געמאכט צו האנדלען באלד מיט דער העכסטער ווירקזאמקייט. ווי נאָר ער איז פארטיג געוואָרען אין ירושלים, האָט ער אָוועקגעשיקט איינעם פון זיינע גענעראלען צו פארנעמען איינגאנצען יפו. די דאָזיגע שטאָט, ביז אהער א גוי'אישע, איז איצט געוואָרען א אי־דישע און איז אויפגעשטעלט געוואָרען אלס א זיכערער פאָרשויץ פאר ירושלים. טריפאָן האָט באלד אויסגעפונען, אז ער האָט מאטעריעל ווינציג וואס געוואָר־נען דורכ'ן פארכאפּען די פערזאָן פון יונתן. שמעון האָט זיך געשטעלט אין פעלד געגען איהם און האָט אויפגעשטעלט זיין לאגער ביי חדיד, כדי צו פאַרהאַלטען זיין מארש אויף ירושלים. איצט האָט שמעון, הפּנים צום ערשטען מאָל, זיך דערוואוסט, אז זיין ברודער איז ניט געטויט געוואָרען. ווארים טריפאָן האָט געשיקט שלוחים מיט אן אָנבאָט איהם צו באפרייען, ווען מ'וועט איהם געבען הונדערט טאלאנטען זילבער און צוויי זיהן זיינע פאר לעבעדיגע משכנות. דער אָנבאָט האָט אָוועקגעשטעלט שמעון'ען אין זעהר אן אומבאקוועמער לאגע. פון איין זייט האָט ער לחלוטין ניט גע־טרויט טריפאָן'ען, און פון דער אנדערער זייט ווידער האָט ער מורא גע־האָט פאר'ן פאָלק, עס זאָל ניט אויסזעהן, אז ער קווינקעלט זיך וועגען דער באפרייאונג פון זיין ברודער. ער האָט דערפאר געשיקט דאָס געלט און די קינדער, און דער פּועל־יוצא איז געווען אזוי ווי ער האָט דערוואַרט, — יונתן איז אלץ געהאלטען געוואָרען אלס געפאנגענער. טריפאָן האָט דע־מאָלט מארשירט צו דרום־צו כדי צו דערגרייכען ירושלים איבער אדאָרא (אין אדום). שמעון האָט זיך געהאלטען צווישען איהם און דער הויפּט־שטאָט און גלייכצייטיג האָט ער ענערגיש פארטגעזעצט די באלאגערונג פון דער ציטאדעל. ווען טריפאָן האָט זיך דערוואוסט, דורך שלוחים וואס מ'האָט צו איהם געשיקט, ווי שלעכט די באלאגערטע האלטען, האָט ער האס־טיג געשיקט צו זיי זיינע רייטער צו הילף; אָבער א שווערער שניי־פאל האָט צונישט געמאכט די אטאקע און האָט איהם גענייט צו ענדערען איינ־גאנצען זיינע פּלענער. ער האָט אָוועקגעמארשירט צו דרום ארום דעם ים־המלח און איז דורך מואב אריינגעגאנגען אין גלעד. ביי באסקאמא, אן אָרט וואס איז איצט אומבאקאנט, האָט ער דערמאָרדעט יונתן'ען און זיך צוריק־געקערט קיין אנטיוכיע. ווידער זיינען די אידען אריינגעפאלען אין א טיפען

טרויער, און שמעון האט נאר אויסגעדריקט זייער הויכע אפשאצונג פון דעם פארלארענעם פיהרער און זיין פאמיליע, ווען ער האט אוועקגעטראגען זיין קערפער אין מודעין און האט דארטען אויפגעשטעלט א טייערע מצבה צו זייער אנדענקען (חשמונאים א, י״ג)*).

יונתן׳ס באדייטונג.

אזוי איז אומגעקומען דער מאן, וואס איז געווען דער אמת׳ער גרינדער פון דער חשמונאים־מלוכה. דורך זיינע אויפטואונגען האט די פארטיי פון די חשמונאים דערגרייכט אסך מעהר ווי דעם ציל, וואס זי האט זיך לכתחילה געשטעלט. ביים אנהויב פון קאמף האט מען דאך ניט געוועלט קיין אנדער זאך ווי אויפשטעלען צוריק די עבודה אין בית־המקדש און זיכערען די איד־דישע רעליגיעזע אויטאנאמיע. אבער שוין יהודה איז מיט דער דערגריי־כונג פון דעם דאזיגען ציל ניט געווען מעהר צופרידען. ער און זיין פארטיי האבען נאך דער ווידעראויפשטעלונג פון דער רעליגיעזער פרייהייט געוועלט אויך די הערשאפט אין דעם לאנד. אונטער יונתן׳ס פיהרערשאפט איז אויך דער דאזיגער ציל פולשטענדיג דערגרייכט געווארען. דערמיט וואס יונתן איז באשטימט געווארען אלס כהן גדול און רעגענט, האט די חשמונאים־פארטיי באקומען די רעגירונגסמאכט אין איהרע הענט, און די העלעניסטישע פארטיי איז ארויסגעשטופט געווארען פון דער רעגירונג פון דעם לאנד. אבער אויך דאס איז איצט ניט מעהר גענוג געווען. די גינסטיגע פארהעל־טענישען, די שוואכקייט פון דער סירישער מלוכה, האבען געצייצט און גע־רופען ארויסצוווארפען אינגאנצען פון זיך די סירישע אויבערהערשאפט. יונתן׳ס לעצטע אויפטואונגען זיינען שוין געווען וויכטיגע טריט אויף דעם וועג צו דעם דאזיגען ציל. ווען ער וואלט געלעבט, וואלט ער זיכער פאר־ווירקליכט זיין שטרעבונג. אויב איהם איז ניט באשערט געווען אריינצוקו־מען אין אט דעם „פארשפראכענעם לאנד״, האט ער אבער געמאכט די איד־דען אזוי פאראייניגט און שטארק, אז באלד נאך זיין טויט זיינען זיי געווען בכוח זיך ענדגילטיג צו באפרייען פון דעם סירישען יאך.

*) דער מאנומענט אויפ׳ן קבר פון די חשמונאים אין מודעין איז נאך גע־שטאנען אין דער צייט פון דעם קירכענהיסטאריקער יעוזעביוס, אין פערטען יאהר־הונדערט (נאך קר.).

קיין יפו, די האפענשטאט וואס די אידען האבען פון פריהער שוין געהאט פארנומען. כדי צו זיין זיכער מיט דעם וועג צום ים און צו קענען פול אויסנוצען דעם פארט, האט שמעון גלייך גענומען באלאגערען גזר. מיט דער הילף פון א באלאגערונגס־טויער, וואס ער האט געלאזט אויפשטעלען, האט ער באלד איינגענומען די שטאט, האט פארטריבען אלע איהרע היידנישע איינוואוינער, און נאכדעם ווי ער האט זי אויסגעראמט פון די געצען און זי גערייניגט פון אלע טומאה — האט ער דארטען „באזעצט לייט, וואס האבען אפגעהיט די תורה“. פאר א גובערנאטאר פון גזר האט ער באשטימט זיין זוהן יוחנן (דעם שפעטערדיגען יוחנן הורקנוס).

די ערא בערונג פון גזר און פון דער פעסטונג אין ירושלים.

באלד נאך דער עראבערונג פון גזר האט שמעון, דורך אויסהונגערונג, געצוואונגען דעם סירישען גארניזאן פון דער פעסטונג אין ירושלים זיך אונטערצוגעבען. שוין לאנג זיינען די נאציאנאלע שטרעבונגען פון די חשמונאים געווען געצילעוועט אויף דעם דאזיגען פונקט; ווארים כל־זמן די ציטאדעל איז געלעגען אין די הענט פון די סירישע מלכים, זיינען די אידען געווען זייערע אונטערטאנען. איצט האט זיך שמעון'ען איינגעגעבען צו ווערען דער הערשער אויך פון דער דאזיגער פעסטונג. דעם 23טען טאג פון צווייטען חודש (אייר) אין יאהר 171 (סעלעוקידישע ערא = 142 פאר קר.) האט שמעון מיט גרויס פאראד, „מיט לויבגעזאנגען און פאלמענצווייגען און אונטער די קלאנגען פון ציטרעס, הארפען און צימבלען, ארייננעמארשירט אין דער אלטער פעסטונג, וואס האט איז א משך פון דריי־און־צוואנציג יאהר געשטערט דעם פרידען פון דער שטאט*). א צייט לאנג איז דער דאזיגער טאג געפייערט געווארען ביי די אידען אלס יעהרליכער יום־טוב (חשמונאים א, י"ג).

*) אין זיין באריכט וועגען דער עראבערונג פון דער פעסטונג דערצעהלט יוסף פלאוויוס, אז שמעון האט ניט נאר געלאזט אראפרייסען די ציטאדעל ביז'ן גרונט, ער האט אויך געלאזט אפגראבען דעם בארג, אויף וועלכען די ציטאדעל איז פריהער געשטאנען, כדי דער „הר־הבית“ זאל זיין העכער ווי דער פלאץ פון דער ציטאדעל און מ'זאל ניט קאנען מאכען פון דארטען קיין אטאקע אויף איהם. די דאזיגע ארבייט האט געדויערט דריי יאהר און האט אסך געענדערט דאס אויסזעהן פון דער שטאדט, ווייל מיט די אפגעגראבענע שטיקער פון דעם בארג האט מען אנגעפילט

מיט דער עראָבערונג פון דער ציטאַדעל איז שמעון געשטאַנען אויף דעם הויך־פונקט פון דעם אידישען טריאומף. זיין העלדישען זוהן יוחנן האָט ער באַשטימט פאַר דעם קאָמאַנדיר איבער דעם אידישען חיל, און אליין האָט ער זיך אינגאַנצען געקאָנט אָפּגעבען מיט דער ציווילער און רעליגיעזער פאַר־וואַלטונג פון דער אידישער מדינה. און אַזוי ווי די מלכים פון סיריען זיינען ניט געווען ביכולת צו האַלטען אַן אויג אויף די געשעהענישען אין יהודה, האָבען די אידען געקאָנט איצט לעבען עטליכע יאָהר אין פרידען און גליק. אַלס אַזאַ צייט ווערט טאַקע שמעון׳ס רעגירונג כאַראַקטעריזירט אין דעם ערשטען ספר חשמונאים:

„און דאָס לאַנד יהודה האָט געהאַט רוה כל־זמן שמעון האָט געלעבט. ער האָט תמיד געזוכט די טובה פון זיין פאָלק, און זיי האָבען זיך געפרעהט מיט זיין מאַכט און גדולה. און צו זיין באַריהמטקייט איז נאָך צוגעקומען א צוגאָב דאָס וואָס ער האָט באַקומען יפו פאַר א האַפען און דערמיט געשאַפען א צוגאַנג פאַר די אינזלען פון ים.

ער האָט ברייטער געמאַכט פאַר זיין פאָלק די גרעניצען,
און האָט געהערשט איבער דאָס לאַנד.
ער האָט צוריקגעבראַכט אַחיים אַסך געפאַנגענע,
און איז געוואָרען דער האַר פון גזר, בית־צור און דער ציטאַדעל.
ער האָט אויסגעראַמט פון איהר די טומאה,
און ניט געווען קיינער וואָס האָט זיך איהם געשטעלט אַנטקעגען.
זיי האָבען געקאָנט באַאַרבייטען זייער לאַנד אין פרידען;
די ערד האָט אַרויסגעגעבען איהר געוויקס,
און די בוימער אויפ׳ן פעלד זייער פרוכט.
זקנים זיינען געזעסען אויף די גאַסען,
און האָבען געשמועסט וועגען דעם אַלגעמיינעם גליק,
און בחורים האָבען זיך געפוצט מיט די קליידער פון מלחמה.
די שטעט האָט ער פאַרזאָרגט מיט שפּייז,
און זיי באַוואָרענט מיט פעסטונגען,

דעם טאָל צווישען איהם און דעם הר־הבית, (אַלטערטימער י״ג 6; אידישע מלחמות ה 4). פאַרקערט ווידער, דערמאַנט דער ערשטער ספר חשמונאים לחלוטין ניט פון דעם. אדרבה, ער זאָגט גאָר, אז שמעון האָט באַפעסטיגט די ציטאַדעל און האָט אַריינגעשטעלט אין איהר אַ אידישען גאַרניזאָן. שירער נעמט דערפאַר אָן, אז פלאוויוס האָט דאָ געמאַכט א כראָנאָלאָגישען טעות און אז דאָס וואָס ער דערצעהלט איז פאָרגעקומען ניט אונטער שמעון׳ען, נאָר אונטער א שפּעטערען הערשער פון די חשמונאים. מאַנכע פאָרשער ווידער גלייכען אוים די סתירה און זאָגען, אז שמעון האָט געלאָזט אָפּגראָבען דעם באַרג ניט באַלד נאָך דער עראָבערונג פון דער צי־טאַדעל, נאָר אין די שפּעטערדיגע יאָהרען פון זיין רעגירונג.

אונ זיין נאָמען האָט געקלונגען ביז די ענדען פון דער ערד.
ער האָט געשאַפען פרידען אין דעם לאַנד,
און ישראל איז געווען מלא־שמחה.
יעטווידערער איז געזעסען אונטער זיין ווייַנשטאָק און אונטער
זיין פייגענבוים,

און קיינער האָט ניט געשראָקען.
עס איז ניט געווען מעהר ווער עס זאָל געגען זיי מלחמה האלטען,
און די מלכים זיינען נכנע געוואָרען אין יענע טעג.
ער האָט אויפגעהויבען אלע געדריקטע פון זיין פאָלק,
איז געווען שטאַרק איבערגעגעבען צו דער תורה,
און האָט באַזייטיגט איטליכען רשע און מוטוויליגען.
ער האָט באשענט דעם בית־המקדש,
און האָט פאַרמעהרט די כלים פונ'ם היליגטום".
(חשמונאים א, י"ד).

אָט די קורצע זאַצען גיבען אונז א בילד פון דעם אינערליכען צושטאַנד אין יהודה אין דער דאָזיגער גליקליכער צייט. דער האַנדעל האָט זיך אסך פאַרשטאַרקט, וואָרים די אידען האָבען איצט, נאָכדעם ווי זיי האָבען איינגענומען ג ז ר, געהאט א פרייען און זיכערען וועג צו זייער האַפענשטאָט, יפו, און זיי האָבען געקאָנט איינלאָדען צו די ברעגען פון זייער מדינה די שיפען פון מיטעללענדישען ים. אסך אידען זיינען דורך שמעון'ען אויסגעלייזט געוואָרען פון געפענגענישען און פון פאַרוואָרפענע לענדער און האָבען זיך צוריקגעקערט אין זייערע אלטע היימען. די רוקענס פון די בערג פון יהודה און די פרוכטבארע טאָלען, וואָס זיינען א לענגערע צייט געווען פאַרנאַכלעסיגט איבער די מלחמות, האָבען איצט ווידער אָנגעהויבען ארויסגעבען זייער פרוכט. פאַר די, וואָס זיינען געקריוודעט געוואָרען אין די פאַרגאַנגענע געדריקטע טעג, האָט שמעון באַזונדערס געזאָרגט; און פונקט אזוי האָט ער זיך אָנגענומען פאַר אלע אונטערדריקטע בכלל. פאַר די פרומע איז געווען געקומען דער טאָג פון ברכה, וואָרים אלע וואָס האָבען פאַראַכטעט די תורה זיינען באַזייטיגט געוואָרען. אין גאַנצען לאַנד האָט מען איצט גענאָסען פון א פרידליכען און פרעהליכען לעבען; און אז די אידען זיינען ארויפגעשטיגען צום בית־המקדש, האָבען זיי אויך דאָרטען געזעהן דאָס וואוילטעטיגע ווערק פון זייער גוטען און פרומען פיהרער.

דער לעצטער ציל, צו וועלכען די חשמונאים האָבען געשטרעבט, איז איצט געווען דערגרייכט. די רעגירונג איז געווען אין די הענט פון דער נאַציאָנאַלער פאַרטיי. דאָס לאַנד אומאָפהענגיג פון דער סירישער אויבערהערשאַפט. שמעון האָט דערפאַר געשניטען די לעצטע פרוכט פון דער לאַנ־

גער ארבייט און דעם לאנגען קאמף, וואס די חשמונאים און זייערע אנהענ־
גער האבען געפיהרט: די פארמעלע לעגאליזירונג פון
זיין פאמיליע אלס די רעגירענדיגע פאמיליע
פון כהנים גדולים מצד דעם פאלק. דאס וואס די
זיהן פון מתתיהו זיינען געווארען כהנים גדולים איז געווען לכתחילה אן
אומגעזעצליכע פארכאפונג פון מאכט. די אלטע פאמיליע פון די כהנים
גדולים איז דורך די געשעהעענישען אין דער צייט פון אנטיוכוס עפיפאנעס
אראפ פון דער סצענע*). די חשמונאים־ברידער האבען איבערגענומען די
פיהרונג פון דער נאציאנאלער פארטיי, און די מלכים פון סיריען האבען זיי
באשטימט פאר כהנים גדולים און פירשטען. עס איז דערפאר געווען פון
דער גרעסטער באדייטונג פאר שמעון'ען, אז א באשלוס פון פאלק זאל
אויסדריקליך אנערקענען די געזעצליכקייט פון זיין הערשאפט און פון דער
הערשאפט פון זיינע קינדער נאך איהם. אזא אקט איז פארגעקומען דעם
18טען אלול אין דעם דריטען יאהר פון שמעון'ס רעגירונג (141 פאר קר.).
די מנהיגים און די עלטסטע פונ'ם לאנד זיינען צוזאמענגעקומען אויף א
גרויסער פארזאמלונג אינ'ם פארהויף פון בית־המקדש און האבען אנגענומען
א באשלוס, אז שמעון זאל זיין דער כהן גדול, דער מיליטערישער פיהרער
און דער פירשט פון גאט'ס פאלק**) „אויף אייביג, ביז עס וועט אויפשטעהן
א באגלויבטער נביא" (חשמונאים א, י"ד). דורך אט די לעצטע ווערטער
ווערט אנגעדייט, אז דער פאלקסבאשלוס זאל גילטען אזוי לאנג ביז ער וועט
ניט אפגעשאפט ווערען דורך א זיכערער אנטפלעקונג פון גאט. ביז דעמאלט
איז שמעון'ס הערשאפט דערקלערט געווארען פאר אייביג, עס הייסט: פאר
ערבליך. דער נוסח פון אט דעם פאלקסבאשלוס איז אויפגעצייכענט גע־
ווארען אויף בראנזענע טאוולען, וואס מ'האט אויפגעשטעלט אינ'ם פארהויף
פון בית־המקדש.

די פאלקספארזאמלונג האט ניט צוגעגעבען שמעון'ען קיין נייע מאכט.
איהר באדייטונג ליגט אין דעם, וואס זי האט באשטעטיגט זיין מאכט און
זיין ראנג און זיי דערקלערט פאר געזעצליך און ערבליך. דערמיט איז גע־
גרינדעט געווארען א נייע דינאסטיע פון אידישע פירשטען, די מלוכה פון
דעם חשמונאים־הויז.

---

*) פארגלייך אויבען ז. 219 אונטען אין דער באמערקונג.

**) לויט דער השערה פון די מעהרסטע פארשער איז שמעון'ס טיטעל אין דעם העברעאישען אריגינאל פון ערשטען ספר חשמונאים געווען „שר עם אל".

ביבליאָגראַפיע

Bacher, W. Art. Synagogue, Great, Jewish Encycopedia.
Barton, G. A., Archaelogy and the Bible, 1916.
Bentwick, Norman, Hellenism, 1919.
Benzinger, I., Hebraeische Archaeologie, 1907.
Bertholet, A., Biblische Theologie des Alten Ttstaments, 1911.
Bertholet, A., Daniel und die Grichische Gefahr, 1907.
Bertholet, A., Die Stellung der Israeliten und der Juden zu den Fremden, 1896.
Bevan, E., Jerusalem Under the High-Priests, 1918.
Boeklen, E., Die Verwandtschaft der Judisch-Christlichen mit der Parsischen Eschatalogie, 1902.
Buechler, A., Die Tobiaden und die Oniaden, 1899.
Buhl, F., Die Socialen Verhaeltnisse der Israeliten, 1899.
Charles, R. H., a Critical History of the Doctrine of Future Life in Israel, in Judaism, and in Christianity, 1913.
Caspari, W., Die Israelitischen Propheten, 1914.
Charles, R. H., The Apocrypha and Pseudepigrapha of the Old Testament, 1913.
Cheyne, T. K., Jewish Religious Life After the Exile, 1915.
Cornill, C. H., Der israelitische Prophetismus, 1909.
Daiches, Samuel, The Jews in Babylonia in the Time of Ezra and Nehemiah according to Babylonian Inscriptions (Jews' College Publication No. 2, 1910).
Fiebig, P., Rosch ha-schana (Die Mischna, herausgegeben von G. Beer und O. Holtzman), 1914.
Gasser, K., Die Bedeutung der Sprueche Jesu Ben Sira, 1904.
Gressmann, H., Der Ursprung der israelitisch-judischen Eschatalogie, 1905.

Guthe, H., Geschichte des Volkes Israel, 1914.
Handcock, P. S. P., The Latest Light on Bible Lands, 1913.
Haller, M., Das Judentum.
(Die Schriften des Alten Testaments in Auswahl uebersetzt und fuer die Gegenwart erklaert, 2te abteilung, 3ter Band), 1914.
Herford, R. T., Pharisaism, 1912.
Hoelscher, G., Die Entstehung des Buches Daniel (Theologische Studien und Kritiken, 92 Yahr, Heft 2, 1919).
Hoelscher, G., Palestina in der persischen und hellenistichen Zeit (Quellen und Forschungen zur alten Geschichte und Geographie. Herausgegeben von W. Sieglin, Heft 5), 1903.
Kautzsch, E., Biblische Theologie des Alten Testaments, 1911.
Kautzsch, E., Die Apokryphen und Pseudepigraphen des Alten Testaments, 1900.
Kent, Ch. F., A History of the Jewish People, 1914.
Kosters, W. H., Die Wiederherstellung Israels, 1895.
Kittel, R., Die Religion des Bolkes Israel, 1921.
Lehmann- Haupt, G. F., Israel, seine Entwicklung im Rahmen der Weltgeschichte, 1911.
Loehr, M., Alttestamentliche Religionsgeschichte, 1919.
Mathews, S., A History of New Tsetament Times in Palestine, 1918.
Meinhold, J., Sabbat und Woche im Alten Testament, 1905.
Meinhold, J., Joma (Die Mischna, herausgegeben von G. Beer und O. Holtzmann), 1913.
Meinhold, J., Einfuehrung in das Alte Testament, 1919.
Meinhold, J., Die Weisheit Israels, 1908.

Meyer, Ed., Die Entstehung des Judentums, 1896.
Meyer, Edward, Der Papyrusfund von Elephantine, 1912.
Meyer, Edward, Ursprung und Anfaenge des Christentums, zweiter Band: Die Entwicklung des Judentums und Jesus von Nazaret, 1921.
Meyer, Ed., Kleine Schriften zur Geschichttheorie und zur wirtschaftlichen und politischen Geschichte des Altertums, 1910, S. 140, 252—258.
Montgomery, J. A., The Samaritans, 1907.
Nikel, J., Das Alte Testament im Lichte der altorientalische Forschungen. V. Geschichte Israels vom Exil bis Christus, 1916.
Peters, N., Der Hebraische Text des Buches Ecclesiasticus, 1902.
Radin, M., The Jews among the Greeks and Romans, 1915.
Rawlinson, George, Ezra and Nehemiah, New York, 1891
Riggs, J. S., A History of the Jewish People during the Maccabean and Roman Periods, 1917.
Sachau, Eduard, Aramaeische Papyrus und Ostraka, Leipzig, 1911.
Scheftelowitz, I., Die Altpersische Religion und das Judentum, 1920.
Schlatter, A., Geschichte Israels von Alexander dem Grossen bis Hadrian, 1906.
Schuerer, E., Geschichte des Juedischen Volkes im Zeitalter Jesu Christi, 1920.
Sellin, S., Einleitung in das Alte Testament, 1920.
Smend, R., Lehrbuch der Alttestamentlichen Religionsgeschichte, 2te Aufl., 1899.
Soares, Th. G., The Social Institutions and Ideals of the Bible, 1915.

Stade, B.,Geschichte des Volkes Israel, Band II, 1888.
W. Staerk, Die Entstehung des Alten Testaments, 1918.
Staerk, W., Die Anfaenge der Juedischen Diaspora in Aegypten (Beihefte zur Orient. Lit.-Zeitung II, 1908).
Steuernagel, C., Lehrbuch der Einleitung in das Alte Testament, 1912.)
Volz, P., Die Biblichen Altertuemer, 1914.
Volz, P., Hiob und Weisheit, 1921.
Volz, P., Juedische Eschatalogie von Daniel bis Akiba, 1903.
Weinheimer, H., Die Entstehung des Judentums, 1910.
Wellhausen, J., Israelitische und Juedidsche Geschichte, 1919.
Wendland, Paul, Die Hellenistisch-Roemische Kultur in ihren Beziehungen zu Judentum und Christentum, 1912.